דער יִדיש־לייענער האָט זיך אַוודאי געביטן ווען מי"ב האָט צום ערשטן מאָל אָפּגעדרוקט זײַנע געזאַמלטע כּתבֿים אין יאָר 1912, אָבער אויך דאָן איז זייער פֿאַרשפּרייטונג ניט געווען גרויס.[6] ווען די פֿולע שפּעטערדיקע עדיציע זייערע פֿון יאָר 1924, די זעקס־בענדיקע 'יִדישע כּתבֿים פֿון אַ ווײַטן קרובֿ', איז דערשינען אין לײַפּציק אין שטיבלס פֿאַרלאַג, גלײַך נאָך דער פּטירה פֿון זייער מחבר, איז דאָס געשען אין אַ גאַנץ נײַער היסטאָרישער סיטואַציע פֿונעם יִדישן פֿאָלק.

די דעפֿיניטיווע עדיציע פֿון זײַנע יִדישע כּתבֿים האָט מי"ב אַליין צוגעגרייט צום דרוק, מיט דער הילף פֿון העברעיִשן קריטיקער פּ. לאַכאָווער, און אונטער דער השגחה פֿון זײַן פֿרײַנד, דעם אַרויסגעבער פּ. מאַרגאָלין. דער מחבר האָט אין אַט דער זאַמלונג באַשטימט דעם סדר און אײַנטיילונג פֿונעם מאַטעריאַל, לויט זײַנע זשאַנערן און אינהאַלט. אַ נײַע אויפֿלאַגע פֿון אַט דער עדיציע איז דערשינען אין ניו־יאָרק אין יאָר 1948, מיט

5 דער איינאַקטער פֿון מי"ב „פֿאַרן בית־דין", איז אָפּגעדרוקט געוואָרן דרײַ מאָל, אָן דעם וויסן פֿון מחבר, איידער ער איז פֿון דאָס נײַ דערשינען אין זײַנע געזאַמלטע כּתבֿים. זען זײַן טאָגבוך פֿון 2טן דעצעמבער 1906, 'עמל יום והגותו — פרקי יומן', געבראַכט צום דרוק דורך ע. בן־גריון, תל־אביב תשל"ה, ז' 76.

6 מי"ב איז ניט געווען צופֿרידן פֿון אַט דער עדיציע מיט אירע טיפּאָגראַפֿישע פּגימות. וועגן אַ פּרוּוו צו פֿאַרעפֿנטלעכן פֿון דאָס נײַ זײַנע יִדישע כּתבֿים, אין פֿינף טיילן, און מיט נײַע אותיות, טיילט ער שוין מיט ברענערן אין זײַן בריוו פֿון 12טן נאָוועמבער 1913. זען: 'מ. י. ברדיצ'בסקי — יוסף חיים ברנר: חליפת אגרות', עדיציע פֿון שלמה בערטאָנאָוו, תל־אביב תשכ"ב, ז' 127.

הקדמות פֿון דעם מחברס אַלמנה, רחל בן־גריון, און פֿון נחמן מײַזיל. אַן אַפּקלײַב פֿון אָט די כּתבֿים איז דערשינען אין תּל־אָבֿיבֿ אין 1964 אין אַ העברעיִשער איבערזעצונג פֿון מ. ז. וואַלפֿאָווסקי.

די פּובליקאַציעס פֿון די ייִדישע כּתבֿים אין אַ נײַער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו זינט זייער ערשטן דערשײַנען האָט אַ ביסל פֿאַרווישט זייער אַקטועלן באַטײַט; יענע מאַנאַלאָגן און נאָטיצן וואָס ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט בשעתו אין דער ייִדישער פּעריאָדיק ווי אַקטועלע, פֿריש־צאַפּלדיקע אָפּ־קלאַנגען פֿון דער פֿאַראומערטערווירקלעכקייט פֿון רוסישן ייִדנטום אין די רעוואָלוציע־יאָרן און שפּעטער, האָבן איצט שוין באַקומען אַ היסטאָריש־דאָקומענטאָרן קאָלאָריט.

אין די ייִדישע כּתבֿים פֿון מי״ב איז קענטיק אַ טאָפּלטע אָריענטאַציע; סײַ אַ נטיה צו געשטאַלטיקן די ייִדישע ווירקלעכקייט פֿון זײַן צײַט דורך רעפּאָרטאַזש און באַלדיקער מאַנאַלאָגישער פֿאָטאָגראַפֿיע און סײַ אַ לעבע־דיקער אינטערעס פֿאַר פֿאַרצײַטיקע מעשׂיות און לעגענדעס, באַגלייט מיט אַקטואַליסטישע ראַנד־באַמערקונגען.[7]

דערציילונגען, מאָנאַלאָגן, נאָטיצן און איינאַקטערס, וואָס זײַנען פֿריִער דערשינען אין דעם וואָכנבלאַט ״יודישע פֿאָלקסצײַטונג״ (וואַרשע),[8] אין די

7 די ביבליאָגראַפֿישע פּרטים פֿון זײַנע פּובליקאַציעס שטיצן זיך אויף מײַנע אויספֿאָרשונגען פֿון דער פּעריאָדיק אין ייִדיש, אויף ווי ווײַט איך בין זיי מסוגל געווען צו געפֿינען, און זיי נייטיקן זיך אַוודאי אין דערגאַנצונגען. אין דער פֿולער עדיציע פֿון זײַנע כּתבֿים, ווי אויך אין די עקסיסטירנדיקע ביבליאָגראַפֿיעס, זײַנען ביז איצט פֿאַרצייכנט נאָר די טיטלען פֿון די צײַט־שריפֿטן, אָן גענויערע פּרטים, וואָס זײַנען נייטיק כּדי צו זען די גענויערע כראָנאָלאָגישע מאַפּע פֿון מי״בס שאַפֿן אין ייִדיש, און כּדי אויסצוגעפֿינען די טעקסט־שינויים. בײַם אויפֿזוכן די פּרטים האָב איך זיך אויך טיילווײַז באַניצט מיט דער קאַרטאָטעקע פֿון ביבליאָגראַפֿישן פּראָיעקט פֿון דער ייִדישער פּרעסע בײַ דער ייִדיש־אָפּטיילונג אין דעם העברעיִשן אוניווערסיטעט אין ירושלים. ביבליאָגראַפֿישע פּרטים, לויטן סדר פֿון אונדזער עדיציע, ווערן געבראַכט אויף ז׳ 202. די דערציילונגען וואָס דערשײַנען אין אונדזער בוך וועלן ווײַטער אָפּגעמערקט ווערן אין אַרײַנפֿיר מיט אַ שטערנדל (*).

8 ״דער ענין פֿון ספֿרים בײַם פּראָסטן עולם״, ״יודישע פֿאָלקסצײַטונג״, ב, נומ׳ 17, דעם 22סטן אַפּריל 1903; ״הײַנטיקע יאָרן — כּלי־קודש״, דאָרטן, נומ׳ 19, דעם 6טן מײַ; ״מזל״, דאָרטן, נומ׳ 27, דעם 1טן יולי; ״סדרות״, דאָרטן, נומ׳ 32, דעם 5טן אויגוסט; ״הײַנטיקע יאָרן — מסחרים״, דאָרטן, נומ׳ 34, דעם 19טן אויגוסט; ״בײַם רבֿ אין שטוב״, דאָרטן, נומ׳ 42, דעם 15טן אָקטאָבער.

טאָגצײַטונגען 'דער טאָג'[8]* און 'דער פֿרײַנד' (ביידע אין פּעטערבורג),[9] זײַנען דערנאָך אַרײַן אין זײַנע געזאַמלטע כּתבֿים מיט געוויסע שינויים, אויסבעסערונגען און נײַע טיטלען. ער האָט זיך אויך אַקטיוו באַטייליקט אין דער צײַטשריפֿט 'דאָס יודישע וואָרט' אין קראָקע[10] און האָט זיך אויך געדרוקט אין די וואַרשעווער טאָגצײַטונגען 'דער וועג' און 'הײַנט'.

מי"ב האָט מסכּים געווען צו דרוקן פֿון זײַנע שוין פֿריִער פּובליקירטע זאַכן אין דעם לעמבערגער 'טאָגבלאַט', פּאַראַלעל צו זײַן מיטאַרבעט אין דער ייִדישער פּרעסע אין רוסלאַנד און פּוילן. ער האָט אָבער דערבײַ געבעטן דעם רעדאַקטאָר ער זאָל אָפּדרוקן אַ באַמערקונג אַז די ווערק זײַנע ווערן געדרוקט פֿון דאָס נײַ, "כּדי מען זאָל מיך ניט חושד זײַן, אַז איך שרײַב אָן די זעלבע זאַך צוויי מאָל, ווי עס פֿירט זיך בײַ אונדז."[11]

*8 "אַ וועלט מיט וועלטלעך", 'דער טאָג', דעם 29סטן פֿעברואַר 1904; "ווי מען לעבט בײַ אונדז", דאָרטן, דעם 15טן אַפּריל (בײַלאַגע); "די פֿיר שטעקנס", דאָרטן, דעם 23סטן אַפּריל; "די געפּלאַצטע סטרונע", דאָרטן, דעם 6טן מײַ (בײַלאַגע).

9 "דער עונש אָדער אַ נײַע חולדה ובֿור", 'דער פֿרײַנד', דעם 5טן, 7טן און 8טן מײַ 1905; "דער צעטל פֿון קאַלאַראַש", דאָרטן, דעם 12טן יאַנואַר 1906; "שולמית", דאָרטן, דעם 15טן יאַנואַר 1906.
די מיטאַרבעט פֿון מי"ב אין 'דער פֿרײַנד' איז איבערגעריסן געוואָרן צוליב חילוקי־דעות צווישן אים און דער רעדאַקציע. אין אַ בריוו צו משה קליינמאַן, דאַן אַ מיטרעדאַקטאָר פֿון דער לעמבערגער טאָגצײַטונג 'טאָגבלאַט', פֿון 1טן יוני 1906, האָט זיך מי"ב באַקלאָגט: "וואָס זאָגט איר צו דער אויפֿפֿירונג פֿונעם 'פֿרײַנד' און צו אַלץ וואָס גייט דאָ אָן בײַ אונדז? ער האָט מיך פֿאַרטריבן פֿון מײַן ייִדישער נחלה" ("אגרות סופרים", 'העולם', כג [1935], נומ' ג; זען אויך דאָרטן, נומ' ב, אין זײַן בריוו פֿון 22סטן מאַרץ 1906).

10 דאָרט האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט: די סעריע "פֿונעם רײַזעביכל", (נומ' 1—2, 3.1.1905; נומ' 3, 17.1.1905; נומ' 4, 24.1.1905; נומ' 5, 31.1.1905; נומ' 6, 7.2.1905); דעם איינאַקטער "אַ נאָכמיטאָג בײַם רבֿ אין שטוב" (נומ' 3) און די ווײַטער פֿאַרצייכנטע פּובליציסטישע מאמרים, הערה 32. די דרײַ ערשטע פֿראַגמענטן פֿון "פֿונעם רײַזעביכל", ווי אויך דער איינאַקטער, זײַנען אָפּגעדרוקט געוואָרן פֿון דאָס נײַ פֿון מאַטריצן אין דעם זאַמלבוך 'דאָס יודישע וואָרט', וואָס ברענגט אָן אויסווײַל פֿון דער צײַטשריפֿט (זז' 9—20; 106—110). אויף זײַן שער־בלאַט ווערט אָנגעגעבן "וואַרשע תּרס"ד/1904", אָבער ס'איז קלאָר, אַז ער איז דערשינען שפּעטער. אַ. קירזשניץ גיט אָן דאָס יאָר 1908 ווי די דרוק־דאַטע ('די ייִדישע פּרעסע אין דער געוועזענער רוסישער אימפּעריע — 1823—1916', מאָסקווע־כאַרקאָוו־מינסק 1930, ז' 22, נומ' 62).

11 זען זײַן בריוו צו מ. קליינמאַן פֿון 24סטן אויגוסט 1905 ("אגרות סופרים", 'העולם', כג [1935], נומ' ב'). פֿון זײַנע כּתבֿים וואָס מי"ב האָט פֿאַרעפֿנטלעכט

וואָס שייך דעם כראָנאָלאָגישן פּאָרנעם פֿון זײַן שאַפֿן אין ייִדיש איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז פֿון צײַט צו צײַט האָט ער נאָך פֿאַרעפֿנטלעכט אין ייִדיש אין די יאָרן 1913/14, ווי למשל אין דעם ווילנער חודש־זשורנאַל ׳די יודישע וועלט׳.

מי״ב האָט זיך דאָך אָנגעשטויסן אויף שוועריקייטן בײַם דרוקן זיך אין דער ייִדישער פּעריאָדיק. אַזוי, למשל, באַקלאָגט ער זיך אין יאָר 1906, אין אַ שווערער צײַט פֿאַר דער ייִדישער ליטעראַטור און פּרעסע אין רוסלאַנד: ״מײַנע ענינים אין אונדזער ליטעראַטור פֿירן זיך אַלץ שווערער איידער ביז איצט. איך געפֿין נאָך אַלץ ניט קיין אָרט פֿאַר מײַנע ווערק אין העברעיִש און ייִדיש״. אויך באַקלאָגט ער זיך בײַ אַט דער געלעגנהייט, אַז ער דאַרף לאַנג וואַרטן ביז צײַטונגען ווי ׳דער פֿרײַנד׳ און ׳דער וועג׳ דרוקן זײַנע צוגעשיקטע זאַכן.[12]

ב. זײַן שאַפֿן אין ייִדיש אין ליכט פֿון דער ליטעראַטור־קריטיק

זינט זײַנע ערשטע פּובליקאַציעס האָט די ליטעראַטור־קריטיק אין ייִדיש ניט דערמונטערט מי״ב. וואָס שייך דער העברעיִשער ליטעראַטור־קריטיק, וואָס האָט אַרויסגעוויזן גרויס אינטערעס פֿאַר זײַנע פּובליציסטישע און בעלע־טריסטישע שאַפֿונגען אין העברעיִש האָט זי בשעת זייער דערשײַנען זיי פּשוט ניט באַמערקט.

אין אייניקע אָפּשאַצונגען פֿילט מען אַ רעזערווירטע מיינונג, און אַפֿילו אַ נעגאַציע, פֿון זײַן שאַפֿערישער טעטיקייט אין ייִדיש. אַזוי למשל האָט בעל־מחשבֿות, איינע פֿון די בולטע געשטאַלטן אין דער ייִדישער ליטעראַטור־קריטיק אין יענע יאָרן, מבֿטל געמאַכט די פּובליקאַציעס זײַנע אין

פֿון דאָס נײַ אין ׳טאָגבלאַט׳ האָב איך געזען: ״די ירושה — אַ בילד (ספּעציעל פֿאַרן ׳טאָגבלאַט׳)״, דער 16טן יוני 1907; ״דבֿורה אָדער דער הספד (אַ בלעטל געשיכטע נאָכדערציילט פֿון דער צײַטונג און מיט דערלויבעניש פֿון מחבר נאָך אַ מאָל אָפּגעדרוקט, מיט תּיקונים והוספֿות פֿון אים)״, דעם 23סטן יוני 1907; ״אַ נײַע הולדה ובֿור — נאָך אַ מאָל באַארבעט״, דעם 28סטן יולי 1907; ״אַ וויכּוח״, איבערגעזעצט פֿון העברעיִש דורך מ. סילווער, דעם 21סטן מאַרץ 1909.

12 אין זײַן בריוו צו מ. קליינמאַן פֿון 22סטן מאַרץ 1906 (״אגרות סופרים״, ׳העולם׳, כג [1935], נומ׳ ב׳); וועגן די שוועריקייטן און שטערונגען אויף וועלכע ער האָט זיך אָנגעשטויסן, בעיקר בײַם פֿאַרעפֿנטלעכן זײַנע שאַפֿונגען אין ייִדיש, זען אויך: ׳מ. י. ברדיצ׳בסקי — יוסף חיים ברנר: חליפת אגרות׳, ז׳ 46, אין זײַן בריוו פֿון 21סטן מאַרץ 1908.

ייִדיש און וועגן ייִדיש, הגם ער האָט שטאַרק געהאַלטן פֿון מי״ב דעם העברעיִשן שרײַבער און דענקער.[13] ער האָט געזען אין זײַן אינטערעס אין ייִדיש אַ מין המשך פֿון דעם משׂכּיליש־אוטיליטאַרישן אײַנשטעל. ער איז אויך געווען מסופּק אין דער ממשותדיקייט פֿון זײַן דערקלערונג, אַז בײַם שרײַבן ייִדיש הערט ער זיך צו מיט אויפֿמערק צום פֿאָלקסמויל. לויט דער מיינונג פֿון בעל־מחשבֿות איז מי״ב ניט מער ווי אַ נאַטוראַליס־טישער אימיטאַטאָר פֿון דער פּרימיטיווער ריידשפּראַך. די טיפֿן וואָס ער שילדערט זײַנען גאַרניט אייגנאַרטיק, פֿאַרגליכן מיט פּרצעס קינסטלערישן שטייגער. ווען מי״ב שרײַבט ייִדיש, באַוועגט זיך זײַן פּען גאָר שווער; דער טעם פֿון אמתער לירישקייט, וואָס מען שפּירט אין זײַנע העברעיִשע כּתבֿים, ווערט זיך דאָ אויס און פֿאַרשווינדט. בעל־מחשבֿות מיינט אויך, אַז אין דער דערציילער־געשטאַלט בײַ מי״ב אין ייִדיש האָבן מיר צו טאָן מיט עפּעס אַ געשטאַלט פֿון אַ נאַיִוו־באַגרענעצטן ייִדן.

י. ל. פּרץ האָט געווידמעט מי״ב אייניקע איראָנישע באַמערקונגען אין זײַן אַרטיקל ״אין פֿאָלק אַרײַן״, אין שייכות מיט דעם העפּטל ׳אַ מעשׂה פֿון אַ קאַוואַל וואָס האָט פֿאַרסמט זײַן ווײַב׳.[14] ער איז אפֿשר גרייט געווען מסכּים צו זײַן מיט דער פּסיכאָלאָגישער קאָנצעפּציע פֿון אָט דער מעשׂה, אָבער ער האָט נעגירט בפֿירוש די ״באַלטער מאַרקשפּראַך״, וואָס דער מחבר האָט זיך מיט איר באַניצט אָן אַ מאָס, אַזוי ווײַט אַז מי״ב דער דערציילער אַליין איז מושפּע געוואָרן פֿון איר אין זײַן שרײַבן; דאָס אַלץ קומט פֿון זײַן כּסדרדיקער מי אַרײַנצודרינגען אין דער פֿאָלקס־נשמה און אויסצודריקן די פֿאָלקס־פּשטות.

13 זען: בעל־מחשבֿות, ״ווען מ. י. בערדיטשעווסקי שרײַבט ייִדיש״, ׳דער פֿרײַנד — יובילעאום בײַלאַגע׳, 1912, נומ׳ 78, אַרײַן מיט קירצונגען אין זײַנע ׳שריפֿטען׳, באַנד ד׳, ווילנע 1914, זז׳ 82—95, ווי אויך אין אַנדערע אויפֿלאַגעס פֿון זײַנע כּתבֿים. פֿאַרגלײַכן אויך די בײַסיקע קעגן־באַמערקונגען פֿון מי״ב וועגן דער שפּראַך פֿון בעל־מחשבֿות, אין זײַן נאָטיץ ״מוכיחים״, ׳יודישע כּתבֿים פֿון אַ ווײַטען קרובֿ׳, באַנד ה, זז׳ 123—125; ס׳איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז בעל־מחשבֿות האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַ וואַרעמען נעקראָלאָג, גלײַך נאָך דער פּטירה פֿון מי״ב, אָבער ער האָט צווישן זײַנע דערגרייכונגען דאָ אפֿילו ניט דערמאָנט זײַנע ווערק אין ייִדיש. זען: בעל־מחשבֿות, ״ליטעראַרישע געשפּרעכן״, ׳דער מאָרגען־זשורנאַל׳, דעם 13טן דעצעמבער 1921.

14 י. ל. פּרץ, ׳אַלע ווערק׳, באַנד ז, ׳ליטעראַטור און לעבן׳, ניו־יאָרק 1947, זז׳ 159—160; וועגן זייערע באַציִונגען זען אויך: א. ר. מלאכי, ״פּרץ און בערדיטשעווסקי״, ׳ייִדישע קולטור׳, ז (1945), נומ׳ 3—4, זז׳ 48—53.

אין איינ יקע יאָרן אַרום, מיטן דערשײַנען פֿון די ערשטע בענד ייִדישע כּתבֿים אין יאָר 1912, האָט שוין פּרץ אַ ביסל געמעסיקט זײַן מיינונג. אין אַ קורצער רעצענזיע אין וואַרשעווער 'הײַנט', האָט פּרץ גערעדט וועגן אייגנאַרטיקן ייִדיש־סטיל פֿון מי״ב און וועגן דער אַ ביסל קינסטלעכער תּמימותדיקייט וואָס מען פֿילט בײַ אים, צוליב זײַן שטרעבן צו פּשטות און נאַטירלעכקייט אין אויסדרוק: ״אָבער אין אָט דער פּשטות זײַנער פֿילט מען אויך אַ וואַרעמדיקייט און זייער שטילע האַרציקייט״ — פֿאַרענדיקט פּרץ זײַנע געציילטע ווערטער.[15]

אַ נײַער עטאַפּ אין דער אָפּשאַצונג פֿון מי״בס שאַפֿן אין ייִדיש פֿילט זיך אין די אַרטיקלען וואָס זײַנען דערשינען נאָך זײַן טויט און נאָך דער פֿולער עדיציע פֿון זײַנע ייִדישע כּתבֿים; אָבער אויך איצט גייען זיך די מיינונגען פֿונאַנדער.

אַזוי, למשל, האָט וועגן מי״בס ייִדיש געשריבן אַ. כאַשין, אין דער ראַם פֿון אַן אַלגעמיינער אָפּשאַצונג פֿון זײַן שעפֿערישער פּערזענלעכקייט. ער האָט געמיינט, אַז די ייִדישע דערציילונגען זײַנע פֿאַרמאָגן ניט פּרצעס שפּילעוודיקייט און סימבאָלישע בליציקייט; מי״ב ניצט אַן אומגעשליפֿענעם מאַטעריאַל. אָבער דווקא אָט די פּרימיטיווקייט גיט צו זײַן שאַפֿן אין ייִדיש אַ באַזונדער מין תּמימותדיקייט, וואָס איז געגליכן צו אַן אוראַלטן קוואַל וואָס שפּרודלט נאָך כּסדר אין זײַן נאַטירלעכקייט.[16]

אין דעם זעלביקן יאָר 1924 האָט אויך דער ליטעראַטור־קריטיקער ש. ניגער געשריבן וועגן דער פּראָבלעם פֿון ייִדיש בײַ מי״ב.[17] ניגער מיינט אַז מיר האָבן פֿאַר זיך שטייגער־שילדערונגען, סקיצן און כראָניקעס, פֿאַרווירצט מיט אַ לירישן טאָן, אַ מין ״לירישע עטנאָגראַפֿיע״ און אַן ״עטנאָגראַפֿישע ליריק״. וואָס שייך מי״בס ספּעציפֿישן פֿאָלקסייִדיש האָט ניגער אין דעם געזען אַן אַנאַכראָניסטישע דערשײַנונג אויפֿן פֿאָן פֿון דער מאָדערנער ליטעראַטור אין ייִדיש. און בכלל האָט ניגער געהאַלטן אַז שאַפֿונגען אין אַזאַ נוסח זײַנען גאַרניט כאַראַקטעריסטיש פֿאַר מי״ב דעם מערבֿ־אייראָפּעער און שפּיגלען אָפּ די געשטאַלט פֿון דעם רבֿס זון, וואָס

15 פֿאַרעפֿנטלעכט פֿון דאָס נײַ דורך דינה אַבראַמאָוויטש, זען: ד. א., ״פּרצעס רעצענזיעס אין 'הײַנט'״, 'ייִוואָ־בלעטער', לו (1952), ז' 348.

16 זען: אַ. כאַשין, ״מיכה־יוסף בערדיטשעווסקי״, 'ביכערוועלט' (וואַרשע), 1922, נומ' 3, ז' 238.

17 זען: ש. ניגער, ״מיכה־יוסף בערדיטשעווסקי״, 'די צוקונפֿט', כז (1922), ז' 61—64. ס'איז כּדאַי צו באַמערקן, אַז ניגער האָט דיסקוטירט מיט מיב״ס פּרינציפּיעלער שטעלונג צו ייִדיש נאָך אין 1909. זען ווײַטער הערה 38.

קערט זיך אום צוריק אַהיים, צו דער וועלט פֿון זײַנע קינדעריאָרן. די עיקר־חשיבֿות פֿון מי״ב אין אונדזער ליטעראַטור, האָט ניגער געהאַלטן, ליגט אין זײַן ווערן דער אייגנאַרטיקער רעפּרעזענטאַנט און אויטאָריטאַ־טיווער וואָרטזאָגער פֿון נעגאַציע און רעוואָלט קעגן די פֿאַרגליווערטע פֿאָרמען פֿון יהדות און טראַדיציע, און אין דעם זינען האָט ער איבערגעלאָזט טיפֿע שפּורן אין דער מאָדערנער העברעיִשער ליטעראַטור. די ייִדישע כּתבֿים האָבן אין זײַנע אויגן אַ באַגרענעצטן ווערט, און ניגער באַציט זיך צו זיי ווי צו "מעמואַריסטישע בעלעטריסטיק".

גלײַכצײַטיק מיט אָט דער טענדענץ פֿון סקעפּטיק און פֿאַרמינערונג הערן זיך אין יענע יאָרן אויך פּאָזיטיווע אָפּקלאַנגען וועגן די ייִדישע כּתבֿים, פֿונעם העברעיִשן ליטעראַטור־קריטיקער ד. א. פֿרידמאַן.[18] אין זײַן פּרטימ־דיקער רעצענזיע אויף ייִדיש האָט ער באַטאָנט דעם חילוק צווישן מי״בס שאַפֿונגען אין ביידע שפּראַכן. אַקעגן דעם שאַרפֿזיניקן און אַגרעסיוון נוסח, וואָס ער געפֿינט אין די העברעיִשע כּתבֿים, האָט ער אָנגעוויזן אויף דעם האַרציקן נוסח זײַנעם אין ייִדיש; אָבער אין ביידן צו גלײַך איז דאָך די ייִדישע פֿאָלקס־ווירקלעכקייט דער בשותּפֿותדיקער מקור פֿאַר זײַן איב־טעגראַלן שאַפֿן. פֿרידמאַן האָט דורכגעפֿירט אַ געוויסע אַנאַלאָגיע צווישן מי״ב און שלום־עליכמען אין זייער באַציִונג צום פֿאָלקסלעבן. ביידע האָבן אונטערגעדריקט זייער פּערזענלעכן "איך" לטובֿת זייערע פֿאָלקסהעלדן. פֿון דאָנען שטאַמט טאַקע, האָט פֿרידמאַן באַמערקט, די אָפּטע נטיה אין די ייִדישע כּתבֿים צו ניצן דעם דיאַלאָג און דעם מאָנאָלאָג.

דער מאָנאָלאָג־קאָלאָריט ביי מי״ב האָט שפּעטער אויך דערוועקט דעם אויפֿמערק פֿון יעקבֿ פֿיכמאַן.[19] אַנדערש ווי זײַנע פֿאָרגייער איז ער געווען געניגט אונטערצושטרײַכן דאָס בשותּפֿותדיקע אין מי״בס צווייִשפּראַכיקער שאַפֿונג. אַפֿילו אין די העברעיִשע כּתבֿים זײַנע איז דער דיאַלאָג, לויט זײַן מיינונג, אַ בולטע דערשײַנונג, וואָס האָט אים אויך מקרבֿ געווען צו דער ריידשפּראַך פֿונעם פֿאָלק: "קיין וווּנדער ניט, האָט ער באַטאָנט, אַז מי״ב האָט דערגרייכט אין זײַנע ייִדישע דערציילונגען אַן אימפּראָוויזאַטאָרישע מדרגה, וואָס מען געפֿינט זי נאָר ביי שלום־עליכמען."

מיט דער ייִדיש־שאַפֿונג פֿון מי״ב גיט זיך אויך אָפּ דרך־אַגבֿדיק זײַן

18 זען: ד. א. פֿרידמאַן, "מיכה־יוסף בערדיטשעווסקיס זעקס בענדער ייִדישע כּתבֿים", 'די צוקונפֿט', כט (1924), ז' 626—629.

19 זען: י. פיכמן, אַרײַנפֿיר צו 'כתבי מ. י. בן־גריון [ברדיצ׳בסקי] — סיפורים', תל־אביב תש״ך, ז' 21.

פֿרײַנד, דער ליטעראַטור־קריטיקער פֿ. לאַכאָווער. ער שטרײַכט אונטער דעם סטימול צו שאַפֿן אין יידיש ווי אַ פּועל־יוצא פֿון מי״בס באַזוך אין זײַן היימשטאָט, אין יאָר 1903.[20] אַזוי אַרום באַגרענעצט ער כראָנאָלאָגיש דעם ענין יידיש אין זײַן אינטעגראַלן שאַפֿן און זעט אים נאָר ווי אַן עפּיזאָד. לאַכאָווערס מסקנא קען מען ניט אָננעמען, סײַ כראָנאָלאָגיש און סײַ טעמאַטיש, ווײַל מי״ב האָט שוין געפּרוווט, ווי אויבן דערמאָנט, שרײַבן יידיש בשעת זײַן ליטעראַרישן אָנהייב און ער האָט ניט נאָר געשריבן אײַנדרוקן וועגן זײַן אייגענעם היימשטעטל; פֿאַקטיש האָבן מיר צו טאָן מיט אַ פֿיל־פֿאַרביקן טעמאַטישן פֿאַרנעם אין זײַנע יידישע כּתבֿים, וואָס איז באַזירט אויף אַ פֿילזײַטיקער אָבסערוואַציע פֿונעם יידישן לעבן אין רוסלאַנד. דאָ אַנטפּלעקן זיך ניט נאָר ״אימפּרעסיעס פֿון קינדהייט און יוגנט און דאָס פּשטות פֿונעם לעבן״ — לויט לאַכאָווערס דעפֿיניציע — נאָר אַ שאַרפֿע שילדערונג פֿון דעם ייִאושדיקן קיום־געראַנגל און דער דיפֿערענצירונג צווישן דעם אײַנגעשטעלטן אַמאָליקן שטייגער אין דער יידישער טראַדיציאָנעלער געזעלשאַפֿט און צווישן די סימפּטאָמען פֿון שקיעה און פֿונאַנדערפֿאַל, אין חומר און אין רוח, אין דער קעגנוואַרט; אַט די אַלע דערשײַנונגען האָט דער אורח אויף אַ ווײַל געשטאַלטיקט דורך זײַנע מאַנאָלאָגישע פּערסאָנאַזשן.

אויך בײַ דער שפּעטערדיקער, באַנײַטער פֿאַראינטערעסירונג מיט דעם כּוללדיקן שאַפֿן פֿון מי״ב און מיט זײַן געשטאַלט, אין דער קריטיק און ליטעראַטור־פֿאַרשונג, איז נישט אָפּגעשאַצט געוואָרן אין דער פֿולער מאָס דער יידישער טייל ווי מי״ב האָט עס פֿאַרדינט. דער העברעיִשער ליטעראַטור־קריטיקער ישורון קשת, אין זײַן מאָנאָגראַפֿיע געווידמעט מי״ב, האָט זיך טאַקע באַצויגן מיט סימפּאַטיע צו אָט דעם אָפּצווײַג פֿון זײַן שאַפֿן, אָבער ער רעדט וועגן דעם גאָר בצמצומדיק. עס ווערט דאָ וועגן אים געזאָגט, אַז ״ער האָט געשריבן אַ זאַפֿטיקן יידיש, אויף אַ פּשוטן און איידעלן, פֿאָלקסטימלעך־רוחניותדיקן שטייגער״. גלײַכצײַטיק אָבער מיינט קשת, אַז יידיש ״איז געוועזן ניט מער ווי אַן עפּיזאָד אין זײַן שאַפֿן, — — — הגם ער האָט אין זײַן אינטעגראַל שאַפֿן אָבסאָרבירט זײַנע אײַנדרוקן אין דער יידישער ריידשפּראַך.״ [21]

20 זען: פּ. לחובר, ׳תולדות הספרות העברית החדשה׳, תל־אביב תרצ״ט, ספר ג, חלק ב, ז׳ 76.

21 זען: י. קשת, ׳מ. י. ברדיצ׳בסקי (בן־גריון) — חייו ופעלו׳, ירושלים תשי״ח, ז׳ 131.

נ. מײַזיל, דאָקעגן, וואָס האָט אַרויסגעגעבן פֿון דאָס נײַ מי״בס ייִדישע כּתבֿים, האָט זיך געקלאָגט אויף דער איגנאָרירונג פֿון זײַנע ייִדישע ווערק. מײַזיל איז ניט ממשיך דעם מעטאָד אָפּצושיידן ביידע שפּראַכיקע תּחומים; די בונטאָרישע פּערזענלעכקייט פֿון מי״ב האָט זיך אַנטפּלעקט אין ביידע, כאָטש יעטוועדער פֿון זיי פֿאַרמאָגט זײַן אייגנאַרטיקן קאָלאָריט.[22] אין זײַנע געציילטע ווערטער אין נאָכוואָרט צום אָפּקלײַב פֿון די ייִדישע כּתבֿים אין דער העברעיִשער איבערזעצונג, מערקט אָן עמנואל בן־גריון די אונטער־שיידן צווישן מי״בס ווערק אין ביידע שפּראַכן אין דעם באַניץ פֿון דעם דיאַלאָגישן עלעמענט. מיט רעכט זאָגט ער פֿאָר, אַז בײַם פֿאָרשן אָט דעם פּעריאָד אין דער שאַפֿונג פֿון מי״ב וועט מען זיך נאָך אַוודאי אָפּשטעלן אויף דעם ספּעציפֿישן כאַראַקטער פֿון די ייִדישע כּתבֿים און באַצייכענען זייער ריכטיק אָרט אין דער געשיכטע פֿון דער ליטעראַטור אין ייִדיש אין יענע יאָרן.[23]

ג. בערדיטשעווסקים קוק אויף דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור

די ליטעראַרישע טעטיקייט פֿון מי״ב אין ייִדיש איז אָרגאַניש פֿאַרבונדן מיט זײַן פּרינציפּיעלן באַנעם פֿון דער ייִדישער שפּראַך, פֿון איר כאַראַקטער און פֿון איר אָרט אין לעבן פֿונעם ייִדישן פֿאָלק. עס זעט אויס, אַז חוץ

22 זען: נ. מײַזיל, ״דער ייִדישער מיכה־יוסף בערדיטשעווסקי״, ׳ייִדישע קולטור׳, כז (1965), נומ׳ 9, זז׳ 18—21.
פֿון די אַנדערע אָפּשאַצונגען וועגן מי״ב דעם שרײַבער אין ייִדיש, מיטן דערשײַנען פֿון זײַנע כּתבֿים אין יאָר 1924, זען: נ. מײַזיל, ״מ. י. בערדיטשעווסקי אין ייִדיש״, ׳ליטעראַרישע בלעטער׳, 1924, נומ׳ 2. פֿון די שפּעטערדיקע פּובליקאַציעס, זען: נ. מײַזיל, ״מ. י. בערדיטשעווסקי״, ׳ליטעראַרישע בלעטער׳, 1931, נומ׳ 49; ש. אַ. האָראָדעצקי, ״מיכה־יוסף בערדי־טשעווסקי״, ׳דער טאָג׳, דעם 26סטן נאָוועמבער 1931; מ. יפֿה, ״מ. י. בערדיטשעווסקי אין ייִדיש״, ׳דרום־אַפֿריקע׳ (יאָהאַנעסבורג), 1955, נומ׳ 12(88); ב. גרין, ״דער העברעיִש־ייִדישער שרײַבער מ. י. בערדיטשעווסקי״, ׳מאָרגן־פֿרײַהייט׳ (ניו־יאָרק) דעם 7טן מאַרץ 1971. נאָכן אָפּגעבן צום דרוק דעם כּתבֿ־יד פֿון אונדזער אַרײַנפֿיר איז דערשינען דער אַרטיקל פֿון יהודה גור־אריה: ״כתביו היידיים של מיכה יוסף ברדיצ׳בסקי (בן־גריון)״, ׳עתון 77׳, ג (1979), נומ׳ 15, און די קאַפּיטלען 19 און 20 פֿון עמנואל בן־גריונס וויכטיק בוך: ׳רשות היחיד — מיכה יוסף ברדיצ׳בסקי (בן־גריון) בעשרים שנותיו האחרונות׳, תל־אביב 1980, זז׳ 187־195.

23 זען: ע. בן־גריון, אַ נאָכוואָרט צו ׳כתבים יהודיים מאת קרוב רחוק׳, איבער־געזעצט פֿון מ. ז. וואָלפֿאָווסקי, תל־אביב תשכ״ד, ז׳ 232.

זײַן נאַטירלעכער נטיה צו שרײַבן אין דער שפּראַך, וואָס איר גײַסט האָט ער אײַנגעזאַפּט אין זײַנע קינדער־ און יוגנט־יאָרן, האָט ער געוואָלט רעאַליזירן מיט זײַן שאַפֿן אין ייִדיש אויף אַ קאָנקרעטן אופֿן זײַן פּרינציפּיעלן „אני מאמין“ אין אָט דער שפּירעוודיקער סוגיה פֿון דער שפּראַכן־פֿראַגע. דאָס איז בײַ אים געווען אַ טעמע, וועלכע ער האָט אָן אויפֿהער זיך באַמיט באַלײַכטן און דעפֿינירן אין זײַנע מאמרים און נאָטיצן — סײַ אין ייִדיש, סײַ אין העברעיִש און דײַטש. זײַן אײַנשטעלונג און זײַנע מיינונגען האָבן אים דערפֿירט צו דער שטרעבונג צו פֿאַרהאַלטן און צוימען די נאַטירלעכע פּראָצעסן, וואָס האָבן דאַן געווירקט אין דער אַנטוויקלונג פֿון דער מאָדערנער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור. אויך אין די ראַמען פֿון זײַן אייגענעם שאַפֿן האָט מי״ב דעמאָנסטראַטיוו גוזר געווען אויף זיך אַן אַרכאַיִשן סטיל און שטרענג פֿאָלקסטימלעכע פּשטות, אײַנגעהילט פֿון צײַט צו צײַט אין אַ טראַדיציאָנעלן יראת־שמימדיקן שלייער. עס טרעפֿט אויך, אַז ער ווײַזט אַרויס אַ נטיה צו אַ מין נאַטוראַליסטישער רעסטאַווראַציע פֿון דעם אומגעשליפֿענעם ריידשטייגער פֿון זײַנע העלדן וועמעס באַריידעוודיקייט ער האָט מצליח געווען צו דערוועקן.

מי״בס שטעלונג וואָס שייך ייִדיש און איר ליטעראַטור דאַרף מען זען און באַנעמען אין דעם קאָנטעקסט פֿון שפּראַכנקאַמף, וואָס האָט זיך האַפּטיק געפֿירט אין די יאָרן פֿון זײַן ליטעראַרישן שאַפֿן — ווי אויך אויפֿן פֿאָן פֿון יענער תּקופֿה אין וועלכער עס איז נאָך כּסדר געוואַקסן אַ צווייִשפּראַכיקע ליטעראַטור, מיט אירע פֿאַרבינדונג־פֿעדעם, סײַ שפּראַכיקע און סײַ פּערזענלעכע אין דער שרײַבער־משפּחה אַליין.

מי״ב האָט זיך לעבהאַפּטיק באַצויגן צו דער שפּראַכן־פֿראַגע אין פֿאַרשיידענע תּקופֿות פֿון זײַן ליטעראַרישן שאַפֿן, סײַ וואָס שייך דעם מהות פֿון ייִדיש און איר ליטעראַטור — און סײַ וואָס שייך דער ספּעציפֿישער סיטואַציע פֿון דעם צווייִשפּראַכיקן שרײַבער אַליין. אין זײַן אַרטיקל „שניות“[24] האָט ער געשילדערט אָט די טאָפּלטקייט און צעצווייטקייט; בײַם שרײַבן העברעיִש שטייט ער פֿאַר אַ פּראָצעס פֿון באַהעפֿטונג מיט דער ירושה פֿון די אָבֿות צוזאַמען מיט „באַגריפֿן און בילדער, דערשײַנונגען און זעונגען אין אונדזער נשמה, וואָס ווערן געבוירן פֿון דאָס נײַ דורך אַ טראַנספֿאָרמירונג אין אונדזער אייגענעם גײַסט“. אַזוי אַרום ווערט באַשאַפֿן

24 ׳כתבי מיכה יוסף בן־גריון (ברדיצ׳בסקי) — מאמרים׳, תל־אביב תש״ך, ז׳ קפּה (ווײַטער: ׳מאמרים׳).

אַ נײַע סובסטאַנץ, וואָס איז כּולל אין זיך פּאַרצײַטיקע, קדמוניותדיקע עלעמענטן צו גלײַך מיט יענע וואָס זײַנען "ביין פֿון אונדזער ביין און פֿלייש פֿון אונדזער פֿלייש". גאָר אַנדערש איז אָבער דער מצבֿ פֿונעם זעלביקן שרײַבער, ווען ער פֿאַרמעסט זיך שאַפֿן אין ייִדיש, אַ שפּראַך פֿון דער קעגנוואַרט וואָס פֿאַרמאָגט ניט אַזעלכע טיפֿע קדמוניותדיקע וואָרצלען. דאָ קען ער שוין ניט ברענגען דעם צושטײַער פֿון זײַן אייגענער אינערלעכער וועלט, ווײַל ער אַליין באַקומט אַלץ "פֿונעם פֿאָלקסלעבן". און אפֿשר נאָך מער — יעדער פּרווו צו שעפּן פֿון זיך אַליין פֿירט דאָ נאָר צו דער פֿאַרדאַרבונג פֿון דער שפּראַך.

די אַנטיטעזע ציט זיך בײַ אים ווײַטער: אין העברעיִש האָבן מיר צו טאָן מיט "די גרויסע פּערזענלעכקייטן, די שאַפֿער פֿון געדאַנק און בוך, — מיט יחידים און מיט דעם תּמצית פֿון דער נשמה פֿון די יחידים." אַקעגן דעם אין ייִדיש און אין איר ליטעראַטור — האָבן מיר צו טאָן מיטן "פּשוטן פֿאָלק", וואָס האָט געשאַפֿן אין "אַ שפּראַך וואָס איז אַנטליִען געוואָרן בײַ די דײַטשע פֿעלקער", — אַ שאַפֿונג־אינסטרומענט — און וועלכן עס זעט זיך אָן דער חותם פֿון זײַן אייגענעם גײַסט." אין העברעיִש אַנטפּלעקט זיך פֿאַר אונדז אַ בילדערישע רײַכקייט, וואָס פֿאַרמאָגט טויזנטער לבֿושים און סינאָנימען "פֿאַר יעטוועדן ניואַנס פֿון געדאַנק און געפֿיל." אין ייִדיש, ווידער, "פֿאַרמאָגן מיר אַ שפּראַך אַ קאַרגע, אַ קורץ־געפּאַסטע, אָבער אויך אַ שאַרפֿע". דער צווייִשפּראַכיקער שרײַבער געפֿינט זיך אַזוי אַרום אײַנגעקלעמט צווישן אָט די קעגנזעצלעכע שפּראַכיק־גײַסטיקע פֿענאָמענען.

כּאַטש מי"ב האָט אין זעלביקן אַרטיקל אַנגעוויזן אויף די וואָרצלען פֿון ייִדיש אין דער דײַטשער שפּראַך, וואָס איז פֿרעמד דעם ייִדישן גײַסט, האָט ער אָבער מיט ברען פֿאַרטיידיקט איר זעלבשטענדיקייט, ווײַל "ניט וואָרצלען און ווערטער, ניט די סובסטאַנטיוון און די ווערבן דערהייבן אַ שפּראַך, נאָר זייערע בייגונגען און דער אופֿן פֿון זייער באַניץ, די פּסיכישע בייגונגען און פֿאַרפֿלעכטונגען, זייער באַניץ אינעם פֿאָלקסמויל און אין ייִדישן גײַסט. די ייִדישע שפּראַך, אַזוי ווי זי איז געקניפּט און געבונדן מיט דער נשמה פֿונעם פּשוטן המון, און שפּיגלט אָפּ דעם פֿאַרנעם פֿון זייער אינטעלעקט און השׂגה, איז אַ ריין ייִדישע שפּראַך; אין איר געפֿינען מיר דעם אויסדרוק און די אַנטפּלעקונג פֿון דער נשמה פֿונעם פֿאָלק, וואָס איז גאָר דערווײַטערט פֿונעם ספֿר און וואָס האָט זיך נישט געקוקט אויף דעם געהאָדעוועט אינעם ליכט פֿון דער תּורה און אירע מצוות." [25]

25 דאָרטן, ז' קפּה.

פונקט אַזוי ווי העברעיִש איז לויט זײַן מיינונג אַ געטרײַער אויסדרוק פֿון דער וועלט פֿונעם "איש הספר", אַזוי איז דאָך ייִדיש אַ שליסל כּדי צו פֿאַרשטיין די "נשמה פֿונעם פֿאָלק". מי"ב נעמט לגמרי ניט אָן דעם אוטיליטאַרישן צוגאַנג פֿון דער העברעער־מחנה, וואָס איז געניגט געווען זיך צו באַניצן מיט ייִדיש נאָר ווי מיט אַ קאָמוניקאַציע־אינסטרומענט מיט די פֿאָלקסמאַסן ווײַל ייִדיש איז דאָך "אַ מיטל צו דערוויסן זיך און אונדז געבן צו וויסן פֿון דעם פֿאָלק אַליין", זאָגט מי"ב.[26]

קעגן איבער די טענדענצן אין יענע יאָרן, וואָס האָבן ספּעציעל באַטאָנט דאָס שייכות צווישן ייִדיש און די העברעיִשע עלעמענטן אין איר, איז מי"ב מקפּיד געווען אויפֿצוהיטן אַן אַבסאָלוטע סעפּאַרירונג צווישן ביידע שפּראַכיקע תּחומים; ער האָט הייס פּראָפּאַגירט קעגן פֿאַרווישן די גרענעצן צווישן ייִדיש און העברעיִש און האָט ניט געזען קיין באַזונדער חשיבֿות אין יענע דערשײַנונגען פֿון קאָנטאַקט און פֿאַרקניפּונג צווישן זיי וואָס קומען אין ייִדיש צום אויסדרוק אין דעם העברעיִשן עלעמענט. אין דעם האָט ער געהאַט אַן אַנדער מיינונג ווי אליעזר בן־יהודה און י. ח. טאַוויאָוו, וואָס האָבן נעגירט די עצם־עקסיסטענץ פֿון ייִדיש ווי אַ פֿאָלקסשפּראַך, אָבער האָבן פּאָזיטיוו אָפּגעשאַצט דעם העברעיִשן עלעמענט אין איר ווי אַן עדות פֿון דעם היסטאָרישן המשך פֿון העברעיִש ווי אַ שפּראַך וואָס איז כּסדר געניצט געוואָרן אין טאָג־טעגלעכן לעבן.

קעגן טאַוויאָווס מיינונג האָט מי"ב געטענהט: "די העברעיִשע עלעמענטן אין ייִדיש שטאַמען פֿון העברעיִש, אָבער אין דעם ייִדנס מויל האָבן זיי זיך אַ סך פֿאַרענדערט און זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ טייל פֿון אים אַליין. צוריק צו העברעיִש וועלן זיי זיך שוין ניט אומקערן. אָט די קאָמפּאָנענטן זײַנען שוין ניט העברעיִש, אַפֿילו ווען זיי זײַנען גאָר נאָענט צו דער שפּראַך אין איר דיקציע".[27] אין זײַן הייסער פּאָלעמישער אַרגומענטאַציע האָט מי"ב כּסדר באַטאָנט דעם אויטאָנאָמען מעמד פֿון ייִדיש און געלויבט איר שמעלץ־פּאָטענציאַל ביים אַבסאָרבירן אין זיך פֿרעמדשפּראַכיקע עלעמענטן.[28]

הגם מי"ב האָט אַקצענטירט אין זײַנע אויספֿירן די וויטאַליטעט און די בייגעוודיקייט פֿון ייִדיש, האָט ער אָבער מקפּיד געווען שטרענג אָפּצוהיטן דעם ספּעציפֿישן כאַראַקטער פֿון ייִדיש ווי אַ ריידשפּראַך, וואָס שפּיגלט אָפּ

26 זען זײַן בריוו צו מ. קליינמאַן פֿונעם יאָר 1905 (אָן אַ גענויער דאַטע), "אגרות סופרים", 'העולם', כב (1934), נומ' נא—נב.

27 זען: "יהודית ועברית", 'הבקר', דעם 18טן יוני 1909; 'מאמרים', ז' קפט—קצ.

28 פֿאַרגלײַך: 'הבקר', דעם 1טן מאַרץ און דעם 6טן יוני 1909; פּובליקירט שפּעטער אונטערן נאָמען: "שניות — מלואים", 'מאמרים', ז' קפּח.

געטרײַ דעם פֿאָלקסגײַסט. אַרויסגייענדיק פֿון דער הנחה איז ער דערגאַנגען צו זײַן אַן־פּשרותדיקער פֿאָדערונג צו קאָנסערווירן כּמעט אויף אַ מין מוזיי־שטייגער די פֿאָלקסשפּראַך אין איר פּשטותדיקן און רויען קאָלאָריט, און ניט גיין אויסברייטערן זי און פֿאַרטיפֿן, ווי די נײַע צײַט פֿאָדערט עס. וואָס שייך ייִדיש, האָט ער געמיינט, דאַרף די שפּראַך ״איבערגעגעבן ווערן צו אונדז פּונקט אַזוי ווי זי ווערט גערעדט, אָן אַ צוגאָב פֿון נײַע אויסדרוקן, אָן נײַע עפּיטעטן און אָן נײַע זאַץ־קאָנסטרוקציעס, וואָס זײַנען ווײַט פֿון דער פֿאָלקס־נשמה און פֿון איר גײַסט, הונדערט מאָל מער ווי פֿון דער שפּראַך פֿון אונדזער עבֿר. מיר וועלן קענען וויסן וועגן פֿאָלק און וועגן זײַן נשמה, אויב מיר וועלן זיך צוהערן מיט קאָפּ צו זײַן ריידן און צו דעם ווי אַזוי ער רעדט.״ [29]

כאָטש די מאָדערנע טענדענצן פֿון קולטיווירן ייִדיש און איר ליטעראַטור זײַנען אים לגמרי ניט געווען צום האַרצן, האָט זיך דאָך מי״ב באַטייליקט אָן איבעררײַס, אין יאָר 1905, אין דעם זשורנאַל ׳דאָס יודישע וואָרט׳, וואָס איז דערשינען אין קראָקע אונטער אַבֿרהם רייזענס רעדאַקציע.[30] ווי אַן אָפּאָנענט צו דער ייִדישיסטישער אײַנשטעלונג פֿונעם רעדאַקטאָר האָט ער אויך אַקטיוו אָנטייל גענומען אין דער דיסקוסיע וואָס האָט זיך געפֿירט אין דער צײַטשריפֿט אַרום דער שפּראַכן־פֿראַגע, און געשיקט צו אים ״אָפֿענע בריוו״ וועגן דעם ענין.[31]

29 דאָרטן.

30 וועגן דער תּקופֿה פֿון מי״בס מיטאַרבעט אין אָט דער צײַטשריפֿט און וועגן דער פֿרײַנדשאַפֿט מיט אַ. רייזענען, זען דעם עדות פֿון דעם רעדאַקטאָר אַליין אין זײַנע זכרונות: אַ. רייזען, ׳עפּיזאָדן פֿון מײַן לעבן׳, באַנד 2, ווילנע 1929, זז׳ 300—301. אין די באַציִונגען צווישן זיי זײַנען ווײַזט אויס געווען פֿאַרשיידענע תּקופֿות. אין זײַן בריוו צו מ. קליינמאַן פֿון 10טן מאַרץ 1905 לויבט אים מי״ב: ״ווי עס זאָל ניט זײַן באַציט ער [רייזען] זיך דאָך צו מיר יושרדיק און גיט מיר אָפּ אַן אָרט [אין זײַן צײַטשריפֿט], אין פֿאַרגלײַך מיט אַנדערע וואָס אַפֿילו דאָס וועלן זיי ניט טאָן.״ (״אגרות סופרים״, ׳העולם׳, כב [1934], נומ׳ נא—נב). אין צווייטן בריוו פֿון 31סטן יאַנואַר 1905 דערציילט ער קליינמאַנען: ״ער האָט מיך גערופֿן מיטאַרבעטן און איך האָב זײַן פֿאַרבעטונג אָנגענומען אָן מורא, זײַענדיק זײַנער אַן אָפּאָנענט״ (דאָרטן). אָבער אין דרײַ יאָר אַרום האָט ער אַ תּרעומת אויף רייזענען אין זײַן בריוו צו ברענערן פֿון 14טן מײַ 1908: ״און בכלל איז מײַן האַרץ ניט מיט אים. ער ווייס ווי צו שאַצן מײַנע ייִדישע זאַכן, און גלײַכצײַטיק האָט ער אַפֿילו גאָרניט געהאַלטן און ניט געפֿונען פֿאַר זיי קיין גואל״ (׳מ״י ברדיצ׳בסקי — יוסף חיים ברנר: חליפת אגרות׳, ז׳ 53).

31 רייזען דערמאָנט אָט די בריוו מיט דרך־ארץ און לויבט זיי ״צוליב זייער

ממש אין זעלביקן נומער פֿונעם זשורנאַל, ווו מי״ב האָט געדרוקט זײַנע רײַזע־אײַנדרוקן פֿון ייִדישע שטעטלעך, איז אויך דערשינען זײַנס ״אַ בריוול צום אַרויסגעבער״, געחתמעט ״אַ לעזער פֿון אײַער בלאַט״. ווי אַ המשך צו דעם רעדאַקטאָרס תּשובֿה איז געקומען זײַן צווייטער בריוו, ״נאָך אַ בריוול צום אַרויסגעבער״, געחתמעט — ״דער אייגענער״.[32] אין אָט די בריוו חזרט מי״ב פּאַקטיש איבער עטלעכע פֿון זײַנע גרונטגעדאַנקען וואָס ער האָט אויך געהאַט אויפֿגעקלערט אין זײַנע העברעיִשע אַרטיקלען. די אַרגומענטן זײַנע פֿאַרבינדן זיך איצט מער דירעקט מיט דער ״שפּראַך־דיסקוסיע״, וואָס האָט זיך אינטענסיוו געפֿירט אין יענע יאָרן. אין אָט די ״בריוולעך״ איז אויך בולט דער ייִדישלעך־טראַדיציאָנעלער קאָלאָריט און דער באַריכותדיק־געמיטלעכער נוסח פֿונעם שמועס, וואָס מעסיקט אין אַ ריי ערטער די קאַטעגאָרישקייט פֿון זײַנע אַרגומענטן און איז מטשטש זייער פּרינציפּיעלע קלאָרקייט.

די טענות פֿון מי״ב ווערן געבראַכט ווי באַמערקונגען צו דעם פּרטימדיקן אַרטיקל וועגן דעם סימבאָליסטישן שרײַבער מאָריס מעטערלינג, וואָס האָט זיך געדרוקט אין המשכים אין דעם זעלבן זשורנאַל.[33] אים געפֿעלט לגמרי ניט אָט דער אַרטיקל, סײַ צוליב זײַן טעמע וואָס איז גאָר ווײַט פֿון די פּראָבלעמען פֿון דער ייִדישער ווירקלעכקייט, סײַ צוליב דעם מאָדערנעם לשון זײַנעם, וואָס זעט אים אויס צו זײַן גאָר געקינצלט. מי״ב עצהט דעריבער דעם רעדאַקטאָר, ער זאָל מער אין זינען האָבן דעם פֿאָלקס־לייענער, גענוי ווי ער אַליין טאָקע פֿירט זיך אין זײַנע דערציילונגען און לידער.

רייזענס שטעלונג, וואָס האָט געשטרעבט צו דער העגעמאָניע פֿון ייִדיש, איז אים אַוודאי ניט געפֿעלן. ער האָט געפֿילט, זאָגט מי״ב, ווי ביידע

וווּנדערלעכן אויפֿריכטיקן און אָריגינעלן ייִדישן טאָן״ (׳עפּיזאָדן פֿון מײַן לעבן׳, באַנד 3, ווילנע 1935, זז׳ 36—37).

32 ׳דאָס יודישע וואָרט׳, נומ׳ 5, דעם 31סטן יאַנואַר 1905 און נומ׳ 6, דעם 7טן פֿעברואַר 1905; ווי אויך ״נײַע בריוולעך״, נומ׳ 9, דעם 28סטן פֿעברואַר 1905 און נומ׳ 10, דעם 7טן מאַרץ 1905; אָט די בריוו פֿון מי״ב זײַנען שפּעטער פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אונטער אַ נײַעם טיטל אין ׳יודישע כּתבֿים׳, ה, זז׳ 67—96. זעט אויך: בן־מיכל, ״מײַן תּשובֿה דעם לעזער״, דאָרטן, נומ׳ 6 און אויך די תּשובֿה פֿונעם רעדאַקטאָר: ״אַן ענטפֿער דעם הערן ׳לעזער׳״, דאָרטן.

33 ׳יודישע כּתבֿים׳, ה, זז׳ 73—74; ער האָט געהאַט אין זינען די אָפּהאַנדלונג אין המשכים, פֿון א—ז: ״איבער אייניקע מאָטיוון אין מעטערלינקס ווערק״, ׳דאָס יודישע וואָרט׳, 1905, נומ׳ 5, 6, 7.

שפּראַכן צוזאַמענגענומען זײַנען אַ געטרײַער אויסדרוק פֿון דער פֿאָלקס־נשמה. דאָך איז ער מודה, אַז ער איז ניט בכּוח דאָס געגוי צו דערקלערן, פּונקט אַזוי ווי ער איז ניט מסוגל צו דערקלערן ״פֿאַר וואָס האָט אַ מענטש צוויי אויגן״. פֿונדעסטוועגן פֿילט זיך גאַנץ קלאָר אויך דאָ זײַן נטיה צו געבן העברעיִש די בכורה. אַוודאי ווייסט ער אַז דער מעמד פֿון העברעיִש, אַפֿילו אין דער תּקופֿה פֿון ״נאַציאָנאַלער אויפֿלעבונג״, איז גאָרניט שטאַרק געהויבן, און נאָר ווייניק ייִדן באַניצן זיך פּאַקטיש מיט דער שפּראַך. גלײַכצײַטיק איז ער אָבער אויך באַזאָרגט וועגן דער צוקונפֿט פֿון ייִדיש. ער האָט שטאַרק מורא פֿאַר יענעם טאָג, ווען מיר וועלן זיך מוזן ראַנגלען מיט אונדזערע קינדער פֿאַרן קיום פֿון ייִדיש, פּונקט אַזוי ווי מיר ראַנגלען זיך הײַנט מיט זיי פֿאַרן קיום פֿון העברעיִש; און אפֿשר איז שוין טאַקע איצט געקומען די שעה פֿון אָט דעם געראַנגל — האָט ער אָפֿן אַרויסגעזאָגט זײַנע געדאַנקען.[34]

זײַן ״אַ לעצטער בריוו״ [35] איז געווידמעט דעם לעקסיקאַלישן כאַראַקטער פֿון מאָדערנעם ייִדיש. ער קריטיקירט ווײַטער דעם דײַטשמערישן קאָלאָריט פֿונעם מאָדערנעם ייִדיש, אויף וועלכן ער שטויסט זיך כּסדר אָן אין רייזענס זשורנאַל. אַלץ איז הפֿקר אין מאָדערנעם ייִדיש, יעטוועדער טוט וואָס אים געפֿעלט, פֿירט אײַן אין ייִדיש אַ פֿרעמדע און משונהדיקע פֿראַזעאָלאָגיע און קיינער פּראָטעסטירט גאָרניט, אַפֿילו ווען מען איגנאָרירט ממש דעם גײַסט און די טבֿע פֿון דער שפּראַך. מי״ב רופֿט דעריבער די שרײַבער פֿון נײַעם שניט, זיי זאָלן זיך טאַקע צוהערן ווי דאָס פֿאָלק רעדט אין טאָג־טעגלעכן לעבן; עס איז טאַקע אַ יושר, אַז אָט די ניט־געשריבענע כּללים פֿון דער גערעדטער שפּראַך זאָלן זיי דינען ווי אַ מאָס און מוסטער.

די סענסיטיוויקייט פֿון מי״ב צו אָט דער אָפּגעפֿרעמדקייט פֿון פֿאָלקס־טימלעכן נוסח פֿון ייִדיש פֿילט מען אויך אין זײַנע טאָגבוך־נאָטיצן פֿון יענע יאָרן, בשעתן לייענען סאָציאַליסטישע בראָשורן אין ייִדיש האָט ער באַמערקט: ״דו וועסט דאָ ניט געפֿינען אין זיי אַפֿילו איין וואָרט וואָס שטאַמט אָפּ פֿון אַ ייִדיש האַרץ; אַלץ איז דאָ דײַטשע פּראָדוקציע געשריבן מיט ייִדישע אותיות.״ [36]

צו דער פּראָבלעם פֿונעם מעמד פֿון ייִדיש ווענדט זיך מי״ב ווידער אין יאָר 1909. דער דירעקטער גורם דערצו איז געווען בעיקר דער אַרטיקל

34 ׳יודישע כּתבֿים׳, ה, זז׳ 82—83.

35 דאָרטן, זז׳ 88—96.

36 מ. י. ברדיצ׳בסקי (בן־גריון), ׳עמל יום והגותו — פרקי יומן׳, געבראַכט צום דרוק דורך ע. בן־גריון, תל־אביב תשל״ה, ז׳ 42.

פֿון דעם ייִדישן ליטעראַטור־קריטיקער בעל־מחשבֿות, וואָס האָט פּראָפּאַגירט זײַן האַרמאָניסטישע טעזע וועגן דער קאָעקסיסטענץ פֿון איין ליטעראַטור אין צוויי שפּראַכן, און האָט זיך באַמיט דווקא אונטערצושטרײַכן דאָס פּאָזיטיווע און דאָס פּרוכפּערדיקע אין אָט דעם קעגנזײַטיקן קאָנטאַקט. בעל־מחשבֿות האָט געלויבט די פּאַראַלעלע פּובליקאַציע פֿון ליטעראַרישע שאַפֿונגען אין ביידע לשונות, ווײַל "די ייִדישע ליטעראַטור איז איינע און איר נאָמען איז איינציק; זי דערשײַנט נאָר אין צוויי געשטאַלטן, וואָס באַציִען זיך איינע צו דער אַנדערער ווי די וואָגן אויף די וואָגשאָלן." [37]

אין זײַן אָפּרוף אויף אָט דעם אַרטיקל האָט מי"ב ווידער באַטאָנט דעם מהותדיקן חילוק צווישן ביידע שפּראַכן, וואָס לאָזט זיך גאָרניט מבֿטל מאַכן.[38] ווידער רופֿט ער די ייִדישע שרײַבער זיי זאָלן אָפּהיטן אין זייער סטיל דאָס פֿאָלקס־פּשטות און די נאַטירלעכע תּמימותדיקייט פֿון ייִדיש. עד איז געווען ממש איבערגעצײַגט, אַז די אָריענטאַציע זײַנע איז בהסכם מיטן גײַסט פֿונעם נאַטירלעכן גאַנג פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור זינט מענדעלען און שלום־עליכמען. ער האָט געגלייבט, אַז אַזאַ מין ייִדיש־ליטעראַטור, צו וועלכער ער האָט געשטרעבט אַלע זײַנע יאָרן, "וועט אויספֿילן דעם פּגם פֿון דער געשריבענער ליטעראַטור, און וועט אונדז. די מידע אין גײַסט און געפֿיל, געבן אַ דיכטונג אַ פּשוטע, פֿול מיט לעבנס־תּמימות און מיט אַ פּראָסטן אויסדרוק פֿון דער ווירקלעכקייט." [39] אין אָט דעם רוף מי"בס אַנטפּלעקן זיך אפֿשר די נעאָ־ראָמאַנטישע בענקע־נישן, וואָס האָבן אַרומגעשוועבט אין אונדזער ליטעראַטור אין יענע יאָרן. אָבער פֿאַקטיש האָט זײַן אײַנשטעלונג געקענט באַטראַכט ווערן ווי אַ פּרווו צו צוימען און פֿאַרהאַלטן די באַנײַונג־פּראָצעסן פֿון דער זיך כּסדר אַנטוויקלענדיקער ליטעראַטור אין ייִדיש, וואָס האָט דווקא געשטרעבט אַרויסרײַסן זיך פֿון בצמצומדיקן קרײַז וואָס מען האָט אָנגעצייכנט פֿאַר איר.

אין אָט דער פּאָלעמיק האָט מי"ב אויך אָנגעצייכנט אייניקע וויכטיקע פּרינציפּן וואָס שייך דעם אינערלעכן צוזאַמענהאַנג צווישן דער ליטעראַטור און דער שאַפֿונגשפּראַך, וואָס לייגט אויף איר אַ ספּעציפֿישן חותם: "אמתע שאַפֿונג ווערט געבוירן צוזאַמען מיט דער שפּראַך, דרינגט אַרויס פֿון אירע טיפֿענישן און איז מיט איר פֿאַרבונדן ניט צוליב אַ צופֿאַל."

37 בעל־מחשבות, "סקירות ורשמים", 'הבקר', דעם 19טן יאַנואַר 1909.

38 מי"ב, "שניות", 'הבקר', דעם 31סטן מאַרץ 1909; 'מאמרים', ז' קפד—קפז; זען אויך די שאַרפֿע קעגן־אַרגומענטן פֿון ש. גיגער: "שפת העם ושפת הספר", דאָרטן, דעם 4טן מײַ 1909.

39 "שניות — מלואים", 'מאמרים', ז' קפה.

ער נעגירט דעריבער קאַטעגאָריש דאָס פֿאַרווישן די גרענעצן פֿוןביידע ליטעראַטורן: „יעטוועדע פֿון זיי באַוועגט זיך אַרום איר אייגענער אַקס" — האָט ער באַטאָנט.[40]

מי"ב האָט דעפֿינירט לויט זײַן באַנעם די מהותדיקע מעלות פֿון דער ליטעראַרישער שאַפֿונג אין ייִדיש בזה־הלשון: „יעטוועדער ווונק, יעטוועדער ספּעציפֿישער אויסדרוק אירער, אַלע גשמהדיקע איבערלעבענישן, אַלץ אין איר שטאַמט דאָ פֿון דער ווירקלעכקייט, פֿון די געשטאַלטן אַליין און זייער לײַב און לעבן. מען געפֿינט דאָ גאָרניט קיין מעשׂיות פֿונעם דער־ציילער וועגן זיך אַליין, אָדער זײַנע מעשׂיות וועגן אַנדערע פֿאַרשוינען. אָט די אַנדערע פֿאַרשוינען קומען און דערציילן אונדז אַליין וועגן זייער אייגענעם לעבן; זיי שטעלן זיך אַוועק פֿאַר אונדז און שמועסן — און מיר הערן זיך נאָר צו... פֿאַראַן דאָ ווייניק קאָלירן. דאָס פֿאָלק האָט גאָרניט געוווּסט וואָס ווירטואָזע קונסט הייסט."[41]

מי"ב האָט געמיינט, אַז אָט דער גאַנג פֿון אויפֿמערקזאַמען צוהערן זיך צום שמועס פֿון זײַנע געשטאַלטן, בעת דער מחבר מישט זיך נישט אַרײַן פּערזענלעך און עמאָציאָנעל, איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר שלום־עליכמס אופֿן דערציילן, וואָס איז פֿאַרבליבן געטרײַ אין זײַנע שאַפֿונגען נאָך דעם פֿאָלקסגײַסט אַליין. אויך אין זײַנע אייגענע ייִדישע כּתבֿים האָט ער געהאַט בדעה צו גיין איז אָט דעם וועג. אין דער אמתן האָט אָבער מי"ב אויסגעדריקט דורך זײַנע העלדן, וואָס ער האָט זיי געלאָזט ריידן, אויך זײַן אייגענע פּערזענלעכקייט; זײַנע מחשבֿות שוועבן אַרום אין די כּתבֿים, סײַ אָפֿן און סײַ פֿאַרבאָרגן.

אין זײַן קאָנצעפּציע האָט מי"ב כּסדר קאָנסעקוועגט נעגירט די טענדענצן פֿון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור. זײַנע טענות וואָס ער האָט פֿריִער פֿאָרמולירט אין אַ פֿאָלקסטימלעכן לשון אין 1905 אין רייזענס 'דאָס יודישע וואָרט', לאָזט ער אונדז ווידער הערן דורך זײַן עסייִסטישן העברעיִש אין יאָר 1909. אויך איצט באַקלאָגט ער זיך אויף דעם, „וואָס ניט קיין פֿאָלקסייִדיש, וואָס שטאַמט פֿונעם לעבן פֿון פֿאָלק און זײַנע געפֿילן, גיט מען אונדז איבער, נאָר אַ ייִדיש אַ פֿאַרשענערטן און פֿאַרבעסערטן, אַ ייִדיש וואָס וויל זיך דווקא דערהייבן איבער זיך אַליין."[42]

מי"ב האָט אויך געטענהט קעגן דער גוזמאדיקער לירישקייט פֿון דער

40 „שניות — בעם ובספר", דאָרטן, ז' קפּו.
41 דאָרטן.
42 דאָרטן.

נײַער ליטעראַטור אין יִדיש און קעגן דעם „אויסגוס פֿון מליצהדיקער פּאָעזיע". ניט דאָס פֿאָלק אַליין רעדט דאָ צו אונדז, נאָר עפּעס אַ מין חזן אין שול. אַנשטאָט אָנצוהאַלטן אַ דירעקטן קאָנטאַקט מיטן פֿאָלק און זײַן גײַסט דורך דער פֿאָלקסשפּראַך, איז די מאָדערנע יִדישע ליטעראַטור, די „געציקלטע", ווי ער רופֿט זי, זיך מפֿרנס פֿון פֿרעמדע השפּעות און ציט איר יניקה מער פֿון בוך ווי פֿון פֿאָלקסלעבן.[43]

מי"ב איז ווײַטער געבליבן בײַ זײַן נעגאַציע פֿון די הערשנדיקע טענדענצן אין דער מאָדערנער יִדיש־ליטעראַטור, וועלכע ער האָט כּסדר נאָכגעפֿאָלגט.[44] אין דעם גײַסט האָט ער ווידער געלאָזט הערן זײַנע טענות אין העברעיִשן אַרטיקל „יפוי השפה העברית".[45] כאָטש ער האָט געפֿונען אין דעם שאַפֿן פֿון אייניקע מחברים אַ קינסטלערישע אַנטוויקלונג, מיינט ער אָבער אַז זי קען ניט דינען ווי אַן אידעאַל פֿאַר אַ שרײַבער אין יִדיש: „עס איז גאָר ניט נייטיק צו פֿורעמען פֿונעם פֿאָלקס־מאַטעריאַל אַ ליטעראַרישן שלמותדיקן סטיל; מען דאַרף זיך מיט אָט דעם מאַטעריאַל באַקענען אין אַלע זײַנע קעמערלעך און אותיות און אים פּשוט געטרײַ איבערגעבן אַזוי ווי ער איז." ער נעגירט דעם מצבֿ אין דער יִדיש־ליטעראַטור, וואָס אין איר „רעדט דער שרײַבער נאָר פֿאַר זיך אַליין, פֿאַר זײַן פּערזענלעכקייט; מיר דאַרפֿן דאָ ניט האָבן קיין לירישן מנגן, קיין ווירטואָז, וואָס שפּילט פֿאַר אונדז, נאָר אַ שליח־ציבור, וואָס דערציילט און קלאָגט זיך אין נאָמען פֿונעם כּלל און אין דער שפּראַך פֿונעם כּלל." יעטוועדער „וואָס פֿאַרשענערט נאָר זיך אַליין, אויסניצנדיק די פֿאָלקסשפּראַך, שאַפֿט פֿאַקטיש אַ גרויסע פֿאַלסיפֿיקאַציע."

דעקלאַראַציעס פֿון אָט דעם שטייגער אַנטפּלעקן פֿאַקטיש דעם פּאַראַדאָקסאַל־סתירהדיקן מצבֿ פֿון מי"ב ווי אַ קינסטלערישע און אידעאָלאָגישע פּערזענלעכקייט, מיט אירע בפֿירושע אינדיווידואַליסטישע נטיות אין זײַנע העברעיִשע כּתבֿים, און זײַן גלײַכצײַטיקע דעקלאַרירטע גרייטקייט צו דינען נאָר ווי אַ שליח־ציבור פֿאַר די קאָלעקטיווע פֿאָלק־איבערלעבענישן — אין זײַנע יִדישע כּתבֿים.

ניט געקוקט אויף זײַן נאָענטקייט און טיפֿער ליבע צו דער יִדישער

43 דאָרטן, ז' קפז.

44 זען זײַן רעזערוואַציע לגבי דעם געקינצלטן און פּסעוודאָ־סענטימענטאַלן סטיל אויף וועלכן ער האָט זיך אָנגעשטויסן אין דער צײַטשריפֿט 'ליטעראַרישע מאָנאַטסשריפֿטען', אין: 'מ"י ברדיצ'בסקי — יוסף חיים ברנר: חליפת אגרות', ז' 51.

45 'הבקר', דעם 18טן יוני 1909, 'מאמרים', זז' קצ־קצא.

שפּראַך, האָט מי״ב ניט געגלייבט אין איר קינסטלערישן און דענקערישן אויסדרוק־פּאָטענציאַל, אין פֿאַרגלייַך מיט העברעיִש. אין איינעם פֿון זייַנע אַרטיקלען אין דייַטש וועגן דער שפּראַכן־פֿראַגע, לויבט ער ייִדיש, אַ שפּראַך וואָס גיט איבער געטרייַ שפּאָט און שאַרפֿזין בייַם שילדערן דעם חילוק צווישן אַן עם־הארץ און אַ תּלמיד־חכם. אָבער ייִדיש האָט אויך אירע שוואַכקייטן; אַוודאי עקסיסטירט דאָ אַן ״אינערלעכע געזעצמעסיקייט״, אַפֿילו ווען עס פֿעלן אין ייִדיש געשריבענע גראַמאַטיקעס, אָבער פֿונדעסט־וועגן, ״פֿאַר אַ שילדערונג, פֿאַר בילדערישקייט קלעקט זי ניט. אַקעגן זשע איז ייִדיש ווי אַנגעמאָסטן פֿאַר אַ שמועס. די מעגלעכקייט פֿון דער שפּראַך אויסצודריקן די מענטשלעכע נשמה דורך אַ כּלומרשט דרך־אַגבֿדיקן זאָגעכץ, איז פֿאַראַן אין איר אין אַזאַ מאָס, אַז מיר ווערן צייַטנווייַז ממש געפּלעפֿט פֿון דעם.״ [46]

מי״ב ווייַזט אויך אַן אויף די אויסדרוק־שוועריקייטן פֿון דער פּובליציסטיק אין ייִדיש; מיר קענען טאַקע, זאָגט ער, רעקאָנסטרויִרן און פֿאַרשרייַבן דעם אופֿן ריידן פֿון אַ פּשוטן ייִדן און געטרייַ איבערגעבן זייַנע באַגריפֿן וועגן ענינים פֿונעם פֿאָלק ישׂראל, אָבער גאָר אַנדערש איז דער מצבֿ פֿונעם שרייַבער, ווען ער קומט דערקלערן אָט דעם ייִדן גאַנץ נייַע און פֿרעמדע געדאַנקען און זיי נאָך דערצו לאָזן קומען פֿון זייַן אייגענעם מויל, ממש אַזוי ווי ער וואָלט זיי טאַקע דערקלערט פֿאַר זיך אַליין אין זייַן פֿאָלקס־שפּראַך.[47]

מי״ב האָט אַ סך געטענהט קעגן יענע שרייַבער פֿון זייַן צייַט, וואָס האָבן פֿאַרעפֿנטלעכט זייערע כּתבֿים גלייַכצייַטיק אין ביידע שפּראַכן, פֿאַרטושנדיק אַזוי אַרום די מהותדיקע גרענעצן צווישן ביידע ליטעראַטורן. אין זייַן אַרטיקל ״בדבר הלשון — דבר מדבר״, פֿאַרעפֿנטלעכט צו ערשט אין י. ח. ברענערס זשורנאַל ׳רבֿיבֿים׳ אין 1908, האָט ער ווידער אונטערגעשטראָכן אָט דעם וועזנטלעכן אונטערשייד, וואָס מען טאָר אים ניט מבֿטל מאַכן דורך אַנאָנימע איבערזעצונגען. ווייַל די שפּראַך איז דאָך ניט נאָר אַ לבֿוש פֿאַר באַגריפֿן, ״נאָר אַ טייל פֿון דעם ענין און פֿון דעם באַגריף אַליין.״ [48] אַזאַ מין אומגעווונטשענע אומקלאָרקייט פֿון די גרענעצן צווישן ביידע ליטעראַטורן האָט ער, למשל, געזען אין דער סימולטאַנער פּובליקאַציע פֿון פּרץ, נאָמבערג און אַש אין ביידע שפּראַכן צו גלייַך ״און

46 ״ארמית ויהודית־אשכנזית״, איבערגעזעצט פֿון דייַטש דורך ש. הרברג, ׳מאמרים׳, זז׳ שעט—שפּ.

47 ״ייִדישע צייַטונגען״, ׳יודישע כּתבֿים׳, ה, זז׳ 135—136.

48 ׳רביבים׳, תרס״ח, העפֿט א, זז׳ 25—30; ׳מאמרים׳, זז׳ קפּא—קפּד.

קיינער ווייסט ניט וואָס איז פֿריִער געשריבן אין העברעיִש — און וואָס אין ייִדיש. די שפּראַך, וואָס איז דאָך דער יסוד אין באַזוע פֿאַר יעדער ליטעראַטור, איז ביַי אונדז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן נאָר אין אַ כּלי, אָן אַ ווערט, אין אַ גאָר זיַיטיקן ענין.״

אין אָט דעם גיַיסט האָט מי״ב קריטיקירט די פּראָגראַם פֿון ליטעראַרישע פּובליקאַציעס, וואָס איז פֿאַרויס אָנגעזאָגט געוואָרן דורך דער העברעיִשער טאָגציַיטונג ׳הבוקר׳. ווידער איז דאָס געווען אַ געלעגנהייט פֿאַר מי״ב, אַליין אַ מיטאַרבעטער פֿון אָט דער ציַיטונג, וויַיטער אָנגיין מיט זיַין פֿאָדערן שפּראַכיקע סעפּאַרירונג צווישן מקור און איבערזעצונג. ער האָט גערופֿן די רעדאַקציע ״זי זאָל אָנמערקן אין יעטוועדן פֿאַל, ווער זיַינען דאָס אָט די גרים, וואָס שריַיבן ניט אין העברעיִש און ליפֿערן אונדז פֿאַרט פֿון ציַיט צו ציַיט צופֿעליקן מאַטעריאַל אין העברעיִש.״ [49]

מי״ב איז ניט נאָר יוצא געווען מיט עפֿנטלעכע פּאָלעמישע דעקלאַראַציעס אין אָט דעם ענין; געטריַי צו זיַין שטעלונג איז ער גרייט געווען צו ציִען אַליין די קאָנסעקווענצן פֿון זיַינע טענות. אין 1913 עצהט ער ברענערן זיַין פֿריַינד, ער זאָל חלילה ניט וואָגן פֿאַרעפֿנטלעכן אין זיַין זשורנאַל ׳רביבים׳ שאַפֿונגען וואָס זיַינען פֿאַקטיש איבערגעזעצט געוואָרן פֿון ייִדיש, באַטאָנענדיק: ״מיך שטויסט עס אָפּ פֿון דעם אַלעם. היט זיך פֿאַר דעם. איך האָב שוין געטאָן אַ נדר זיך ניט אויסמישן צוזאַמען מיט אַזעלכע איבעראַנדערשער״.[50] אין אַ צווייטן בריוו האָט ער ממשיך געווען דעם וויכּוח מיט זיַין פֿריַינד. אַפֿילו ווען עס טרעפֿט אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אַ בפֿירושדיקן טאַלאַנט, מוז מען כאָטש מודיע זיַין אַז דאָ גייט וועגן אָן איבערזעצונג פֿון ייִדיש, כּדי ניט אַריַינפֿירן אין אַ טעות דעם לייענער־עולם. וואָס שייך זיך אַליין, האָט מי״ב דאָ ווידער איבערגעחזרט זיַין נדר זיך ניט צו באַטייליקן אין קיין שום ציַיטשריפֿט וואָס היט ניט אָפּ ווי געהעריק דעם דאָזיקן כּלל. ״איך בעט דיך — האָט ער געשריבן — דו זאָלסט זיך דערבאַרעמען איבער מיַין כּבֿוד און זאָלסט זיַין גאָר פֿאָרזיכטיק מיט אַריַינגעמען אין דיַין זשורנאַל דעם סאָרט שריַיבער.״ [51]

49 ״בדבר לשון וספר״, ׳הבקר׳, דעם 5טן אויגוסט 1909; פֿאַרגליַיכן אויך זיַין נאָטיץ: ״אחת ושתיים״, ׳מאמרים׳, ז׳ קפד.

50 ׳מ״י ברדיצ׳בסקי — יוסף חיים ברנר: חליפת אגרות׳, זז׳ 98—99, אין זיַין בריוו פֿון 16טן אַפּריל 1913.

51 דאָרטן, ז׳ 104, אין זיַין בריוו פֿון 1טן יולי 1913; זען אויך וועגן דעם ענין: דאָרטן, ז׳ 102, און אויך אין זעלבן גיַיסט: ״טשטוש הגבולים (מכתב אל עורכי ׳נתיבות׳)״, ׳נתיבות׳, וואַרשע תרע״ג, זז׳ 313—317; ׳מאמרים׳, זז׳ קצא—קצב.

דאָס וואָס ער האָט אַזוי קאַטעגאָריש געפֿאָדערט פֿון זײַנע מיטצײַטלער, האָט מי״ב זיך באמת מקיים זײַן אין זײַן אייגענעם שאַפֿן אין יידיש; ער האָט טאַקע זייער מקפיד געווען אָפּצוהיטן די שפּראַכיקע מחיצה און האָט זיך אַליין קאָנסעקווענט אָפּגעהאַלטן פֿון איבערזעצן אין ייִדיש זײַנע העברעיִשע דערציילונגען און עסייען. פֿונדעסטוועגן לאָזט זיך אויפֿדעקן דער בשותּפֿותדיקער וואָרצל פֿון כּתבֿים אין ביידע שפּראַכן צוזאַמען.

אין פֿאַרגלײַך מיט זײַן אַנטווישונג פֿון דער נײַער ליטעראַטור אין ייִדיש, וואָס שייך אירע טענדענצן אין סטיל און אינהאַלט, פֿילט מען גאָר בולט זײַן טיפֿע פֿאַרערונג פֿאַר שלום-עליכמס שאַפֿן, וואָס האָט אים געדינט ווי אַ מקור פֿון אינספּיראַציע און ווי אַ מוסטער פֿאַר זײַן אייגענעם שאַפֿן אין ייִדיש.

מי״ב האָט שטאַרק אָפּגעשאַצט שלום-עליכמען שוין בײַ זײַנע ערשטע טריט אין דער ליטעראַטור. נאָך אין יאָר 1889 האָבן שלום-עליכמס ווערק געמאַכט אויף אים אַ טיפֿן רושם, און בעיקר דער ראָמאַן 'סטעמפּעניו', וואָס האָט זיך געדרוקט אין זײַן זאַמלבוך 'די יודישע פֿאָלקס-ביבליאָטהעק': אין אַ בריוו, וואָס ער האָט דאַן געשיקט צום מחבר אונטער אַט דעם רושם[52] זאָגט ער אַז זינט ער לעבט האָט ער נאָך ניט געלייענט אַזאַ מין דערציילונג וואָס איז פֿול מיט געפֿיל. אונטערן שטאַרקן רושם פֿונעם זאַמלבוך בכלל האָט ער באַשלאָסן צו גיין אין שלום-עליכמס וועג און ווערן אַ שרײַבער אין ייִדיש. ווי אַ באַווײַז האָט ער אים אַפֿילו געשיקט צוויי אַרטיקלען זײַנע, "אויסגעזאָגט פֿון דעם חדר" און "פּשוטע כּתבֿים". אַט די ערשטע, נאָך גאַנץ רויע כּתבֿים זײַנע אין ייִדיש, האָט אָבער שלום-עליכם ניט פֿאַרעפֿנטלעכט.

אין יאָרן אַרום, ווען מי״ב איז שוין געווען אַ באַקאַנטע פֿיגור אין אונדזער ליטעראַטור, האָבן ביידע פֿרײַנדלעך קאָרעספּאָנדירט צווישן זיך. אין איינעם פֿון זײַנע בריוו האָט מי״ב געלויבט שלום-עליכמס דערציילונג "פֿישל דער מלמד", ווײַל ער האָט אין איר געפֿונען אַ געטרײַען אויסדרוק פֿון אונדזער פֿאָלקס-נשמה. אין זײַנע בריוו רופֿט ער שלום-עליכמען "קרובֿ" און זיך אַליין — "רחוק".[53] וואָס שייך שלום-עליכמען האָט ער זיך איצט פֿאַר־ענטפֿערט פֿאַר אים אין אַ וויציק-גוטמוטיקן טאָן פֿאַר דעם וואָס ער האָט אַמאָליקע יאָרן אַ ביסל חוזק געמאַכט פֿון אים אין דער סעריע פֿעליע־

52 דער בריוו איז צום ערשטן מאָל פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן דורך י. ד. בערקאָוויטש. זען: 'דאָס שלום־־עליכם-בוך', ניו-יאָרק תּרפּ״ו, ז' 184.

53 לויט י. ד. בערקאָוויטש, דאָרטן, ז' 185.

טאַנעז ״קבֿורת סופֿרים״, וואָס ער האָט בשעתו פֿאַרעפֿנטלעכט בשותּפֿות מיט י. ח. ראַווניצקין, ניט וויסנדיק בכלל אַז עס האַנדלט זיך וועגן מי״ב.[54]

חוץ דעם פערזענלעכן מגע־ומשׂא צווישן זיי האָט מי״ב שטאַרק געלויבט שלום־עליכמס דערגרייכונגען, סײַ קינסטלעריש און סײַ אַ דאַנק זייער פּרינציפּיעלן באַטײַט, ווי אַ מורה־דרך פֿאַר דעם געווונטשענעם גאַנג פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. אין זײַנע קורץ־געפּאַסטע אָפּשאַצונגען, וואָס ער האָט אים געווידמעט, האָט אים מי״ב געלויבט ביז גאָר, סײַ צוליב דער פֿאַרשטענדעניש וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן פֿאַרן ייִדישן מענטשן און סײַ אַ דאַנק די שילדערונגען פֿון זײַן פֿאָלקס־סבֿיבֿה. אין שלום־עליכמען זעט ער דעם ״משורר האמת״, וואָס גיט אַ געטרײַען אויסדרוק פֿון דער אויטענטישער און פשוטער כּנסת־ישׂראל. פֿאַרגלײַכנדיק מיט די אינדיווי־דואַליסטישע טענדענצן פֿון די יונגע שרײַבער איז אים שלום־עליכם נאָענט צום הארצן, ווײַל ״שרײַבן איז בײַ אים נישט אַ מין עבֿודה, נישט אַ שרײַבן פֿאַר זיך (...) ער וויל אײַך נאָר דערציילן פֿונעם ייִדישן פֿאָלק, פֿונעם אמתן ייִדישן פֿאָלק.״ (״שלום־עליכם״ *); וואָס שייך שרײַבן ייִדיש — ״אין דעם איז שלום־עליכם דער גרעסטער וואָס מיר האָבן געהאַט, און איך האָב מורא צו זאָגן, אויך דער לעצטער״. בײַ אים אין די אויגן איז ער אַזוי ווי ״דער רש״י פֿונעם חומש און אפֿשר דער חומש אַליין.״ זײַן שטייגער שרײַבן דאַרף דינען ווי דער אידעאַלער מאָדעל פֿאַר הײַנטצײַטיקע ייִדישע שרײַבער — האָט מי״ב באַטאָנט ווידער אַ מאָל (״ווידער וועגן שלום־עליכמען״ *).

אין אייניקע פֿון זײַנע קורצע נאָטיצן האָט מי״ב געצייכנט פּאָרטרעטן פֿון אייניקע ייִדישע שרײַבער פֿון 19טן יאָרהונדערט, נאָך פֿאַר שלום־עליכמען. אויך אין אָט די סקיצן, מיט זייער פֿאָלקסטימלעכן נוסח, איז פֿאַרבאָרגן צווישן די פשטותדיקע שורות מי״ב מיט זײַן פערזענלעכן באַנעם פֿון ייִדישן גײַסטיק־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, וואָס איז ניט נאָר נוגע ד' פּראָבלעמען פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. צײַטנווײַז דוכט זיך אַז אָט די דיגרעסיעס זײַנען דער עיקר אין די פֿאָלקסטימלעך־געמיטלעכע סקיצן. א. מ. דיק, למשל, ווערט דאָ פֿאַרגעשטעלט ווי אַ שרײַבער וואָס זאָרגט זיך אין זײַנע מעשׂה־ביכלעך פֿאַר די באַדערפֿענישן און שטרעבונגען פֿון סאַמע פשוטע מענטשן, עפּעס גאָרניט לויטן גאַנג פֿון די משׂכּילישע

54 דער בריוו געפֿינט זיך איצט אין אַרכיוו פֿון מי״ב אין חולון. אַ דאַנק פּ' עמנואל בן־גריון, וואָס האָט געשטעלט אין מײַן רשות אַ פֿאָטאָקאָפּיע. דער פֿעליעטאָן ״קבֿורת סופֿרים״ איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין 'המליץ', 1893, נומ' 22, 25.

מחברים, וואָס זײַנען געוועז אָפּגעריסן פֿון דער פֿאָלקס־ווירקלעכקייט. שוין ניט לויט די השׂגות פֿון זײַן צײַט, האָט דיק גוט פֿאַרשטאַנען אַז דער ספֿר אַליין איז נאָך ניט אַלץ. עס איז בילכער צו באַקענען זיך מיט יענע לייענער, וואָס זײַנען גאָרניט קיין יודעי־ספֿר; דווקא פֿאַר זיי איז כּדאי צו געבן זיך די מי ("א. מ. דיק" *). אויך י. י. לינעצקיס פֿאַרדינסט, ווי דער מחבר פֿון דער אויטאָביאָגראַפֿישער דערציילונג 'דאָס פּוילישע יינגל', האָט מי"ב דערקלערט מיט זײַן חוזק מאַכן פֿון די שטרענגע דינים און איסורים, אָנגעצווונגענע דורך פֿרומע לײַט. לינעצקי האָט מיט זײַן בוך אַ חלק אין דעם פּראָצעס פֿון איבערברוך וואָס האָט זיך גענומען דערוועקן ביים נײַעם דור וואָס טרייסלט זיך אָפּ פֿון אָט דעם שטרענגן רעזשים וואָס די מחמירים האָבן אײַנגעשטעלט. ("י. י. לינעצקי" *). ווען ער האָט סקיצירט דעם פּאָרטרעט פֿון מ. א. שאַצקעס, דעם מחבר פֿון דער סאַטירישער דערציילונג "דער יידישער פּאַר־פּסח", האָט מי"ב געלויבט זײַן קאַמף קעגן מנהגים און דינים, לויט ווי זיי זײַנען ריגאָריסטיש אויסגעטײַטשט געוואָרן דורך שטרענגע רבנים, וואָס "זעען זייער אייגענעם פּסק — ווי אַ מין מתּן־תּורה." ("מ.א. שאַצקעס" *).

אין זײַן עסיי וועגן אַבֿרהם גאָלדפֿאַדען, וואָס האָט געלייגט דעם ווינקל־שטיין פֿאַרן יידישן טעאַטער, ווײַזט ער אָן ווי אַזוי ער האָט גוט פֿאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט הנאות פֿון עולם הזה, וואָס אַפֿילו יידן האָבן צו דעם אַ נייגונג ("אַבֿרהם גאָלדפֿאַדען" *). ווען ער האָט געלויבט מענדעלען, האָט ער אויסגערעכנט צווישן זײַנע שבֿחים, אַז ער האָט גאַנץ גוט פֿאַרשטאַנען אַז אויך צווישן פּשוטע פֿאָלקסמענטשן, און אַפֿילו צווישן די וואָס געפֿינען זיך אויפֿן דנאָ פֿון דער געזעלשאַפֿט, איז אויך פֿאַרבאָרגן אַ מענטשלעכע נשמה ("מענדעלע מוכר־ספֿרים" *).

ווען ער רעדט וועגן שלום־עליכמען, וואָס איז ווי געזאָגט געוועזן בײַ אים באַליבט, האָט ער ניט פֿאַרגעסן צו באַמערקן, אַז פֿון זײַנע כּתבֿים דערגייט צו אונדז די שטים פֿון פּשוטן פֿאָלק, און דווקא ניט "יענע כּנסת־ישׂראל, וואָס לייגט צוויי פּאָר תּפֿילין און האָט ליב שטאַרק שלישי און שישי."

אָט דער באַנעם מי"בס וואָס שייך דעם מהות פֿון דער ליטעראַטור אין יידיש אין 19טן יאָרהונדערט, און בעיקר די ליטעראַטור פֿון זײַן צײַט, איז אויך מסוגל אויפֿצוקלערן אייניקע אַספּעקטן פֿון אידעאָלאָגיע, סטיל און זשאַנער — אין זײַנע אייגענע יידישע כּתבֿים.

ד. מאָטיוון און אידעיִשע טענדענצן אין די ״יידישע כּתבֿים״

אין פֿאַרגלייַך מיט זייַן פֿיל־באַטאָנטער דעקלאַראַציע אין אייניקע פֿון זייַנע העברעיִשע דערציילונגען, אַז זייַן כּוונה איז ״אַוועקצושטעלן אַ דענקמאָל״ און אַרויסצוברענגען פֿונעם עבֿר ״זכרון־דערציילונגען״, געוויד־מעט אַמאָליקע געשטאַלטן פֿונעם שטעטל, וואָס ער געדענקט זיי נאָך פֿון זייַנע קינדעריאָרן, איז גאַנץ אַנדערש זייַן נטיה אין די יידישע כּתבֿים. מען געפֿינט דאָ קורצע מאַנאַלאָגן, וואָס האָבן צו טאָן מיט דער לעבעדיקער קעגנוואַרט, בעת זייַן באַזוך אין זייַן היימשטאָט אַנהייב יאָרהונדערט. די מעשׂים וואָס זייַנען נאָך אין סטאַדיע פֿון אַנטוויקלונג און די פֿאַבולעס וואָס זייַנען נאָך דערווייַל ניט פֿאַרחתמעט געוואָרן מיטן חותם פֿון דורות, — דווקא אָט די טעמאַטיק דאָמינירט אין שאַפֿן זייַנעם, אין זייַן פֿיל־פֿאַרביקן זשאַנערישן קאָלאָריט. אַפֿילו דער מאַנאָלאָגישער שטייגער וואָס אַנטפּלעקט זיך דאָ גאָר בולט אַרויס איז ווי אַנגעמאָסטן פֿאַר דער געשטאַלטיקונג פֿון אַ ווירקלעכקייט, וואָס איז נאָך אין מצבֿ פֿון יוירן.

אין זייַנע יידישע כּתבֿים, און דער עיקר אין זייַנע קורצע סקיצן און נאָטיצן, פֿעלן די ספּעציפֿישע קענצייכנס פֿון קריסטאַליזירונג אין פֿאָרעם און פֿאָרמולירונג, וואָס זייַנען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר זייַנע העברעיִש־כּתבֿים, דער עיקר אין זייער דעפֿיניטיוון נוסח. אָט די אַנדערשקייט פֿון אַ טייל יידישע כּתבֿים דערקלערט זיך אפֿשר מיט די ספּעציפֿישע באַדינגונגען פֿון זייער קורץ־אָטעמדיקער פּובליקאַציע אין דער יידישער טאָגפּרעסע אין רוסלאַנד אין דער אומרויִקער רעוואָלוציע־תּקופֿה פֿון יאָר 1905. פֿון אָט די כּתבֿים, בעיקר פֿון די מאָנאָלאָגן, געוווידמעט אָט דער תּקופֿה, פֿילט מען דעם הייסן אָטעם פֿון דער רויער, קינסטלעריש אומגעצוימטער ווירקלעכקייט; זיי פֿאַרמאָגן זייער דאָקומענטאַר־אויטענטישן ווערט. דאָס זייַנען מאָנאַלאָגן אויף דער גרענעץ פֿון רעפּאָרטאַזש, וואָס באַמיִען זיך אָנסקיצירן געשטאַלטן און לאָזן הערן זייער געשפּרעך, וואָס איז גאָר נאָענט צו דער שפּעטערדיקער שריפֿטלעכער באַאַרבעטונג. אין דעם רובֿ העברעיִשע דערציילונגען זייַנע הערן זיך גאָר ווייניק די אַקטועלע אָפּ־קלאַנגען פֿון אָט דער תּקופֿה. עס ווערט דאָרט בעיקר געשילדערט דאָס יידישע שטעטל פֿון די לעצטע צענדליקער יאָרן פֿון 19טן יאָרהונדערט, אין זייַן גליוער און סטאַבילן טראַדיציאָנעלן קאָלאָריט, וואָס ווערט גאָר זעלטן אויפֿגעטרייסלט.

אַנדערש ווי אין זייַנע העברעיִשע דערציילונגען פֿילט מען דאָ אַ געוויסע

נטיה צו אידעאַליזאַציע פֿון אַט דעם ניט־ווײַטן עבֿר פֿון דער ייִדישערווירקלעכקייט מיט איר שלמותדיקייט און אויטאַריטאַרישקייט. אַזעלכע אָפּ־קלאַנגען פֿון נאָסטאַלגיע, וואָס זײַנען ווי פֿאַרוועבט אין די באַמערקונגען פֿון דעם דערציילער־געשטאַלט, זײַנען ניט־ענלעך צו יענע טענדענצן פֿון פּראָטעסט און בונטאַרישקייט לגבי דער טראַדיציאָנעלער סבֿיבֿה, וואָס מען געפֿינט אין זײַנע דערציילערישע ווידויים און אָפּהאַנדלונגען אין העברעיִש, — פֿון דער ערשטער סטאַדיע פֿון זײַן שאַפֿן, בײַם סוף פֿון 19טן יאָר־הונדערט. אין ייִדיש פֿילט זיך געוויסער אויסדרוק פֿון בענקעניש נאָך דער אויטענטישקייט פֿונעם ייִדישן לעבן פֿון אַמאָל, גלײַכצײַטיק מיטן בולט מאַכן דעם אַקטועלן קריזיס און פֿונאַנדערפֿאַל פֿון ייִדישן שטעטל און פֿון זײַנע גײַסטיקע און געזעלשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס.

צו גלײַך מיט אַט די קורצע עקסקורסיעס אין דער פֿאַרגאַנגענהייט איז מי״ב פּרינציפּיעל געבליבן געטרײַ זײַן רעוואָלטירנדיקן אויסגאַנגפּונקט; עס קומען דאָ אָבער צו נײַע אַספּעקטן בײַם קלאָר מאַכן זײַנע איבער־צײַגונגען וואָס שייך דעם היסטאָרישן גורל פֿון ייִדישן פֿאָלק און דעם קיום פֿון זײַן קולטור און טראַדיציע. יענע סקעפּטישע אײַנשטעלונג, אָנגעזאַפּט מיט טיפֿן ייִאוש, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין זײַנע פֿריִערדיקע העברעיִשע כּתבֿים, סײַ אין אַ פּערזענלעכער ווידוי־פֿאָרם און סײַ אין אַ בעלעטריסטישער געשטאַלט, איז איצט בולטער געוואָרן אין אַ נײַעם היס־טאָרישן קאָנטעקסט; דאָס אַלץ פֿונעם קוקווינקל פֿון אַ דערציילער, מייַנסטנס פֿאַרקערפּערט אין דער געשטאַלט פֿון אַ באַיאָרטן ייִדן, אַ כּלומרשט שטאַרק פֿאַרוואָרצלטן אין דעם ייִדישן טראַדיציאָנעלן לעבן־שטייגער, וואָס שמועסט געמיטלעך מיט זײַנע לייענער. באַניצנדיק געוויסע מאַסקירונג־מעטאָדן האָט מי״ב גערעדט ניט נאָר צו לייענער פֿון זײַן אייגענעם דור, וואָס האָבן געהאַט אַ הייסן אינטערעס אין דעם בײַט פֿון ווערטן אין ייִדישקייט, און וואָס האָבן זיך גערانגלט מיט זיך אַליין צוליב זייער אַמביוואַלענטער באַציִונג צו די אוצרות פֿון דער טראַדיציע און איר צוציִונג־קראַפֿט. איצט לאָזט אונדז מי״ב הערן זײַנע אידעען דורך דער פֿאַרמיטלונג פֿון זײַן וואָרטזאָגער, וואָס שמועסט מיט אַ פֿאָלקסטימלעך־טראַדיציאָנעלן עולם וואָס האָט גאָר ניט אַזעלכע ווײַט־גייענדיקע כּוונות. פֿאַר אַט דעם פּובליקום האָט ער אויפֿגעקלערט זײַנע געדאַנקען וועגן פֿאָלק ישׂראל, זײַנע לעבנס־באַדינגונגען און זײַן צוקונפֿט. ער האָט דאָ פֿאַרלאָזט זײַן דענקעריש־עסייִסטישן און פּאַטעטיש־פֿאַרנעפּלטן לשון און אים פֿאַרהיטן אויף אַ פֿאָלקסטימלעך־פֿאַרוואָרצלטער שפּראַך, באַזירט אויפֿן טאָג־טעגלעכן לעבן.

פֿון זײַנע ייִדישע כּתבֿים אין וועלכע ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט וועגן אַט

די אַקטועלע פּראָבלעמען, דערגייט צו אונדז זיין דאגה און ציטער פאַרן קיום פון ייִדנטום און די אַנגסט פאַר צעפאַלונג, גייסטיק און מאַטעריעל, אין אַווירקלעכקייט וואָס בייט זיך כסדר, אין די יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין אַזאַ מין אומעטיקער אַטמאָספער קוקט אַ מאָל צוריק זיין ייִדישלעכער וואָרטזאָגער מיט אַ געוויסער נאָסטאַלגיע צום נאָענטן עבֿר. אַזאַ מין קאָנפֿראָנטאַציע צווישן אַ מאָל און היינט געפינען מיר אין דעם בינטל נאָטיצן זיינע „אַ מאָל און אַצינד," [55] אויסגעסדרט לויט אַן אַנטיטעטישער סכעמע פון כלערליי דערשיינונגען אין דער ייִדישער ווירקלעכקייט וואָס באַטאָנט כסדר דעם קריטישן מצבֿ פון דער אַקטואַליסטישער ירידה און אָפּשוואַכונג, אין פאַרגלייך מיט דעם וואָס איז געווען אַ מאָל.

אין פאַרגלייך מיט זיין אייגענער צייט מאָלט אויס זיין מאַנאָלאָג־געשטאַלט די אַמאָליקע יאָרן מיט זייער שלמותדיקייט. דאָס איז אַ ווירקלעכקייט וואָס מי"ב אַליין האָט פריִער באַקעמפט אין איר פאַרגליווערטקייט. זיין מאַנאָלאָג־געשטאַלט האָט געלויבט דעם חסידישן רבין פון אַמאָליקע צייטן, אין פאַרגלייך מיט דעם געפאַלענעם פרעסטיזש פון זיינע מיט־צייטלער, די חסידישע מנהיגים, וואָס די אמונה איז ביי זיי געוואָרן אַ מין שאַבלאָן. אויך די היינטיקע רבנים זיינען ניט בעסער; אין פאַרגלייך מיט יענע גרויסע למדנים וואָס אַלע האָבן הויך געשאַצט זייער גדולה און בקיאות, איז איצט געפאַלן דער מעמד פון רבנים ביי וועלכע מ'פּילט ניט דעם אמתן תורה־גייסט. די כלי־קודש, וואָס אַ מאָל האָבן זיך אַלע געבענטשט מיט זייער ערלעכקייט און יראת־שמים, זיינען אויך אין אַ שפּלדיקער מדרגה. פּונקט ווי די גייסטיקע רעפּרעזענטאַנטן זיינען אין אַ ירידה, אַזוי אין אויך מיט אונדזער מאַטעריעלן מעמד; דער מסחר און די אַנדערע ייִדישע פּרנסות זיינען גאָר שטאַרק געפאַלן. ניט ווי אין די אַמאָליקע צייטן געפינט ניט קיין ייִד מזל־ברכה אין זיין מי, און אויך אַ שמחה בציבור איז שוין ניט דאָס וואָס אַ מאָל.

אין העברעיִש איז מי"ב באַקאַנט ווי אַ דענקער און פּובליציסט וואָס אינטערעסירט זיך דער עיקר מיט אונדזערע רוחניותדיקע פּראָבלעמען — און ווי אַ בעלעטריסט וואָס אַנטפּלעקט די אינערלעכע וועלט פון מענטשן אין זיינע ניט־געצוימטע נטיות און אינסטינקטן. אין דער אמתן האָט ער זיך אָבער אַ סך אינטערעסירט אויך מיט דעם עקאָנאָמישן קיום און אָבסערווירט דעם ביטערן גראַנגל פון ייִדן פאַר פּרנסה. שפּורן פון זיין לעבעדיקן

55 'יודישע כתבים', ה, זז' 13—33.

אינטערעס קען מען געפֿינען אַפֿילו אין זײַנע העברעיִשע כּתבֿים, אָבער באַזונדער אין ייִדיש.

מי״ב האָט ניט געשטעלט פֿאַר זיך, ווי מענדעלע־אַבראַמאָוויטש בשעתו, קיין קלאָרע רעפֿאָרמאַטאָרישע צילן לגבי דעם ייִדישן עקאָנאָמישן סיסטעם. גלײַכצײַטיק מיטן שילדערן די קאָלעקטיווע דערשײַנונג פֿון ייִאוּשדיקן אַרומ־יאָגן זיך נאָך פּרנסה, זײַנען פֿאַראַן אין זײַנע דערציילונגען און מאַנאָלאָגן פֿאַבולעס און סיטואַציעס וואָס קאָנצענטרירן זיך אַרום דער געשטאַלט פֿונעם יחיד און זײַן גורל, אויפֿן פֿאָן פֿון דעם גראַנגל פֿאַרן קיום. עס טרעפֿט אָז ער פֿלעכט צונויף משפּחה־באַציִונגען, סיטואַציעס פֿון שׂנאה און קאָנקורענץ, וואָס זײַנען אַ מין באַוועגונג־כּוח אין אָט דעם קיום־גראַנגל. עס טרעפֿט אָבער אויך אַז ער האָט געזען אין דעם עקאָנאָמישן מצבֿ פֿונעם יחיד די האַנט פֿון גורל וואָס איז אפֿשר גאַרניט געווען קיין פּועל־יוצא פֿון דעם אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן מצבֿ בײַ ייִדן.

מיר מוזן גלייבן באמונה שלימה, זאָגט דער דערציילער (״די בני־שמעון און די בני־לוי״ [56]), אַז עס איז פֿאַראַן אַ באַזונדערער מזל, וואָס דער־נידעריקט און דערהייבט יעטוועדן מענטשן, ווי אים איז שוין באַשערט. אָט דער לוי און שפּעטער אויך זײַנע קינדער און קינדס־קינדער קענען זיך ניט אַרויסרײַסן פֿון זייער שטענדיקער נויט כאָטש זיי באַמיִען זיך ממש אָן אויפֿהער. אָבער אַפֿילו אין די קומענדיקע דורות, גייען שמעון זײַן ברודער און זײַנע יורשים פֿאַרויס פֿון איין הצלחה צו דער צווייטער. מי״ב שילדערט אָבער אויך, דאָ און דאָרט, געשטאַלטן וואָס זײַנען מסוגל צו נעמען זייער גורל אין די אייגענע הענט און באַפֿעסטיקן זייער עקאָנאָמישן מעמד, אַ דאַנק זייער כאַראַקטער און פּערזענלעכער איניציאַטיוו, אומ־אָפּהענגיק פֿון דעם מצבֿ פֿונעם ייִדישן כּלל. אַזוי, למשל, האָט פּאַסירט מיט יענעם יונגן־מאַן, דעם בטלן, וואָס זיצט בײַ זײַן שווער אויף קעסט און וואָס גיט פּלוצעם אַ הויכן שפּרונג צו עקאָנאָמישער אַקטיווקייט אין דער וועלט פֿון מסחר, און איז מצליח (״די התחלה פֿון ראובֿעלע נאַטענזאָן״ *). דאָ איז ניטאָ קיין קאָמפּליצירטע און פֿאַרוויקלטע פֿאַבולע; דער מחבר אָבסערווירט פּשוט דעם איינזײַטיקן גאַנג פֿון כּסדרדיקן באַפֿעסטיקן זיך פֿון דעם עקאָנאָמישן מעמד פֿון אַ יחיד און ברענגט דורך־אַגבֿ גענויע פּרטים און טערמינען פֿון דער וועלט פֿון מסחר, אין וועלכע דער דערציילער ווײַזט אַרויס גרויס בקיאות און באַהאַוונטקייט.

אָט די יחידישע געשטאַלטן און זייער באַזונדערער גורל, ווי אויך דער

56 דאָרטן, ב, זז׳ 55—58.

סיפור־המעשׂה אַליין וועגן זיי, דערשײַנען אויפֿן פֿאַן פֿון אַלגעמײנעם קיבוצישן שטייגער־לעבן אין שטעטל מיט אַלע זײַנע פֿליטערלעך. דער אויפֿמערק איז אויך געלייגט אויף דער טאָפּאָגראַפֿיע פֿון אָרט, אויף דער סיטויִרונג פֿון די גאַסן און דעם אַרכיטעקטאָנישן בוי פֿון די הײַזער, ווו די מעשׂה קומט פֿאָר ("די געפֿלאָצטע סטרונע" *).

אַפֿילו אונטערן שלייער פֿון דעם געמיטלעכן שמועס, וואָס איז פֿאַרווירצט מיט שפּריכווערטער און באַגלייט מיט וויציקער פּיקחות, אַנטפּלעקט זיך אין דער אמתן אַן אומעטיקע מאַנאָטאָנע און גרויע וועלט, מיט אומאויפֿהערלעכע פֿאַרביסענע משפּחה־קריגערײַען און פֿאַרפּלאָנטערטע סיכסוכים, און דאָס אַלץ צוליב אַ קלייניקייט, אָן קיין שום סימן פֿון דער גערימטער ייִדישער סאָלידאַרישקייט און פֿון דעם געפֿיל פֿון בשותּפֿותדיקן גורל — דערשײַנונגען וועגן וועלכע מי"ב רעדט מיט גרויס חשיבֿות אין זײַנע העברעיִשע דער־ציילונגען.

אין אַ באַטײַטיקן טייל פֿון זײַנע דערציילונגען, אין ייִדיש און אין העברעיִש צו גלײַך, אַנטפּלעקט זיך אַן אַטמאָספֿער פֿון אומגליק און קאַטאַסטראָפֿע, פֿונעם העלדס ירידה ווי אַ מין אומפֿאַרמײַדלעכע גזירה פֿון גורל. דאָס קומט צום אויסדרוק אין שולמיתעס טויט פֿונעם גיפֿט פֿון אַ שלאַנג ("שולמית") [57], דעם ברודערמאָרד און די טויטשטראָף פֿון דעם ברודער דעם רוצח, אַפֿילו אין אַ סך יאָרן אַרום ("די צוויי ברידער" *), דער טויט פֿון קינדער, איינער נאָכן צווייטן, ווי אַ שטראָף פֿאַר דער זינד פֿון זייער פֿאָטער וואָס האָט פֿאַרלייקנט זײַן שבֿועה ("דער עונש אָדער די נײַע חולדה ובֿור" *), אינעם פֿאַלן פֿון העלד וואָס שטעלט אײַן זײַן לעבן כּדי צו פֿאַרטיידיקן מיט זײַן גוף אַ גאַנצע עדה ייִדן ("זיידע" *).

דער טויט דערשײַנט דאָ צײַטנווײַז ווי אַ באַוועגנדיקער כּוח פֿון דער גאַנצער דערציילונג און דינט ס'רובֿ ווי אַ סיום־אַנשפּאַר פֿאַר דער פֿאַבולע, ("די געפֿלאָצטע סטרונע" *), אָדער ווי אַ דערשײַנונג וואָס אינספּירירט פֿון דאָס נײַ אַ פּאַראַלעלע פֿאַבולע פֿון מעשׂים וואָס קומען פֿאָר אויף יענער וועלט ("גדי" * ; "זיידע" *).

אַקעגן דעם ניכטערן און דורכדרינגענדיקן קוק אויף דער משפּחהדיקער און עקאָנאָמישערווירקלעכקייט, אין זײַנע מעשׂיות און מאָנאָלאָגן, שילדערט מי"ב אויך אין אַ צאָל פֿון זײַנע ווערק אין ייִדיש סיטואַציעס פֿון אילוזיע און פֿאַנטאַזיע, ווי אַ מין אַנטלויפֿן פֿון דער דערדריקנדיקער רעאַליטעט, וואָס באַגלייט די גורל־געפּלאָגטע מענטשן. אַזוי פֿירט זיך אויף די פֿיגור

57 דאָרטן, א, ז' 23—32.

פֿון זײַן סקיצע "דער ליגנער" *, וואָס קלערט פּשוט אויס פֿאַר זיך סיטואַציעס אין וועלכע ער איז שטענדיק כּלומרשט מצליח. אַן אילוזאָרישער יסוד איז אויך פֿאַראַן אין דער דערציילונג "דער בן־יחיד" *, אין וועלכער די פֿאַר־יתומטע עלטערן רעקאָנסטרויִרן כּסדר די תּקופֿות און סטאַדיעס אין דער היפּאָטעטישער אַנטוויקלונג פֿון זייער בן־יחיד, וואָס איז פֿון זיי אַפּגעריסן געוואָרן נאָך ווי אַ קינד. אָט דער אויפֿפֿיר זייערער נעמט דאַן אַן אַ סכעמאַטיש־מעכאַניסטישן כאַראַקטער.

פּונקט אַזוי ווי מי"ב האָט געהאַט אַ נטיה צו שילדערן די גרויע וואָר און דעם טאָג־טעגלעכן קיום־געראַנגל פֿון זײַנע פּערסאָנאַזשן אַזוי איז ער צו גלײַך געווען פֿאַראינטערעסירט אין דעם עקסטאַטישן מעמד פֿון נשמה־דערהייבונג וואָס אַ טייל פֿון זיי דערגרייכן. אַזעלכע סיטואַציעס זײַנען טאַקע זעלטענער אין זײַנע יידישע כּתבֿים. דוכט זיך, אַז אין יידיש איז די אינ־ספּיראַציע דערצו געקומען פֿון אייניקע פֿון פּרצעס שאַפֿונגען. פֿון דאַנען שטאַמט אפֿשר דער איבערגאַנג צו דער ספֿערע פֿון װוּנדערבאַר־אויסטערלישן ניגון אין "די געפּלאַצטע סטרונע" *; פֿון דאַנען קומט מן־הסתּם יענע עמאָציאָנעלע איבערלעבעניש פֿון תּפֿילה און געזאַנג פֿונעם חזן, וואָס איז אָנגעסקיצירט אין זײַן מאַנאַלאָגישער שילדערונג "דער חזן" *.

צווישן די קאָמפּאָנענטן, אין אינהאַלט און בוי, פֿון מי"בס יידישע דער־ציילונגען איז קענטיק די ראָל פֿונעם פּאַראַדאָקס, סײַ אין דער לעגענדאַרער דימענסיע און סײַ בײַם שילדערן די גאָר נאָענטע ווירקלעכקייט. אַזוי, למשל, אין "דאָס פֿײַפֿעלע" * איז דאָס דאַרפֿסייִנגל וואָס ווערט באַשולדיקט פֿון, די מתפּללים אין חילול־השם, דווקא דער וואָס דרינגט אַרײַן מיט זײַן פֿײַפֿן דורך די טויערן פֿון הימל און עפֿנט זיי ברייט פֿאַר דער תּפֿילה פֿון דער גאַנצער עדה. יענעם משונהדיקן בחור, וואָס אַלע מיאוסן זיך מיט אים און דערווײַטערן זיך פֿון אים, דווקא אים גיט מען אַפּ גרויס כּבֿוד אין די עולמות־עליונים; מען פֿאַרטרויט אים דאָרט אַפֿילו די שמירה אויף איינעם פֿון די טויערן וואָס פֿירן צום ווינאָרט פֿון דוד המלך ("גדי" *). אַלע זײַנען דערשטוינט פֿון פֿאַרוואָגלטן זון וואָס איז כּלומרשט אַראָפּ פֿון גלײַכן וועג און איז פֿאַרפֿרעמדט געוואָרן צו זײַן יידישער סבֿיבֿה, ווען ער גייט אַרויס פֿאַרטיידיקן זײַנע ברידער בשעת אַ פּאָגראָם און שטעלט אײַן זײַן לעבן אין סכּנה, כּדי אָפּצוראַטעווען אַ ספֿר־תּורה ("זיידע" *).

דער פּרינציפּ פֿון פּאַראַדאָקס ווערט קוואַנטיטאַטיוו אונטערגעשטראָכן דורך אַ כּסדרדיק־אײַנזײַטיקער קאָנצענטרירונג פֿון פּרטים ביז מיר דער־גייען צום דעצידירנדיקן קולמינאַציע־פּונקט וואָס איז מסוגל איבערראַשן דעם לייענער. די נטיה צום פּאַראַדאָקס איז פּאַקטיש אַן אינטעגראַלער

קאָמפּאָנענט אין דעם אידעישן געוועב אין אָט די שאַפֿונגען פֿון מי״ב, וועלכער רעוואָלטירט קעגן דער קאָנווענציאָנעלקייט פֿון דער עקסיסטירנדיקער היעראַרכיע פֿון ווערטן אין דער ייִדישער געזעלשאַפֿט.

אין פֿלוג גענומען איז נאָך מי״ב ממשיך אייניקע טיפּישע מאָטיוון וואָס מיר געדענקען גוט פֿון פּרצעס דערציילונגען. אָבער חוץ די סטיליסטישע אונטערשיידן און דעם אַנדערשדיקן טאָפּאָגראַפֿישן פּאָן פֿון דער האַנדלונג, פֿילט מען אין זיי מער מהותדיקע אונטערשיידן אין דער קאָנצעפּציע פֿון דער געשטאַלט און אין דער שילדערונג פֿון איר סבֿיבֿה. בײַביידן געפֿינען מיר אַ טעמאַטיק פֿון משפּחה־לעבן און זײַנע קריזיסן, פֿון קראַנקייט און טויט, און פֿון עקאָנאָמישער נויט; אָבער בײַ מי״ב איז דאָס אַלץ געקומען צום אויסדרוק ניט אויפֿן פּאָן פֿון סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען און עוולות, נאָר בעיקר פֿונעם אינסטינקטיוו־חושימדיקן אויסגאַנגפּונקט פֿון די געשטאַלטן אַליין, וואָס ווערט דאָ נאָר אָנגעוווּנקען.

אין דער סכעמע פֿון די צוויי דימענסיעס, איינע — פֿון דער מיאוסער רעאַליטעט אויף דער ערד — און די צווייטע, די הימלישע, אין דער דערציילונג ״גדי״ * איז אפֿשר פֿאַראַן אַ קלאָרער אָפּקלאַנג פֿון פּרצעס נוסח אין ״באַנטשע שווײַג״, אָבער דאָ פֿעלן יענע בולטע סאָציאַלע אַקצענטן; ווײַל פֿאַר מי״ב איז געווען דער עיקר דער גורל פֿון מענטשן אין זײַנע גלגולים. אין פּרצעס דערציילונגען פֿון דער קעגנוואַרט, איז דער טויט ניט קיין גזירה פֿון אַ שטומען־אַכזריותדיקן גורל, נאָר בעיקר אַ רעזולטאַט פֿון נויט און פֿאַרוואָרלאָזטקייט. אַקעגן דעם לאָזן זיך אָבער באַמערקן אייניקע באַרירפּונקטן צווישן ביידן פֿון סטרוקטורעלן קוקווינקל; ביידע זײַנען נוטה סכעמאַטיש צו אָרגאַניזירן די מעשׂים און רעאַקציעס אין אַנטיטעזעס אָדער אין אַן איינזײַטיקער לינעאַר־ער סעקווענץ.[58] אַזאַ מין איינזײַטיקע אָרגאַניזאַציע פֿון מעשׂים און פֿאַקטן, תּמיד אין דער זעלבער ריכטונג, פֿאַרמינערט זייער באַגלייבטקייט, אַפֿילו ווען די שילדערונגקאָמפּאָנענטן אַליין פֿון ייִדישן לעבן־שטייגער זײַנען פּרטימדיק פֿאַרגעשטעלט. אַקעגן זשע די הימלישע ווירקלעכקייט אין אַ דערציילונג ווי ״גדי״ זעט אויס ווי אַ ביסל אינסצעניזירט. עס פֿעלט איר יענע מיטיש־דעמאָנישע באַגלייבטקייט, וואָס מיר געדענקען נאָך פֿון מי״ב אייניקע העברעיִשע ווערק און עס איז ניטאָ דאָ די איראָניש־שפּילעוודיקע פּערספּעקטיוו פֿון

58 זען: ״אמנות הסיפור של י. ל. פרץ״, אין מײַן בוך ׳סיפור ושורשו׳, רמת־גן 1971, זז׳ 130—132.

פרצן, ווען ער שילדערט די אימאַגינאַטיווע יענע־וועלט אין וועלכער עס ווערן מגולגל זייַנע העלדן.

די יידישע כּתבֿים פֿון מי״ב ברענגען אונדז וויכטיקע דערגאַנצונגען, וואָס דערמעגלעכן דאָס באַנעמען זייַן באַציִונג צו חסידות אין אירע וואַנדלונגען.[59] די ניואַנסן און שאַטירונגען פֿון זייַן צוגאַנג צו חסידות זייַנען געקומען צום אויסדרוק סיי אין טעמעס־אָפּקלייַב און סיי אין דעם שטייגער פֿון זייער בעלעטריסטישער אינטערפּרעטאַציע. כאַראַקטעריסטיש פֿאַר זייַן אינדיווידועלן צוגאַנג איז זייַן יידישע אינטערפּרעטאַציע פֿון דער מעשׂה ״דאָס פֿייַפֿעלע״ *, וואָס איז באַזירט אויף דער חסידישער זאַמלונג ׳קהל חסידים׳, און וואָס איז באַאַרבעט געוואָרן דורך מי״ב אַליין אויך אין צוויי העברעיִשע וואַריאַנטן, אין ׳אגדות וצפֿונות׳ [60] און אין ׳ממקור ישראל׳. אין זייַן יידישן נוסח פֿון אָט דער מעשׂה פֿילט מען זייַן נטיה צו געבן אַ באַזונדערע ראָלע דער געשטאַלט פֿון דערציילער אַליין, לויט דעם נאַראַטיוון שטייגער פֿונעם חסידישן מקור און פֿון מי״ב אַליין אין זייַן העברעיִשער אינטערפּרעטאַציע, אין וועלכער מיר געפֿינען די שפּורן פֿון זייַן אייגענער אידעאָלאָגישער טערמינאָלאָגיע און אינדיווידועלער לעקסיק, ווי אין זייַנע איבעריקע העברעיִשע כּתבֿים. אין יידיש דערשייַנט פֿאַר אונדז דער דערציילער־אינטערפּרעטאַטאָר מיט זייַן פֿרום־פֿאָלקסטימלעכן לשון פֿון אַ חסיד; אָבער די פֿאַרבאָרגענע טענדענץ זייַנע אַנטפּלעקט זיך אויך דאָ, פֿאַקטיש פּאַראַלעל צום נוסח פֿון ׳אגדות וצפֿונות׳, וואָס אַקצענטירט דעם אַנטי־אינסטיטוציאָנעלן יסוד פֿון דער רעליגיעזער איבער־לעבעניש און וואָס אידעאַליזירט דעם גייַסטיקן כּוח פֿון עם־האָרץ, אַפֿילו אין פֿאַרגלייַך מיט דער מדרגה פֿון דעם בעל־שם־טובֿ אַליין.

פֿאַקטיש האָט מי״ב ניט איבערגעלאָזן אין זייַן חסידישער טעמאַטיק אין יידיש קיין צענטראַלע ראָלע פֿאַר דעם צדיק, נאָר ער האָט זיך אינ־טערעסירט דווקא מיט די וואָס נייטיקן זיך אין זייַן עצה ווען זיי זייַנען אין אַ צרה. אין דער דערציילונג ״דער עונש״ פֿילט מען אַ געשפּאַנטע דערוואַרטונג פֿונעם חסיד ערבֿ זייַן באַגעגעניש מיט דעם חוזה פֿון לובלין, ווען ער האָט אַ סך געהאָפֿט אויף זייַן עצה. אָבער ווי אַ צענטראַלע געשטאַלט צייכנט זיך דאָ אויס דער חסיד אַליין, דער חוזר־בתשובֿה, מיט זייַנע איבערלעבענישן און שטימונגען. צום חסידיש־גאָטספֿאַרכטיקן מקור פֿון דער דערציילונג האָט מי״ב צוגעגעבן זייַן אייגענעם קאָלאָריט:

59 זען: ״החסידות בעולמו של ברדיצ׳בסקי״, דאָרטן, זז׳ 116—117.

60 ׳אגדות וצפונות׳, תל־אביב 1960, ז׳ שיא.

דעם אַקצענט אין דער שילדערונג האָט ער געלייגט אויף דעם כּוח פֿונעם אומפֿאַרמײַדלעכן גורל און אויפֿן געפֿיל פֿון מענטשנס אָנמעכטיקייט, וואָס מאַטערט זיך כּסדר אין זײַן עקשנותדיקן גראַנגל פֿאַרן ביאָלאָגישן המשך, כּדי אויפֿצושטעלן אַ דור פֿון קינדער וואָס וועט בלײַבן לעבן. דאָס מאָל געווינט ער אין גראַנגל.

אין אַנדערע דערציילונגען זײַנע אין יידיש פֿון נאָענטן חסידישן שטייגער־לעבן איז ניט ווייניק פֿאַרטונקלט געוואָרן דער אַרעאַל וואָס האָט אײַנגעהילט די געשטאַלטן פֿון אַמאָליקע חסידישע מנהיגים. איצט פֿילט מען דאָ אַן אַטמאָספֿער פֿון וואָכעדיקייט און גרויקייט. די קאָמ־פעטענץ פֿונעם רבין איז נאָך ניט אין גאַנצן פֿאַרבײַ, אָבער זײַן גײַסטיקע אינספּיראַציע איז שוין איצט גאַנץ פּראָבלעמאַטיש. עס טרעפֿט אַז זײַנע עצות ווערן גאָר ניט מקויים און זײַנען ניט בכּוח אומצובײַטן צום גוטן דעם פֿאַרשטערטן שלום־בית (״די פֿיר שטעקנס״ *). פֿאַקטיש זײַנען דאָס רעאַליסטישע שילדערונגען, אָן דער מאַגישער אַטמאָספֿער פֿון אַ מופֿת און אַ ווונדער.[61] דער רבי איז זיך נאָך טאַקע נוהג אַרײַנצומישן זיך אין משפּחה־לעבן פֿון די וואָס קומען צו אים נאָך אַן עצה. אָבער אַט די דערציילונגען מער ווי זיי קומען באַשײַנען און באַזינגען חסידות, קומען זיי דעמאַנסטרירן דאָס אויספֿעלן פֿון וויזיע און אינספּיראַציע אין דער חסידישער וועלט. זייער אמתער תּכלית איז שילדערן דעם מצבֿ פֿון קריזיס אין יידישן משפּחה־לעבן, וואָס פֿירט זיך אָן ליבע — אַ בולטע טעמע בײַ אים אין זײַנע דערציילונגען איןביידע לשונות.

עס טרעפֿט אַ מאָל, אַז די עקסיסטענץ פֿון דעם גלויביקן און תּמימות־דיקן חסיד באַקומט אין אַט דעם מין דערציילונגען אַ פּסעוודאָלעגענדאַרן קאָלאָריט. אַזוי איז מיט ״די געשיכטע פֿון אומגעקערטן פּאַנטאָפֿל״ *, וואָס באַוועגט זיך אַרום אַן אַנעקדאָטאַרישער אַקס פֿון אַ קייט טעותים, וואָס שטאַמען כּלומרשט פֿון דעם שׂטנס שפּיצלעך. אויך דער סטערעאָטי־פּישער נוסח פֿון יראת־שמים איז אָנגעזאַפּט מיט שפּאַסיקע רמזים.

אין ״פּסול געוואָרן״ * פֿאַרשפּילט דער סאָלידער חסיד זײַן אײַנגעפֿונדע־וועטע וועלט צוליב די שטרויכלונגען פֿונעם יצר־הרע און ברענגט צו דעם אַז מענטשן זאָלן זיך פֿון אים אָפּטרייסלען — און אַלץ צוליב דעם וואָס ער האָט געקושט זײַן שנור, די יפֿת־תּואר, פֿאַר מענטשן אין די אויגן. זײַן באַשלוס תּשובֿה צו טאָן און אַרומוואַגלען איבער ווײַטע מקומות שטאַמט גאָר ניט פֿון זײַן רבינס אינספּיראַציע און עצה; אַפֿילו

61 זען אויך: ״וואָס סע טרעפֿט זיך״, ״יודישע כּתבֿים״, א, זז׳ 209—213.

זײַן טיפֿע חרטה קען שוין ניט געבן דעם זינדיקן דאָס געפֿיל פֿון רו און אָנטשפּאַנונג. אַזאַ דערציילונג איז ווייניקער אויסן צו שילדערן דעם חסידישן לעבן־שטייגער, ווי אָפּהיטן די טיפּישע סטרוקטור־סכעמע פֿון די דערציילונגען פֿון מי״ב אַליין: דער מעמד פֿון פֿולער הצלחה וואָס קערט זיך פּלוצעם אָפּ פֿון זײַנע הויפּטגעשטאַלטן צוליב זייערער אָן אומפֿאַרמײַדלעכער זינד און דעם קריטישן קולמינאַציע־פּונקט מיט וועלכן עס הייבט זיך אָן דאָס ניט־געהאָמעוועטע קײַקלען באַרג אַראָפּ.

מי״ב איז געווען פֿאַרבונדן מיט דער טראַדיציע פֿון דער חסידישער מעשׂה, און האָט זיך באַניצט מיט אירע מקורות, צוגעבנדיק זײַן אייגענעם פּירוש. ער האָט אָבער אויך פּאַקטיש בטל געמאַכט איר טראַדיציאָנעלע קאָנסטרוקציע פֿון דעם אינספּירירנדיקן צדיק דעם העלפֿער — און דעם חסיד זײַנעם וואָס ווערט דורך אים געהאָלפֿן. אָט דעם ספֿק אין דער כאַריזמע פֿון די פֿירער פֿון חסידות — און אין איר אידעיִשן יסוד — פֿילט מען אין זײַן שפּעטערדיקער העברעיִשער תּקופֿה און נאָך בולטער אין זײַנע יידישע כתבֿים.

ה. די דערציילער־געשטאַלט אין אירע אַנטפּלעקונגען

די אַקטיווע אָנוועזנהייט פֿון דער דערציילער־געשטאַלט בײַ מי״ב איז ווי אַ רינגעלע וואָס פֿאַרבינדט צווישן ביידע שפּראַכיקע תּחומים. די דאָזיקע געשטאַלט ווערט אויטאָנאָם לגבי מי״ב דעם מחבר אַליין און פֿאַרוואַנדלט זיך אין אַ מין טאָפּל־פֿיגור, וואָס אינטערפּרעטירט כּסדר לויט אירע אייגענע השׂגות די יידישע ווירקלעכקייט, די העלדן אין די ווערק און דעם דערצייל־פּראָצעס אַליין.[62] פֿאַראַן דאָ אַ פּרווו אָנצוהאַלטן אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט דעם לייענער עולם[63] און אַ מין מעמואַריס־טיש־אויטאָביאָגראַפֿישער צוריקבליק, וואָס שטרײַכט אונטער דעם צײַט־מרחק וואָס איז פֿאַרלאָפֿן זינט דער געשילדערטער פּאַסירונג.[64] עס טרעפֿט אויך, אַז ער דעפֿינירט זײַן ראָלע ניט מער ווי אַ דערציילער פֿון זכרונות

62 וועגן דער ראָל פֿון דער דערציילער־געשטאַלט אין זײַנע העברעיִשע ווערק, זען: י. אבן, ״מחברם הבדוי של סיפורי ברדיצ׳בסקי״, ׳מאזנים׳, מג (תשכ״ה/ו), זז׳ 376—380.

63 זען: ״בבטן אמם״, ׳כתבי מיכה יוסף בן־גריון (ברדיצ׳בסקי) — סיפורים׳, תל־אביב תש״ך, ז׳ קא.

64 זען אין די דערציילונגען: ״נתן בן נתן״, דאָרטן, ז׳ קכו; ״יעקב טירדין״, דאָרטן, ז׳ קיד; ״שני יוסף״, דאָרטן, ז׳ קיד.

און טרייסלט זיך כּלומרשט אָפּ פֿון דעם סטאַטוס פֿון אַ פּראָפֿעסיאָנעלן מחבר.[65]

אין ייִדיש האָט זיך מי״ב באַנוצט מיט יענע דיגרעסיווע שיטות מצד דער דערציילער־געשטאַלט, וואָס זײַנען שוין געווען באַקאַנט פֿון זײַנע דערציילונגען אין העברעיִש, סײַ לויט זייערע פֿאָרמולעס און סײַ לויט זייער אינהאַלט; דאָ זײַנען אָבער צוגעקומען צו אָט דער געשטאַלט אויך גאַנץ נײַע לבֿושים. די דאָמינאַנטע פּערסאָנאַ, וואָס באַגלייט די דערציילונגען מיט אירע ראַנד־באַמערקונגען, אָדער וואָס שיילט זיך אַרויס פֿון ניט־ווייניקע אַקטואַליסטישע מאָנאָלאָגן, רעפּרעזענטירט מיט זיך אַ ייִדן וואָס איז באַהאַוונט סײַ אין ענינים פֿון ייִדישקייט און סײַ אין לויפֿיקע, טאָג־טעגלעכע ענינים — און זײַן אויסדרוק־פֿאָרם איז אַ פֿאָלקס־טימלעך־פֿרומע. זײַט בײַ זײַט מיט אים איז פֿאַראַן אין פֿאַרשיידענע כּתבֿים זײַנע, בעיקר אין העברעיִש, אַ דערציילער־געשטאַלט וואָס איז טיילווײַז אויטאָביאָגראַפֿיש און צום טייל אויסגעקלערט.

מי״ב אַליין האָט דערקלערט פֿאַר זײַן פֿרײַנד ברענער, אין יאָר 1912, דעם חילוק צווישן זײַנע כּתבֿים מיט זייער פּערזענלעכן הינטערגרונט, ווי „מחניים" למשל, און צווישן זײַנע שפּעטערדיקע כּתבֿים אין העברעיִש און אין ייִדיש, „וואָס אין זיי איז שוין ניטאָ קיין שרײַבער וואָס דערציילט פֿון זיך אַליין, נאָר וועגן געשעענישן און אַ לעבן וואָס דערשײַנען אויטאָנאָם."[66]

אין פֿאַרגלײַך מיט דער טיפּישער שיטה פֿון מי״ב אין זײַנע העברעיִשע דערציילונגען צו רעפּרעזענטירן זײַנע געשטאַלטן אויף אַ רעזומירנדיק־תּמציתדיקן שטייגער, געזען פֿונעם שפּעטערדיקן קוקווינקל פֿון דעם שוין דערוואַקסענעם מחבר, ווערט דורך אים אין ייִדיש קאָנקרעטיזירט די וועלט פֿון זײַנע פּערסאָנאַזשן, ס׳רובֿ דורך אַ מאָנאָלאָגישן הווה בשעת דער מחבר, דער רײַזנדיקער וואָס אינטערוויויִרט, באַגעגנט זיך מיט זיי בשעת זיי זײַנען שוין אין זייער שקיעה־צושטאַנד. ער הערט זיך צו ווי אַזוי זיי ריידן זיך אַראָפּ פֿאַר אים פֿון האַרצן, ווי פֿאַר אַ מענטשן וואָס מען האָט צו אים צוטרוי. אין פֿאַרגלײַך מיט זײַנע העברעיִשע דערציילונגען שילדערן די פּערסאָנאַזשן אין ייִדיש זיך אַליין און זיי אַנטפּלעקן

65 זען: „אחינו אתה", דאָרטן, ז׳ קיט. וועגן דער גרענעץ צווישן אויטענטישע פֿאַקטן און ליטעראַריש־פּסיכאָלאָגישער מאָטיוויק אין די ייִדישע דערציילונגען בײַ מי״ב, זען: ד. סדן, „שלושה סיפורים וסביביהם", ׳אבני גדר׳. רמת־גן 1970, ז׳ 95.

66 ׳מ״י ברדיצ׳בסקי — יוסף חיים ברנר: חליפת אגרות׳, ז׳ 95.

זייער לעבן און גורל, אין זייערע אינטימע מחשבֿות, דורך אַליין־אָבסערוואַציע און מיט אָפֿנהאַרציקייט. אַזוי ווי אין העברעיִש איז אויך דאָ פֿאַראַן אַ שטענדיקער קאָנטאַקט מיטן לייענער מכּוח דעם מעדיום מיט וועלכן דער דערציילער באַניצט זיך. ער גיט אָפּ דעם לייענער אַ דין־וחשבון וועגן זײַנע דערציילערישע כּוונות. אָבער צו גלײַך מיט דעם פֿילט מען דאָ אויך דעם דיגרעסיוון שטייגער פֿון דעם טראַדיציאָנעל־פֿרומען נוסח, וואָס איז מער כאַראַקטעריסטיש פֿאַר די אַמאָליקע סיפּורי־מעשׂיות.

אַ באַטײַטיק אָרט ווערט דאָ אָפּגעגעבן די באַמערקונגען פֿונעם דער־ציילער וועגן זײַן קונסט. עס טרעפֿט אַז ער גרויסט זיך גאָר ניט מיט זײַן שילדערונג־כּוח. אַזוי רופֿט ער אויס אין דער טראַדיציע פֿון פֿאָלקס־דערציילער: "וואָס זאָל איך נאָך אָפּמאָלן שולמיתן — מײַן פּען איז צו שוואַך דערצו."[67] געטרײַ צו אָט דער שיטה פֿון האַלטן זיך כּלומרשט באַשיידן וואָס שייך זײַן אויסדרוק־פֿעיִקייט, באַמערקט ער ווידער מיט אַ פֿאָלקסטימלעך־דערציילערישער פֿאָרמולע אין "דער בן־יחיד" * : "דאָס אַלץ אָפּצומאָלן פֿאַרמאָגט נישט אַ פּען פֿון אַ ילוד־אשה."

אויך די שיטה פֿון האַמעוועגן בכּוונה דעם נאַטירלעכן דערציילעריש־פֿאַבולאַרישן גאַנג ווערט דורך אים באַניצט אין אָט דער דערציילונג "דער בן־יחיד"; טאָמער מיינט דער לייענער אַז די פֿאַבולע איז שוין דערגאַנגען צום סוף, האָט ער גאָר אַ טעות, ווײַל ערשט איצט, מיט דעם כּלומרשטן סיום, הייבט ער אָן צו דערציילן. עס טרעפֿט אויך, אַז שמועסנדיק מיטן לייענער ענטפֿערט ער אויף זײַנע היפּאָטעטישע שאלות בײַם לייענען — וואָס איז דער טעם פֿון דער טעמע אַליין און ער פֿאַרזיכערט אים ממש, אַז זײַנע קשיות וועלן שוין פֿאַרענטפֿערט ווערן אין גאַנג פֿון דערציילן ("גדי").

פֿאַראַן דאָ באַמערקונגען אויפֿן ראַנד פֿון די שילדערונגען וואָס האָבן אַ דידאַקטישן כאַראַקטער. עס טרעפֿט אַז ער איז זיך נוהג אָנצוהייבן מיט אַן אַלגעמיין־מאָראַלישער סענטענץ, וואָס זײַן דערציילונג וועט ווײַטער קאָנקרעט אילוסטרירן, ווי למשל דורך דער העברעיִשער סענטענץ: "אל תהי בז לכל אדם" ("גדי"). די מעשׂה "דער קאָוואַל וואָס האָט פֿאַרסמט זײַן ווײַב", וואָס ער האָט כּלומרשט פֿאַרצייכנט פֿון מויל פֿון דער הויפּטגעשטאַלט אַליין, האָט ער געבראַכט כּדי דער לייענער זאָל זיך

[67] "שולמית", ׳יודישע כתבֿים׳, א, ז׳ 27.

אַראָפּנעמען דערפֿון אַ מוסר־השׂכל.[68] ער זעט אויך פֿאַר זיך די פּאָטענציעלע ספֿקות פֿון דעם לייענער וועגן דער מאָס פֿון גערעכטיקייט וואָס אַנטפּלעקט זיך אין גאַנג פֿון דער האַנדלונג אין זײַן דערציילונג. ער איז דעריבער מקדים צו דערקלערן די שטרענגקייט פֿון דער שטראָף מיט אַ טאָן פֿון גאָטספֿאַרכטיקייט און מיט אַ תּירוץ פֿון אַ כּלומרשטן צידוק־הדין ("דער עונש" *).

דער דערציילער איז אַנגאַזשירט אין דעם דערציילטן ניט נאָר ווי אַן אָבסערוואַטאָר און צוהערער אַליין, נאָר ער האָט אין דעם אַ געוויסן חלק. כאָטש ער איז אַן אימאַגינאַטיווע געשטאַלט וואָס בײַט זיך אין פֿאַרשיידענע ראַמען, דערטראָגן זיך צו אונדז אין אַ טייל מאָנאָלאָגן מיט אַן אויטאָביאָ־גראַפֿישן כאַראַקטער אַפּקלאַנגען פֿון דער פּריוואַטער וועלט פֿון מי"ב דעם מחבר אַליין ("אַ וועלט מיט וועלטלעך" *). ער ברענגט דאָ אַרויס, בײַם ראַנד פֿון דער פֿאַבולע, אייניקע זכרונות וועגן זײַנע ערשטע און שעמעוו־דיקע ראָמאַנטישע געפֿילן אין זײַן קינדהייט, אין אַ שפּעטערדיקער כראָ־נאָלאָגישער פּערספּעקטיוו, געזען פֿון זײַן ווינאַרט אין דער פֿרעמד, צווישן גויים. ער האָט דאָ אויך דערמאָנט דרך־אַגבֿ די מעשׂיות וואָס ער האָט געהאַט געהערט פֿון זײַן מאַמען און פֿאַרצייכנט צו גלײַך מיט בענקשאַפֿט, ווי ווײַט ער האָט צו פֿאַרדאַנקען זײַנע עלטערן פֿאַר אַלץ וואָס זיי האָבן אים באַשאַנקען אין זײַן קינדהייט. בײַ דער געלעגנהייט איז ער אַפֿילו מודה, אַז עס איז געווען אַ נאַרישקייט פֿון זײַן זײַט, אַז ער, אַ רבֿס אַ זון, זאָל פֿאַרלאָזן אָט די ירושה, אַוועקגיין אין דער פֿרעמד און ווערן "אַ גוי".

ראַנד־באַמערקונגען פֿון אָט דעם שטייגער זײַנען אַ געמיש צווישן אינסצע־ניזירטער פּשטות פֿון אַ פֿאָלקס־דערציילער וואָס לאָזט אונדז הערן תּמימות־דיק זײַן מעשׂה און צווישן אַן איראָנישער אָריענטאַציע, וואָס איז פֿאַרבאָרגן צווישן די שורות. אויך אין אָט די "אויטענטישע" דיגרעסיעס וועגן זײַן פּריוואַטן לעבן איז פֿאַראַן ניט ווייניק פֿונעם שפּיל צווישן אימאַגינאַציע און רויערווירקלעכקייט.

אויטענטישע פּרטים, וואָס זאָגן עדות וועגן דעם לעבן פֿונעם מחבר, זײַנען אַרײַנגעפֿלאָכטן דרך־אַגבֿ אין די מאָנאָלאָגן וואָס ער האָט פֿאַרשריבן, בעיקר בשעת זײַן באַזוך אין זײַן היימשטאָט, אין יאָר 1903. זײַנע מיטשמועסער צווישן זײַנע בני־עיר, ס'רובֿ פּשוטע פֿאָלקסמענטשן, דערציילן אָפֿנהאַרציק וועגן זייערע דאגות פֿאַר "רב יאָסל", דעם מחבר אַליין, און בעטן בײַ אים הילף און אַן עצה. כאָטש ער היט אָפּ די דיסטאַנץ פֿון אַ צוהערער וואָס

68 דאָרטן, ז' 144.

רײַסט ניט איבער די רייד פֿון זײַנע מיטשמועסער, פֿילט זיך אָבער גאַנץ קלאָר זײַן אָנוועזנקייט.

אַזוי, למשל, קומט צו אים נאָך אַן עצה אַ דאַרפֿסײַד, אַ כּבֿד־פּה, וואָס האָט געהערט, אַז דער אורח וווינט ערגעץ ווײַט פֿון דאַנען, אין דײַטשלאַנד. ער קען זײַן טאַטן, דעם רבֿ, און דערמאָנט אים זײַנע יוגנטיאָרן.[69] אַן אַנדערער דערמאָנט אים, ווי אַזוי ער איז געזעסן לעבן אים אין חדר, ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד און טראַכט זיך אַרײַן ווי אַזוי די צײַט לויפֿט אוועק אומבאַמערקט. ער איז אים אַפֿילו מגלה, ווי אַזוי זײַן ווײַב האָט שוין פֿון לאַנג נבֿיאות געזאָגט, אַז "יאָסל דעם רבֿס" וועט נאָך דערגיין ווײַט.[70]

איינע פֿון זײַנע מיטשמועסערינס, אַן עלטערע ייִדענע, געדענקט נאָך זײַן פֿאַרשטאָרבענע מאַמע, און אויך אים אַליין ווי אַ קליין ייִנגל. זי באַדויערט וואָס די מאַמע זײַנע האָט שוין ניט זוכה געווען צו זען ווי אַזוי ער איז עולה לגדולה געוואָרן, איצט ווען ער איז שוין "אַ דאָקטאָר", און ער איז אַזוי באַרימט צוליב זײַן שיינעם העברעיִש, וועגן וועלכן מען רעדט אין שטאָט. זי גרויסט זיך מיט אים און וואָלט געוואָלט זען אויך אירע זין אין אַזאַ מעמד ("פֿונעם רײַזעביכל: די וועלט איז גרויס" *).

אַן אַנדער ייִד, אַ ירא־שמים, וואָס פּרוּווט אויך זײַן אַ מחבר, קומט צו אים בעטן הילף אַפּצודרוקן זײַן חיבור. אויך אַ "הסכּמה" זײַנע איז אים אוודאי נייטיק, אַפֿילו ווען ער האָט געהערט אַז דער אורח איז אַ דאָקטאָר וואָס איז ניט אַפּגעהיט אין מקיים זײַן די מצוות. ער איז גרייט פֿאַרגעסן וועגן דעם, ווײַל בײַ אים אין די אויגן איז ער נאָך אַלץ געבליבן "יאָסל דעם רבֿס".[71]

אין פֿאַרגלײַך מיט זײַנע ערשטע העברעיִשע דערציילונגען, אין וועלכע זײַן דערציילערישער "איך" אַנטפּלעקט זיך אויף אַן עגאָצענטרישן ווידוי־שטייגער, דערשײַנט דאָ אַזוי אַרום זײַן פּערזענלעכקייט דורך דעם מאָנאָ־לאָג־געוועב, געזען דורך זײַנע בני־עיר; אָט די עפּיזאָדישע אָנגעוווּנקענע זכרונות וועגן אים זײַנען ניט קריסטאַליזירט געוואָרן דערציילעריש און סטיליסטיש. מי"ב אַליין רעאַגירט ניט אויף דער דרויסנדיקער פּערספּעקטיוו

69 "דער דאָרפֿסײַד", דאָרטן, ג, זז' 92—93.

70 "אַ ציגאַר", דאָרטן, ג, ז' 94.

71 "דער בעל־מחבר", דאָרטן, זז' 99—100. דער אייגן־נאָמען פֿון מי"ב ווערט אויך דערמאָנט דורך די מיטשמועסער זײַנע אין אַנדערע מאָנאָלאָגן, ווי: "פֿון טעפּ צו פּאָסע" (דאָרטן, ז' 96), "איידעמס" (דאָרטן), "איציקל" (דאָרטן, ז' 100), וכּדומה.

פֿון זײַן פּערזענלעכקייט; דוכט זיך אַז ער נעמט זי אויף מיט פֿילזאַגנדיקן שווײַגן.

די ראַנד־באַמערקונגען פֿון מי״ב אַליין, אַדער פֿון זײַנע וואָרטזאָגער, באַגרענעצן זיך ניט נאָר צו ענינים וועגן דערציילקונסט אָדער צו אויטאָ־ביאָגראַפֿישע רמזים; פֿאַראַן אין זיי ניט ווייניק דיגרעסיעס פֿון אַן אידעיִשן כאַראַקטער, ס׳רובֿ פֿאַרשלייערט אין אַ דידאַקטיש־פֿרומען נוסח. עס טרעפֿט, אַז עס דערשײַנען דאָ פֿון דאָס נײַ זײַנע מחשבֿות, וועלכע ער האָט שוין בשעתו אויסגעדריקט, קלאָר און מוטיק, אין זײַנע מאמרים און דערציילונגען אין העברעיִש.

אַזוי באַקלאָגט ער זיך, בײַם ראַנד פֿון דער דערציילונג ״שולמית״, אויף דער אָנגענומענער טענדענץ אין דער טראַדיציאָנעלער ליטעראַטור בײַ ייִדן, אָפּגעבן זיך מיינסטנס מיט באַרימטע לײַט, צדיקים און תּלמידי־חכמים, ״אָבער פֿון די וואָס האָבן ליב געהאַט שיינקייט און זײַנען טאַקע אין דעם גרויס, שטייט ווייניק געשריבן.״ [72] אין די באַמערקונגען צו ״דער עונש״ הערט מען אַן אָפּקלאַנג פֿון דער פּראָבלעם וועגן גוטס און שלעכטס — און וועגן דער פּערמאַנענטער שפּאַנונג צווישן זיי אין דער נשמה פֿון מענטשן. די דאָזיקע מחשבֿות דערוויטערן זיך פֿון טראַדיציאָנעל־פֿרומען באַנעם און פֿאַרקניפּן זיך מיט זײַן אייגענער מאָטיוויק אין זײַנע אַנדערע ווערק.

אויך דער פֿאַטאַליסטישער קוק פֿונעם דערציילער וועגן דעם כּוח פֿון גורל, ווי ״זייערע מזלות זײַנען געווען געבייט נאָך דער אייגענער מאָס ווי זײַן מזל, און מען קאָן דאָס נישט מאַכן אַנדערש, כאָטש גיי דראָפּע זיך אויף די גלײַכע ווענט״ [73] — איז אונדז שוין אויך באַקאַנט ווי איינער פֿון מי״בס מאָטיוון.

אין הסכּם מיט די אָנגענומענע דעפֿיניציעס וועגן מי״ב דעם דערציילער קען מען זען אין דער מעשׂה ״דער עונש״ אַ פּרוּוו צונויפֿצוגיסן דעם זשאַנער פֿון אַ חסידישער מעשׂה מיט דער כּמעט־מיטאָלאָגישער וועלט, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין די נאַטור־דערשײַנונגען, וואָס באַגלייטן די פֿײַנפֿולע איבערלעבענישן פֿונעם מענטשן. דעם חסידס חרטה־געפֿילן ווערן באַגלייט מיט אַ שלאַקסרעגן, ווי אַ מין אוראַלטער מבול וואָס קומט אָפּ־שווענקען און פֿאַרפֿלייצן די זינד. ס׳ווײַזט זיך אַרויס, אַז מי״ב איז דאָ געבליבן געטרײַ זײַן עקסיסטענציעלן באַנעם אין ביידע שפּראַכיקע תּחומים,

72 ״שולמית״, דאָרטן, א, ז׳ 26.

73 ״די בני־שמעון און די בני־לוי״, דאָרטן, ב, ז׳ 58.

ניט געקוקט אויף זײַן דעקלאַרירטער כּוונה אָפּצוטיילן צווישן זייער מהות און אינהאַלט.

אין געוויסע באַמערקונגען מצד דער דערציילער־געשטאַלט אין זײַנע ייִדישע כּתבֿים לאָזט זיך פֿילן אַ גרויסע סענסיטיווקייט לגבי דער היסטאָרישער צײַט־דימענסיע. ער באַצייכנט דעם קנופּ צווישן איין תּקופֿה און דער צווייטער, כאָטש דער כראָנאָלאָגישער מרחק צווישן זיי איז גאָר אַ ווײַטער. לויט אָט דער אַנאַכראָניסטישער קאָנצעפּציע, וואָס איז בולט אַנטוויקלט און אילוסטרירט געוואָרן אין זײַנע העברעיִשע כּתבֿים, עקסיסטירט אין אַ ייִדיש שטעטל אַ קעגנזײַטיקע באַציִונג צווישן צוויי צײַט־קאָנצענטרען — פֿון קדמוניותדיקע צײַטן און פֿון דער נאָענטער ווירקלעכקייט. אָט די קעגנזײַטיקע באַציִונג איז גורם בײַ אים צו דער אַקטואַליזאַציע פֿון אונדזער אַלטן עבֿר און צו דער אַרכאַיִזאַציע פֿון דער נאָענטער ווירקלעכקייט.

די צײַט־פֿאַרבינדונג אין זײַנע היסטאָרישע דערציילונגען און אגדות אין ייִדיש שטיצט זיך ניט נאָר אויפֿן אויפֿדעקן העראָיִשע מעשׂים אין אַלע צײַטן; אויך מענטשלעכע שוואַכקייטן און חטאים עקסיסטירן אַ מאָל און הײַנט צו גלײַך, אַפֿילו אין דער אַמאָליקער אידעאַלער צײַט, ווען דאָס פֿאָלק ישׂראל איז געזעסן אין זײַן היימלאַנד. אין דער דערציילונג "טרערן" *, פֿון די צײַטן פֿון בית־שני, ווײַזט אָן דער דערציילער אויף מעשׂים פֿון לוקסוס און פֿאַרשווענדערישקייט און באַמערקט אַז אויך אין יענע צײַטן האָט מען זיך געפֿירט אַזוי ווי הײַנט און די דעמאָלטיקע ירושלים איז גאָר ניט געווען אַזוי פֿול מיט יושר און גערעכטיקייט.

פּונקט אַזוי ווי מי״ב פֿירט אַריבער, אין זײַנע דערציילער־באַמערקונגען, די אַקטואַליסטישע נעגאַטיווע דערשײַנונגען אין דער ייִדישער עדה אין דעם עבֿר פֿון דער אַמאָליקער מדינה, ווײַזט ער אָן אויך אין ייִדיש ניט איין מאָל אויף די וואָרצלען פֿונעם עבֿר וואָס זײַנען פֿאַרבאָרגן אין דער געשילדערטער אַקטואַליסטישער ייִדישער ווירקלעכקייט. דער חסיד וואָס האָט געזינדיקט און דערוואָרט זײַן באַגעגעניש מיט דעם חוזה פֿון לובלין, שטעלט זיך פֿאָר אין זײַן דמיון, אַז אָט גייט ער זיך שטעלן פֿאַרן כּהן־גדול, וואָס קען זיך נאָך אפֿשר בייזערן אויף אים, ווײַל ער האָט אים ניט געבראַכט קיין קרבן־מנחה ("דער עונש"). אַ צווייטער חסיד, וואָס גייט אַ ווײַטן מרחק צו זײַן רבין, טוט דאָס כּדי זוכה צו זײַן צו שׂכר־הליכה; ווען דער בית־המקדש איז נאָך געשטאַנען פֿלעגט מען דאָך אויך עולה רגל־זײַן קיין ירושלים אַפֿילו פֿונדערווײַטנס ("די געשיכטע פֿון אומגעקערטן פּאַנטאָפֿל" *).

אויך בײַם כאַראַקטעריזירן זײַנע געשטאַלטן פֿון דער קעגנוואַרט שווימען

בײַם דערצײלער אויף אַסאָציאַציעס מיט געשטאַלטן און סיטואַציעס פֿון פֿאַרצײַטנס. אין אַ קלײן־שטעטלדיק מײדל געפֿינט ער די שײנע מידות, וואָס זײַנען געווען בנמצא "ווען דאָס פֿאָלק ישׂראל איז געזעסן אין זײַן לאַנד". ווען ער לויבט זי, דערמאָנט ער זיך, אַז זי האָט געהאַט די מעלות "פֿון די אמתע בנות־ירושלים" ("אַ וועלט מיט וועלטלעך").

דער שטאַרקער בחור, וואָס גײט אַרויס פֿאַרטײדיקן ייִדן קעגן די פּאָגראָם־כוליגאַנעס אין דעם ייִדישן שטעטל אין רוסלאַנד, איז "דער גלית פֿון די ייִדן", וואָס איז געפֿאַלן טויט פֿון אַ שטײן געשלײַדערט דורך דעם "דוידל פֿון די באָסיאַקעס" ("דבֿורה אָדער דער הספד" *). מי"ב פֿאַרבינדט דאָ אויך צווישן דער ברוטאַלדיקער קעגנוואַרט און די אַמאָליקע געזעצן פֿון דער תּורה וועגן אַרויסגײן אויף מלחמה. עס דערוועקן זיך דאָ בײַ אים אַנטאַגאָניסטישע אַסאָציאַציעס צו דער תּוכחה, וועגן ייִדן וואָס זײַנען שוין ניט מקיים אירע שטראָפֿרייד וועגן אַנטלויפֿן בהלהדיק פֿאַרן פֿײַנד.

מיט אָט די מאָסן פֿון אַן אַרכאַישער טיפּאָלאָגיע באַניצט זיך קודם־כּל מי"ב אַלײן אין זײַנע דיגרעסיעס. ס'טרעפֿט אָבער אַז דאָס געפֿיל פֿון אַזאַ מין שײכות צו דער אַמאָליקער ווירקלעכקײט ווערט באַטאָנט אויך פֿון זײַנע מאָנאָלאָג־געשטאַלטן אַלײן. בשעת זײַן עקסטאַטישער תּפֿילה בציבור זעט יונתן, פֿון "דער חזן" *, זיך אַלײן ווי אײנער פֿון דעם שבֿט לוי, וואָס האָט געזונגען אין בית־המקדש דוד המלכס ניגונים.

דאָס צײַטגעפֿיל, אין זײַן קעגנזײַטיקן קאָנטאַקט צווישן אוראַלטן הײמ־לאַנד און צווישן גלות־שטײגער פֿון שטעטל, איז אײנע פֿון די כאַראַקטעריס־טישע רינגעלעך, וואָס פֿאַרקײטלען בײדע סעפּאַראַטע שפּראַכיקע דימענסיעס אין די ווערק פֿון מי"ב.

ז. דער זשאַנער־קאָלאָריט פֿון די ייִדישע כּתבֿים

אין דעם אינהאַלט פֿון 'יודישע כּתבֿים פֿון אַ ווײַטען קרובֿ' פֿון יאָר 1924 געפֿינען מיר אַ קאַלײדאָסקאָפּ פֿון זשאַנערן, אײַנגעטײלט לויט דער טער־מינאָלאָגיע פֿונעם מחבר אַלײן, און ווײַזט אויס אויך מיט דער עצה פֿון דעם אַרויסגעבער. פֿאַראַן דאָ אַ דיפֿערענצירונג לויטן אינהאַלט, וואָס איז אַוודאי אויך פֿאַרבונדן מיט דער זשאַנערישער פֿאָרם, ווי: "אַלטע מעשׂיות", וואָס זײַנען כּולל אַ נײַע פּערזענלעכע אינטערפּרעטאַציע פֿון חסידישע מעשׂיות, סײַ שוין געדרוקטע און סײַ מינדלעכע, ווי אויך "נײַע געשיכטעס" — קורצע דערצײלונגען פֿון דעם לעבן־שטײגער פֿון ייִדן אין רוסלאַנד פֿון נאָענטן עבֿר.

אַ צענטראַלע פּאָזיציע פֿאַר זיך זײַנען די פֿאַרשיידענע מאַנאָלאָגן, לויט זייער טעמאַטישער דעפֿיניציע, ווי: "פֿונעם האַרצן", "פֿון שווערע צײַטן", "בילדער", "קליינע מעשׂהלעך". דאָס זײַנען פּאַקטיש מאָנאָלאָגישע דערציי־לונגען באַגלייט מיט אַ דערקלערונג פֿונעם מחבר, ווי: "נאָכדערציילט דעם בעל־המעשׂה", אָדער "פֿונעם בעל־המעשׂה אַליין". אויך די אָפּטיילונגען: "בילדער", "קליינע מעשׂהלעך", אָדער "אויפֿצייכענונגען", זײַנען אויך פֿאַקטיש מאָנאָלאָגן, פֿאַרשיידענע לויטן פֿאָרנעם, אויך טעמאַטיש אָדער כראָנאָלאָגיש. צו דעם קומען נאָך צו, פֿאַרשטייט זיך, די איינאַקטערס, "סצענעס און שפּילן", אַ זשאַנער וואָס איז כמעט ניט בנמצא אין די העברעיִשע כּתבֿים פֿון מי"ב. אויך דאָ באַניצט זיך דער מחבר מיט זײַנע זשאַנערישע צוגאָב־ספּעציפֿיקאַציעס, ווי: "אַ בילד", "אַ שמועס", "אַ סצענע", וכדומה.

די שפּורן פֿון דעם מאָנאָלאָגישן נוסח זײַנען קענטיק אויך אין די פּו־בליציסטישע טיילן, ווו דער מחבר, אָדער זײַן פּערסאָנאַ, שמועסן וועגן אַקטועלע פּראָבלעמען. עס טרעפֿט, אַז ער גיט דאָ צו אַ זשאַנערישן קענ־צייכן, ווי "פֿונעם רייזעבּיכל", וואָס זאָגט עדות אַז דאָס אַלץ האָט ער פֿאַרשריבן ווען ער האָט געשמועסט מיט מענטשן בשעת זײַן וויזיט אין רוסלאַנד. דאָס זײַנען פֿאַקטיש אויך טיפּישע מאָנאָלאָגן, כאָטש ס׳רובֿ גאַנץ פֿראַגמענטאַרישע. זייער חשיבֿות וואַקסט מיט זייער געבונדנקייט אין סעריעס.

מי"ב איז זיך אויך נוהג צו באַניצן מיט אונטערקעפּלעך, כּדי צו דערקלערן גענויער דעם אינהאַלט און כּוונה פֿון דער באַהאַנדלטער טעמע. צו דער דערציילונג "די געפּלאַצטע סטרונע" גיט ער צו "אַ מעשׂה מיט צוויי כּלי־זמר", צו "דער אורח" — "אַ מעשׂה־נורא פֿון אַן אומגליקלעכן וואָס האָט זיך געוואָלט נוקם זײַן אין זײַן פֿאָטער". די דערציילונג "גדי" האָט אַן אונטערקעפּל: "אַ מעשׂה מיט אַ מוסר".

אין אַזעלכע טיטל־הוספֿות איז אויך פֿאַראַן אַן אָריענטאַציע אָנצוגיין ווײַטער מיט דער טראַדיציע פֿון פֿאָלקס־מעשׂיות. אין אַ פֿרום־דידאַקטישן נוסח פֿון האַרצרײַסנדיקע געשיכטעס דערפֿירט דאָך מי"ב זײַנע לייענער אונטערן צודעק פֿון אַ יראת־שמימדיקן מוסר־השׂכּל, אָדער פֿון אַ פּאָפּולערן נוסח, וואָס פֿאַקטיש איז ער שוין ניט קיין אויטענטישער, צו זײַנע אייגענע מאָטיוון און אידעאָלאָגישן באַנעם.

דער צוזאַמענהאַנג פֿון מי"ב מיט זײַנע אַלטצײַטיקע ליטעראַרישע מקורים, וואָס פֿון זיי האָט ער געשעפּט דעם מאַטעריאַל פֿאַר אַ טייל פֿון זײַנע דערציילונגען און באַאַרבעטונגען, נייטיקט זיך נאָך אַלץ אין אַ גענויערער

דעשיפֿרירונג. די מעשׂיות פֿון אַ מאָל זײַנען רעלאַטיוו קליין אין צאָל אין ייִדיש. מען געפֿינט אין זיי אַ המשך פֿון דער טענדענץ זיי צוצופּאַסן צום גײַסטיקן באַנעם פֿון מי״ב וואָס לייגט אַרויף זײַן אייגענעם חותם אויף זײַנע מקורות און טוט מיט זיי לויט זײַן אײַנזען. אין ייִדיש קומען נאָך אָבער צו עטלעכע נײַע שטריכן, וואָס זײַנען ניט קענטיק אין זײַנע זאַמלונגען ׳אגדות וצפֿונות׳ און ׳ממקור ישראל׳. אין העברעיִש איז ער געבליבן געטרײַ דער אַטמאָספֿער פֿון די אַלטע מקורות וועלכע ער האָט געניצט, אַפֿילו ווען ער האָט אין זיי געמאַכט שינויים, סײַ אין דער סטיליסטישער פֿאָרמולירונג און סײַ אין דער אַקצענטירונג פֿון יענע ענינים וואָס זײַנען אים פּערזענלעך געווען נאָענט צום האַרצן; די העברעיִשע שפּראַך־שותּפֿותדיקייט, מיט אירע אַרכאַיִשע ניואַנסן, האָט אָבער פֿאַרווישט די באַגריפֿלעכע אונטערשיידן צווישן אַלטן מקור און מי״בס אינטער־פּרעטאַציע.

אַנדערש איז דאָס אָבער אין ייִדיש, ווו די שינויים זעען אויס בולטער און די באַאַרבעטונג רײַסט זיך אָפּ פֿון מקור. אַקעגן דער אימפּערסאָנאַלער פֿאָרם פֿון דעם פֿאַרבאָרגענעם אַלצוויסיקן דערציילער אין העברעיִש, איז ער מוסיף אין ייִדיש אַ מער נאַראַטיווע קאָמפּעטענץ, וואָס דינט אויך ווי אַ מחיצה צווישן לייענער און דעם אַלטן מקור. מיר באַקענען זיך מיט אַ דערציילער־געשטאַלט, וואָס איז באַהאַוונט אין טראַדיציע און אויך אין אונדזער אַלטער ליטעראַטור, דערמאָנט כּסדר די מקורות פֿון אַגדה און מדרש און טײַטשט זיי אויס פֿאַר דעם פֿאָלקס־לייענער אויף זײַן אייגענעם שטייגער. דער תּלמודישער און מדרשישער קערן פֿון מקור צעוואַקסט זיך; אין פֿאַרגלײַך מיט דער תּכליתדיקער קאָמפּאַקטקייט פֿונעם אָריגינאַל איז איצט קענטיק אַ נטיה צו שילדערישער אויסברייטערונג. מען פֿילט די כּסדרדיקע אָנוועזנקייט פֿון דער דערציילער־געשטאַלט, וואָס האָט זיך איצט באַהאָפֿטן מיט דער אַלטער מעשׂה און שטייט אין אַ דעמאָנסטראַטיוון און דעקלאַראַטיוון קאָנטאַקט מיטן לייענער.

אַזוי אַרום זײַנען דאָ צוגעקומען שילדערונגען פֿון פּאָן, סבֿיבֿה און לעבן־שטייגער, כּדי זיי מקרבֿ צו זײַן צו די באַגריפֿן פֿון זײַן מיטצײַטלערישן לייענער. די פֿאַרגאַנגענהייט האָט דאָ פֿאַרלאָרן איר מיטיש־פֿײַערלעכע צושפּיצונג און עס דערשײַנען דאָ גאַנץ קלאָרע טענדענצן פֿון לאָקאַליזאַציע און דערנעענטערונג צו די השׂגות פֿונעם פֿאָלקס־לייענער. דאָ און דאָרט קען מען באַמערקן אַ נייגונג צו דע־העראָיִזאַציע פֿון דער אַלטער צײַט און אירע געשטאַלטן מיט זייערע שוואַכקייטן. דאָ איז אויך צוגעקומען אַ פֿאַרברייטערונג פֿון דער שילדערונג, סײַ פֿון דרויסנדיקן פּאָן און סײַ

פֿון אינערלעכע איבערלעבענישן פֿון די געשטאַלטן — דאָס אַלץ ווי אַ צוגאָב צו דער דיגרעסיווער אינטערפּרעטאַציע מצד דער דערציילער־געשטאַלט.

אַזעלכע שינויים זײַנען קענטיק אין "די צוויי ברידער" *, וואָס איז געבויט אויפֿן מדרש רבה, דברים, פּרשה ואתחנן. די אַנאָנימע געשטאַלטן פֿונעם אָריגינאַל, וואָס זײַנען באַצייכנט מיט די עפּיטעטן פֿון זייער משפּחה־שייכות, האָבן דאָ איצט באַקומען זייערע פּריוואַט־נעמען. די דערציילונג פֿון מדרש וועגן אַ ברודערמאָרד און די אומפֿאַרמײַדלעכע שטראָף צוליב שפּיכת־דמים איז דאָ דערקלערט געוואָרן דורך דעם סכעמאַטישן כאַראַקטעראָלאָגישן אַנטאַגאָניזם צווישן ביידע ברידער: "דער איינער — פֿול מיט תאוות און לײַדנשאַפֿטן, די וועלט וואָלט ער געקאָנט פֿאַרשלינגען; דער צווייטער, ווי זאָגט מען, אַ ריינער מענטש, אַ כשר בלוט. אויף איין זײַט קין, אויף דער אַנדערער — הבֿל", — האָט מוסיף געווען מי"ב דער נײַער איבערדערציילער, דער מפֿרש. אויך די שילדערונג פֿון דעם קריג צווישן ביידן, די קבֿורה־צערעמאָניע און די אויפֿפֿירונג פֿון דער עלנטער מאַמען, ווערן דאָ שטאַרק פֿאַרברייטערט. ווי דער שטייגער פֿון מי"ב זײַנען אויך די נאַטור־עלעמענטן אַקטיוו שותּפֿים צו דעם געשעענעם, ווען ער לאָזט אונדז דערזען די פֿאַרלײַכטערונג וואָס האָט זיך געשפּירט אין דעם אָרום, נאָך דעם ווי די גערעכטיקייט איז אויסגעפֿירט געוואָרן און דער רוצח האָט באַקומען זײַן שטראָף. אויך אין זײַן מאַמעס מויל האָט ער אַרײַנגעלייגט דאַנקרייד צום הימל.

אַ פֿאַרברייטערונג אין שילדערונג און אַ הוספֿה פֿון אידעאָלאָגישן באַלאַסט געפֿינט מען אויך אין זײַן דערציילונג "שולמית", וואָס שטיצט זיך אויף די אַגדות פֿונעם חורבן, לויט אבות דרבי נתן, קאַפּיטל יז.[74] צוויי פֿאַרשיידענע אַגדות וועגן אַ געפֿאַנגענער ייִדישער טאָכטער וואָס האָט געדינט בײַ אַ גוטהאַרציקן גריך און געפֿונען איר טויט פֿון אַ ביס פֿון אַ שלאַנג, דווקא ווען זי איז דורך אים באַפֿרײַט געוואָרן פֿון קנעכטשאַפֿט, באַהעפֿטן זיך אין איין בשותּפֿותדיקער ראָם, וואָס ווערט אַ סך אויסגעברייטערט, סײַ וואָס שייך דעם פֿאַמיליע־אָפּשטאַם פֿון דער הויפּטגעשטאַלט, כאַראַקטער־שטריכן און קערפּערלעכע און גײַסטיקע מעלות. די צעשיידונג פֿון דער געפֿאַנגענער מיט איר האַר ווערט איבערגעגעבן מיט סענטימענטאַלער גוזמא אין פֿאַרגלײַך מיט דעם תּמציתדיקן און געצווימטן נוסח פֿונעם מקור. דערצו איז נאָך צוגעקומען די דיגרעסיווע שיכט פֿון דער

74 דאָרטן, א, זז' 23—32.

שפּעטערדיקער דערציילער־געשטאַלט וואָס שאַפֿט אין דער קורצאָטעמדיקער אַגדה אַ נײַעם ריטעם.

אַ פֿילפֿאַרביקע אָפּטיילונג אין די ייִדישע כּתבֿים זײַנען די מאָנאָלאָגן. מען זעט דאָ אַז זייער מחבר איז געווען באַהאַוונט אין דעם זשאַנער לויט פּרצן און שלום־עליכמען. אָבער ער האָט זיך אויסגעפֿורעמט זײַן אייגענעם נוסח, וואָס קומט צום אויסדרוק אין דער ריידפֿאָרם פֿון זײַנע געשטאַלטן און אין דעם רעגיאָנאַלן פֿאָן פֿאַר זייער פֿאָבולע.

פֿון אָט די מאָנאָלאָגן קריסטאַליזירט זיך אויס אַן אַטמאָספֿער פֿון מענטש־לעכער פּײַן, פֿון קראַנקייט און פֿאַרוואָרלאָזטקייט, אויפֿן פֿאָן פֿון פּרנסה־ און משפּחה־ענינים; כאָטש ס'איז אין זיי פֿאַראַן אַ סך אויטענטישקייט פֿון דער ייִדישער ווירקלעכקייט, זײַנען דאָס פֿאַקטיש בליץ־פֿאָטאָגראַפֿיעס וואָס שאַפֿן ניט קיין שלמותדיקן קאָמפּלעקס; אָבער אין אָט די תּמציתדיקע איבער־בליקן, פֿאַרשריבן פֿונעם פֿאָלקסמויל, דערטראָגט זיך צו אונדז דער אָפּ־קלאַנג פֿון אַ דורכויסיקער ווירקלעכקייט און עס ווערט אין זיי רעזומירט דער עול פֿונעם מענטשלעכן לעבן.

ניט געקוקט אויף דעם אויטענטישן קאָלאָריט פֿון אָט די מאָנאָלאָגישע געשטאַלטן אין זייער לאָקאַלן אָפּשטאַם, פֿעלט זיי דאָך די קינסטלערישע אייגנאַרטיקייט און זיי קריצן זיך ניט אײַן צו שטאַרק אין זכּרון ווי די געשטאַלטן פֿון זײַנע העברעיִשע כּתבֿים. פֿאַקטיש דערשײַנען פֿאַר אונדז קאָליידאָסקאָפּיש געשווינד אַ צאָל געשטאַלטן, איינע נאָך דער צווייטער. פֿאַראַן אין זיי גאָר אַ סך רויער אמת פֿון לעבן, אָבער די פּערסאָנאַזשן רעפּרעזענטירן קאָלעקטיווע סיטואַציעס, אַפֿילו ווען זיי דערציילן וועגן זייערע פּערזענלעכע צרות. דאָס זײַנען פֿאַקטן פֿון לעבן, אָבער עס פֿעלט זיי אפֿשר דער שטעמפּל פֿון אַן איינמאָליקער איבערלעבעניש. צו גלײַך אָבער מיט דעם פֿילט מען אין אָט די שמועסן דעם לעבנס־ציטער אין זײַן ממשותדיקייט און אמתדיקייט.

אין פֿאַרגלײַך מיט זײַן העברעיִשער בעלעטריסטיק, אין וועלכער מי״ב האָט געמאַכט זײַן רעטראָספּעקטיוון און רעזומירנדיקן צוריקבליק צום ייִדישן שטעטל אין זײַן פֿאַרגליווערטקייט אָדער שטעלט עס פֿאַר ווי אײַנגעהילט אין אַן מין מיטישן שלייער — פֿילט מען אין זײַנע מאָנאָלאָגן אין ייִדיש אַ נטיה צו פֿאַראייביקן די פֿריש־צאַפּלדיקע ווירקלעכקייט פֿון זינקענדיקן שטעטל אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

אין פֿאַרגלײַך מיט זײַנע העברעיִשע דערציילונגען פֿונעם שטעטלדיקן לעבן־שטייגער וואָס צייכענען זיך אויס מיט זייער געדיכטער שילדערישקייט מיט סיטואַציעס וואָס ווערן פֿונקציאָנעל אויסגעניצט, און מיט דער סטי־

ליסטישער קאָנדענסאַציע, בעיקר אין זייער לעצטן נוסח, — איז גאָר אַנדערש מיט די מאָנאָלאָגן; דאָ האָט מי״ב ריידעוודיק געמאַכט זייַנע פּערסאָנאַזשן. זיי זייַנען דווקא כאַראַקטעריסטיש מיט זייער שפּע רייד און אידיאָמאַטיק, ווייַט איבער דער גרענעץ פֿון דער באַהאַנדלטער טעמע, און נאָך דערצו מיט זייער פֿאַרטאָפּלטער דידאַקטיק מיט אירע שפּריכווערטער. אָבער אין אָט דער ווערטער־שפּע פֿונעם פֿאָלקסמויל, אין דער אינטערפּרעטאַציע פֿון מי״ב, איז אויך אינטעגרירט דער עלעמענט פֿונעם וידוי פֿון אַ מענטשן וואָס איז אין אַ צרה און וואָס האָט גרויס צוטרוי צום אויפֿמערקזאַמען מחבר.

אין פֿאַרגלייַך מיט זייַן מעטאָד אויסצומייַדן דעם מאָנאָלאָגישן קאָלאָריט אין זייַנע העברעיִשע דערציילונגען, צוליב די בצמצומדיקע שפּראַכיקע כּלים, וואָס געפֿינען זיך אין זייַן רשות, בשעת ער קומט אויפֿלעבן אין העברעיִש די יִדישע פֿאָלקס־ווירקלעכקייט, איז איצט, אין די מאָנאָלאָגן אין יִדיש, ווי אויפֿגעריסן געוואָרן די שפּראַכיקע דאַמבע, און מי״ב האָט זיך צוגעהערט און אַבסאָרבירט סענסיטיוו יעטוועדן אויסדרוק און שפּראַכיקן אַטריבוט, דירעקט פֿונעם פֿאָלקסמויל. ער האָט זיך דאָ אָפּגעהאַלטן פֿון אַן אָפֿענעם אַרייַנמישן זיך אין אָט דעם פּראָצעס פֿון האַרצ־אויסגוס און איז אַפֿילו געבליבן ווי פֿון דער זייַט; די מאָס פֿון ״מאָנאָלאָגישן קאָנטראָל״ פֿון זייַן זייַט איז אַ גאַנץ שוואַכע און דאָס האַמעווען און אָפּהאַלטן די רעטאָרישע אַקטיוויקייט פֿון זייַנע געשטאַלטן זעט זיך כּמעט ניט אַרויס, כאָטש זייַנע אייגענע נטיות אין טעמאַטישן אָפּקלייַב פֿון אָט די שמועסן אַנטפּלעקן זיך אויך דאָ.

אין פֿאַרגלייַך מיט דער כּמעט־איינהייטלעכער שפּראַך, וואָס מי״ב האָט באַניצט אין זייַנע העברעיִשע דערציילונגען וועגן יִדישן שטעטל, סייַ אין דעם פּאַטעטיש־עמאָציאָנעלן ערשטן וואַריאַנט זייערן און סייַ אין דעם שפּעטערדיקן, לעצטן, געקירצטן און עמאָציאָנעל־געצוימטן נוסח, ווייַזט זיך אַרויס אין יִדיש זייַן נטיה צו אַ סטיליסטישער פֿילפֿאַרביקייט, אין הסכּם מיט דער אויפֿפֿירונג פֿון זייַנע פּערסאָנאַזשן. גלייַכצייַטיק אָבער איז ער מקפּיד זיך צו באַניצן נאָר מיט אַ גערעדטן פֿאָלקסיִדיש, ווייַל מען קען אפֿשר אויפֿווייַזן אַז צווישן זייַנע געשטאַלטן אין יִדיש זייַנען גאָר ניט בנמצא, אַזוי ווי אין העברעיִש, קיין יוגנטלעכע, אינטעלעקטועלע און בלאָנדזשענדיקע אינטעליגענטן, וואָס מאַטערן זיך מיט גייַסטיקע פּראָבלעמען פֿון יהדות. אויך די פּערזענלעכע וועלט פֿונעם מחבר אַליין ווערט דאָ, ווי שוין געזאָגט, נאָר עפּיזאָדיש אַנגעווונקען.

אַקעגן דער איינזייַטיקער אַליין־אָבסערוואַציע מצד דער מאָנאָלאָגישער

געשטאַלט, וואָס שילדערט אַפּ פֿאַרן מחבר איר מעמד צווישן מענטשן, האָט זיך מי״ב באַמיט צו דערגיין אויך צו אַ מער פֿילזײַטיקער באַלײַכטונג פֿון זײַנע געשטאַלטן מיט דער הילף פֿונעם דראַמאַטישן זשאַנער, אין זײַנע איינאַקטערס אין ייִדיש. דאָ לאָזט ער יעטוועדן פּערסאָנאַזש פֿון די אַנטאַ־גאָניסטישע צדדים פֿאַרמולירן זײַן שטעלונג און אָפּשאַצונג פֿונעם מצבֿ, געזען פֿון אייגענעם קוקווינקל. אַזוי אַרום האָט ער דאָ געמינערט פֿון דער אַבסאָלוטער קאָמפּעטענץ מצד דער מאָנאָלאָגישער געשטאַלט. אַ חותם פֿון באַלאַנסירונג און אַפֿילו פֿונעם אָפּזאָג צו משפּטן די העלדן אין זייער אַנטאַגאָניסטישער קאָנפֿראָנטאַציע איז קענטיק אין די דאָזיקע איינאַקטערס. ס׳רובֿ פֿון זיי, ווי ״שלום געוואָרן״, ״פֿאַרן בית־דין״, ״די שבֿועה״ *, ״אַ נאָכמיטאָג בײַם רבֿ אין שטוב״ * — זײַנען שילדערונגען פֿון לאָדן זיך פֿאַרן בית־דין פֿון קעגנערישע צדדים וואָס קומען צום רבֿ נאָך אַ פּסק. פֿאַקטיש ווערט דאָ דעמאָנסטרירט דאָס אויספֿעלן פֿון זײַן אויטאָריטעט, וואָס ער איז גאָרניט מסוגל אויפֿצווינגען אויף די צדדים. אין פֿאַרגלײַך מיט אַנדערע זשאַנערן אין וועלכע ער האָט רעזומירט אויף אַ רעטראָ־ספּעקטיוון אופֿן דאָס געשעענע און אויפֿגעדעקט מענטשלעכע גורלות אין זייער אַנטוויקלונג, פֿאַרקלענערן די איינאַקטערס אַ סך דעם טעמפּאָ פֿון די געשעענישן. מי״ב ווי אַ דראַמאַטורג האָט זיך צוגעקוקט פּעדאַנטיש צו יעטוועדן פּרט פֿון דער פֿירונג און פֿון געשפּרעך פֿון זײַנע געשטאַלטן. אין די גרענעצן פֿון אַ קליינעם צײַטאָפּשניט האָט ער זיך אַרײַנגעלאָזט אין פּרטימדיקע פּאָן־שילדערונגען פֿון דער בינע מיט אירע ריין־רעאַליסטישע רעקוויזיטן.

ז. וועגן די סטיליסטישע און טעקסטועלע פּראָבלעמען פֿון די ייִדישע כּתבֿים

כאָטש מי״ב האָט, ווי געזאָגט, קאַטעגאָריש אונטערגעשטראָכן די אַנדערש־קייט צווישן ייִדיש און העברעיִש און האָט כּסדר געטענהט אַז די העברעיִשע עלעמענטן אין ייִדיש האָבן גאָר אַן אַנדער באַטײַט ווען זיי דערשײַנען אין דעם נײַעם שפּראַכיקן קאָנטעקסט, האָט ער זיך פֿונדעסטוועגן אַליין באַניצט גאַנץ אָפֿט מיט העברעיִזמען, ניט פֿאַרשמאָלצענע אין ייִדיש, און גלײַכצײַטיק פּאַראַלעל איבערגעזעצטע אין ייִדיש. אָט די אויסערלעכע צונויפֿמישונג צווישן ייִדיש און העברעיִש האָט גאָר ניט געשטאָמט בײַ אים פֿון דער שוועריקייט צו געפֿינען אַ פּאַסיקע אַלטערנאַטיוו אין גערעדטן ייִדיש; אַזאַ מין שפּראַכיקער קאָנגלאָמעראַט קומט אַ מאָל בײַ אים כּדי

צו כאַראַקטעריזירן די גײַסטיקע געשטאַלט פֿון דעם דערציילער, וואָס דערשײַנט אין אַ יראת־שמימדיקן לבֿוש, און אַ מאָל אויך צוליב דער באַהאַנדלטער טעמע אַליין.

פֿאַראַן דאָ ניט ווייניק אַזעלכע פֿאַרבינדונגען צווישן גאַנצע פֿראַזעס אין ייִדיש און העברעיִש אין זײַן חסידישער מעשׂה "דער עונש אָדער אַ נײַע חולדה ובֿור" *. עס טרעפֿט דאָ, אַז דער אָנהייב פֿון אַפּזאַץ איז אַ צוויי־שפּראַכיקער, דער מקור מיט אַ דרשנישער איבערזעצונג צוזאַמען, אין אַ סימולטאַנישן צוזאַמענשפּיל צווישן אַ ביבלישן תּמציתדיקן סטיל און אַ קאַמענטירנדיקן פּאַראַלעלן ייִדישן נוסח וואָס האַלט זיך אַלץ אין איין אויסברייטערן. אין אַזאַ מין צווייִשפּראַכיקן נוסח דערשײַנט דער דערציילער מיט זײַן פֿרומען טאָן (למשל: "ווי זאָגט דער פּסוק: ואפיצכם בגוים! און איך וועל אײַך צעשפּרייטן אונטער די פֿעלקער, ועבֿרתם מגוי אל גוי וממלכה אל ממלכה, און איר וועט גיין פֿון איין פֿאָלק צום אַנדערן און פֿון מדינה צו מדינה. זאָגט איר גלות אַפּריכטן, מוז מען אַפּריכטן, מוז מען אָפּקומען פֿאַר אַ זאַך, זאָל מען אָפּקומען; אַ ייִד איז קיין שני־למלך נישט, כאָטש ער קומט אַרויס פֿון אַבֿרהמען.").

מען קען דאָ אויך געפֿינען אַ המשך פֿון דער צווייִשפּראַכיקער שיטה ווי זי איז בנמצא אין אייניקע דערציילונגען פֿון א. מ. דיק און אויך בײַ שלום־עליכמען, פֿון אָנהייבן יעטוועדן פֿראַגמענט מיט אַ העברעיִשן זאַץ צוזאַמען מיט זײַן גענויער, ווערטערלעכער איבערזעצונג, ווי למשל: "ויהי בצעדו על סף משכן בית הצדיק, און ווי ער האָט באַטראַכטן די שוועל פֿון ר' יצחקל — — — ותוארו כתואר פני אלהים, און דאָס פּנים האָט געשײַנט ווי בײַ אַ מלכות."

פֿאַראַן דאָ אויך אַן אָריענטאַציע איבערצוזעצן דעם העברעיִש אין אַן אידיאָמאַטיש־בילדערישן ייִדיש, וואָס דערווײַטערט זיך פֿון דעם פּאַראַלעלן העברעיִשן נוסח, ווי: "וישב זרח בפחי נפֿש, און זרח איז אַוועקגעפֿאָרן אַהיים מיט אַ שווער האַרץ", אָדער דורך אַ פֿאָלקסטימלעכער פּאַראַפֿראַזע: "לא כהתה עינו ולא נס ליחו, נישט אַ פּיפּס האָט ער געטאָן, און דער וועג ווערט אַלץ שווערער". די פֿאַרבינדונג צווישן ביידע שפּראַכיקע ספֿערעס ווערט דאָ אָנגעהאַלטן דורך אַ פּסעוודאָ־איבערזעצונג, באַניצנדיק זיך מיט אַ פֿאָלקסווערטל, ווי: "אָבער לא לעולם חוסן. אויך די פֿרומסטע נשמה איז נישט פֿון אײַזן". פֿאַראַן אויך אַ סינטאַקטישע און אינהאַלטלעכע אויס־ברייטערונג אין ייִדיש אין פֿאַרגלײַך מיט העברעיִש, ווי: "לא מצא כלום. און אין קיין שום אָרט האָט זיך נישט באַוויזן אַ מענטש וואָס זאָל אים זאָגן דעם טעם פֿון גיין."

אַט די דערשײַנונג פֿונעם אַרײַנדרינגען פֿון ניט־אַבסאָרבירטן העברעיִש, פֿון טאָפּלשפּראַכיקייט לויט דער טראַדיציע פֿון טײַטש־חומש און פֿון די סיפּורי־מעשיות געפֿינט מען מײנסטנס אין זײַנע באַאַרבעטונגען פֿון תּלמוד און מדרש (ווי: "די צוויי ברידער" אָדער "חתן־כּלה"). אין דער אמתן באַניצט זיך מי"ב אין זײַן ייִדיש מיט צוויי סטילן: פֿון איין זײַט זײַנען זײַנע דערציילונגען אָנגעזאָפּט מיט העברעיִשע פֿאָרמולירונגען געשעפּט פֿונעם ספֿר. אָבער אין דער מאָנאָלאָגישער ספֿערע זײַנער איז ער געניגט צו אַ רעאַליסטישן, ניט־איבערקלײַבערישן נוסח פֿון אַ ריידשפּראַך, וואָס איז באַלאָדן מיט רוסיציזמען און אוקראַיִניזמען, צווישן זיי באַניצטע אין ייִדיש און צווישן זיי ווילדגראַז. אַט דער שפּראַכיקער געמיש פֿאַרשטאַרקט אפֿשר נאָך מער די פֿאַלקסטימלעכע אויטענטישקייט פֿונעם טעקסט, אָבער עס פֿעלט אים דאָ און דאָרט די נאַטירלעכע באַהעפֿטונג פֿון פֿרעמד־שפּראַכיקע קאָמפּאָנענטן. אַזוי געפֿינען זיך זײַט בײַ זײַט אין די ייִדישע כּתבֿים פֿון מי"ב דער מער־קאָנטראָלירטער ייִדיש פֿונעם דערציילער און דער ייִדיש וואָס קומט גלײַך פֿונעם פֿאָלקסמויל, פֿון זײַן היימשטאָט און איר סבֿיבֿה (די אויסדרוקן אין רוסיש און אוקראַיִניש זײַנען פֿאַרצייכנט אינעם גלאָסאַר).

כאָטש די ליטעראַרישע אַקטיוויטעט פֿון מי"ב אין ייִדיש האָט זיך געפֿירט פֿון צײַט צו צײַט לויטן בחפֿזונדיקן טעמפּאָ פֿון די טאָגצײַטונגען אין וועלכע ער האָט זיך באַטייליקט, זײַנען דאָך פֿאַראַן קלאָרע סימנים, אַז ער האָט זיך משתּדל געווען אָפּהיטן זײַן אייגענעם סטיל, בעיקר וואָס שייך זײַן דיאַלעקטיש־לאָקאַלן קאָלאָריט, וואָס איז דאָ און דאָרט פֿאַרווישט געוואָרן צוליב דער אינטערווענץ פֿון רעדאַקטאָרן און קאָרעקטאָרן, וואָס האָבן זיך צום ערשטן מתעסק געווען מיט זײַנע פּובליקאַציעס. ביז איצט האָט מען נאָך לגמרי ניט געהאַט באַמערקט דעם פֿאַקט, אַז ניט נאָר אין זײַנע העברעיִשע כּתבֿים זײַנען פֿאַראַן וויכטיקע טעקסטועלע וואַריאַנטן צווישן איין עדיציע און דער צווייטער; אויך אין ייִדיש שטויסן מיר זיך אָן אויף שינויים, וואָס זײַנען ראוי באַהאַנדלט ווערן. עס טרעפֿט אויך, אַז מי"ב ענדערט זײַנע פֿאָרמולירונגען צוליבן דרוק פֿון דער רוסישער צענזור, ווי למשל אין זײַן דערציילונג "דבֿורה, אָדער דער הספּד"*, וואָס איר טעמע איז דער זעלבשוץ פֿון דער ייִדישער יוגנט אין רוסלאַנד בשעת די פּאָגראָמען פֿון יאָר 1905.[75]

75 פֿאַרגלײַכן דעם וואַריאַנט, פֿאַרעפֿנטלעכט אין 'טאָגבלאַט' (לעמבערג), דעם 23סטן יוני 1907 מיט דעם נוסח אין זײַנע 'יודישע כּתבֿים'.

אַט די וואַריאַנטן אין ייִדיש זײַנען מײנסטנס שפּראַכיקע. פֿאַראַן דאָ אויך מער קאַרדינאַלע שינויים, סײַ השמטות און סײַ הוספֿות. אונטערשיידן אין פֿאַרגלײַך מיטן ערשטן דרוק זײַנען קענטיק ניט נאָר אין דער עדיציע פֿון 1924, נאָר שוין אויך אין דער אויסגאַבע פֿון יאָר 1912. די שינויים זאָגן דאָ עדות סײַ אויף זײַן שטרעבן צו סטיליסטישער איינהייטלעכקייט און סײַ אויף אַ מער פּינקטלעכער קאָרעקטור, כּדי צו באַזײַטיקן דרוקפֿעלערן און אומגעוווּנטשענע תּיקונים פֿון זײַנע פֿריִערדיקע רעדאַקטאָרן.

אין אייניקע פֿון זײַנע דערציילונגען, ווי אויך אַרטיקלען, זײַנען קענטיק לעקסיקאַלע שינויים, וואָס שייך דעם באַניץ מיט ווערטער פֿון דײַטשן, סלאַווישן אָדער העברעיִשן קאָמפּאָנענט פֿון ייִדיש. מען געפֿינט דאָ אויך שינויים אין דער דיאַלעקטישער דיקציע פֿון דער ריידשפּראַך. מי״ב האָט זיך געפֿונען אונטער דער שליטה פֿון דרײַ שפּראַכן; צו זײַן נאַטירלעכער פֿאַרוואָרצלטקייט אין ייִדיש און העברעיִש נאָך זינט די קינדעריאָרן, איז צוגעקומען, מיט זײַנע ערשטע וווּניאָרן אין דײַטשלאַנד, זײַן אינטענסיווע פֿאַרבינדונג מיט דער דײַטשער שפּראַך און ליטעראַטור, וואָס קומט צום אויסדרוק אין זײַנע פּרוּוון צו שאַפֿן אין דײַטש. די דאָזיקע דרײַפֿאַכיקע שפּראַכיקע אָריענטאַציע האָט אויך געהאַט איר השפּעה בײַם קריסטאַליזירן זיך פֿון זײַן סטיל אין ייִדיש, פֿון איין וואַריאַנט צום צווייטן. אָבער נאָך אַלעמען דערקלערט זיך דער דיאַלעקטישער און סינטאַקטישער קאָלאָריט פֿון זײַנע ייִדישע כּתבֿים דער עיקר מיט זייער דאָמינאַנטער מאַנאַלאָגישער טענדענץ.

דער אָרגאַנישער בונד פֿון מי״ב מיט דער דיאַלעקטישער ספֿערע פֿונעם דרום־אוקראַיִנישן ייִדיש האָט געדראַט אויפֿצושטעלן אַ מחיצה צווישן זײַן ווערק און דעם לייענער, וואָס שטאַמט פֿון דער פּוילישער און ליטווישער טעריטאָריע פֿון ייִדיש. קיין וווּנדער ניט, אַז ער האָט געהאַלטן פֿאַר נייטיק דערקלערן זײַן עולם לייענער פֿון דער ערשטער אויסגאַבע פֿון זײַן העפֿטל ׳דער קאָוואַל וואָס האָט פֿאַרסמט זײַן ווײַב׳ פֿאַרשיידענע אויסדרוקן פֿונעם ״באַלטער לשון״, לויט פּרצעס איראָנישער באַמערקונג. ווי: ״קאַליש — אַ מין זופּ; אַ באַנטשערקע — אַ טראָפּקע; אַ פֿרענדזל — אַ מין חלה; טשיכאָן — גוייִשער הערינג; אַ טשעריק — אַ רויז״.[76] שפּעטער, ווען די דערציילונג איז אַרײַנגענומען געוואָרן אין דער עדיציע פֿון זײַנע ייִדישע כּתבֿים, האָט ער איבערגעלאָזט אַט די לאָקאַליזמען, אָבער שוין ניט געזאָרגט זיי צו דערקלערן פֿאַר זײַנע לייענער.

76 ׳אַ מעשׂה פֿון איינעם וואָס האָט פֿערסמט זײַן ווײַב׳, וואַרשע 1902, זז׳ 6, 8, 9, 10.

בהסכּם מיט זײַנע גרונטפּרינציפּן װעגן מהות פֿונעם פֿאָלקסייִדיש לאָזט זיך באַמערקן מי״בס נטיה צו באַזײַטיקן פֿון זײַנע כּתבֿים אױסדרוקן פֿון דײַטשן אָפּשטאַם און פֿאַרבײַטן זײ מיט אַ פּאַראַלעלן העברעיִשן אָדער סלאַװישן עקװיװאַלענט. עס קען אפֿשר זײַן, אַז אױך די אַרױסגעבערס פֿון דער לעצטער עדיציע פֿון די ייִדישע כּתבֿים האָבן דערצו צוגעלײגט אַ האַנט.

אַזױ אַרום װערן געביטן אין דער עדיציע פֿון יאָר 1924 די װײַטערדיקע אױסדרוקן: דערצערגען — אַרײַנברענגען אין כּעס; [77] פֿאָטער — טאַטע; [78] אַ לױב — אַ שבֿח; [79] יעצט — אַצינד; שװעל — גאַנעק; [80]

פֿאַראַן דאָ אױך אָרטאָגראַפֿישע שינױים פֿון אַ דיאַלעקטישן כּאַראַקטער װען ער איז מבֿטל די דיאַלעקטישע אָרטאָגראַפֿיע פֿונעם פּױלישן ייִדיש און פֿאַרבײַט זי מיט אַ מער צוטריטלעכער אָרטאָגראַפֿיע פֿאַר ייִדיש־לײענער פֿון אַנדערע מקומות. אַזעלכע שינױים זײַנען ספּעציעל קענטיק אין זײַן דערצײלונג ״אַ קניפּל״, װאָס איז דערשינען אין דעם העפֿטל ׳שמועסן׳ אין װאַרשע אין 1902, װי: ״װאָב — װײַב; האַנט — הײַנט; שראַבער — שרײַבער; האַנטיגע — הײַנטיקע; אַראַן — אַרײַן; שװאָגט — שװײַגט; געמיסט — געמוזט; בײט אײַך — כ׳בעט אײַך; אַ פֿאָג — אַ פֿײַג; דאַן — דײַן; מאַנע — מײַנע; זאַן — זײַן״, אדג״ל.

עס זײַנען אָבער אױך בנמצא אין די ערשטע פּובליקאַציעס פֿון זײַנע כּתבֿים שפּורן פֿון דעם װילן פֿון אירע רעדאַקטאָרן צו פֿאַרטושן די ספּעציפֿישע סימנים פֿון מי״בס דיאַלעקט, װײַל זײ האָבן געװאָלט פֿאַראײנהײטלעכן די שפּראַך און אױסלײג פֿון זײערע אױסגאַבעס. קײן װוּנדער ניט, אַז אין דער סופֿיקער עדיציע געפֿינט מען סימנים פֿון אַן אומגעקערטן פּראָצעס, פֿון צוריקברענגען אױסדרוקן צו זײער פֿריִערדיקן דיאַלעקטישן קאָלאָריט פֿונעם אוקראַיִנישן ייִדיש. אַזױ האָבן זיך שפּעטער אומגעביטן די הילפֿסװערטער: ״עס איז — סי; מען — מי״. אָט די דערשײַנונג אין איר גאַנצן פֿאַרנעם דאַרף נאָך לינגװיסטיש אױסגעפֿאָרשט װערן.

צװישן די ייִדישע כּתבֿים, אין װעלכע עס באַמערקן זיך גאַנץ באַטײַטיקע װאַריאַנטן, זײַנען באַזונדער בולט די טעקסטועלע שינױים װאָס ער האָט געמאַכט אין דער דערצײלונג ״דער עונש אָדער אַ נײַע חולדה ובֿור״, צום

77 ׳יודישע כּתבֿים׳, ד, ז׳ 127.

78 דאָרטן, ג, ז׳ 101.

79 דאָרטן, ו, ז׳ 32.

80 דאָרטן, זז׳ 8—9.

ערשטן מאָל פֿאַרעפֿנטלעכט אין המשכים אין דער טאָגצײַטונג 'דער פֿרײַנד', אין יאָר 1905 (נוסח א'), און שפּעטער אין דער עדיציע פֿון די 'יודישע כתבֿים' פֿון יאָר 1912, וואָס איז אויך דערשינען אין דער זעלביקער פֿאָרם אין דער פּולער עדיציע פֿון 1924 (נוסח ב').

די בולטע שינויים צווישן ביידע וואַריאַנטן פֿון "דער עונש" באַשטייען, צווישן אַנדערע, פֿון דעם צוגאָב פֿון אַ פּאַראַלעלער העברעיִשער פֿאָרמו־לירונג אין אָנהייב פֿונעם זאַץ, וואָס פֿאַרשטאַרקט דעם פֿרום־טראַדיציאָנעלן קאָלאָריט פֿון דעם דערציילטן. אַזוי, למשל, צום געזאָגטן אין נוסח א': "ביסטו פֿון שטויב און וועסט ווערן פֿון שטויב", גיט ער שפּעטער צו דעם העברעיִשן מקור, מיט אַ געוויסן שינוי: "יסודך מעפֿר וסופֿך לעפֿר" צו זײַן ייִדישן פּאַראַלעל און ענדערט דעם ריטעם פֿונעם זאַץ דורך דעם נײַעם ווערטער־סדר: "פֿון שטויב ביסטו און שטויב וועסטו ווערן."

די פֿריִערדיקע תּמציתדיקע פֿאָרמולירונג: "אָבער ווידער גיב איך אַ פֿרעג: משפּט דען גאָט ברוך־הוא אָן אַ דין?" ווערט אין צווייטן נוסח פֿאַרברייטערט און עס ווערט צוגעגעבן צו איר אַ צווייִשפּראַכיקע למדנישע פֿאָרמאַציע, און אין איר אינטעגרירט זיך דער תּלמודישער מקור צוזאַמען מיט אַן אויסברייטערונג אין דער איבערזעצונג און אינעם פּירוש: "אָבער תּיכּף גיב איך מיר צוריק אַ פֿרעג: וכי חשוד קודשא־בריך־הוא ליעבד דינא בלא דיינא? איז דען גאָט דער שופֿט רמים, וואָס קוקט אויף צדק און משפּט, חשוד צו נעמען מענטשן און זיי שטראָפֿן אומזיסט און אומ־נישט?"

אויך דאָ פֿילט מען די בפֿירושע טענדענץ צו פֿאַרבײַטן ווערטער און פֿראַזן פֿון אַ דײַטשן אָפּשטאַם מיט זייער העברעיִשן עקוויוואַלענט, ווי למשל: קעגן זײַנעם אַ ברודער — בין אדם לחברו; דער באַרמהאַרציקער און דער גוטער — איז ער טאַקע דער אל חנון ורחום; זײַנע וווּנדער — די נסים ונפֿלאות; באַרויִקט — מחזק געווען, אאַז"וו.

אין דעם איבערגאַנג פֿון נוסח צו נוסח זײַנען דאָ אויך קענטיק שינויים, השמטות און הוספֿות. מי"ב האָט אויסגעמעקט אַ פּרטימדיקע קריטיק פֿונעם ייִדישן טראַדיציאָנעלן לעבן, געצילט אין די צבֿועקעס וואָס גרויסן זיך מיט מקיים זײַן מצוות און דערדריקן גלײַכצײַטיק דעם אָרעמאַן. אויפֿן אָרט פֿון דער פּרטימדיקער אַלגעמיינער דיגרעסיע האָט מי"ב איצט איבערגעלאָזט נאָר איין זאַץ מיט שטראָפֿרייד.

אין דעם נײַעם וואַריאַנט פֿון "דער עונש" געפֿינען זיך אויך אייניקע הוספֿות, וואָס שטימען שוין ניט אין גאַנצן מיט דער קריטישער רעאַקציע לגבי חסידות וואָס איז דערווײַל פֿאַרגעקומען בײַ מי"ב. אין דעם

נוסח ב׳ פֿון יאָר 1912 געפֿינען מיר דווקא שינויים מיט אַ בפֿירושער אידעאַליזאַציע־טענדענץ, ביים צוגעבן נייע פּרטים צו דער געשטאַלט פֿונעם חוזה פֿון לובלין, צו ווען דער חסיד באַציט זיך מיט אמתן יראת־הכּבֿוד. אויך דער געשפּאַנטער געשפּרעך צווישן זיי איז אין צווייטן נוסח פּרטימדיקער.

אין דעם סופֿיקן נוסח פֿון ״דער עונש״ האָט מי״ב אַריינגענומען אויך אַנדערע שילדערונג־הוספֿות, פֿון דעם וואָס עס טוט זיך אין דעם חסידס האַרצן ווי אויך אַרום אים (ווי למשל, דער פּרימאַרגן פֿון זיין אַרויסלאָזן זיך אין וועג אַריין, כּדי מקיים צו זיין דעם רבינס געבאָט, אָדער זיינע הרהורים וועגן מענטש און בהמה וואָס דינען גאָטביידע צו גלייך).

״דער עונש״, אין זיין שפּעטערדיקן וואַריאַנט, איז אויך אַ באַלערעוודיקע אילוסטראַציע פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון מי״בס טענדענץ צו פֿאַרשטאַרקן אין זיין יידישן טעקסט דעם העברעישן עלעמענט. אויך די דערציילער־געשטאַלט זעט דאָ אויס צו זיין מער אַנטוויקלט און אויטאָנאָם.

מי״ב איז ניט געווען גלייכגילטיק צו פּראָבלעמען פֿון אָרטאָגראַפֿיע פֿון זיין יידיש. ער האָט זיך אַפֿילו געאַמפּערט צוליב דעם מיט זיינע רעדאַקטאָרן און זיך באַמיט מבֿטל מאַכן די שינויים וואָס זיי האָבן אַריינ־געטראָגן אין זיין אידיאָמאַטיש־פֿאָלקסטימלעכער שרייבפֿאָרעם. אויך דאָ האָט ער לויט זיין איינזען געפֿונען דאָס אַריינדרינגען פֿון דער דייטשער טענדענץ אין יידיש, ווי ער האָט געטענהט. ״איך מיין — זאָגט ער אין אַ בריוו צו משה קליינמאַן וואָס האָט זיך מטפּל געווען מיטן פֿאַרעפֿנטלעכן זיינע כּתבֿים אין יידיש — אַז אָט די פֿאָרעם פֿון מיין אָרטאָגראַפֿיע איז גאָר יידישלעך — און איר זענט דווקא נוטה צום דייטשן צד.״ ער בעט ביי אים דעריבער ער זאָל בייטן זיין אָרטאָגראַפֿיע נאָר ווו עס איז אים באמת נייטיק — ״און איר זאָלט מיר לאָזן שרייבן אויף מיין שטייגער״.[81] נאָר ווייזט אויס, אַז על־פּי־רובֿ האָבן זיך זיינע רעדאַקטאָרן ניט שטאַרק גערעכנט מיט אָט דעם ווונטש; נאָר אין דער לעצטער עדיציע פֿון זיינע כּתבֿים פֿון יאָר 1924, האָבן זיך ווידער באַוויזן זיינע אייגענע ספּעציפֿישע סימנים אויף אַן איינהייטלעכן שטייגער.

81 אין זיין בריוו צו אים פֿון דעם 16טן יולי 1907, ״אגרות סופרים״, ׳העולם׳, כג (1935), נומ׳ ג.

יידישע כּתבֿים

פֿון אַ ווײַטן קרובֿ

טרערן

אַ מעשה פֿונעם חורבן *

צו יענער צײַט, ווען דער בית־המקדש איז נאָך געשטאַנען און ירושלים איז געווען גרויס און די ייִדן זענען נאָך געווען אַ מלוכה, טאַקע אַן אמתע מלוכה מיט מלכים־ושׂרים, און מען איז געזעסן בײַ זיך אין דער היים, איש תּחת גפֿנו, איטלעכער האָט זיך געהאַט אַ שטיקל ערד, און גלות איז גאָרנישט געווען ווי הײַנט, — האָט געוווינט אין אַ דאָרף אין גליל אַ ייִד, וואָס האָט געהייסן טובֿיה בן אליעזר. און ער האָט געהאַט אַ ווײַנגאָרטן און האָט געמאַכט ווײַן, און זײַן ווײַן איז געווען גוט און באַקאַנט און האָט געהאַט אַ שם. אַזוי איז אים געגאַנגען גוט, און ווען נישט דאָס, וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין קינדער, וואָלט ער קיין מאָל נישט געהאַט קיין זאָרג; און חנה זײַן ווײַב איז געווען גוט און פֿרום און האָט נישט מהרהר געווען אויף השי״ת. אַלע יאָר פֿלעגן זיי עולה־רגל זײַן קיין ירושלים צו פּסח, צי צו שבֿועות, צי צו סוכּות, און ברענגען אַ קרבן, אַ מאָל טאַקע גאָר ביכּורים און גוטע ווײַנטרויבן פֿונעם אייגענעם ווײַנגאָרטן. חנה, אַז זי איז געקומען אין דער גרויסער שטאָט, וואָס די כּהנים און די שׂרים און טאַקע דער מלך אַליין האָבן דאָרט געוווינט, און ס'איז געווען אַ פּראַכט און ס'איז געווען אויף וואָס צו קוקן, איז זי זיך נישט פֿאָרגעקומען קליין אין אירע דאָרפֿסקליידער; און פֿון די בנות־ירושלים מיט זייער רײַכטום און צירונג און זײַדענע קליידער, טאַקע פּשוט פֿאַרפּוצט, ווי הײַנט אין די גרויסע שטעט מיט מאָדעס, איז זי לחלוטין נישט נתפּעל געוואָרן, און ס'איז איר נישט געקומען אויף דער מחשבֿה צו וועלן אויך זיך אָנטאָן אַזוי. זי איז געווען אַ כּשרע דאָרפֿס־נשמה, ווי זי איז אויפֿגעוואַקסן ריין, אַזוי איז זי געבליבן ריין. טובֿיהן אָבער איר מאַן, כאָטש ער איז געווען אַן ערלעכער און אַן איש־ישר, אָבער אַ מאַנספּאַרשוין, האָט ירושלים מיט אירע סאָלדאַטן, מיט די חצוצרות און מיט די טראָמפּייטן און דעם גאַנצן טאַראַראַם פֿון אַזאַ שטאָט מרובה־באוכלסין, מיט אַזוי פֿיל מענטשן, פֿאָרט בעסער געפֿעלן, ווי דאָס לעבן אין דאָרף. דאָס

* אַרויסגענומען פֿון דער גמרא.

הייסט, זאָגן האָט ער ניט געזאָגט: איך וויל בעסער וווינען אין ירושלים, איידער אין גליל אין אַ דאָרף; און קיין מאָל האָט ער דערפֿון ניט גערעדט מיט זײַן ווײַב חנהן, אָבער אַ הרהור איז אים אַ מאָל אַזוינער געקומען, ווי זאָגט מען, אַ מחשבֿה: מ׳איז פֿאָרט אַ מענטש, און אַז מ׳זעט ירושלים אַלע יאָר בתּפֿארתּה, קאָן זי שוין געפֿעלן!

פֿונדעסטוועגן איז ער זיך ווײַטער געזעסן אין גליל אויף זײַן ווײַנגאָרטן, האָט געאַרבעט און השגחה געגעבן אויף דעם ווײַן און נאָך געפֿלאַנצט נײַע ווײַנשטאָקן; און ווער ווייסט, אויב ער וואָלט דאָרט ניט אָפּגעלעבט די גאַנצע יאָרן און וואָלט געשטאָרבן און צו קבֿורה געקומען דאָרט לעבן זײַן ווײַנגאָרטן, ער און זײַן ווײַב חנה. וואָס זשע טוט גאָט? מוז זיך חנה אַ מאָל פֿאַרקילן אויף אַזאַ וועג קיין ירושלים, קראַנק ווערן אויף דער אמתן און שטאַרבן, קוים דערלעבט פֿערציק יאָר. דאָס האָט טובֿיהן שטאַרק געטראָפֿן, און אַז ער איז צוריק אַהיים געקומען אַליין צו זײַן ווײַנגאָרטן אין גליל, איז אים געוואָרן שרעקלעך אומעטיק, ער האָט שוין מער ניט געפֿילט אויף זיך דעם עול אויפֿצושטיין צו זײַן אַרבעט, אַכטונג געבן אויף די קנעכט, און אַז די קנעכט האָבן געזען, אַז קיינער קוקט ניט, האָבן זיי טאַקע געאַרבעט אַבי ווי. אַזוי איז דער ווײַנגאָרטן צוריקגעגאַנגען און טובֿיה האָט אַ קוק געטאָן, אַז ס׳איז קיין תּכלית ניט, און מרה־שחורהדיק איז אים געוואָרן אַזש צום משוגע ווערן, האָט ער זיך מיישבֿ געווען און האָט פֿאַרקויפֿט דעם גאַנצן ווײַנגאָרטן מיט דעם הויז, מיט דעם ווײַנקעלער. און כאָטש ער האָט באַקומען דערפֿאַר אַ שטיק געלט, האָט ער דאָס געטאָן מיט אַ שווער האַרץ, וואָרעם ס׳איז געווען נחלת־אָבֿותיו. געטרייסט האָט ער זיך, אַז ער וועט אַצינד קאָנען ציִען קיין ירושלים און דאָרט וועט אים ניט זײַן אַזוי אומעטיק.

אָנגעקומען קיין ירושלים מיט אַ סך געלט, האָט זיך טובֿיה געקויפֿט אַ הויז און שענערע מעבל, ווי ער האָט געהאַט דאָרט אין גליל, און האָט געפּרוּווט זיך אײַנצולעבן. און אַזוי ווי ער איז געווען געניט אין ווײַן, האָט ער אָנגעהויבן צו מאַכן מסחרים מיט ווײַן און פֿלעגט קומען אויף דעם גרויסן מאַרק, וואָס איז געווען אין ירושלים, און איז דאָרט זיך צונויפֿגעקומען מיט מענטשן און מיט גרויסע סוחרים.

און כאָטש ס׳איז אַ ווייטיק צו זאָגן, מוז איך מודה זײַן, אַז ירושלים פֿון דעמאָלט איז ניט געווען אַזוי פֿול מיט יושר און צדקה. אמת, שמעיה ואַבֿטליון זענען טאַקע געזעסן און האָבן געלערנט און געפֿלאַנצט ייִדישקייט אין בית־המדרש. אָבער אויף די גאַסן האָט עס אויסגעזען גאָר אַנדערש. די צדוקים, די דעמאָלטיקע אינטעליגענץ, און די גבֿירים האָבן שטאַרק אין זין געהאַט די וועלט, און האָבן געמאַכט גרויסע נסיעות קיין גריכנלאַנד און

רוים און דאָרט האָבן זיי זיך אָפּגעלערנט נײַע מנהגים... אַ סך האָבן פֿאַרביטן די ייִדישע בגדים און בײַ זיך אין דער היים גערעדט גריכיש און רוימיש. דער הויף מיט דער קעניגלעכער פֿאַמיליע פֿון הורדוס האָבן זיך אויפֿגעפֿירט גאַרניט ווי ייִדן, און געבויט האָט מען גימנאַזיעס און טעמפּלען מיט זײַלן ווי מען איז דאָס גאַרניט געוווינט אין דער הייליקער שטאָט. דאָס איז אָבער נאָך ניט אַלץ. צו אַזאַ לעבן אין ווילטאָג מוז מען האָבן אַ סך געלט, און אַז מען האָט דאָס ניט, מוז מען עס פֿאַרט קריגן, און דעמאָלט נעמט מען עס צו בײַ אַנדערע... אַזוי איז געקומען, אַז די רײַכע האָבן אָוועקגענומען בײַ די שוואַכע זייער פֿאַרמעגן, און קיינער האָט פֿון זיי ניט געקאָנט קומען אין געפֿענקעניש אַרײַן. יאָ, ס'איז געווען אַ דור...

איך קאָנט פֿאַרשטיין, אַז בײַ אַזאַ לעבן זענען די בנות־ציון אויך ניט מער געווען דאָס וואָס אַ מאָל. שיין זענען זיי געווען אָבער ס'איז ניט געווען די לויטערקייט פֿון אַמאָל און ניט די ריינקייט פֿון אַמאָל... ניין, פֿאַרשײַטע נקבֿות זענען דאָס געווען, זיך געוווינט צו פּוץ און צו לוקסוס, און אָנגעטאָן אין די טײַערסטע קליידער פֿון דער וועלט מיט אַלע קונצן... און אַז ישעיה און אַלע נבֿיאים, וואָס האָבן געלעבט פֿאַרן ערשטן חורבן און האָבן אויך ניט געזען בעסערס פֿאַר די אויגן, וואָלטן דעמאָלט אויפֿגע־שטאַנען, וואָלטן זיי געקאָנט זאָגן זייערע שטראָפֿרייד אַ סך שאַרפֿער ווי פֿריִער און אַ סך ברענענדיקער. אַזאַ לעבן איז געווען דעמאָלט אין ירושלים!

צו אַזאַ צײַט, ווען גאָט איז שוין דערצאָרנט געווען אויף אַלע די, וואָס לעבן אַזוי, און ס'האָט אים שטאַרק פֿאַרדראָסן אויף זײַן פֿאָלק, וואָס גייט ניט אין זײַנע וועגן און איז גאַרניט מער דאָס הייליקע פֿאָלק, ווי ס'שטייט אין דער פּרשה קדושים, פּונקט פֿאַרקערט: מותרות אויף שריט און טריט, צונעמען בײַם בעל־חובֿ דאָס לעצטע בענקל, אַפֿילו דעם יתום און אַלמנה אויסצוזויגן, אָבי זיך אַליין צו באַרײַכערן, און צניעות שוין גאַרניט, גאָר להיפּוך ולהיפּוך, — יאָ, אין אַזאַ צײַט קומט טובֿיה בן אליעזר אין דער אויסגעלאָסענער שטאָט ירושלים פֿון זײַן שטילן ווײַנגאָרטן און ווערט אַ סוחר. אַזאַ סבֿיבֿה איז ניט געווען פֿאַר אים און ער האָט ניט געדאַרפֿט אַהין צו קומען.

אין אַ יאָר אַרום, ווי טובֿיה איז געזעסן אין ירושלים און האָט זיך שוין באַקענט מיט פֿיל מענטשן און געזען האָט ער נאָר דאָס, וואָס ס'וואַרפֿט זיך אין די אויגן, און האָט ניט פֿאַרשטאַנען פֿונעם תּוך, האָט ער חתונה געהאַט און גענומען איינע פֿון די בנות־ירושלים פֿון אַ גוטער משפּחה און אַ גרויסע יפֿת־תּואר. איך וויל נישט זאָגן, אַז חנה איז שוין גאָר אויסגעלעשט געוואָרן פֿון זײַן האַרצן, אָבער ס'ליגט שוין אַזוי אין דער טבֿע פֿון מענטשן

זיך צו טרייסטן. און דאָס אַליין, אַז אַ ייִד פֿון דאַרף איז זוכה צו נעמען אײנע פֿון ירושלים, פֿון דער הויפּטשטאָט אַליין, דאָס האָט טאַקע טוביהן געצויגן צו דער נײַער פֿרוי, און אַ ביסל האָט עס זי צו אים אויך געצויגן. פֿאַר איר, וואָס איז אויפֿגעוואַקסן אין ווילטאָג און אין ליאַרעם, איז געווען אַ מענטש פֿון דעם מין, ווי טוביה בן אליעזר, אַ נײַס. און תּחילת האָט איר טאַקע גוט געפֿעלן בײַ אים. טוביה האָט זי ליב געהאַט און האָט זי מכבד געווען און זי חשוב געהאַלטן און איר געקראָכן אונטער די נעגל און נישט פֿאַרגעסן קיין איין טאָג, אַז זי איז אַ ירושלימער.

ער האָט זיך אָנגעהויבן פֿירן העכער פֿאַר אירעט וועגן, און זי האָט דאָס אַודאי געוואָלט. אַלע וואָך האָט זי זיך געמאַכט נײַע קליידער פֿון טײַערע שטאָף און טאַקע זיך אָנגעטאָן תּענוגים; און אַזוי האָט זי געצוווּנגען טוביהן צו לעבן איבערן כּח. טוביה האָט זי שטאַרק ליב געהאַט און איר ניט געקאָנט אָפּזאָגן. ער האָט איר נאָכגעגעבן אַלע אירע פֿאַרלאַנגען, און זי איז נישט געווען אַ פּיצל דאַנקבאַר, פֿאַרקערט, זי האָט זיך גאַר אָנגעהויבן אָפּצוקערן פֿון אים...

נײן, זי איז נישט געווען די ריכטיקע פֿרוי פֿאַר טוביהן; ער אָבער איז געווען שטאַרק פֿאַרנאַרט אין איר, און ער האָט נישט געזען, וואָס ער האָט בײַ זיך אין שטוב; זײַן האַרץ איז איר בלינד נאָכגעגאַנגען. מ׳פֿאַרשטייט, אַז פֿון אַזאַ פֿירונג האָט זיך באַלד אויסגעלאָזט דאָס געלט, און מ׳הייבט זיך שוין אָן צו פֿאַרדרייען און אָנצוקומען צו אַ מלווה... דעמאָלט איז דאָס פּונקט אַזוי געווען ווי הײַנט.

און יענער מלווה, וואָס טוביה האָט מיט אים געהאַט צו טאָן, איז געווען אַ גרויסער עושר און איז געזעסן אין בית־לחם, לעבן ירושלים. דאָס איז געווען אַ ריכטיקער בלוטזויגער, אַ שלעכטער מענטש בײַ אין האַרצן אַרײַן; אַלץ, וואָס ער האָט פֿאַרמאָגט, איז געווען גזלה און גנבֿה, און בטבֿע איז ער גאָר קיין פֿרומער נישט געווען, אויך וואָס איז שייך צום זעקסטן געבאָט פֿון די עשׂרת־הדיברות... יאָ, דאָס איז געווען אַן אמתער רשע. ער האָט געקענט טוביהס ווײַב נאָך פֿון פֿריִער, וישׂא עיניו אליה, און האָט דערהויבן זײַנע אויגן צו איר.

און אַט דער בית־לחמער האָט טוביהן פֿאַרנאַרט פֿון אַלע זײַטן, האָט אים געליִען געלט און זיך געלאָזט אַלץ איבערשרײַבן אויף זײַן נאָמען. אין יענע יאָרן האָט מען אַזעלכע זאַכן אויך גוט פֿאַרשטאַנען. דערצו האָט ער נאָך אונטערגעשיקט רכילות־טרײַבער צו טוביהן אויף זײַן ווײַב, און אַליין האָט ער זיך כּלומרשט געשטעלט פֿאַר זײַן פֿרײַנד און אים געראָטן, אַז מיט אַזויגער מוז מען זיך גטן. אויסמעקן פֿונעם האַרצן האָט טוביה זי ניט געקאָנט,

פֿאַרקערט, אין תּוך אַרײַן האָט ער זי ליב געהאַט ווי פֿריִער, איר געשטאַלט האָט אים געצויגן צו זיך מיט אַ משונהדיקן כּוח; אָבער על־פּי־דין און אַז מ׳האָט שוין אַזוי גערעדט און ס׳איז גאָר געווען גבֿית־עדות, וישלחה מעל פּניו, און ער האָט זי אָוועקגעשיקט פֿון זײַן הויז און זיך געמוזט מיט איר גטן.

אָן געלט און אַ בעל־חובֿ איבער די אויערן איז טובֿיה אַליין געבליבן אין דער גרויסער פֿרעמדער שטאָט ירושלים; אויך מיט דער ירושלימער האָט ער קיין קינדער ניט געהאַט. טובֿיהן איז אומעטיק, גאַנץ אַליין זיצט ער אין שטוב, און דאָס פּנים פֿון זײַן געשידענער פֿרוי קאָן ער פֿאָרט ניט פֿאַרגעסן... זי איז אים תּמיד געשטאַנען פֿאַר די אויגן, ווי אַן אַפּטוניש. איר ווייסט נישט, ווי גרויס דער כּוח פֿון דער שיינקייט פֿון אַ ווײַב איז אויף אַ מענטשן. מעג ער אַפֿילו זײַן אַזאַ ערלעכער און ריינער מענטש, ווי טובֿיה בן אליעזר.

און דאָ גייט טובֿיה אַרויס אין גאַס און הערט, אַז יענער, זײַן מלווה פֿון בית־לחם, וואָס האָט אים אַליין געראָטן זיך צו גטן, האָט טאַקע חתונה געהאַט מיט זײַן ווײַב די גרושה. נבֿלה בישׂראל! אַזוינס האָט מען נאָך ניט געהערט בײַ ייִדן, אַפֿילו צווישן גרויסע רשעים. און ווי אַזוי טובֿיה האָט די גוטע בשׂורה אויפֿגענומען, איז מיר שוין פֿאַרשפּאַרט צו דערציילן. עס האָט אים געוויינט אין האַרצן...

דער נבֿל פֿון בית־לחם איז אָבער דערמיט ניט יוצא געווען, ביין, ער האָט זיך גענומען אָן טובֿיהן נוקם צו זײַן. איר הערט אַ מעשׂה! אים האָט פֿאַרדראָסן, פֿאַר וואָס טובֿיה האָט פֿריִער חתונה געהאַט מיט זײַן איצטיק ווײַב, און ער האָט אים גענומען קוועטשן און דריקן, אַז ער זאָל אים באַצאָלן די חובֿות. טובֿיה האָט אָבער ניט געהאַט קיין פּרוטה, און דער בית־לחמער האָט צוגענומען בײַ אים דאָס הויז און די גאַנצע כּלי־בית און אים אַפֿילו ניט געלאָזן אַ בענקל. און אַחוץ דעם, ווײַל דאָס אַלץ האָט ניט אויסגערייכט פֿאַר דעם גאַנצן חובֿ, האָט ער גענומען טובֿיהן צו זיך פֿאַר אַ קנעכט, ער זאָל אים אָפּדינען דעם חובֿ. אַזוינע האַרטע דינים זענען דעמאָלט געווען. דער בעל־חובֿ איז געווען גלײַך ווי אַ גנבֿ, און סע שטייט געשריבן: ונמכּר בגנבֿתו, מען זאָל אים פֿאַרקויפֿן פֿאַר דער גנבֿה.

טובֿיהס לעבן אין בית־לחם איז געווען דער ריינער גיהנום פֿאַר אים, כאָטש מ׳האָט מיט אים ניט אַזוי שווער געאַרבעט, און ער האָט נאָר געהאַט צו טאָן מיט אַ קליינעם שימוש, דערלאַנגען דעם אָדון און דער אָדונית דעם בעכער ווײַן צום טיש.

אין דעם שטילן בית־לחם, לעבן דער קאָכעדיקער שטאָט ירושלים איז געזעסן דער מלווה מיט זײַן נײַער שיינער ווײַב אין דעם שיינעם הויז מיטן

גרויסן גאָרטן. און ווען טוביה פֿלעגט ברענגען דעם בעכער ווײַן צו טראָגן און האָט געזען פֿון ווײַטן, ווי זייביידע זיצן אַרומגענומען האַנט אין האַנט, פֿלעגן אים די טרערן אַרײַן אין די אויגן און פֿון די אויגן פֿלעגן זיי פֿליסן אין בעכער אַרײַן...

און אָט די טרערן — זאָגן די חכמים — האָבן פֿול געמאַכט די מאָס פֿון די זינד פֿון די ייִדן, און גאָט האָט ניט מער אײַנגעהאַלטן זײַן צאָרן און האָט גוזר געווען, אַז דער בית־המקדש זאָל חרובֿ ווערן און די שטאָט ירושלים זאָל פֿון פֿײַנד אײַנגענומען ווערן.

און דורך דעם עוון האָט טיטוס גובֿר געווען, ניט דורך זײַנע לעגיאָנען.

די צוויי ברידער

אַ מעשׂה פֿון מדרש

סע איז פֿאַראַן אַ פּסוק אין חומש: שופך דם האדם באדם, דמו ישפך. פֿאַרטײַטשט: ווער ס׳פֿאַרגיסט דאָס בלוט פֿון אַן אַנדער מענטשן אומזיסט און אומגעשט, דער זאָל נישט שטאַרבן מיט זײַן אייגענעם טויט. די טבֿע אַליין דערמאָנט אים זײַן חובֿ. און כאָטש ס׳קומט אַ מאָל אויס, אַז אַ רוצח ווערט גערעטעוועט און גאָט שטראָפֿט אים ניט תּיכּף נאָך דער רציחה, ווײַזט זיך דאָס נאָר אַזוי אויס, אָבער אין דער אמתן קומט שוין אַ מאָל זײַן צײַט, און ס׳טרעפֿט אים די האַנט פֿונעם אייביקן ריכטער.

*

אין מדרש־רבה צום חומש דבֿרים לייענען מיר אָט אַזאַ מעשׂה: ס׳איז געווען אַ מאָל אין אַ דאָרף אַן אַלמנה, רות האָט זי געהייסן מיטן נאָמען, און זי האָט געהאַט פֿעלד און בהמות. און געאַרבעט האָבן בײַ איר דינסטן און קנעכט, און זי האָט זיי גוט געצאָלט און טאַקע ניט געאַרבעט מיט זיי עבֿודת־פּרך, וואָרעם זי איז געווען אַ מענטש מיט רעכטשאַפֿנדיקייט. דער יושר און די חיובֿים פֿון אַ מענטשן זענען בײַ איר געווען די אמונה. אין דער וועלט מוז זײַן רעכט, פֿלעגט זי זאָגן, קיינער טאָר ניט קרימען דעם אַנדערן אויף אַ האָר, קיינער טאָר ניט אַוועקנעמען בײַם אַנדערן, קיינער טאָר ניט אויפֿהייבן זײַן האַנט אויף דעם אַנדערן... און האָט זיך אירס אַ קינד געקריגט מיטן קנעכט, און דער קנעכט איז געווען גערעכט, האָט זי ניט געקוקט אויף איר בלוט און פֿלייש. נושא־פּנים זײַן, אַפֿילו זיך אַליין, דאָס איז בײַ איר ניט געווען. יאָ, אַזוינע מינים פֿרויען האָבן מיר געהאַט אַ מאָל.

רות האָט געהאַט צוויי ייִנגלעך, איינער האָט געהייסן שמעון און דער אַנדערער האָט געהייסן יעקבֿ. און זיי זענען געווען די לעבעדיקע ירושה פֿון איר מאַן. אַז איר מאַן האָט געלעבט, זאָגט מען, האָט זי געהאַט מיט אים אַ שווער האַרץ. אָבער נאָר איינער פֿון די זין האָט געהאַט אין זיך די ווילדקייט פֿונעם פֿאָטער און דאָס איז געווען שמעון. דער ייִנגערער ברודער, יעקבֿ, איז אויך ניט געווען קיין נעבעך, אָבער ער איז ניט געווען אַזאַ כּעסן ווי שמעון. שמעונס כּעס איז געווען למעלה־מן־הטבֿע. אים צו זען רײַטנדיק

אויפֿן פֿערד, צי אַרויספֿאָרן אויפֿן טויג, האָט מען דערקענט, אַז דער כּעס קאָכט אין אים; אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן, האָט ער געטאָן מיט כּעס. יעקבֿ האָט מורא געהאַט פֿאַרן ברודער, אָבער נאָכגעבן מיט רצון האָט ער ניט געקאָנט. אַ מענטש, וואָס טוט קיינעם ניט קיין עוולה, קאָן ניט פֿאַרטראָגן, אַז מען זאָל אים טאָן אַן עוולה; אָבער שמעון איז געווען תּמיד דער תּקיף איבער אים, און וואָס ער האָט געוואָלט, האָט ער אויסגעפֿירט, און שלא־על־פּי־דין. גאַרניט, טו עפּעס. ווי אַזוי די מוטער רות האָט פֿון דעם געליטן, באַדאַרף איך אײַך ניט דערציילן.

ויהי היום, האָבן זיך ביידע ברידער צעקריגט. זעכצן יאָר זענען זיי שוין אַלט געוואָרן, דער איינער — פֿול מיט תּאוות און לײַדנשאַפֿטן, די וועלט וואָלט ער געקאָנט פֿאַרשלינגען; דער צווייטער, ווי זאָגט מען, אַ ריינער מענטש, אַ כּשר בלוט. אויף איין זײַט קין, אויף דער אַנדערער — הבֿל. און דאָס זענען צוויי ברידער...

ווי געזאָגט, זיי האָבן זיך ביידע צעקריגט. ווער ווייסט, טאָמער איז דאָס גאָר געווען אַ פּוסטע זאַך און זיי וואָלטן געקאָנט צוריק שלום ווערן. אָבער מסתּמא איז באַשערט געווען, אַז שמעון זאָל אויסלאָזן זײַן צאָרן. שמעון האָט אָנגעהויבן צו שעלטן זײַן ברודער און דערנאָך אים צו שלאָגן; און אַז יעקבֿ האָט זיך ניט געלאָזן, איז שמעון נאָך מער אַרײַן אין כּעס. ער האָט אַרויסגעכאַפּט אַ שאַרף מעסער פֿון בוזעם אַרויס און האָט עס אַרײַנגעשטאָכן זײַן ברודער אין האַרצן אַרײַן.

יעקבֿ האָט געגעבן אַ מוראדיקן געשריי און איז געפֿאַלן אויף דער ערד. און אַז די מוטער רות איז אַרײַנגעשפּרונגען פֿון דעם הינטערשטן חדר, האָט דאָס וואַרעמע בלוט פֿונעם דערשטאָכענעם זון נאָך געשפּריצט. און דער רוצח איז אַנטלאָפֿן דורך אַן אָפֿענער טיר...

*

שטיל און מיט צוזאַמענגעביסענע ליפּן האָט די מוטער פֿון ביידע גענומען אַ ריין גלאָז, האָט עס אונטערגעשטעלט אונטער דאָס שפּריצנדיקע וואַרעמע בלוט פֿון דעם דערהרגעטן זון, עס איז געוואָרן פֿול.

דערנאָך האָט זי צונויפֿגערופֿן די מענטשן אין שטוב. מע האָט אויפֿגעהויבן יעקבֿן פֿון דער ערד, אים אויסגעטאָן די בלוטיקע קליידער, אים אָפּגעוואַשן און אײַנגעוויקלט אין אַ ווײַס לײַלעך. ער איז שוין געווען אַ טויטער.

געיאָמערט און געקלאָגט האָבן אַלע נאָך יעקבֿן. אַלע האָבן אים ליב געהאַט ווי אַן אייגן קינד, וואָרעם ער האָט געהאַט אין זיך די טײַערע מידות פֿון זײַן מוטער און האָט קיינעם ניט געטאָן קיין עוולה. נאָר זײַן מוטער

האָט ניט געוויינט און ניט געקלאָגט. דאָס בלוט אין גלאָז איז געשטאַנען און האָט געזאָטן.

שטיל און אָן טרערן איז די מוטער געגאַנגען צו דער קבֿורה. דאָס גאַנצע דאָרף איז געווען ביי דער לוויה. באַגראָבן האָט מען אים נאָענט פֿון אַ בערגל.

און אויף דעם בערגל האָט רות געלאָזט אויפֿמויערן אַ טורעם פֿון שטיינער און אויבן, אונטער דעם דאַך פֿון טורעם, האָט זי געהייסן מאַכן אַ קליין חדרל, און אַט אין דעם חדרל האָט זי דאָס קאָכעדיקע גלאָז בלוט אַרויפֿגעבראַכט און האָט עס דאָרט אַנידערגעשטעלט.

עטלעכע פֿון אירע געטרייַע קנעכט האָבן זיך געוואָלט לאָזן אויף דער וועלט, כּדי צו זוכן שמעונען, דעם רוצח, וואָס האָט אומגעבראַכט זייַן ברודער, אָבער רות האָט דאָס ניט צוגעלאָזט. וואָס זי פֿלעגט טאָן, איז געווען איינס: איטלעכן טאָג, אַז זי האָט געענדיקט די אַרבעט פֿונעם גאַנצן טאָג, פֿלעגט זי זיך פֿאַרגנבֿענען און פֿלעגט אַרויפֿגיין אין חדרל פֿון טורעם. דאָרט איז געשטאַנען דאָס גלאָז מיט יעקבֿס בלוט און דאָס בלוט האָט שטענדיק געקאָכט, גלייַך ווי ס'קומט נאָר־וואָס פֿון אַ מענטשן.

שטיל פֿלעגט זי דאָרט זיצן און קוקן אויפֿן גלאָז און פֿלעגט קוקן דורכן פֿענצטערל ווייַט איבערן דאָרף, גלייַך ווי זי וואָלט דאָרט עמעצן געזוכט. דאָס פֿלעגט זי טאָן יעדן טאָג, זומער און ווינטער. עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ יאָר, דאָס צווייטע, דאָס דריטע. פֿון שמעונען הערט מען גאָרניט, און פּאַמע־לעך הייבן די מענטשן אָן צו פֿאַרגעסן פֿון אים און פֿון דער רציחה. רות האָט אָבער ניט פֿאַרגעסן און ניט אויסגעלאָזט איין טאָג, וואָס זי זאָל ניט אַרויפֿגיין אויפֿן טורעם, אַזוי גוט, ווי אַ פֿרומער ייִד לאָזט ניט אויס קריאת־שמע. אַזוי זענען אַוועקגעגאַנגען צען יאָר נאָך יעקבֿס טויט, און רות קומט אַלע טאָג צום טורעם, און דאָס בלוט קאָכט און זידט, גלייַך ווי סע וואָלט געווען היינטיקן טאָג.

דרייַצן יאָר זענען פֿאַרגאַנגען. שטום האָט זי געטראָגן דעם צער אין האַרצן, אַזוי ווי מע טראָגט אַ סוד. מיט קיינעם האָט זי ניט גערעדט פֿון איר צער, אַפֿילו ניט מיט גאָט... דערצו איז זי געווען צו שטאָלץ.

אויפֿן פֿערצנטן יאָר, סע איז געווען אַ זומערטאָג, דער הימל איז געווען בלוי, די לופֿט איז געווען ריין און פֿריש. רות איז אַרויפֿגעגאַנגען אויפֿן טורעם, ווי דער שטייגער אירער איז געווען, זי האָט געוואָרפֿן אַ בליק דורכן פֿענצטער, שלום ושלווה איז געווען אויף דער וועלט!

אויף איין מאָל האָט דאָס בלוט אין גלאָז אויפֿגעהערט צו קאָכן און סע איז געבליבן גאַנץ שטיל.

און ווי די שווער געפּרוווטע מוטער האָט דאָס דערזען, האָט זי אויפֿגעהויבן

אירע הענט צום הימל און האָט געזאָגט: איך דאַנק דיר, ריכטער פֿון דער וועלט, וואָס דו האָסט געמשפּט. אַצינד ווייס איך, אַז מײַן זון, דער רוצח, איז ניטאָ מער אויף דער וועלט.

און אַזוי איז טאַקע געווען. דעם אייגענעם טאָג און די אייגענע שעה, וואָס דאָס בלוט איז שטיל געבליבן, איז שמעון אין וואַלד דערהרגעט געוואָרן.

דאָס פּײַפּעלע

צו דעם בעל־שמס צײַטן האָט געלעבט אין אַ דאָרף אַ ייִד, אַן ערלעכער און אַ פּשוטער ייִד, שמעון מיטן נאָמען. געהאַלטן האָט מען אַ שטיקל שענקל, און כאָטש ס׳איז ניט געווען אַזוי מיט הרחבֿה, האָט מען קיין מאָל ניט אַ טראַכט געטאָן מכּוח דעם, צי חס־ושלום גאָר האָבן תּרעומות, פֿאַרקערט, מע דאַנקט נאָך דעם אייבערשטן, אַז מ׳האָט זיך אַ ווינקעלע, און כאָטש מ׳איז שטענדיק אַ טרוד, בלײַבט נאָך אַ ביסל צײַט פֿאַר אַ ייִדיש וואָרט... איי, ס׳איז ניטאָ קיין מנין און קיין מקווה ניט און אַלע זיבן זאַכן פֿון שטאָט, דערפֿאַר איז אָבער דאָ אַ תּהילימל און אַ סידורל, און אַ שטילע שמונה־עשׂרה דאַוונט זיך אין אַ דאָרף אַוודאי גוט... וואָס וואָלט שמעונען און זײַן ווײַב געפֿעלט, אַז גאָט וואָלט זיי ניט געווען געשטראָפֿט מיט אַ קינד, מיט אַ ייִנגל, וואָס איז שוין אַלט צען יאָר און קען אַפֿילו ניט קיין עבֿרי ניט. וואָס זאָג איך עבֿרי, ניט די צורה פֿון אַן אַלף, פֿון אַ מלופֿן. מלמדים האָט מען ניט געקאָנט האַלטן, אָבער באַהעלפֿערס האָט מען גענומען, און געזוכט גוטע איבערן כּוח, אָבער ס׳איז געווען אַלץ אומזיסט. דער מוח איז געווען אַזוי פֿראָסט און פֿאַרשטאָפּט, אַז מע האָט אים ניט געקענט אויסלערנען זאָגן אַ ברכה, צי װער שמועסט קריאת־שמע לייענען צי מודה־אַני. מיינט איר, אַז ער האָט עפּעס פֿאַרשטאַנען פֿון אַן עבֿירה, אַז מע טאָר ניט שבת רײַסן פּאַפּיר צי טראָגן אַ שטיינדל?

וואָס שמעון און זײַן ווײַב האָבן געליטן, קאָנט איר אײַך ניט אויסמאָלן. אָבער ווי געזאָגט, תּרעומות האָבן זיי ניט געהאַט צום אייבערשטן און האָבן ניט גערעדט פֿון זייער מזל. יענע יאָרן און יענע מיני מענטשן! — אָבער דאָס איז אין אַמאָליקע צײַטן אויך געווען ווי הײַנט: מע האָט זיך געשעמט, זיך געשעמט פֿאַר אַנדערע... אַז ס׳זענען געקומען ימים־נוראים און מען איז געפֿאָרן אין שטאָט אַרײַן, האָט מען זיך געשעמט מיטצונעמען דאָס ייִנגל, מ׳זאָל ניט זינדיקן מיט די רייד. אַ ייִדיש קינד, און ס׳זעט אויס, ווי ס׳וואָלט געשטאַמט פֿון גויים און רעדן רעדט דאָס אויך האַלב גויִיש, אַ פּראָסטער שייגעץ...

אָבער וואָס טוט מען, דאָס נפֿש איז שוין באַלד אַלט דרײַצן יאָר, ס׳גייט אויף בר־מצווה און מע מוז דאָך טראַכטן וועגן דעם, ווי מאַכט מען אים

כאַטש צו אַ שטיקל ייִד. האָט זיך דער פֿאָטער מישבֿ געווען און אים דאָס מאָל מיטגענומען אין שטאָט אַרײַן צו יום־כּיפּור. געדאַוונט האָט ער אין בעל־שמס בית־מדרש, און מאָלט אײַך אויס, אַז אַזאַ בופֿלאָקס פֿון אַ מענטשן קומט אין אַזאַ סבֿיבֿה... דער בעל־שם אַליין האָט נאָך דעמאָלט געלעבט און די גאַנצע חבֿריה, און געדאַוונט האָט מען ווי די שׂרפֿים ואופֿנים. דער דאָרפֿס־בחור איז געשטאַנען צווישן די וועקסענע ליכט און די געלע טליתים, וואָס האָבן זיך געשאָקלט, און האָט געקוקט ווונדערלעך. די תּפֿילות זענען דאָס מאָל ניט געווען אַזוי אַקוראַט, וואָרעם ס'איז דאָס יאָר געווען אַ גרויסער קטרוג אויף ייִדן און דער בעל־שם האָט זיך שטאַרק נתעצם געווען און אַלע מאָל אַ געשריי געגעבן שאגת־ארי. כּל־נדרי האָט מען אָנגעהויבן מיט אַ גרויסער ילֵלה, עפּעס אַ קלייניקייט, וזה שער השמים! אַז מע שטייט און מע מוז עפֿענען די טויערן פֿונעם הימל, און סע שטייען תּפֿילות פֿון הונדערטער יאָרן און מ'לאָזט זיי ניט אַרײַן. שמעון האָט געהאַלטן זײַן זון כּסדר לעבן זיך און האָט פֿון אים ניט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג. עפּעס איז אים אַרײַן אין דער מחשבֿה, טאָמער איז ער זיך מישבֿ און לעשט אויס אַ ליכט, און ער האָט זיך צעוויינט מיט אַזאַ געבראָכן קול, וואָס דאָס איז געווען באַצאָלט פֿאַר אַלע דרײַצן יאָר. דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן די סליחות מיט די לאַנגע תּפֿילות. עפּעס אַ קלייניקייט, האָבן די זכיה צו דאַווענען מיטן בעל־שם אין איינעם, אָבער דער בעל־שם וויינט ביטער, אַ פּנים ס'איז אַ שטאַרקע שׂיטנה אויף כּל־ישׂראל...

און אויף מאָרגן פֿרי האָט דער בעל־שם אַליין געדאַוונט שחרית פֿאַרן עמוד און מוסף אויך. איטלעכן איז געווען אַזוי שווער אויפֿן האַרצן און איטלעכער האָט געטאָן תּשובֿה פֿאַר אַלע יאָרן און איטלעכער האָט געפֿילט, אַז מע מוז ממרק זײַן אַלע עוונות... דאַ זעט שמעון, אַז זײַן ייִנגל האַלט די האַנט אין קעשענע און וויל עפּעס אַרויסנעמען. טאַטע, זאָגט ער, איך האָב אַ פֿײַפֿל און וויל בלאָזן אויף דעם. איר קאָנט אײַך אויסמאָלן דעם שרעק פֿונעם פֿאָטער. ער זאָגט אים שטילערהייט און בײַסט מיט די ליפּן: טו דאָס ניט, מ'טאָר ניט... דאָס ייִנגל אָבער זאָגט: כאָטש איין בלאָז טאָן. שמעון וואָלט אים געקאָנט דערהרגענען. טאָר מען אום יום־כּיפּור זײַן אין כּעס? און אַזאַ בלבול בשעת התּפֿילה! ער האַלט אים צו די קעשענע מיטן פֿײַפֿעלע, וואָרעם אַרויסנעמען טאָר מען דאָס ניט, ס'איז מוקצה... דאָס ייִנגל רײַסט זיך און בעט: כאָטש איין בלאָז. שמעון פֿאַרשעלט זיך, פֿאַר וואָס ער האָט אים מיטגענומען; ער וואָלט געגעבן מי־יודע וויפֿל, אַז ער וואָלט אים אַצינד געהאַט אין דאָרף. און דאָס ייִנגל רײַסט זיך און בעט אין איינעם: לאָז מיך בלאָזן, טאַטע. — ס'איז שוין מנחה, ס'קומט צו נעילה. דער בעל־שם האָט

זיך ווידער אַנידערגעשטעלט און האָט אָנגעהויבן מתפלל צו זײַן בשבֿרון־לבֿ. אָבער ער האָט נאָך ניט געפּועלט אויבן, וואָס ער האָט געוואָלט פּועלן. ער איז שוין געווען בײַ זײַן רבין אחיה השילוני און איז שוין געווען אין היכל־המשיח, און ס'העלפֿט ניט, מע וויל די תּפֿילות ניט אַרײַנלאָזן. עפּעס טויזנטער פֿון מקטרגים און משׂטינים האָבן זיך דאָס מאָל צונויפֿגענומען און אָנגערעדט אויף ייִדן, אַפֿילו דעם חטא פֿונעם עגל האָט מען נאָך אַ מאָל אויפֿגעמישט און דעם חטא פֿון ירבֿעם בן נבֿט. האָט דען דער בעל־שם גאָר קיין זכיות ניט? האָט אים דאָס מאָל גאָט פֿאַרלאָזן? אין דעם גאַנצן בית־המדרש איז אימה ופחד. ס'איז שווער, ס'איז שווער, דאָס פֿילט איטלעכער מתפלל, און נאָך אין אַ שעה אַרום איז שוין תּקיעה־גדולה. דאָ כאַפּט אַרויס דאָס דאָרפֿסײַנגל דאָס פֿײַפֿעלע און הייבט אָן צו בלאָזן: טאַ! טאַ! אַ שרעק איז געפֿאַלן אויפֿן עולם. מ'האָט ניט געוווּסט פֿון וואַנען ס'האָט זיך גענומען? און מ'האָט געמיינט, ס'איז דער שׂטן, וואָס בלאָזט, און אַז מע האָט דערזען דאָס ייִנגל האַלטן דאָס פֿײַפֿעלע אין מויל, וואָלט מען אים געקאָנט צערייסן. האָט זיך דאָ דער בעל־שם אומגעקערט מיטן פּנים צום עולם און האָט געגעבן אַ ווונק, מ'זאָל דאָס ייִנגל ניט טשעפּען און האָט זיך ווידער אַנידערגעשטעלט דאַווענען נעילה, און עפּעס גאָר אַנדערש מיט אַ פֿריילעך האַרץ און אַלע האָבן אויף איין מאָל געפֿילט, ס'איז עפּעס גרינגער געוואָרן. אַזוי האָט זיך אויסגעלאָזט דער ווייַנענדיקער יום־כּיפּור רויִק און לײַכט. מעריבֿ האָט מען אויך גיך אָפּגעדאַווענט און נאָך חידוש־לבֿנה, אַז מען האָט שוין פֿאַרשלאָגן די פֿלעקער אויף סוכּות, האָט זיך די חבֿריה צוזאַמענגעקליבן צום בעל־שם און רבי וואָלף קוצעס האָט, ווי תּמיד, געוואָלט פֿון אים וויסן דעם פּירוש פֿון דער זאַך. דער בעל־שם האָט פֿאַררייכערט די ליולקע און האָט דערציילט פֿון דעם גרויסן קטרוג אויף ייִדן און פֿונעם גרויסן צער, וואָס ער האָט געהאַט דעם גאַנצן יום־כּיפּור, אַז ער האָט געזען, אַז ער קאָן נישט אָפּוואַשן די שׂיטנה און מיטנעמען די תּפֿילות. אָבער דאָס ייִנגל, וואָס איז קיין מאָל ניט געווען אין אַ בית־מדרש און וואָס האָט קיין מאָל נישט פֿאַרשטאַנען אַ וואָרט פֿונעם דאַווענען, אָט דאָס ייִנגל איז געווען אַ מליץ־טובֿ... ער שטייט צווישן ציבור און זעט, אַז עס רודערט זיך עפּעס אַרום און ער וויל אויך עפּעס טאָן, אָבער ער קען ניט. דאָ האָט ער אַ בלאָז געטאָן אויפֿן פֿײַפֿעלע און דאָס איז געווען אין דער שעה זײַן עבֿודה. און פֿון דער עבֿודה פֿון אַזאַ פּראָסטער נשמה איז געוואָרן אַן עת־רצון למעלה. און אַלע טויערן האָבן זיך אויפֿגעעפֿנט און די תּפֿילות זענען אַרײַן פֿאַרן כּסא־הכּבֿוד, און מען האָט ייִדן אַלץ מוחל געווען און מען האָט זיי נאָך געשענקט אַ גוט און אַ רײַך יאָר און ישועות און נחמות בכל־תּפֿוצות־ישׂראל.

דער עונש אָדער אַ נײַע חולדה ובֿור

גענווידמעט דעם נודד נצחי

א

— יאָ, עס איז דאָ אַ גאָט, ס׳איז דאָ גערעכטיקייט און מע משפּט אויבן, און אַלץ וואָס דער מענטש טוט דאָ אונטן, ווערט אויבן פֿאַרשריבן אין ספֿר־הזכרונות. סײַ גוטס סײַ בייז ווערט דאָרט פֿאַרצייכנט און פֿאַרשריבן אין ספֿר־הזכרונות, און אַז ס׳קומט די צײַט צו באַצאָלן, באַצאָלט מען. מילא, אַז דער מענטש זינדיקט לשמים, דאַוונט נישט צו דער צײַט, צי סע פֿאַררוקט זיך אים דער תּפֿילין־של־ראש, צי ער טוט טאַקע אַן אמתע עבֿירה, ווי חילול־שבת, שטראָפֿט מען אַוודאי. דערפֿאַר אָבער, אַז מע טוט תּשובֿה, מע פֿאַסט, מע צעוויינט זיך בײַ דער שמונה־עשׂרה, צי בײַ אַ קאַפּיטל תּהילים, איז גאָט מוחל. ווי זאָגן די חכמים: גדולה תּשובֿה, תּשובֿה איז אַ גרויסע זאַך; מע בעט זיך איבער מיט דעם אייבערשטן, און פֿאַרשטאָפּט ווערט אויף איין מאָל דאָס מויל פֿון אַלע מקטרגים, וואָס האָבן גאָרנישט צו טאָן אויף יענער וועלט, ווי נאָר אַרויסצוזוכן כּל עוונות ופּשעים פֿון אַ מענטשן און אים מקטרג צו זײַן. קעגן תּשובֿה האָט אַפֿילו דער שׂטן קיין שליטה נישט; און אַז גאָט זאָגט: איך בין מוחל פּלוני בן פּלוני אויף יענע און יענע זינד, וואָס ער האָט געטאָן, דערפֿאַר ווײַל ער האָט זיך צוריקגעקערט צו מיר און האָט אין האַרצן חרטה, מוזן זיי, די מקטרגים, שווײַגן און נאָכגעבן. אַזוי איז דאָס זיגט גאָט האָט באַשאַפֿן דעם מענטשן, און אַזוי שטייט עס געשריבן אין די ספֿרים הקדושים... און אַפֿילו אַז עס וואָלט נישט געשטאַנען אַזוי געשריבן, וואָלט דער שׂכל אַליין געקאָנט מחייבֿ זײַן, אַז אַזוי באַדאַרף עס צו זײַן, אַז מע מוז קאָנען נישט־גוטס צוריק גוט מאַכן, וואָרעם ווען חלילה נישט, וואָלט די וועלט נישט געקאָנט האָבן קיין שום קיום. דער מענטש האָט אַ יצר־הרע און ס׳ליגט שוין אַזוי אין דער טבֿע אַ מאָל אַראָפּצוגיין פֿון דרך הטובֿ והישר. וואָלט דאָס געווען אויף תּמיד פֿאַרפֿאַלן, וואָלט מען נישט געקאָנט דאָס שלעכטס צוריק פֿאַרריכטן; איך פֿרעג אײַך, וואָס וואָלט פֿון אונדז אַלע געוואָרן, בעוונותינו הרבים?

דאָס איז אָבער אַלץ גערעדט געוואָרן, ווי מיר האָבן שוין אויבן געזאָגט,

אין עבֿירות לשמים. גאָט, וואָס האָט אַליין באַפֿוילן די אַלע מצוות, קאָן אויך זײַן קריוודע מוותּר זײַן. דערפֿאַר אַליין איז ער טאַקע דער אל רחום וחנון. איז אָבער אַ מענטש עובֿר אויף אַן עבֿירה בין אָדם לחבֿרו, טוט עמעצן שלעכטס, האָט נישט קיין רחמנות, ווו מע באַדאַרף צו האָבן רחמנות, רעדט רכילות און לשון־הרע, באַרגט בײַ אַן אַנדערן געלט און וויל נישט באַצאָלן, אָדער איז עמעצן מבֿזה און איז אים שופֿך־דמים, צי גאָר חלילה זיך טשעפּען מיט אַן אַלמנה, צי מיט אַ יתום — דאָס איז, רבותי, קיין קאַטאַוועס נישט; אין די זאַכן איז גאָט אַ מחמיר מוראַדיק, און דאָ איז נישט פֿאַראַן בײַ אים קיין סליחה און קיין מחילה נישט, ביז מע האָט יענעם נישט איבערגעבעטן און ביט אָפּגעווישט די עוולה; איר מעגט צוויי פּאָר תּפֿילין לייגן, דאַווענען ווי אַ ייִד און מקיים זײַן אַלע מצוות, העלפֿט דאָס אַלץ נישט, אויב אַ מענטש האָט עפּעס אין האַרצן קעגן אײַך. ווי זאָגט דער נבֿיא: למה לי רוב זבחיכם? וואָס טויג מיר אײַער פֿרומקייט און אײַער לערנעכץ, אַז נאָר איין מענטש האָט זיך אויף אײַך צו באַקלאָגן.

רעכנט דער מענטש זײַן חשיבֿות קעגן דעם הימל און וויל זײַן אַ מיוחס און זיך גאָר איבערנעמען אויף אַ ווײַלע, האַקט מען אים אָפּ די פֿליגלען: ווער ביסטו און וואָס ביסטו מיט דײַן גדלות? יסודך מעפר וסופך לעפר! פֿון שטויב ביסטו און שטויב וועסטו ווערן. טוט אָבער אַ מענטש שלעכטס קעגן אַן אַנדערן מענטשן, איז דאָס אַן אַנדער חשבון. איטלעכער מענטש, אַפֿילו דער מינדסטער, יאָ, דער פּחות שבפּחותים איז בײַ גאָט אַזוי חשובֿ, אַז ער קאָן, אויב מע האָט אים שלעכטס געטאָן, אַ גאַנצע שטאָט חרובֿ מאַכן פֿאַר זײַנעטוועגן; און אַז די גאולה קומט און משיח שטייט שוין פֿאַר דער טיר און אָט־אָט דאַרפֿן אַלע ייִדן דערלייזט ווערן, און איין אַלמנה לאָזט אַ טרער, דערפֿאַר וואָס מע האָט איר געטאָן אַן עוולה, קומט די איינע טרער פֿאַרן כּסא־הכּבֿוד, און גאָט הייבט זי אויף צו זיך און קוקט אויף איר און זאָגט, משיח זאָל זיך אומקערן אין זײַן מקום אַרײַן, דער דור איז נישט זוכה, ער מוז נאָך לאַנג, לאַנג בלײַבן אין גלות...

ב

פֿאַרצײַטן האָט געלעבט אין אַ שטאָט אַן אַלמנה מיט דרײַ מיידלעך, און אַלע זענען זיי געווען שיין. נאָר געלט האָט זי צו זיי נישט געהאַט. גאַנץ אָרעם איז זי אַפֿילו ביט געווען, וואָרעם זי האָט געהאַט אַ קליינע שטוב מיט דעם רעשט פֿון אַ מעמד, אָבער דאָס איז נאָך ווײַט פֿון אַ קליין זעקל גאָלדענע רענדלעך. און אויך יענע יאָרן האָט מען נישט געקאָנט אויסגעבן אַ מיידל אומזיסט, נישט אָפּצוציילן אויפֿן טיש הונדערט רענדלעך, צי כאָטש פֿופֿ־

ציק. — אַט דאָ איז איר אָבער באַשערט געווען אַ גליק, צו טאָן אַ שידוך מיט דעם עלטערן מיידל, און אַ גוטן שידוך. דער חתן איז געווען אַ ייִנגל פֿון לערנען און פֿון אַ גוט הויז און ווײַל זײַן פֿאָטער איז יונג געשטאָרבן, איז ער צו אַכצן יאָר שוין געווען סאַמאָסטאָיאַטעלנע. אוודאי האָט זיך די אַלמנה זייער געפֿרייט און דאָס מיידל אויך אין האַרצן. — יוגנט! אַז זי האָט אויף איין מאָל אַן ווענמען צו טראַכטן און ווענמען זיך אויסצומאָלן...

ס׳איז שוין געווען אָוועקגעגאַנגען אַ פּאָר חדשים נאָך די תּנאים. מיט איין מאָל האָט זיך דער חתן מישבֿ געווען און האָט אָפּגעלאָזט דעם שידוך. פֿאַר וואָס האָט ער דאָס געטאָן? האָט זיך אים געטראָפֿן אַן אַנדער שידוך, צי אַ קרובֿס אַ מיידל? ווער קאָן דאָס וויסן, ווער קען זיך גיין אָנגעדענקען אַלץ, וואָס מע האָט געטאָן יונגערהייט?

די נײַע כּלה איז געווען אַ ווויל מיידל און אַ שטילע, און נאָך דער חתונה האָט ער מצליח געווען מיט איר, און האָט גאָר פֿאַרגעסן אַן יענער אַלמנה, אַז זי האָט געהאַט אַ טאָכטער... און דער חידוש איז, אַז זרח — אַזוי האָט ער געהייסן — איז געווען אַ מענטש מיט אַ האַרץ און אַן ערלעכער, וואָס האָט קיינעם נישט געקרימט אַ האָר, צי גאָר געטאָן עמעצן אַן עוולה. און ער איז טאַקע געוואָרן דער איש חשובֿ ונכבד בײַן הבריות, און מיט צירלען זײַן ווײַב האָט ער געלעבט בנעימות גוט און פֿײַן. אין אַלעמען וואָס זרח האָט געטאָן, האָט ער מצליח געווען, ער איז געוואָרן אין אַ קורצער צײַט אַן עושר און האָט זיך אויפֿגעבויט אַ הויז. צירל זײַן ווײַב האָט געהאַט אַ שם פֿאַר אַ דימענט, און זי האָט טאַקע גיט אָוועקגעלאָזט קיין אָרעמאַן און קיין הונגעריקן, איידער זי האָט אים נישט געגעבן צו עסן און צו טרינקען. אַזוי האָבן ביידע געלעבט גליקלעך, און ס׳איז געווען שיין פֿאַר גאָט און פֿאַר לײַט. וואָס וואָלט זיי ביידע געפֿעלט? אָבער ווי זאָגט דער פּסוק: ויהי ערב ויהי בוקר! דאָרט ווו ס׳איז דאָ ליכט, איז דאָ פֿינצטערניש. ס׳איז שוין אַזוי אין דער וועלט, אַז גאָלע גוטס איז נישטאָ, אַזוי האָט אויך בײַ זרחן און בײַ צירלען געמוזט זײַן אַ שטן אין זייער לעבן.

אַז ס׳איז אָוועקגעגאַנגען דאָס ערשטע יאָר נאָך דער חתונה, איז זיי געבוירן געוואָרן דאָס ערשטע קינד, אַ ייִנגל. און ס׳איז געווען ששון־ושמחה מיט אַ קריאַת־שמע־לייענען פֿאַר קינד און קייט; אויפֿן ברית האָט מען גערופֿן די גאַנצע שטאָט און מ׳האָט אַראָפּגעבראַכט קלעזמער, ווי אויף אַ חתונה, און דאָ אין מיטן דער סעודה, אַז דער עולם האָט געהאַלטן אין איין עסן און טרינקען און זרחס פּנים האָט געלויכטן, קוקנדיק אויף זײַנע געסט, וואָס האָבן אים אַלע געווונטשן גליק, אים און זײַן זון, לויפֿט אַרײַן די באָבע מיט אַ געשריי: קומט אַהער צום קינד, מיט דעם קינד איז אויס!... און אַז

זרח איז אַרײַנגעפֿאַלן אין חדר, ווו דאָס קינד איז געלעגן, האָט ער עס געפֿונען טויט. גאָרנישט, ווי אַן אויסכאַפּעניש!...

אין אַ יאָר אַרום איז זיי געבוירן געוואָרן דאָס צווייטע ייִנגל, און זרח און צירל האָבן געדאַנקט גאָט, וואָס האָט זיי אַזוי גיך באַצאָלט דעם טויט פֿונעם ערשטן קינד. ווידער האָט מען געמאַכט גרויסע הכנות צום ברית. און אין מיטן דער סעודה האָט מען ווידער דערהערט אַ געשריי, און אין אַ שעה אַרום איז שוין דאָ דער קבֿרות־ייִד... און אַז דאָס דריטע קינד איז געקומען אין אַ יאָר אַרום, האָט מען אָפּגעלייגט דעם ברית, טאָמער מתו אחיו מחמת מילה, אָבער דאָס האָט גאָרנישט געהאָלפֿן און אויך דאָס קינד איז געשטאָרבן אויף דער נאַכט, אַז די מוטער איז שוין געווען אַנטשלאָפֿן געוואָרן, און געוויינט האָט מען דאָס מאָל, ווי נאָך אַ גרויסן.

און אַז ס׳האָט געזאָלט קומען דאָס פֿערטע קינד איז מען שוין געווען אַ חודש פֿריִער מרה־שחורהדיק. און צירלען האָבן זיך אַלץ געחלומט בייזע חלומות. אַ מאָל האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי איז פֿאַרבלאָנדזשעט געוואָרן און האָט געהערט, ווי טויטע קינדער שרײַען נאָך דער מוטער... זי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט און איז געווען ווי צעמישט. זרח האָט געמוזט אַראָפּגיין פֿון זײַן בעט און אָנצינדן אַ ליכט. וואָס מ׳האָט איבערגעטאָן קאָנט איר אײַך אויסמאָלן: ווו אַ מזוזה, האָט מען דורכגעזען און אַלץ בודק געווען, די אויוונס, די שוועלן, און תשובֿה געטאָן און זיך אויסגעווײנט פֿאַר גאָט, און צדקה געטאָן און נדרים, געגעבן ליכט אין שול אַרײַן און געלאָזט מאַכן אַ נײַעם פּלויט אַרום דעם פֿעלד, כּדי גוט צו מאַכן די מתים — עפּעס בײַ ייִדן זענען פֿאַראַן קאָרג עצות?

און דער סוף איז געווען, אַז דעם האָט גאָט אויך צוגענומען. אַ פּנים, מע האָט זיך דאָרט אײַנגעשפּאַרט... זרח און צירל גייען אַרום טרויעריק, צו דעם קלאָגן איז מען שוין געוווינט. און אַז מען האָט זיך אַנידערגעזעצט צום טיש, האָט זיך קיינער נישט דערוועגט אויפֿצוהייבן דעם קאָפּ, אַזוי איז געווען דער ווייטיק גרויס. צירל האָט זיך געטראַכט, אַז ס׳וואָלט געווען בעסער, אַז זי וואָלט גאָר קיין קינדער נישט געהאַט, און זרח האָט אַפֿילו נישט געהאַט אַזוינע געדאַנקען, אָבער עס האָט אים געריסן דאָס האַרץ קוקנדיק אויף זײַן ווײַב, ווי אַזוי זי איז זיך מצער. דערווײַל איז מען אַ טרוד, מ׳מוז אין זינען האָבן אַנדערע זאַכן מיט אַרענדעס און קוויטעס, יענע יאָרן בײַ די מלכי רוסיה ופולין! און אַזוי איז צירל ווידער פֿאַרגאַנגען אין טראָגן, און אַז זרח האָט זי אַ פֿרעג געטאָן, לאָזט זי אַרויס אַ געוויין. זאָגט איר נישט דאָס האַרץ, אַז דאָס מאָל וועט ווידער אַלץ זײַן לבֿטלה? וואָס מאַטערט מען זי אומזיסט? אַ לעבן! אַרומגיין נײַן חדשים און זיך זאָגן:

דאָס קינד וואָס דו וועסט האָבן, וועסטו נישט דערלעבן צו דערציִען, מע נעמט עס אַוועק בײַ נאַכט צו נײַן טעג, און דו שטייסט און קאָנסט ניט העלפֿן. וואָלט עס כאָטש געווען קראַנק, איך ווייס, מע טוט עפּעס, מע רופֿט דאָקטוי־רים. אָבער אַזוי געבן אַ מאַמען אַ קינד אויף דער דעה עס אַוועקצונעמען, וואָס פֿאַר אַ האַרץ מוז מען האָבן דערצו? און דער אייבערשטער איז דאָך אַ רחום־וחנון! נעכט האָט זי נישט געשלאָפֿן און האָט אַלץ געטראַכט, ווי וועט דאָס זײַן מיטן פֿינפֿטן קינד, דאָס מאָל מוז דאָס לעבן, זי וועט נעמען דאָס קינד און וועט קומען פֿאַרן רבונו־של־עולם אַליין...

און אַז זי איז געלעגן געוואָרן, האָט מען אַלע פֿענצטער פֿאַרהאַנגען, נישט צוגעלאָזט קיין דעך, ווו אַ ווינקל האָט מען צוגעקלעפּט שיר־המעלותן און צעטלעך און קמיעות. פֿרומע ייִדן זענען געזעסן גאַנצע נעכט און האָבן געלערנט משניות, מקובלים האָבן געזאָגט תּהילים שטילערהייט און דאָס מאָל שלא־על־מנת־לקבל־פּרס, איטלעכן האָט ווי געטאָן דאָס האַרץ, קוקנדיק אויף דער אומגליקלעכער מוטער.

און טויט, טויט, טויט! אויפֿן נײַנטן טאָג! נאָך פֿאַר אַ שעה האָט אים די מוטער גענומען צו דער ברוסט, סע ליגט דאָ אײַנגעוויקלט אין ווײַסן קישעלע און קוקט מיט די אייגעלעך. און פּלוצעם אַ דעכל, און זיי זענען געשלאָסן אויף אייביק. דער מלאך־המות מוז האָבן אַ האַרץ ווי אַ שטיין.

אַז גבהלו זרח וציריל אשתו, דאָס מאָל האָט זיך זרח און זײַן ווײַב ציריל שטאַרק דערשראָקן און אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין, אַז דאָס איז אַן עונש מן השמים. אָבער קיינער האָט נישט געוווּסט צו געפֿינען דעם חטא. פֿאַרלאָזט האָט זרח זײַנע עסקים. צו וואָס טויג אים דאָס גאַנצע עשירות, אַז גאָט האָט אים אַזוי געשטראָפֿט? און ציריל האָט שוין גאַרנישט געוווּסט וואָס צו טראַכטן, קיין טרער איז נישט אַרויס מער פֿון אויג, ווי פּעק זענען זיי געלעגן די אויסגעוויינטע תּחינות פֿון פֿריִער — וואָס האָבן זיי געהאָלפֿן? וואָלט בײַ איר געווען דער צער פֿון טראָגן גרויס, צי וואָלט איר דאָס האָבן אָנגעקומען שווער — ניין, מוז איר אַלץ זײַן לײַכט און גרינג, כּדי צו דערלעבן שפּעטער אַזאַ צער... אַז דו האָסט שוין צוגענומען דאָס ערשטע, האָט זי געגרופֿן צו גאָט, וואָס טויג דיר נאָך דאָס צווייטע און אַלע זײַנע ברידער?

און ווי איך שרײַב אָט די שורות, ווייס איך, אַז ס'וועלן קומען מענטשן און וועלן דאָס לייענען און וועלן פֿרעגן: אלה הצאן מה חטאו? וואָס זענען שולדיק די קליינע נפֿשותלעך, אַז גאָט זאָל זיי צונעמען אַזוי גיך פֿון דער וועלט? און איך אַליין פֿרעג דאָס אויך בשעת־מעשה. אָבער תּיכּף גיב איך מיר צוריק אַ פֿרעג: וכי חשוד קודשא־בריך־הוא ליעבד דינא בלא דיינא? איז דען גאָט דער שופֿט־רמים, וואָס קוקט אויף צדק ומשפּט, חשוד צו נעמען

מענטשן און זיי שטראָפֿן אומזיסט און אומגישט? איך בעט אײַך, לייענט ווײַטער.

ג

צו דער צײַט האָט אָנגעהויבן נתפרסם צו ווערן בײַ ייִדן דער חוזה, רבי יצחקל לובלינער, איינער פֿון יענע גרויסע לײַט, וואָס איז אַפֿילו געווען אַ חידוש בײַ צדיקים מיט זײַן צדקות און מיט זײַן עבֿודה און מיט זײַן נאָענט־קייט צו גאָט. און געזען האָט ער וואָס ס׳טוט זיך אויף הונדערטער מײַל ווי אַן אמתער נבֿיא, און אַז ער האָט אויפֿגעהויבן די ברעמען און האָט אַ קוק געטאָן אויף אַ מענטשן, האָט ער געוווּסט, וואָס ס׳האָט זיך מיט אים געטאָן און וואָס ס׳וועט מיט אים זײַן, און דערפֿאַר האָט מען אים טאַקע גערופֿן דער חוזה, דער זעער...

ווי זרח האָט דערהערט פֿון אים דערציילן די ניסים און נפֿלאות, איז ער צוגעטראָטן צו זײַן ווײַב צירלען און האָט צו איר געזאָגט: צירל־לעב, העֶר אויף צו וויינען, איך וועל אַריבערפֿאָרן קיין לובלין צום חוזה, און ער וועט גאָט בעטן פֿאַר אונדז און וועט אונדז העלפֿן. ס׳שטייט דאָך געשריבן: היד אלהים תקצר? גאָט וועט אונדז ניט פֿאַרלאָזן און וועט זיך סוף־כּל־סוף אויף אונדז מרחם זײַן. אַוודאי האָט אים צירל געגעבן רשות; און אַז ס׳איז געגאַנגען די ערשטע בויד קיין לובלין, האָט ער זיך אַרײַנגעזעצט און איז אַוועקגעפֿאָרן.

דעם גאַנצן וועג איז זרח געווען אומעטיק און ער האָט אַלץ געטראַכט, ווי אַזוי טרעט מען פֿאַר אַ צדיק, און ווי הייבט מען אַן אים אַלץ צו דערציילן פֿון אָנהייב אָן, אָבער דער בטחון האָט אים מחזק געווען. אין אַ פֿרײַטיק אין דער פֿרי האָט זיך באַוויזן פֿון ווײַטן די שטאָט לובלין. זרחס האַרץ האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו קלאַפּן און ער האָט געטראַכט: ווי אַזוי וועל איך געפֿינען אַן ענטפֿער אויף מײַנע שאלות וספֿקות. אָנגעקומען אויף דער אַכסניה, האָט ער זיך גלײַך איבערגעטאָן, געגאַנגען אין וואַסער אַרײַן און זיך געשטעלט דאַווענען: ער האָט געבעטן צו גאָט, ער זאָל אים העלפֿן אויסגלײַכן אין זיך איטלעכס קנייטשל און האָט זיך שטאַרק מכין געווען צו קבלת־פּנים פֿונעם גרויסן רבין. עפּעס איז אים אויסגעקומען אויפֿן וועג צום חוזה, אַז ער קומט איצט פֿאַרן כּהן־גדול, און טאָמער גיט ער אים גאָר אַ פֿרעג, פֿאַר וואָס ער האָט ניט געבראַכט קיין קרבן...

ויהי בצעדו על סף משכּן בית הצדיק, און ווי ער האָט באַטראַכט די שוועל פֿון רבי ר׳ יצחקל און האָט געזען דעם רבין זיצן אויפֿן שטול מיט דער לאַנגער זילבערנער באָרד און אָנגעטאָן אין ווײַסן, ותוארו כּתואר פּני אלהים,

און דאָס פּנים האָט געשײַנט ווי בײַ אַ מלכות, אַז מע האָט געזען בחוש, אַז די שכינה רוט אויף אים, איז אויף אים געפֿאַלן אַן אימה ופחד. ער איז געבליבן שטיין אויף דער שוועל און האָט ניט געקאָנט אַ טרעט טאָן ווײַטער. דער חוזה האָט זיך אָבער אויפֿגעהויבן פֿון שטול, איז צוגעגאַנגען צום אורח, האָט אים געגעבן שלום און האָט צו אים געזאָגט: איך ווייס, דו הייסט זרח און דו קומסט צו מיר וועגן אַ שווער האַרץ פֿון קינדער. פֿאַר אַהיים תּיכּף נאָך שבת און צעטייל דײַן געלט אויף דרײַ חלקים, איין טייל גיב אַוועק פֿאַר אָרעמע־לײַט, דעם אַנדערן טייל לאָז איבער דײַן ווײַב און דעם דריטן טייל בײַט אויס אויף רענדלעך און נעם דאָס מיט דיר אין וועג אַרײַן. און דו אַליין לאָז זיך אַוועק אין דער וועלט, גיב לעת־עתּה פֿונעם געלט נישט אויס, גיי פֿון שטאָט צו שטאָט, און זוך און פֿרעג, ביז דו וועסט עמעצן געפֿינען, וואָס וועט דיר זאָגן די סיבה פֿון דײַן עונש; און אַז גאָט וועט דיך דערהערן, און ער וועט דיר מוחל זײַן, ונסלח לך, וועט פֿון דיר אַראָפּגענומען ווערן דער גזר־דין און דו וועסט האָבן אַ זרע־של־קימא.

ויהי כּשמוע זרח את הדברים האלה, און אַז זרח האָט דערהערט די דאָזיקע ווערטער, איז ער געפֿאַלן דעם חוזה צו די פֿיס און האָט אָנגעהויבן צו וויינען: רבי, האָט ער געזאָגט, טוט מיט מיר אַלץ, וואָס איר ווילט, גיט מיר אַרויס אַ תּשובֿה, אָבער זאָגט מיר נאָר איינס: וואָס האָב איך געזינדיקט, אַז גאָט האָט מיך אַזוי געשטראָפֿט?

רבי יצחקל האָט אָבער אויפֿגעהויבן נאָך אַ מאָל זײַנע ברעמען און אַ קוק געטאָן אויף זרחן און געזאָגט: איך האָב דיר שוין געזאָגט, וואָס דו האָסט צו טאָן, פֿאָר אַהיים און פֿאָלג מיך, גזרה היא מלפֿני! אַזוי איז אויף דיר נגזר געוואָרן.

וישב זרח בפּחי־נפש, און זרח איז אַוועקגעפֿאָרן אַהיים מיט אַ שווער האַרץ. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דער חוזה האָט ניט געמיינט אַ זוכן אויף אַ פּאָר חדשים; ווער ווייסט, ווי לאַנג דאָס קאָן געדויערן, דער גאַנצער ענין איז אים אויסגעקומען ווי אַ שווערער חלום. האָט ער חס־וחלילה נושׂא־ונותן געווען שלא באמונה? האָט בײַ אים איבערגענעכטיקט יענעמס אַ פּקדון איבער דער צײַט? האָט ער אַ מאָל מפֿסיק געווען בײַם דאַווענען, ווו מ׳טאָר נישט מפֿסיק זײַן? האָט ער חס־ושלום פּוגע געווען אין עוונות, וואָס ער היט זיך פֿאַר זיי ווי פֿאַר פֿײַער? ווו ער זוכט, זעט ער ניט פֿאַר וואָס עס קומט אים דער גלות.

ויהי כּבואו לביתו, און אַז זרח איז געקומען אַהיים און האָט אַלץ דערציילט צירלען, וואָס דער חוזה האָט אים געזאָגט, האָט צירל זיך גאָרנישט דער־שראָקן, און ערשט אַצינד האָט ער געזען, אַז זי האָט די אמתע אמונת־חכמים

און דעם גרויסן בטחון. דאַנק דאָך גאָט, זרח־לעב, האָט זי' געזאָגט, אַז ער האָט דיר צוגעשיקט דעם געדאַנק צו פֿאָרן צום צדיק. טו, וואָס דער צדיק האָט דיר געזאָגט, גרייט זיך צו אין וועג אַרײַן, און אַז ס'וועלן אַפֿילו אַוועקגיין ימים־ושנים, וועל איך נישט קלאָגן בײַ גאָט; איך וועל זיצן און וואַרטן און וועל אים בעטן ער זאָל דיר שיקן אָט דעם, וואָס דו באַדאַרפֿסט אים געפֿינען. ווי שטייט עס אין טײַטש־חומש: קווינו להי! מיר מוזן האָפֿן צו גאָט און זיך פֿאַרלאָזן אויף אים.

צירלס רייד האָבן זרחן מחזק געווען, ער האָט געזען, אַז זי איז גערעכט. און אַז זי הייסט אים אַצינד גיין, האָט ער אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין, אַז די אמהות שׂרה, רבֿקה, רחל ולאה זענען נישט געווען קטלי קניא באגמא; און אַז זייער צדקות און צניעות האָט די אָבֿות אַ סך געהאָלפֿן. ער האָט זיך גענומען אײַנשטעלן די מסחרים, האָט באַצאָלט די חובֿות, צוריקגעגעבן די פקדונות און אַלץ, וואָס אים איז געבליבן, האָט ער צונויפֿגעלייגט אין איינעם און האָט דאָס צעטיילט אויף דרײַ גלײַכע חלקים, איין חלק האָט ער אַוועקגעגעבן אויף אָרעמע־לײַט און אויף כּלל־זאַכן, איין חלק האָט ער געלאָזט צירלען לצרכה, און דעם דריטן חלק האָט ער אויסגעביטן אויף גאָלדענע רענדלעך און מיטגענומען מיט זיך אין וועג אַרײַן.

ד

ס'איז געווען תחילת זומער. אַז ס'האָט נאָר אָנגעהויבן שאַרײַען אויף טאָג, איז זרח אויפֿגעשטאַנען, האָט זיך געוואַשן, אָנגעטאָן אַן אַלט בגד, געמאַכט די ברכות פֿון השכּמת־הבוקר און שטילערהייט, כּדי ניט צו וועקן צירלען און איר ניט אָנטאָן דעם צער פֿון פרידה, האָט ער גענומען דעם שטעקן אין האַנט אַרײַן און דאָס קלימעקל אויף די פּלייצעס, אַ קוש געטאָן די מזוזה און וישׂם לדרך פעמיו, און זיך גענומען גיין אין וועג אַרײַן. אין שטאָט האָט מען נאָך ס'רובֿ געשלאָפֿן, נאָר אייניצלנע משכּימים, וואָס האָבן באַדאַרפֿט מעלקן די קי און זיי צו טרײַבן אין טשערעדע אַרײַן, זענען געשטאַנען פֿאַר די הײַזער, אשה ובהמתה, ווי ס'וואָלט שוין מקוים געוואָרן ישעיה הנבֿיאס רייד, אַז מענטשן וועלן דינען דעם בורא אין איינעם מיט די באַשעפֿענישן, וואָס זיי איז נישט געגעבן דער כּוח־הדיבור...

צוויי וועגן זענען געגאַנגען פֿונעם טויער פֿון שטאָט, איינער קיין צפֿון און איינער קיין דרום. זרח האָט אָבער געוווסט, אַז פֿון איצט אָן איז גלײַך וווהין ער גייט. און אַזוי איז ער געגאַנגען, ווו די פֿיס האָבן אים געטראָגן. עפּעס גאָר ווי אַן אַנדער מענטש האָט זיך זרח געפֿילט; ער איז נישט מער דער גרויסער סוחר, וואָס נאָך מיט עטלעכע טעג צוריק איז ער געווען

אַרײַנגעטאָן אין מסחרים. ער גייט ערשט אַ האַלבע שעה צי אַ שעה, אפֿשר איז ער אָפּגעגאַנגען אַ מײַל, אָבער ס'קומט אים אויס, אַז די שטאָט איז מוראדיק ווײַט פֿון אים, ער זעט נאָר פֿעלדער, וואָס זענען געאַקערט אויף תּבֿואות און סע הייבט אָן צו וואַקסן, און זיי ציִען זיך גאָר אָן אַ סוף.

אָנגעקומען צו דער ערשטער קרעטשמע, האָט זיך זרח אַנידערגעשטעלט דאַווענען אָן העוויות, ווי אַ פּשוטער ייִד, זיך געוואַשן, גענומען צו זיך פּיסנע ברויט און געגאַנגען ווײַטער, זיך ניט מער אָפּגערוט; די זון האָט אָנגעהויבן צו בראָטן, טראָפּנס שווייס האָבן זיך געגאָסן פֿון זרחס שטערן און ער איז אַלץ געגאַנגען, נישט געטראַכט פֿון דעם, וואָס איז געווען און פֿון דעם, וואָס וועט זײַן, גאָרנישט, אַ ייִד מיט אַ קלימעקל, וואָס האָט אויף זיך גענומען דעם עול.

ויהי לפֿנות ערבֿ, אַז ס'איז געוואָרן פֿאַר נאַכט, איז ער אָנגעקומען אין דער ערשטער שטאָט. גאָרנישט קענטלעך איז זי אים געווען, כאָטש זי האָט געמוזט ליגן אין דער סבֿיבֿה. אין פּאַליש פֿון אַ בית־מדרש האָט ער געדאַוונט מנחה ומעריבֿ; און אַז דער עולם האָט אָנגעהויבן זיך צו צעגיין, האָט ער זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקעלע, געשלאָפֿן איז ער אויף אַ באַנק, דעם קלימעק צוקאָפּנס.

און דאָס מאָל האָט זיך נאָך געטראָפֿן גוט, וואָרעם אויף דער אַנדערער נאַכט, שוין אין אַ צווייטער שטאָט ווײַט פֿון יענער, אַז ער איז געווען טויט מיד און האָט זיך געוואָלט אַנידערלייגן אָפּרוען, איז געקומען אַן אַנדער אָרעמאַן און האָט אים אָוועקגעשטויסן, וואָרעם ס'איז זײַן פּלאַץ... אַ מאָל איז טאַקע דער שמש אַליין געווען דער רשע, וואָס האָט נישט געלאָזט אַ ייִדן נעכטיקן אין בית־מדרש... און אַז ער האָט שוין יאָ גענעכטיקט, האָט זיך נישט איין מאָל געטראָפֿן, אַז אַן אַנדערער האָט געגנבֿעט אַ לײַכטערל פֿון העכלײַכטער, און אויף אים האָט מען אויסגעטראַכט דעם בילבול, און ווײַסע חבֿרה האָבן אים געמאַטערט און געשלאָגן, ער זאָל זיך מודה זײַן אויף דאָס, וואָס ער האָט נישט געטאָן; זרח האָט אָבער אויף זיך מקבל געווען די יסורים באַהבֿה, ויתּן את לחיו למורטים, און האָט זיך געלאָזט ווײַ טאָן און מכניע זײַן...

און אַזוי גייט מען פֿון שטאָט צו שטאָט, פֿון איין מקום צום אַנדערן, דער זומער איז אָוועקגעגאַנגען און ס'איז געקומען דער ווינטער מיט זײַנע קעלט און נעץ, אָבער ולא עצרהו השלג, ס'האָט אים נישט אויפֿגעהאַלטן; אַ ייִד געוווינט זיך צו אַלעמען... נישט איין מאָל איז אים אויסגעקומען צו נעכטיקן אויפֿן פֿרײַען פֿעלד; נישט איין מאָל האָט זיך געטראָפֿן, אַז ער איז דורכגעגאַנגען אַ דאָרף, זענען אים באַפֿאַלן הינט און האָבן אים אָפּגעריסן

אַ פּאַלע, צי שקצים האָבן אים נאָכגעוואָרפֿן שטיינער, און להיפּוך, האָט זיך אים גאָר באַגעגנט אַ דיאַק און האָט אים אָנגעהויבן צוצוריידן, ער זאָל זיך שמדן און צוגעזאָגט גאָלדענע בערג, — אים איז געווען אַלץ איינס ולא פּנה ימין ושמאל, ער האָט זיך ניט אָפּגעקערט פֿון זײַן רצון אויף אַ האָר. געגאַנגען איז ער אַלץ ווײַטער. וואָס איז אים אַ מניעה, וואָס איז אים, אַז ער קומט אָן אין אַן אָרט, וואָס מ׳דאַרף די מענטשן נישט גלייבן אויף כּשר, און ער מוז זיך באַגנוגענען מיט אַ שטיקל טרוקן ברויט, וואָס זענען אים אַלע עכּובֿים פֿון דער וועלט? זרח אין דער היים איז, דאַכט זיך, געווען אַן אָפּגעהיטער און בײַ זײַן צירלען אַ שטיק בן־יחיד, אָבער אַז ער האָט געגומען די טאָרבע אויף די פּלייצעס און דעם שטעקן אין האַנט אַרײַן, איז אין אים אַרײַנגעקומען אַ נײַער כּוח. ווי זאָגט דער פּסוק: ואפיצכם בגוים! און איך וועל אײַך צעשפּרייטן אונטער די פֿעלקער, ועברתם מגוי אל גוי וממלכה אל ממלכה, און איר וועט גיין פֿון איין פֿאָלק צום אַנדערן און פֿון מדינה צו מדינה. זאָגט איר גלות אָפּריכטן, מוז מען אָפּריכטן; מוז מען אָפּקומען פֿאַר אַ זאַך, זאָל מען אָפּקומען; אַ ייִד איז קיין שני־למלך נישט, כאָטש ער קומט אַרויס פֿון אַבֿרהמען.

ה

אַזוי איז ער אויסגעווען אַלע גרויסע מקומות און אַלע גרויסע ירידן. און אין איטלעכער שטאָט, וווהין ער איז געקומען, האָט ער אַלץ געזוכט און געפֿאָרשט, טאָמער טרעפֿט זיך עפּעס, טאָמער באַגעגנט ער אַ מענטשן, וואָס וועט אים זאָגן, וואָס ער זאָל טאָן. אָבער ס׳פֿאַרגייט איין יאָר, דאָס צווייטע, דאָס דריטע און ער געפֿינט אַלץ נישט, וואָס ער זוכט. מ׳ווערט אַ ביסל גרוי פֿון נע־ונד זײַן, און מ׳גייט אַלץ ווײַטער. לא כהתה עינו ולא נס לחו, נישט אַ פּיפּס האָט ער געטאָן, אַז דער וועג ווערט אַלץ שווערער, און אַ מאָל, אַז ס׳קומט דאָך אָן אַנדער געדאַנק, מע טוט אַ בענק אַהיים... באַדאַרף ער זיך דערמאָנען דעם חוזהס צורה, ווי אַזוי ער שטייט און הייבט אויף די ברעמען און קוקט אים אָן, אַז ס׳דערגייט ביז אין האַרצן אַרײַן. און אַ מאָל גיט מען גאָר אַ טראַכט פֿון כּלל־ישׂראל, פֿון משיחן און פֿון די צדיקי־הדור. אַ קליין חוקל האָט זיך זרח מיטגענומען אין וועג אַרײַן, און האָט דאָס געהאַלטן אין איינעם מיטן טלית־און־תּפֿילין, און אַז ער ווערט מיד אין מיטן וועג, זעצט ער זיך אַנידער אויף אַ שטיין, נעמט אַרויס דאָס ספֿרל, וואָס פֿון דער גאַנצער תּורה און די חכמים ביז צום רמב״ם און שפּעטער איז אַלץ פֿאַראַן אין אים, אַלץ צו שטיקלעך און אַלץ אויף דער פּרשה, און הייבט אָן צו קוקן אין אים; און וואָס דאָ שטייט געשריבן, איז פֿאַר אַלע מענטשן, וואָס זיי

זענען דאָ אויף דער וועלט און צו אַלע צײַטן, און אַ מאָל רעדט דאָס ספֿרל טאַקע צו אים אַליין, צו זרחן... ס׳רעדט פֿון מוסר און עבֿודת־הבורא, און פֿון מצוות און עבֿירות, און פֿון דעם, אַז דער מענטש איז נידעריק און אַז ער וויל, קאָן ער זיך דערהייבן...

דאָ לויפֿט אַ טשערעדע קי איבערן וועג און זיי שלאָגן מיט די פֿיס, אַז ס׳גייט אַ פּאַרעך. זרח הייבט זיך אויף, גייט צו אַ קרעניצע, וואַשט זיך די הענט און שטעלט זיך אַנידער דאַווענען מנחה.

אַזוי זענען פֿאַרגאַנגען זעקס יאָר!

אָבער לא לעולם חוסן, אויך די פֿרימסטע נשמה איז נישט פֿון אײַזן. און ס׳איז געקומען דאָס זיבעטע יאָר און זרח גייט אַלץ און גייט, און נאָך איז קיין עק נישט, ער איז אָפּגעגאַנגען הונדערטער מײַלן ולא מצא כלום, און אין קיין שום אָרט האָט זיך נישט באַוויזן אַ מענטש, וואָס זאָל אים זאָגן דעם טעם פֿון זײַן גיין... דאָס חוקל האָט זיך אָנגעהויבן שטאַרק אָפּצוניצן, אַז זרח האָט אין אים אַרײַנגעקוקט, זענען פֿון אים געפֿאַלן די בלעטער. זרח האָט דאָס געהאַלטן צוגעבונדן מיט אַ שטריקל... אַז ער פֿלעגט איצט מיד ווערן, האָט ער שוין מורא געהאַט אָפּצורוען, טאָמער וועט ער נישט קאָנען גיין ווײַטער. די כּוחות האָבן אָנגעהויבן נאָכצולאָזן, און אַזוי האָט אויך אָנגעהויבן נאָכצולאָזן דער בטחון... האָט איר געזען אַ דייזשקע, אַז זי טריקנט, תּחילת ווערט אַ קליין שפּעלטל, דערנאָך אַ גרעסערער שפּאַלט ביז ס׳פֿאַלט אַרויס אַ קלעפּקע... די גאַנצע צײַט, אַז מ׳האָט זרחן געהאַלטן פֿאַר אַן אָרעמאַן און מ׳האָט אים געבעטן צו זיך אויף שבת און אים געזעצט אונטן בײַם טיש, האָט ער געהאַט הנאה, אַז מע ברעכט זײַן טבֿע; אָצינד אָבער איז אים ווידער אָנגעקומען שווערער אָנצונעמען הילף... זרח האָט שוין נאָר געשלעפּט די פֿיס, דאָס אַלטע צעריסענע און אָפּגעניצטע חוקל האָט נישט מער געהאַט דעם כּוח פֿון אַמאָל.

ס׳איז געווען אַ זומערדיקער טאָג. זרח האָט זיך אַלץ אין מוח געפֿלאָנטערט און געפֿלאָנטערט, מיד איז ער געווען, ווי איר קאָנט אײַך אויסמאָלן; און אַז ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ בערגל אין מיטן וועג אָפּרוען אַ ביסל, איז אים פּלוצעם אַרײַן אַ געדאַנק אין קאָפּ, ווי ס׳גיט אַ בליץ: פֿאַר וואָס האָסטו, זרח, דאָס אַלץ געטאָן און דיך אַוועקגעלאָזט אויף אַזאַ ספֿק? וואָס טויג דיר דאָס פֿרום זײַן און מאַטערן זיך, אַז דו קומסט פֿאָרט נישט צו אַ תּכלית? און אַז ער האָט אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין, אַז דאָס הייסט האָבן חרטה, פֿאַר וואָס ער האָט געפֿאָלגט דעם חוזה, איז ער אויפֿגעשפּרונגען פֿאַר שרעק און האָט אָנגעהויבן צו לויפֿן, ווי איינער וויל אַנטלויפֿן פֿאַר אַ מחשבֿה־זרה... די מחשבֿה האָט אים אָבער נישט געלאָזט רוען, און אַזוי

איז ער געגאַנגען דרײַ טעג כּסדר און האָט אַלץ געטראַכט, פֿאַר וואָס ער איז אַוועק פֿון דער היים ? פֿאַר וואָס מאַטערט ער זיך ? און אַז ער איז געקומען צו אַ וואַסער, איז אין אים אַרײַן אַ הרהור, צוריק אומצוקערן זיך... האָט ער אָנגעהויבן זיך אַרומצוקוקן, ווי ווײַט ער איז אַראָפּגעבלאָנדזשעט פֿון גלײַכן וועג און האָט פֿאַרלוירן די אמונה, און האָט זיך צעוויינט, ווי אַ קליין קינד...

אַל תּבֿיאני לידי נסיון! האָט ער אָנגעהויבן בעטן גאָט. אָ, גאָט! נעם פֿון מיר אַוועק דעם נסיון און מאַך אין מיר ווידער שטאַרק דעם בטחון. דו ביסט אַן עדות, ווי אַזוי איך האָב די אַלע יאָר דיר געטרײַ געדינט און געגלייבט אין די רייד פֿון דײַן קנעכט דעם חוזה, והראני את הדרך, פֿיר מיך ווידער אויפֿן גלײַכן וועג! און לאָז מיך זען דײַן זון.

ס׳איז פֿאַרט נישט מעגלעך, האָט ער געטראַכט נאָך דעם, אַז ער איז ווידער אַ ביסל געקומען צו זיך, אַז דער חוזה זאָל זיך טועה זײַן; ער האָט מסתּמא געהאַט דעם ריכטיקן קוק, נאָר ער, זרח, איז נאָך נישט זוכה, כּדי צו קומען צו דער גאולה, און כאָטש ער האָט דאָס געזאָגט אין האַרצן, האָט דאָס אים נישט גאַנץ געהאָלפֿן. געגאַנגען איז ער אַפֿילו ווײַטער, אָבער די מנוחה פֿון פֿריִער האָט ער ניט מער געהאַט. איז דאָס אַ וווּנדער, אַז מ׳הייבט אָן אַ ביסל חרטה האָבן, אַז מע דערמאָנט זיך, וויפֿל יאָר מע האָט צוגעבראַכט אין דער פֿרעמד, און ווי ס׳איז גאָרנישט געוואָרן פֿון דעם. אײַ, פֿאַר צוריק אַהיים, — ווי לאָזט מען אָבער די מי און טרחה פֿון אַזוי פֿיל יאָר ? טאָמער טרעפֿט זיך פֿאַרט אַ נס, און דו געפֿינסט נאָך וואָס דו זוכסט, האָסט אַזוי פֿיל געוואַרט, וואַרט נאָך... אַזעלכע געדאַנקען קענען מיר אַלע.

ו

אָט דאָ האָט זרח געהערט, אַז אין קורצן וועט זײַן אין אַ גרויסער שטאָט אַ גרויסער יריד, וואָס אויף אים קומט זיך צוזאַמען דער ועד־ד׳־ארצות. זרח האָט באַשלאָסן אַהין צו גיין. טאָמער וועט גאָט דאָס מאָל אויף אים רחמנות האָבן און וועט אים העלפֿן. אָבער אין האַרצן האָט ער זיך געזאָגט: דאָס איז זײַן לעצטער גאַנג און אויב חס־וחלילה, גאָט וועט אים דאָ אויך ניט צושיקן, וואָס ער זוכט, פֿאָרט ער אַהיים, ס׳מעג קומען, וואָס ס׳קומט.

אַזוי האָט זרח דערגרייכט דעם יריד און האָט באַלד געפֿונען אַ סטאַנציע. אין שטאָט האָט זיך שוין אַלץ געגרייט פֿאַרן מאַרגנדיקן טאָג. טויזנטער מענטשן מכּמה לשונות גייען אין די גאַסן: ייִדן, רוסן, פּוילן, גרעקן, טאָטערן. טויזנטער וואָגנס און פֿורן זענען שוין געשטאַנען; אומעטום זענען שוין געווען אויפֿגעשטעלט פּאַלאַטקעס און די גרויסע סוחרים האָבן אָנגעהויבן

אויסצולייגן די סחורות: װאָלנס, זײַדנס, קאָרט, סאַמעט, טײַערע טיכער און גרויסע געשטריקטע קאָלדרעס. װוּ מע האָט געטאָן אַ קוק, איז געװען אָן עשירות. דאָ האָט מען געזען אַרויסנעמען פּעלצן, דאָ שמוישן, דאָ לעדער, דאָ גרייטע שטיװל. אויף אַן אַנדער אָרט האָט מען געזען אויספּאַקן העלפֿאַנדביין, בערנשטיין, קאָרעלן, פּערל, גאָלד און זילבער. נאָך אויף אַ פּלאַץ האָט מען געזען צוזאַמענטרײַבן פֿערד און רינדער, שאָף און ציגן.

דעם אַנדערן טאָג אין דער פֿרי, װי ס'האָט נאָר אָנגעהויבן טאָגן, האָט זיך אָנגעהויבן דער יריד. און די גאַנצע שטאָט האָט אָנגעהויבן צו קאָכן װי מיט טויזנט קעסלען, טויזנטער קולות האָבן זיך צוזאַמענגעמישט אין איין קול: מ'לויפֿט, מ'האַנדלט, מ'שרײַט! טשערקעסן גייען אַרום און האַלטן אויפֿן קאָפּ סחורות, בעטלערס זינגען און שפּילן אויף לירעס, און די זון בראָט. תּקופֿת־תּמוז איז דאָס געװען. זרח גייט פֿון אין דער פֿרי אָן אַרום און זוכט. װוּ אַ קלייט, װוּ אַ פֿור שטעלט ער זיך אַנידער און האָרכט צו. ער פֿאַרלירט נישט קיין מינוט, ער לאָזט נישט צו קיין שום געדאַנק אין קאָפּ אַרײַן. װי אַ װאָלף גייט אַרויס אויף יאַגד און האָט נאָר אין זינען צו שטילן זײַן הונגער, אַזוי האָט זרח נאָר געהאַט די איינע מחשבֿה: צו געפֿינען דעם מענטשן, װאָס זאָל אים אויסזאָגן דעם ענין פֿון זײַן גזר־דין. איצט מוז ער אים געפֿינען, און ער װעט אים געפֿינען... עפּעס האָט ער דאָך געהערט פֿון בעל־שם און פֿון אליהו הנבֿיא, װאָס זיי ראַטעװען מענטשן אין נויט. װאָס איז שייך, זאָל אויף אַזאַ יריד ניט קומען איינער פֿון די גדולים, צי זאָלן דאָ נישט זײַן למדװאָװניקעס װאָס זיי װייסן פֿון אַלעמען און קאָנען אַלץ דערגיין. די פֿיס שלעפּן זיך קוים, דער הונגער קלעמט אים דאָס האַרץ און דער האַלדז איז אויסגעטריקנט פֿאַר דורשט; אָבער ער זעצט זיך ניט אַנידער אויף איין מינוט: ער קאָן גאָר אַ דרעמל טאָן און גראָד אין דער מינוט גייט פֿאַרבײַ דער, װאָס ער זוכט אים שוין אַזוי לאַנג. און אַזוי איז אַװעקגעגאַנגען דער גאַנצער טאָג. אויסגעגאַנגען איז ער אין דעם איינעם טאָג, װאָס ער איז פֿריִער געגאַנגען אין אַ יאָר, אָבער לשווא עמלו! זײַן מי איז געװען אומזיסט, צעשלאָגן און מיד אין אַלע אבֿרים איז ער געקומען אויף דער אַכסניה און איז אײַנגעשלאָפֿן אין אַ שװערן שלאָף.

און אויפֿן מאָרגנדיקן טאָג איז ער אויפֿגעשטאַנען כּאור־הבוקר און מאַרש! מיט אַ נײַעם כּוח האָט ער אָנגעהויבן צו גיין און צו זוכן. דאָס מאָל האָט ער ניט דערלאָזן, אַ פּיצל געדאַנק זאָל אים מבֿטל זײַן. אַװעק! אַװעק! האָט ער זיך געטרייסלט, איך מוז הײַנט אָט דעם געפֿינען, װאָס דער חוזה האָט געזאָגט. און צו גאָט האָט ער גערופֿן: דו מוזסט מיר העלפֿן, הײַנט, הײַנט, הײַנט! װאָלט ער אַצינד געװען אויפֿן הימל, װאָלט ער געמאַכט אַ געשריי

און אַ געפּילדער: זיבן יאָר האָט איר מיך געמאַטערט און אויסגעשיקט שטעט, געגאַנגען בין איך ווינטער און זומער, אין די גרעסטע קעלטן און אין די גרעסטע היצן. וואָס האָט איר פֿון מיר געוואָלט! העלפֿט מיר, מלאכים! העלפֿט מיר, אַלע צדיקים פֿון דער וועלט, בעט פֿאַר מיר! ווו איז דער צדק און משפט? ווו זענען אַלע הבֿטחות? וואָס וויל מען פֿון מיר? ער שרייַט מיט אַ משונהדיק קול, ער וויל לויפֿן, שפּרינגען איבער אַלע פֿורן, גאַרניט מער דער זרח...

און דערנאָך, אַז ער איז געקומען אויף דער נאַכט אין דער אַכסניה טויט מיד, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אין אַ ווינקל, ווי אַ שטומער. איז געקומען דער שׂטן און האָט געהאַט דאָס חציפֿות און האָט געזאָגט: ווי קאָנסטו נאָך האָבן אמונה? דאַוון נישט קיין מעריבֿ און זייַ מפֿקיר יענע וועלט! און ס'האָט שוין געהאַלטן דערבייַ, אַז זרח זאָל אים דערהערן... אַט, אַט! דאָ האָט ער אַ געשריי געטאָן, ווי אַ לייב, אַז אַלע מענטשן האָבן זיך דערשראָקן און האָבן געמיינט, אַז ער איז אַראָפּ פֿון זינען...

און אויפֿן דריטן טאָג פֿון דעם גרויסן יריד, וואָס איז שוין געווען דער לעצטער טאָג, איז זרח גאָר אַרומגעגאַנגען ווי אויפֿן עולם־התוהו... וואָס האָט ער געזוכט אַזוי פֿיל יאָר? עפּעס איז אים אויסגעקומען דאָס לעבן ווי אַ לאַנגער חלום און אין מיטן גיין שטעלט ער זיך אָפּ און טאַפּט זיך בייַ דער בעקעשע, אויב ער איז באמת דאָ. דער קאָפּ איז אים געווען ווי צעמישט און אין האַרצן איז שוין נישט געווען קיין האָפֿענונג און קיין בטחון. געגאַנגען איז ער, וואָרעם די פֿיס האָבן זיך נאָך געשלעפּט.

און פֿאַר נאַכט האָט זיך אָנגעהויבן דער יריד פֿונאַנדערצופֿאָרן. די בייַדלעך ווערן אַראָפּגעריסן, די סחורות פֿאַרפּאַקט מען אין גרויסע פּעק און מע לייגט זיי אויף די וואָגנס און מע דעקט זיי צו מיט רעדנעס. אויף דער ערד וואַלגערט זיך אַרום שטרוי און פּאַפּיר, שאָלעכץ פֿון אייער און שטיקלעך אַרבוז, אָפּגעריסענע ייִנגלעך קלייַבן דאָס אויף פֿון דער ערד און שלאָגן זיך. ס'ווערט אַלץ שיטערער און ליידיקער אין די גאַסן. זרח גייט אַרום ווי אַ ייִד אום שבֿעה־עשׂר־בתּמוז אין אַ דאָרף.

ז

ס'איז געוואָרן כמאַרנע. דער הימל האָט זיך פֿאַרפֿינצטערט און ס'האָט זיך צעלאָזט אַ טוטשע רעגן, ווי אַן אמתער מבול איז דאָס געקומען פֿון אויבן כּדי אָפּצושווענקען אַלע זינד... זרח לויפֿט פֿאַרן רעגן, ווי ווייַט ער האָט נאָר כּוח צו לויפֿן, ביז ער קומט אין אַ טויער פֿון אַ שטוב און שטעלט זיך דאָרט אַנידער. עטלעכע מיידלעך און ווייַבלעך זענען דאָרט אויך געשטאַנען,

וואָס האָבן זיך אויך באַהאַלטן פֿאַרן רעגן. איינע פֿון זיי, אַ מיידל פֿון אַ יאָר צוואַנציק, האָט געהאַלטן אַ זאַנטיק און האָט נישט געלאָזט דעם רעגן אין פּנים אַרײַן; זי איז צוגעגאַנגען צו דעם באַרעגנטן ייִדן און האָט אים געוואָלט באַדעקן דעם קאָפּ מיטן זאַנטיק, האָט זיך זרח אָפּגערוקט, ווי איטלעכער פֿרומער ייִד רוקט זיך אָפּ פֿון אַ נקבֿה... האָט זיך דאָס מיידל אָנגערופֿן צו די איבעריקע: קוקט אים אָן, ווי ער רוקט זיך אַוועק, שוין איין מאָל, אַז ער איז געווען מײַן חתן, האָט ער זיך פֿון מיר אָפּגערוקט און איצט אויך... און ווי זרח האָט אויפֿגעהויבן די אויגן און האָט געוואָלט זען ווער דאָס רעדט, איז זי נישט געשטײַעט... ער פֿרעגט זיך בײַ די ווײַבלעך און מיידלעך: איז דאָ נישט געשטאַנען אַ מיידל מיט אַ זאַנטיק? זיי קוקן אים אָן ווי אַ משוגענעם.

דער רעגן האָט אויפֿגעהערט צו גיין, דער הימל איז געוואָרן העלער. פּאַמעלעך און פֿאַרטראַכט איז זרח געגאַנגען אויף דער אַכסניה, איצט האָט ער זיך ערשט אָנגעהויבן צו דערמאָנען פֿון דער גאַנצער מעשׂה, ווי ער איז נאָך געווען אַ ייִנגל און איז געווען אַ חתן מיט דער ערשטער כּלה, און דערנאָך אַז ער האָט אָפּגעלאָזט דעם שידוך און דעמאָלט איז געקומען צו אים איר מוטער און האָט געוויינט; אַוודאי האָט ער אויף איר רחמנות געהאַט, אָבער וואָס האָט ער געקאָנט טאָן, אַז דער שידוך איז פֿאַרט אָפּגע־לאָזט, מסתּמא איז אַזוי געווען באַשערט. געשאָלטן האָט זי אים נישט, טאָמער יאָ? ס'איז אים אַליין געווען אַ חידוש, ווי ער האָט דאָס אַלץ פֿאַרגעסן ביז אַצינד און ווי ער האָט זיך קיין מאָל נישט דערמאָנט וועגן דעם.

אויף דער סטאַנציע אָנגעקומען, האָט ער איבערגעביטן די קליידער און האָט זיך אַנידערגעשטעלט דאַווענען מנחה. ווי אַ נײַער מענטש האָט ער זיך געפֿילט אויף איין מאָל, ווי איינער וואָס האָט אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון אַקסל שווערע שטיינער. אַוודאי איז נאָך אין האַרצן געלעגן דער עוון, אָבער אַצינד זעט ער אים, אַצינד ווייסט ער, פֿאַר וואָס גאָט האָט אים געשטראָפֿט...

שטילערהייט האָט ער געדאַוונט מנחה און דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן ברכו. ער איז געשטאַנען אין ווינקעלע און האָט געציילט די ווערטער, איטלעכס וואָרט אַזוי פֿריש און פּאַוואָליע, ווי אַ ייִנגל וואָס הייבט אָן צו פֿאַרשטיין פּירוש־המילות. השׂם נפשנו בחיים ולא נתן למוט רגלינו, דו גאָט, וואָס דו האָסט אונדז געגעבן דאָס לעבן און אונדזערע פֿיס לאָזט דו נישט שטרויכלען. מי כּמוך באלים! ווו איז דען דאָ אַ גאָט, ווי אונדזער גאָט? כּי בידך נפשות החיים והמתים, אין דײַן האַנט איז טויט און לעבעדיק — דאָ גיט עס אַ פּיק אין האַרצן און אַ צי ווי מיט אַן אָפּצווענג — פּדית אותי ה', דו גאָט האָסט אונדז דערלייזט — אַ רויק ווינטל בלאָזט, — אלוהינו שבשמים

יחד שמך וקיים מלכותך, גאָט אין הימל דו ביסט איין גאָט אין דער גאַנצער וועלט — די טרערן גיסן זיך ווי פּלאַכעס...

ח

און אויפֿן מאָרגנדיקן טאָג איז ער אויפֿגעשטאַנען, האָט אַרויסגענומען דאָס געלט, באַצאָלט אויך דער סטאַנציע און האָט זיך גענומען פֿאָרן אין שטעטל אַריַין, ווו ער איז אַ מאָל געווען אַ חתן. אַציגד איז ער נישט מער געגאַנגען, נאָר געפֿאָרן ווי אַ מענטש, און אַזוי לאַנג, ביז ער איז אין אַ פּריַיטיק אין דער פֿרי אָנגעקומען אַהין, אין שטאָט אַריַין. ער האָט זיך גענומען גליַיך פֿרעגן נאָך יענער אַלמנה, אָבער קיינער האָט זי נישט געקענט און נישט געוווּסט פֿון אַזאַ נאָמען. אַזוי האָט ער צוגעבראַכט דעם שבת און האָט אַלץ געפֿרעגט, ביז ער האָט געפֿונען אַן אַלטן ייִדן, וואָס ער האָט אים געזאָגט, אַז ס׳האָט טאַקע געוווינט אַ מאָל אַזאַ אַלמנה, זי איז אָבער שוין לאַנג געשטאָרבן. זי האָט געהאַט דריַי מיידלעך, די צוויי ייִנגערע האָבן ערגעץ חתונה געהאַט פֿון וויַיטן, די עלטערע איז אויך געווען אַ כלה, מע האָט אָבער מיט איר אָפּגעלאָזט דעם שידוך, און זי איז שוין אויך געשטאָרבן...
זרח האָט אָפּגעשנירט דאָס טיכל און האָט געגעבן דעם ייִדן אַ רענדל, און איז דערנאָך אַריבערגעגאַנגען אויפֿן הייליקן אָרט פֿון דער שטאָט, האָט געבעטן דעם קבֿרות־ייִד, ער זאָל מיטקומען, און האָט גענומען זוכן דעם קבֿר פֿון זיַין כלה, און אין אַ פּאָר שעה אַרום, אַז מ׳האָט שוין געהאַט אויסגעזוכט דאָס גאַנצע פֿעלד, האָט מען געפֿונען אין אַן עק דעם קבֿר גאַנץ פֿאַרוואַקסן מיט גראָז און מיט אַן אָנגעלענטער צעבראָכענער מצבֿה: פה נקברה הנערה המשכלת ויעלת חן... מתה בת עשרים בשברון לב בשנת... לפ״ק. ת׳נ׳צ׳ב׳ה.

זרח האָט געהייסן דעם קבֿרות־ייִדן, ער זאָל גיין רופֿן דעם חזן. דער חזן איז געקומען און האָט געמאַכט אַן ״אל מלא רחמים״. זרח האָט אים אויך געגעבן אַ רענדל און ער איז אַוועקגעגאַנגען. דעם קבֿרות־ייִד האָט גערופֿן דאָס וויַיב און זרח איז געבליבן אַליין, ער האָט זיך אָנגעבויגן אויפֿן קבֿר און האָט אָנגעהויבן בעטן מחילה, ס׳איז געווען ערבֿ ראש־חודש.

זיַי מיר מוחל, רחל־לעב, האָט ער אָנגעהויבן, לך חטאתי, צו דיר האָב איך געזינדיקט ולבבי אשפך כמים, און מיַין האַרץ פֿאַרגיס איך פֿאַר דיר. און אויב איך האָב דיר שלעכטס געטאָן, האָב רחמנות אויף מיַינע ניַי־געבוירענע קינדער און לאָז זיי נישט שטאַרבן בעוון־אָבֿות, זאָג מיר וואָס דו ווילסט פֿון מיר און מיט וואָס איך קאָן אָפּוואַשן דעם צאָרן פֿון אַבֿי־יתומים ודיין־אַלמנות.

ער זאָגט און שלאָגט זיך אָשמנו!

און ווי ער איז אַזוי געשטאַנען פֿאַרן קבֿר אײַנגעבויגן, איז ער אַנטשלאָפֿן געוואָרן שטייענדיק; און ווי ער דרעמלט אַזוי, איז אים געקומען די כּלה צו חלום האָט צו אים געזאָגט; איך בין דיר מוחל, זרח, במחילה־גמורה, וואָס דו האָסט מיר געטאָן, איך האָב אויך אין קבֿר קיין מנוחה נישט... נאָר איין זאַך וויל איך דיך בעטן: דו ווייסט, איך האָב נאָך צוויי שוועסטער און זיי ווױנען אין שעפּעטיווקע, דאָרט האָבן זיי חתונה געהאַט, אָבער זיי זענען אָרעם און האָבן קינדער חתונה צו מאַכן. פֿאָר אַהין און העלף זיי.

זרח האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף, האָט אויפֿגעהויבן זײַנע הענט און האָט געזאָגט: אודה ה׳ כּי פדיתני, אַ דאַנק דיר, גאָט, פֿאַר וואָס דו האָסט מיך דערלייזט!

אַזוי איז זרח געפֿאָרן קיין שעפּעטיווקע און האָט געלאָזן אָנזאָגן זײַן כּלהס שוועסטער, אַז ס׳איז געקומען צו זיי זייער אַ רײַכער פֿעטער פֿון ווײַטן, וואָס האָט זיך דערוווּסט, אַז ס׳איז זיי שלעכט און ער וויל חתונה מאַכן זייערע קינדער און זיי געבן נדן און זיי אויסקליידן. געזאָגט — געטאָן. שעפּעטיווקע האָט זיך געחידושט אויפֿן גרויסן עושר, וואָס האָט געגעבן תּיקון אין ביידע בתּי־מדרשים, און נדבֿות — וועד ס׳האָט נאָר געבעטן. מיט צוויי מיידלעך האָט מען באַלד געטאָן אַ שידוך. ווער האָט זיך נישט געוווּנטשן צו נעמען אַ מיידל, וואָס האָט אַזאַ רײַכן פֿעטער? פֿאַר די אַנדערע קינדער האָט ער אויך אײַנגעלייגט געלט און די מוטערס אויך געלאָזט אַ סך געלט און זיך געזעגנט מיט טויזנט ברכות.

אַזוי איז זרח געקומען נאָך אַ סך יאָרן אַהיים צו זײַן ווײַב צירלען צוריק, וימצאה בריאה ושלמה, און האָט זי געפֿונען געזונט און פֿריש, וואָרעם זי האָט די גאַנצע צאָל יאָר ניט איין מינוט פֿאַרלוירן דעם בטחון, און האָט יעדן טאָג געהאָפֿט צו גאָט, אַז זרח איר מאַן וועט קומען אַהיים און אַלץ וועט נאָך ווערן גוט. ויפקד ה׳ את אשתו, און גאָט האָט ווידער געעפֿנט דעם טראַכט פֿון צירלען און אין נײַן חדשים אַרום האָט זי געהאַט אַ זון, און ער איז אויפֿגעוואַקסן געזונט, און איז געוועזן ווויל און געראָטן און האָט חתונה געהאַט פֿון יִיחוס, און האָט געהאַט קינדער און קינדס־קינדער, און אַ טייל לעבן נאָך הײַנט אין עושר און אין כּבֿוד. אַזוי זאָלן מיר אַלע ייִדן זוכה זײַן צו ישועות ונחמות ובא לציון גואל!

גדי

אַ מעשה מיט אַ מוסר

א

אל תּהי בז לכל אדם! זײַ ניט מבֿזה דעם אָרעמאַן, קוק ניט אַוועק פֿון אַ מענטשן, וואָס האָט ניט אַזאַ שײן פּנים און איז נישט שײן אָנגעטאָן, קרים דיך ניט קוקנדיק אויף אַ בעל־מום און אויף אַן אָפּגעריסענעם, וואָס ווײנט הינטער דער באָד. אַז יענער האָט אַ שוואַרצע פֿאַרהאָרעוועטע האַנט, די נעגל זענען פֿאַרגעלט און קײן מאָל נישט גערײניקט און די הויט איז האַרט און געדראָלן ווי אַ ריבאײַזן, און דו האָסט, ברוך־השם, אַ ווײך, ווײַס הענטל, ווי יעדער אײדעם, וואָס זיצט נאָך אויף קעסט און טוט גאָרנישט, מיאוס זיך ניט אים צו געבן די האַנט. פֿון אַ טרעגער אין מיל, וואָס זײַן פּנים און קאַפּאָטע און זײַנע שטיוול און אַלץ אין אים איז לויטער מעל, רוק דיך ניט אָפּ, טאָמער וועט ער חס־ושלום דיר אויסשמירן דעם נײַעם סורדוט דײַנעם. מײן ניט, אַז די נשמה פֿון אײנעם וואָס שטײט ווײַט הינטער דיר, איז פֿון קליאָטשע; מײן ניט, אַז אַ ייִד, וואָס זיצט אין בית־מדרש פֿון תּמיד אָן אויף דער הינטערשטער באַנק און זײַנע אָבֿות־אָבֿותיו זענען ניט געזעסן העכער, איז אַ מענטש פֿון אַ נידעריקערן סאָרט פֿון דיר, וואָס דו זיצסט כּל־ימיך אין מזרח און ביסט געוווינט צו זיצן אויבן אָן. דער אײגענער גאָט, וואָס האָט דיך באַשאַפֿן, האָט אים באַשאַפֿן, און ער איז אַזוי גוט זײַן פֿאָטער ווי דײַן פֿאָטער. איך וויל אײַך דערצײלן אַ מעשה, איך בעט אײַך, הערט צו.

*

די מעשה איז פֿון אַ שמשס אַ זון, גדי מיטן נאָמען, אַן אומגליקלעך באַשעפֿעניש, — קײן מענטש האָט נישט געוווּסט, ווי אַלט ער איז געווען, — מיט אַ פֿאַרוואַקסענער ווילדער באָרד, דאָס פּנים שוואַרץ, די האָר קײן מאָל נישט געקעמט און אָנגעטאָן אין אַ מין אַלטן וואַטאָוון בגד, אויסגעשמירט און באַפֿלעקט און מיט טויזנט לעכער און מיט צעריסענע קעשענעס. דאָס היטל איז געווען אַ גלגול פֿון אַ קאַשקעט מיט אַ צעבראָכענעם דאַשעק און שוין אַוודאי אַלט געווען אַ יאָר צוואַנציק. אויף די פּיס האָט ער געטראָגן

אויסגעדרייטע שטיוול, וואָס זענען קיין מאָל נישט געשמירט געוואָרן, און די כאַליעוועס זענען געווען צוגעבונדן מיט שטריקלעך... וואָס פֿאַר אַ לײַבל און וואָס פֿאַר אַ העמד ער האָט געטראָגן אונטער דער קאַפּאָטע, וויל איך שוין גאָרנישט זאָגן. דאָס האַרץ זײַנס איז געווען שטענדיק אָפֿן און פֿאַרוואַקסן מיט האָר, ווי בײַ אַ ווילדער חיה. געפֿעלט האָבן אים אַלע ציין אין מויל, און אַז ער האָט אַ מאָל געגעבן אַ שמייכל און ס׳איז אים גערונען דאָס שפּײַעכץ — דאָס איז געווען פֿון אים אַ חולשה — האָט געקאָנט, מ׳זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, נישט גוט ווערן...

ווי סע שטייט אויבן, האָט קיינער נישט געוווּסט, ווי אַלט ער איז און ווען ער איז געבוירן געוואָרן. אַזוי ווי ער איז, געדענקט מען אים שוין פֿון תּמיד אָן. זײַן מוטער איז געווען אַן אַלטע און אַן ערלעכע ייִדענע, קליין און אײַנגעצויגן און אויסגעדאַרט ווי אַ שפּאָן. זײַן פֿאָטער ראובֿן דער שמשׂ איז געווען אַ גרויסער מגושמדיקער ייִד און, לאַ־עליכם, אַ שטיק שיכּור. וואָס ס׳איז געווען צו טאָן אין קלויז, איז אַלץ געווען אויף גדין און אַלע עבֿודות־קשות זענען געווען חל אויף זײַן קאָפּ. אַפֿילו וואַשן דעם פּאָל אין קלויז אַלע ערבֿ־שבת, וואָס אין אַן אַנדער שטאָט דינגט מען דערצו אַ גויע, האָט גדי אַליין געטאָן; ער האָט געקערט, געשאָבן די בלאָטע פֿון די טרעפּ, גערייניקט די פֿענצטער, געפּוצט די הענגלײַכטער און אַרויסגענומען דעם פֿאַרגרינטן חלבֿ. דאָס פֿאַס וואַסער צום וואַשן די הענט האָט ער תּמיד אָנגעפֿילט, אַרויסגעטראָגן דעם צעבער און געטריקנט די האַנטעכער. ווינטער האָט ער געהייצט ביידע אויוונס און טאַקע אַליין געהאַקט דאָס האָלץ, געקליבן שפּענער, געגאַנגען נאָך נאַפּט, אַרויסגעטראָגן די אַש. איז אָפּגעפֿאַלן דער טינק פֿון אַ וואַנט, האָט גדי זי פֿאַרשמירט מיט ליים; זענען אַרײַן ציגן אין דער ווײַבערשער שול, — דאָרט זענען נאָך דעמאָלט ניט געווען קיין פּאָלן, — און האָבן צעשאַרט די ערד, האָט גדי געטראָגן פֿרישע ערד און זאַמד און האָט אויסגעגלײַכט די ערד; האָט אַ שטאַרקער רעגן אָוועקגעשווענקט די שוועל פֿון קלויז, האָט גדי זי ווידער אויפֿגעמויערט מיט שטיינער. אין קוימען איז גדי געקראָכן, אַז ס׳האָט גערייכערט, נאָכגעקוקט אויפֿן דאַך, ווען ס׳האָט גערונען. הכּלל, ס׳איז נישט געווען קיין עבֿודה, וואָס גדי האָט זי נישט געטאָן, און גאָרנישט איז געווען פֿאַר אים צו שווער. צו וואָס זאָל אַזוינס רוען? וואָס דען זאָל אַזוינס טאָן, ווען נישט אַרבעטן?

און איז נישט געווען אין קלויז וואָס צו טאָן, האָבן אַנדערע מיט אים געאַרבעט. פֿון די גבאים און דעם רבֿ און די שוחטים און די חזנים איז גאָרנישט צו רעדן, אָבער איטלעכער אין שטאָט, פֿון גרעסטן ביז צום קלענסטן, האָט געהערשט אויף גדין און זיך מיט אים געשאָפּט. ווו ס׳איז

געווען אַ לאָך צו פֿאַרשטאָפּן, האָט מען פֿאַרשטאָפּט מיט גדין. גדי איז געגאַנגען רופֿן די בעלי־דינים צום רבֿ, דעם שוחט צום קצבֿ קוילען, דעם כּהן אויף אַ פּדיון־הבן, די לײַט פֿון דער חבֿרה־קדישא אויף אַן אַסיפֿה. נגידיתטעס האָבן אים מיטגענומען אין מאַרק אַרײַן, ער זאָל זיי נאָכטראָגן די גענדז און די הינער. בײַ די גבאיטעס האָט ער געהאָלפֿן שטעלן באָרשטש, בײַ דער באָבען איז ער געווען איר משרת, און אַפֿילו איטלעכע דינסט האָט קלײַען פֿאַר אַ קו און דאָ האָט ער געקליבן שפּענער. קינדער, וואָס האָבן נישט געוואָלט גיין אין חדר אַרײַן, — און דער באַהעלפֿער האָט זיך צעקריגט מיטן רבין, — האָט גדי געמוזט זיי טראָגן אויף די פּלייצעס. בײַ אַ גט און בײַ אַ חליצה איז זיך גדי אָנגעלאָפֿן די פֿיס. בײַ אַ ברית איז ער געווען דער ערשטער און דער לעצטער. בײַם בעל־ברית איז ער געווען זײַן משרת און בײַ דער באָבען איז ער געווען איר משרת, און אַפֿילו איטלעכע דינסט האָט אים באַהאַנדלט ווי אירן אַ דינער... ווער שמועסט אויף אַ קנס־מאָל, צי גאָר אויף אַ חתונה, האָט גדי געאַרבעט עבֿודת־פּרך. ווער האָט געטראָגן די ברעטער צום שאַלאַש און די רעדנעס? גדי. נאָך געפֿעפֿס צום קרעמער ווער איז געלאָפֿן? גדי. נאָך פֿיש, נאָך פֿלייש, נאָך צוקער און נאָך מאַנדלען האָט מען געשיקט גדין. גדין האָט מען געשיקט נאָך בראָנפֿן, נאָך ווײַן. אוודאי איז ער אַרומגעלאָפֿן אויף אַלע סטאַנציעס, ווו די מחותּנים זענען געשטאַנען. דעם עולם געגאַנגען רופֿן צום אויפֿרופֿן, צו דער וועטשערע. ס'איז גאָרנישט געווען איין גדי, נאָר צען גדיס האָבן געאַרבעט און זענען געלאָפֿן אין פֿאַרשיידענע ערטער, און פֿון אַלע איז גערונען דער שווייס. און טאָמער מיינט איר, ער האָט דערפֿאַר עפּעס באַקומען? צו וואָס באַדאַרף אַזאַ בריאה האָבן געלט?

און פֿאַר פּסח האָט גדי געמוזט לויפֿן אין די גרעסטע בלאָטעס צו די בעקערס העלפֿן טראָגן די מצות. און וואָס האָט ער נישט איבערגעטאָן, אַז ס'האָט זיך אָנגעהויבן אלול מיט אַלע ימים־נוראים מיט דעם רײן מאַכן די קלויז און מיט די דאַרפֿסיידן, וואָס זענען געקומען אין שטאָט אַרײַן; איטלעכער פֿון זיי האָט באַלד געהאַט זײַן משרת און שמש, און ער האָט געהייסן גדי. חנוכּה־צײַט האָט ער געבונדן די גענדז צום קוילען און זיי געטראָגן צום שוחט, געפֿליקט די פֿעדערן און געשלעפּט די אַבדירקעס אין מאַרק אַרײַן. און איך באַדאַרף דעם לעזער נישט צו זאָגן, אַז גדי האָט קיין מאָל נישט טועם געווען דעם טעם פֿון אַ גריוו...

און וואָס האָט גדי געוווסט פֿון אַ שבת, צי פֿון אַ יום־טובֿ, צי פֿון אַפּרועץ, צי גאָר פֿון דאַווענען, אַז אין מיטן דאַווענען קאָן מען אים שיקן טויזנט געגג, אַז ער איז גאָרנישט בגדר מענטש, כאָטש ער קומט שטאַרק צו ניץ

און איז אַן עבֿד־כּנעני פֿון איטלעכן. אַ מצווה טאָן איז אַוודאי אַ גוטע זאַך, אָבער איז דען גדי, וואָס אין קלויז טרײַבט מען מיט אים ליצנות, בגדר מצווה, מיינט מען דאָס אים, אַז ס׳איז אַ מצווה צו געבן אַן אָרעמאַן אַן אָפּגעלייגטן בגד? פֿרעגט אים, צי ס׳האָט אים איין מאָל אין זײַן לעבן צוגערופֿן אַ ייִדענע אין ווינטער און אים געזאָגט: גדי, ס׳איז דיר קאַלט, דאָ האָסטו אַן אַלט לײַבל פֿון מײַן מאַן. געלאָפֿן איז ער פֿאַר איטלעכן און האָט געטאָן אַלע שליחותן. האָט אים עמעצער געגעבן זומער אַ פּאָר שיך, אַז ס׳זענען געווען היצן און די שטיוול האָבן אים אָפּגעברענט די פֿיס? וואָס הייסט, פֿילט ער דען? פֿאַרשטייט דען אַזוינס, אַז נידעריקע שיך אין זומער זענען בעסער ווי אויסגעדרייטע שטיוול? זעט איר, גיין אָפּזוכן די קו בײַ אַ בעל־בית, אַז זי איז זיך פֿאַרגאַנגען אין פֿרעמדע גערטנער, און די הינט בײַ די גויים האָבן אים אָפּגעריסן די פּאָלעס, דערצו איז גדי ווי געשאַפֿן. גיין רײַסן גרינס אויף שבֿועות, צי שנײַדן ערבֿות אויף הושענות, און זיך לאָזן שלאָגן פֿון די שקצים מכּות־רצח, אָדער גאָר נעכטיקן אויפֿן הייליקן אָרט, אַז מ׳האָט געבראַכט אַ מת פֿון דאָרף און ס׳איז שוין געווען צו שפּעט אים מקבר צו זײַן — דערצו איז גדי גוט. גדי האָט גאָר געמוזט אַליין גראָבן דעם קבֿר, אַז ס׳איז געווען קאַלט און נאַס, און דער קבֿרות־ייִד האָט זיך געפֿוילט צו גראָבן...

וואָס האָט גדי נישט געטאָן? און צו וואָס איז ער נישט געווען ניצלעך? האָט איינער באַדאַרפֿט אָפּזיצן וויעזשע, ווײַל ער האָט געהאָט אויף זיך אַן אַקט, האָט מען געדונגען גדין פֿאַר אַ מזומנעם זעקסער, און ער איז געזעסן. האָט מען געדאַרפֿט אָפּהיטן אַ משוגענעם, וואָס האָט געשלאָגן און געהרגעט, האָט גדי אים אָפּגעהיט, און יענער האָט אים צעדראַפּעט דאָס פּנים און שיִער ניט אויסגעזעצט די אויגן. דער פּריסטאַוו פֿון דער שטאָט האָט אויך געאַרבעט מיט גדין און אויך דער סעקרעטאַר און דער שרײַבער ביז צום סאָטסקי. גדי איז געווען דער אמתער שׂעיר־המשתּלח; נאָר יענער איז כאָטש אָפּגעקומען מיט איין מאָל, אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון באַרג לעזאזל מיט די עוונות פֿון כּל־ישׂראל אויף זײַנע פּלייצעס, וואָס וואָלטן געקלעקט פֿאַר כּמה דורות.

און ווי אַזוי ער האָט דאָס אויסגעהאַלטן איז נאָך עד־היום אַ חידוש. אַ מענטש, וואָס האָט קיין מאָל רעכט נישט אָפּגעגעסן, קיין מאָל נישט גערוט, און כּל־ימיו קיין קישן צוקאָפּנס נישט געזען. זומער איז ער געשלאָפֿן אין דער ווײַבערשער שול אויפֿן בוידעם און ווינטער אויף דער הוילער באַנק לעבן דעם אויוון, ווען ס׳איז נאָר נישט געווען אַן אורח אַ תּקיף, וואָס האָט אים אָוועקגעטריבן. ווער האָט זיך אָנגענומען פֿאַר אים, ווען מען האָט דאָס געאַרט, אַז גדי איז געשלאָפֿן אויף דער ערד? פֿאַרקערט, האָט אַ ייִנגל אַ

שייגעץ אים געפונען שלאפנדיק, האט ער אים א טרעט געטאן מיטן פוס, אדער ארויפגעגאסן אויף אים א קווארט וואסער.

אפילו גוטע און פרומע לייט מיט א הארץ האבן נישט אנגעהויבן צו פארשטיין, אז ער איז אויך א מענטש, און אז למשל, מע ווארפט אים א שטיין אין קאפ אריין, קאן אים דאס וויי טאן. יינגלעך און ווייסע־חברה האבן זיך תמיד צו אים געטשעפעט; דער האט אים געצופט ביי דער נאז, דער ביי דער בארד, דער האט אים אראפגעווארפן דאס היטל. און אפילו די סטא־טעטשנע בחורים, וואס זענען געזעסן אין קלויז און האבן געלערנט, האבן געהאט גרויס תענוג צו נעמען גדין נאך מיטאג, אים ארויפלייגן אויפן טיש, אויף וועלכן ס'איז קריאת־התורה, און אים שמייסן. און ער זאל דאס געבן א שעלט, זאל זיך נישט לאזן, זאל שלאגן מיט די פיס, אדער בייסן, ווי דער שטייגער איז. און דערנאך, אז מע האט אים שוין גוט אפגעשמיסן, האט מען זיך צונויפגעלייגט צען קאפיקעס און מ'האט אים געשיקט קויפן עפל אין מארק אריין. זיי האבן געביסן די שיינע, רויטע עפל וואס פון זיי האט געשפריצט דער זאפט, און גדי האט געמוזט קוקן און קלייבן די קערנער, און אז ס'איז שוין געווען ביי זיי א נדבן, האט ער אים געקאנט געבן דאס אפגעגעסענע הארץ פונעם עפל... וואס זאל אזוינס זיין א מפונק און וועלעריש? ס'מוז דאך זיין איינער אין שטאט, וואס זאל אויפעסן דאס טרוקענע פארשימלטע ברויט ביי דער בעל־הביתטע. און ווער דען זאל אויסטרינקען די גערונענע מילך, אדער אויפעסן די שלעכט צעקראכענע אוגערקעס, ווען נישט גדי?

יא, ווען איך וואלט ליב געהאט צו רעדן אין גלייכענישן, וואלט איך געזאגט, אז גדי איז געווען אין שטעטל דאס מיסט בבחינת מענטש.

וואס קאן דאס זיין פאר א מין בריאה אויף דער וועלט? וואס ווייסט אזוינס פון פרייד און לייד, וואס גייט ארום, דאכט זיך, מיט טויבע חושים? און דאך איז דאס געווען א באשעפעניש. אפילו א ווארעם און א זשוק, וואס איר מיאוסט אייך פאר דעם, קומט אויך פון גאטס האנט. ווער קאן אריינקריכן אין א הארץ פון אזא גדי, צו וויסן, וואס ער טראכט און צי אויב ער טראכט. האט ער שוין גאר קיין השגה נישט פון א מענטשן? ציט אים נישט צו איינעם און צו דעם אנדערן נישט? האט ער לחלוטין גאר קיין חילוק ניט געוווסט צווישן דעם, אז דער ווינט האט אים געפאטשט דעם רעגן אין פנים אריין און די נאסקייט האט אים דורכגענומען, און צווישן דעם, אז ס'איז געווען זומער און די זון האט געלויכטן? ווי געזאגט, ווער קאן אריינקריכן אין א הארץ פון אזא מענטשן און ווער קאן דאס וויסן אויף ד ע ם עולם?

ויהי היום איז זיך גדי מישב און גייט א שטארב. צי ער איז געלעגן שלאף,

צי גלאַט אַזוי די ערד האָט אים צוגענומען, — וואָס איז די נפֿקא־מינה, געשטאָרבן, באַגראָבן! נישט אַ האָן האָט אין שטעטל נאָך אים געקרייט, און קיינער האָט נישט נאָכגעזאָגט נאָך אים אַ גוט וואָרט, גוט ער האָט דאָך פֿאָרט געדינט דעם כּלל און דעם פּרט אַלע זײַנע יאָר, — גאָרנישט, עלעהיי אַ בהמה. אפֿשר האָט די גבאיטע געדאגהט, אַז היינט איז נישטאָ ווער ס'זאָל איר מעלקן די ציג, צי אַן אַנדערער, וואָס ס'איז אים אײַנגעפֿאַלן דער אויוון, און ס'איז נישט געווען ווער ס'זאָל שלעפּן די ציגל אומזיסט. און איר מיינט, אַז באַלד אַז גדי איז געשטאָרבן, איז געקומען דער מלאך־הדומה און האָט געגעבן די פֿיר שמיץ אויפֿן קבֿר און אים גערופֿן צום בית־דין של מעלה, ווי איטלעכן מענטשן, — פֿרעגט מיך, לאָמיך הערן. אַפֿילו אַזוינער האָט אויך אין זין נאָר בכּבֿודיקע ייִדן, צי אַפֿילו אמתע רשעים, וואָס האָבן שטאַרק הנאה געהאַט פֿון דער וועלט, בעת זיי האָבן געלעבט... ניין, גדין האָט מען אין דער ערד טיף באַגראָבן, אַן שערבלעך אויף די אויגן און אַן אַ טלית, — ער איז דאָך געשטאָרבן אַ בחור, און אַפֿילו אין ספֿר־הזכרונות אַליין אויפֿן הימל, וואָס דער מינדסטער האָט דאָרט אַ בלאַט, און זײַן נאָמען און זײַנע מעשׂים שטייען דאָרט פֿאַרשריבן, האָט אויך געפֿעלט גדיס נאָמען. איר קאָנט דאָרט זוכן אַ גאַנצן טאָג אין אות גימל, — די שרײַבערס דאָרט האָבן בילכערס צו טאָן, ווי אין זינען האָבן אַזאַ מין בריאה משונה בצורת מענטש, אַ פֿאַרוואַלגערט און אומגליקלעך באַשעפֿעניש אַן אַ טראָפּן ליכט אין גאַנצן לעבן... און אַז דאָס שטעטל, וואָס גדי האָט דאָרט געלעבט, האָט אים קיין מצבֿה נישט געשטעלט, באַדאַרף איך נישט צו זאָגן; און אַז קיין קדיש האָט מען נאָך אים נישט געזאָגט, באַדאַרף איך אײַך אוודאי נישט צו זאָגן. גאָרנישט, מען מיינט אָדם יסודו מעפֿר וסופֿו לעפֿר, גדי איז געקומען פֿון שטויב און וועט ווערן שטויב... אַפֿילו אַ ווערעמל וועט פֿון אים קיין הנאה נישט האָבן, וואָרעם ער איז געווען אויסגעטריקנט ווי אַ שפּאָן. און אויב ס'איז אַזוי, טאָ וואָס זשע האָב איך באַדאַרפֿט קומען און דאָס אַלץ דערציילן? און צו וואָס באַדאַרף דער לעזער וויסן, אַז ס'איז אַ מאָל געווען אַ שמשׂ אַ זון, וואָס האָט געהייסן גדי און האָט אַזאַ מין לעבן געלעבט, וואָס מען קאָן דאָס גאָרנישט אָנרופֿן לעבן? יאָ, — וועט ער פֿרעגן, — וואָס לאָזט מיך דען דער דערציילער מיט דעם הערן? אָט דאָ הייבט זיך אָן דער צווייטער טייל פֿון מײַן סיפּור...

ב

דרײַ טעג נאָך דעם, ווי גדי איז געשטאָרבן, איז גאָט געזעסן אויפֿן הימל, און ס'איז געזעסן די גאַנצע פּמליה של מעלה, און ס'זענען געזעסן די שבֿעה

רועים, די זקנים און אַ סך צדיקים, און מלאכים זענען געשטאַנען, און ס'איז געווען דער שמועס מכּוח עולם התּחתּון, און ווי אַזוי די מענטשן האָבן זיך ליב צו פֿאַרשטעלן, און ווי אַזוי מע ווייסט גאָרנישט, ווער איז דער אמתער צדיק און ווער דער אמתער רשע... האָט זיך גאָט אָנגערופֿן צו אַ קליין מלאכל און האָט צו אים געזאָגט: קענסטו דעם וועג צו יענעם און יענעם שטעטל? גיי אויפֿן בית־עולם און זוך אין עק לעבן דעם צוים, וועסטו געפֿינען אַ קבֿר אויפֿגעשאָטן ווי אַ קליין בערגל, עפֿן דעם קבֿר און ברענג אַהער צו טראָגן אַט דעם וואָס ליגט דאָרט באַגראָבן. גיי אָבער גיך, רו זיך נישט אָפּ. ויעש המלאך כּן, האָט דער מלאך אַזוי געטאָן, איז אַראָפּגעשטיגן פֿון עולם־העליון אין יענעם שטעטל אַרײַן און האָט געשפּאַלטן דעם קבֿר, גענומען גדין אויף זײַנע פֿליגלען און אים געבראַכט צו טראָגן אויפֿן הימל. און ווי דער מלאך איז מיט גדין אָנגעקומען אויבן, האָט גאָט באַפֿוילן, מ'זאָל נעמען גדין אין גן־עדן אין אַ באָד און אים ערשט רייניקן דעם גוף און אים שטאַרקן, און צוריקגעבן דעם צלם פֿון אַ מענטש, וואָס מ'האָט דאָרט אונטן אין אים צעטראָטן... באַלד האָט מען זיך גענומען אין גן־עדן אים וואַשן און רייניקן און שמירן זײַן לײַב מיט סמים און מרקחת. איין מלאך האָט אים אָפּגעשוירן די פֿאַרווילדערטע האָר, אַן אַנדערער האָט אים אָפּגעשניטן די פֿאַרוואַקסענע נעגל פֿון די הענט און פֿון די פֿיס, גראָזן און קרײַטעכצער האָט מען געבראַכט מיט די טײַערסטע ריחות, און מע האָט מיט זיי געריבן זײַן גוף, און געוואַשן האָט מען אים מיט ווײַן און מיט מילך און מ'האָט אים דערנאָך געלייגט אײַנגעוויקלט אין אַ ווייכער קאָלדרע אַפּרוען, ביז דער גוף האָט זיך אַ ביסל געלײַטערט און די הויט איז געווען ווי פֿון אַ מענטשן. אים אַליין האָט מען געגעבן כּל מיני דערקוויקעכץ, און אַלע שמשים אין גן־עדן האָבן זיך מיט אים אָפּגעגעבן, און גאָט איז ער געוואָרן אַזוי טײַער, ווי דער גרעסטער צדיק.

אַזוי איז אַוועקגעגאַנגען אַן ערך פֿון צוויי חדשים. און אַז ס'איז געקומען דער דריטער חודש, האָט גדי אויפֿגעעפֿנט די אויגן און זיך אָנגעהויבן פֿילן ווי אַ מענטש. ס'איז געווען צום ערשטן מאָל אין זײַן לעבן, אַז מ'האָט מיט אים נישט געאַרבעט, און גיין גייט ער אָנגעטאָן אין ריינע קליידער און ער הערט נישט זײַן נאָמען פֿאַרדרייען, און נישט יעדער יִנגל טרעט אים מיט די פֿיס. פֿאַרקערט, ער איז אַ מענטש ווי אַלע מענטשן, און כאָטש ער קאָן קוים עבֿרי, — וואָרעם קיין מאָל האָט מען אים נישט געלאָזן דאַווענען, — דאַנקט ער גאָט, ווי ס'קומט אים פֿאַר אויף זײַן אופֿן, און ער איז אַ שטילער רויִקער מענטש, וואָס טשעפּעט נישט אַפֿילו אַ פֿליג אויף דער וואַנט. איי, וואָס ער האָט נישט די גרויסע השׂגות און קאָן נישט תּופֿס זײַן די ענינים, —

האָבן דאָך אַ סך בריאות, וואָס גאָט האָט זיי באַשאַפֿן, קיין השגחה נישט פֿון דער וועלט, און פֿונדעסטוועגן האָט גאָט פֿון זיי נחת־רוח. דערפֿאַר וואָס איך האָב מער שׂכל פֿון מײַן חבֿר און פֿאַרשטיי אַ זאַך מער ווי ער, בין איך נאָך נישט זײַן אָדון, און דער בורא־עולם איז אַזוי גוט זײַן שעפֿער ווי מײַן שעפֿער. און טאָמער גאָר פֿאַרקערט, דעם שׂכל, וואָס גאָט האָט אין מיר געפֿלאַנצט, כּדי צו טאָן גוטס, באַניץ איך צו שלעכטס און צו פֿאַלשקייט. ער אָבער איז אַ פּשוטער מענטש, אָן חכמות, אָן העוויות און אָן העזה אַלץ וועלן צו דערקלערן און צו דערפֿאַרשן, און אַפֿילו אין גן־עדן אַליין איז ער זיך שטיל און זאָגט נישט קיין וואָרט. ס׳איז נישטאָ קיין פּיצל קנייטש אין זײַן נשמה און קיין פֿאַרקרימעכץ אין אים, וואָס קומט אַלץ דערפֿון, וואָס מע וויל אײַננעמען די וועלט און מע פֿאַרגעסט דעם גבֿול, וואָס גאָט האָט געזעצט דעם מענטשן... אויסגעגליכן איז אַלץ אין גדין געוואָרן, זינט מע האָט פֿון אים אַראָפּגענומען דעם שווערן עול און די קנעכטשאַפֿט...

און פֿאַר דעם שׂכר, דערפֿאַר וואָס גדי איז געווען אויף דער וועלט איטלעכן אַן עבֿד־נכנע, און זײַן אַרבעטן און טאָן האָבן געהאַט אין זיך ריינע קנעכטשאַפֿט, טאַקע ווי דער אָקס אין אַקער און ווי דער אייזל, וואָס גייט אין די לאַנגע מדבריות און רוט נישט אַ ווײַלע, אַט דערפֿאַר האָט גאָט אַרײַנגעגעבן גדין אין דעם נײַעם לבֿוש פֿון מענטש, און ווי ער האָט זיך אויפֿגעריכט, צו דוד המלך אין הויף אַרײַן.

אין די הונדערטער פּאַלאַצן און גערטנער פֿון גן־עדן, ווו סע וווינען דוד המלך וכל מלכי בית־דוד הטובים און אַלע מלכי־צדק, וואָס קומען אַרויס פֿון דודן, איז זיך גדי אַרומגעגאַנגען און האָט געהערט אַלע אינדערפֿרי דעם תּהילים זינגען אין גרויסן סאָד, און האָט געזען די מלאכים און שׂרפֿים און האָט זיך נישט געוווּנדערט. ער האָט זיך אויך נישט געשטופּט דאָרט, ווו מען טאָר נישט. ווי געפֿרייט האָט ער זיך, אַז מ׳האָט אים געמאַכט פֿאַר אַ שומר בײַ איינעם אַ טויער און אַז ער האָט באַקומען אַן אַרבעט. געשטאַנען איז ער אויף זײַן פּלאַץ און האָט שומר געווען באמונה, און פֿונדעסטוועגן, אַז ס׳איז געקומען אַ נשמה און האָט געבעטן, מ׳זאָל זי אַרײַנלאָזן צו דוד המלך, וואָרעם זי וויל האָבן אַ תּיקון, האָט ער איר נישט געענטפֿערט גראָב. אים איז געווען די פֿאַרוואָגלטע נשמה אַזוי חשובֿ ווי דוד המלך אַליין, און זײַן הארץ האָט ניט געוווּסט פֿון דעם וואָס מיר רופֿן דאָס "געהויבענע" און "נישט־געהויבענע", און דעם חילוק צווישן דעם מלך און זײַנע עבֿדים. און אַז דוד המלך איז געגאַנגען שפּאַצירן אין יענעם גאָרטן, ווו גדי איז געשטאַנען, און האָט אים דערזען און איז צו אים צוגעגאַנגען און האָט געזאָגט צו אים: וואָס מאַכסטו, גדי? — האָט זיך גדי נישט דערשראָקן

און איז נישט געפֿאַלן צו די פֿיס, ווי ער האָט דאָס געזען טאָן אַפֿילו גרויסע שׂרים. ער פֿילט זיך ריין און טוט זיך זיינס; פֿאַר וואָס זאָל ער דען האָבן אימה און פּחד? אַזוי איז גדי געוואָרן אַן אַנדער מענטש, זינט גאָט האָט זיך אָנגענומען זיין קריוודע און אים אַרויסגעצויגן מעבֿודת־מצרים, פֿון דער אמתער קנעכטשאַפֿט, און האָט אים דערלייזט.

און דאָך איז ער טאַקע דודן געפֿעלן מער ווי אַלע עבֿדים ושׂרים. און ס׳איז אַ סבֿרה, אַז זינט דוד המלך האָט אים דערקענט און ס׳איז אים דורכגעבליצט דער מין מענטש גדי, האָט ער געמאַכט אַ ניי קאַפּיטל תּהילים אויף אים, דאָס הונדערט און איין און פֿופֿציקסטע קאַפּיטל. דאָס איז אָבער אין אונדזער תּהילימל נישטאָ, און דאָס וועט ערשט אויפֿגענומען ווערן, ווען ס׳וועלן קומען די צייטן פֿון תּחית־המתים...

*

יאָ, מקימי מעפר דל, מאשפות ירים אביון, גאָט דערהייבט דעם אָרעמאַן פֿון שטויב, פֿון מיסט קלייבט ער אים אויף, דעם נידעריקסטן, און מאַכט אים גרויס. ס׳איז אַ שיין ליד; אָבער דאָס איז נאָך נישט דער גאַנצער זמר גדי און די בחינה פֿון אַזאַ מין מענטשן. אין דער גמרא און אין די שפּעטערדיקע ספֿרים איז אויך דאָ פֿון דעם אַ ביסל. לייגט אייך אַנידער פֿאַר דער שוועל אין בית־המדרש — זאָגט איינער — כּדי די, וואָס גייען דאַווענען מיט די גרויסע טלית־און־תּפֿילינס און מיט די ברייטע גאַרטלען זאָלן אויף אייך טרעטן, און איר זענט מער פֿאַר זיי אַלע...

דער אורח

א מעשה־נורא פון אן אומגליקלעכן, וואס האט געוואלט זיך נוקם זיין אין זיין פאטער

איך וואלט עס ניט געגלייבט, אז איך וואלט עס ניט אליין געהערט פון זיין מויל, אז מען וועט דאס לייענען וועט מען דערפון זען, ווי אזוי די דרכים פון א בשר־ודם זענען פארשיידן...

דאס איז געווען פאר א יארן זומער. אז איך בין געקומען אין קלויז אריין, איז שוין געווען נאכן דאווענען. איך האב ארויפגעלייגט דעם טלית אויפן אקסל און האב אנגעהויבן צו זאגן פון אלהי־נשמה ביז הודו. א ביסל גיי איך מיר ארום. דער קאפ טראכט, איך שטעל מיך אפ ביי דער שאפע ספרים. וויסע־חברה שלאגן זיך מיט גמרות. דא דערזע איך ביים אויוון זיצן א פרעמדן ייִדן. א סוחר איז דאס ניט, א פראסטער ארעמאן אויך ניט. איך גיי צוריק אויף מיין שטאט און דאוון ווייטער, אבער איך בין מהרהר אין יענעם ייִדן. איך האלט שוין ביי קריאת־שמע. אז איך וואלט געוווסט, אז איך וועל אים ניט מבייש זיין, וואלט איך אים געבעטן אויף אנבייסן. איך גיב א דאוון און בין שוין אין מיטן דער שמונה־עשרה. הייַנט, דאכט זיך מיר, זאגט מען ניט קיין תחנון. צו אשרי־ובא־לציון טו איך אויס די תפילין און גיי צו צום ייִדן. ער האט גארניט געזאגט, אז איך האב אים גערופן, ער האט זיך אויפגעהויבן און איז מיט מיר געגאנגען. אויפן וועג איז מיר אריין אין זינען: דאס מוז זיין איינער פון מרחקים. איך האב מיך גוט צוגעקוקט, ווי אזוי ער האט זיך געוואשן און געמאכט המוציא. א ייִנגעלע מיינס, פון צוויי יאר, וואס זיצט שוין ביים טיש, האט זיך פלוצעם צעוויינט, אז ער האט דערזען דעם ייִדן. געגעסן האט דער אורח ניט קיין סך. פאר וואס איך האב אים ניט געפרעגט פון וואנען איז א ייִד, ווייס איך ניט. איך אליין האב אים געזאגט, אז איך בין א מעזשעבעזשער. אז מען האט אפגעבענטשט און מען האט זיך גענומען אויפרוימען, האב איך אים אריינגעבעטן אין דעם אנדערן חדר. מיינע איז א מכניס־אורחטע, ס'איז נאך ניט אוועקגעגאנגען א פערטל שעה, איז געווען אויסגעוואקסן טיי אויפן טיש. טרינקט, פעטער! — איז אייַער פלוניתע אויך פון יענע מקומות? — ניין, א סידילקאווער. אז ער האט

אויסגעטרונקען אַ גלאָז און האָט זיך אַרומגעקוקט, אַז קיינער איז ניטאָ, האָט ער אָנגעהויבן ריידן.

*

— איך וויל אײַך טאַקע מגלה זײַן דעם אמת. איר וווּנדערט זיך אַוודאי פֿון וואַנעט איך בין. אַ בורח בין איך. אפֿשר שוין צוואַנציק יאָר. אַז איר זענט אַ מעזשבעזשער, האָט איר מסתמא געהערט פֿון וואָלף טויבעס, וואָס אים האָט געהערט האַלב כאַנאַראַד און די מילן און די גאַראַלניעס. אים זענען אַ מאָל באַפֿאַלן זײַנע אייגענע קינדער, און ער האָט אויף זיי דערלאַנגט... דאָס בין איך זײַנער אַ זון; וואָס, איר האָט מורא דאָס צו הערן?

— דערציילט ווײַטער.

— איר וווּנדערט זיך, ווי אַזוינס קאָן זיך טרעפֿן? גאָרניט, מענטשן האָבן אַ גוט האַרץ און אַ בייז האַרץ... איך זאָג אײַך, איר וואָלט געקענט מײַן פֿאָטער... אַ דעמב, זאָג איך אײַך, און אַן עומד־על־דעתו. איך האָב פּשוט ניט געקאָנט דערטראָגן דעם אימה־ופּחד שוין יינגלווײַז... אַז די מאַמע איז געשטאָרבן, האָט ער גענומען אַ שטעקן און האָט געזאָגט: אַז אַ שדכן וועט זיך דערוועגן קומען איבער דער שוועל, וועל איך אים ברעכן רוקן און הענט. זיבן יינגלעך זענען מיר איבערגעבליבן און צוויי מיידלעך. איך בין געווען דער בכור און האָב געמוזט צוויי שעה אין טאָג בײַ אים אין קאָנטאָר שרײַבן. איך זאָג אײַך, איר וואָלט באַדאַרפֿט אים הערן ריידן מיט אַ פּריץ, אַז יענער האָט געדאַרפֿט אים האָבן. אַזוי איז ער געזעסן און האָט יענעם געצויגן די קישקעס. מיינט איר פֿון רשעות, — ניין, נאָר זאָל יענער וויסן, אַז ער דאַרף ניט הויך האַלטן די נאָז: קום איך צו אים? ער קומט צו מיר!

אַכצן יאָר בין איך דעמאָלט אַלט געווען. דאָ האָב איך געהערט, אַז איך ווער אַ חתן. מײַן פֿאָטער האָט זיך אײַנגעשפּאַרט, אַז ער מוז נעמען פֿאַר מיר די שענסטע יפֿת־תואר און די גרעסטע מיוחסת; ניט פֿון מײַן טובֿה וועגן, גאָרניט, די וועלט זאָל וויסן, אַז וואָלף קאָן אַלץ דערגרייכן און אַפֿילו צום שני־למלך גיין. די כּלה, וואָס מען האָט מיר גערעדט, איז געווען דעם גרויסן נתן שימכאָוויטעס אַן אייניקל. איך זאָג אײַך, מיט גאָלד האָט מען געשאָטן. אַז ער איז געפֿאָרן אַהין אָנקוקן, האָט מען אײַנגעשפּאַנט פֿיר ברענענדיקע פֿערד אין אַ קאַרעטע, אַז ס׳האָט געבליסקעט. מיך האָט מען געלאָזן אין דער היים...

ויהי אַחרי־כן, די וועלט שמועסט, זי איז אים אַליין געפֿעלן. ווי אַזוי ס׳איז געקומען, וואָס ווייס איך? בקיצור, ער אַ ייִד קרובֿ לחמישים, האָט זי גענומען — די בודושטנע כּלה מײַנע... אַ סבֿרה פֿון אַ טאַטן! מיר האָט מען

געגעבן צוויי טויזנט רובל יוצא־געלט, דאָס הייסט, מען האָט זיי איינגעלייגט פֿאַר מיר — און מיר אַליין האָט מען געדונגען קעסט אין אַן אַנדער דאָרף, ווייַט פֿון די אויגן... דעם גאַנצן וועג בין איך געווען ווי צעמישט און איך האָב לחלוטין ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס ס'טוט זיך מיט מיר. ערשט אַז איך בין אָנגעקומען אַהין און בין אַרויסגעגאַנגען אויפֿן פֿעלד, האָט זיך פֿון מיר אַרויסגעלאָזט אַ געוויין. פֿון דעמאָלט אָן איז בייַ מיר אַרייַן אַ שׂנאה אין האַרצן.

מייַן מומע האָט געזאָגט, איך עס גאָרניט. אומעטיק איז מיר געווען. די גאַנצע טעג בין איך איבערגעלעגן אין מיל. דער מאַראָטשניק פֿלעגט צו מיר זאָגן: איי, בערל, וואָס טוסטו דאָ? פֿאַר אַהיים צו דייַן טאַטן. דאָס האָט ער טאַקע געזאָגט אויף ייִדיש, ווייַל ער איז געווען פֿון די דייַטשן.

דאָ האָב איך געהערט, אַז זי איז אָנגעקומען. חוה האָט זי געהייסן. מען זאָגט, איר שיינקייט איז געווען ווי די זון. זומער אויף דער נאַכט איז דאָס געווען. איך בין אַרויסגעגאַנגען אויפֿן פֿעלד, ס'האָט מיך געצויגן און געצויגן, אַז איך בין שיִער ניט געשטאָרבן. בין איך דען ניט אַ באַשעפֿעניש? אַז דער הימל הערט דאָס און אַלע, וואָס זיצן אויבן — משפּט מען? איך בין בערל וואָלפֿס זון און איך זיץ דאָ בייַם פֿעטער, לעבן אַ וואַסער. אַז איך בין ניט אַראָפּ פֿון זינען, איז דאָס געווען אַ נס.

נאָך צוויי יאָר האָב איך זי געזען... איך בין געשטאַנען אויף אַ טויג און האָב צוגעקוקט, ווי די גויים דרעשן. די מאַשין האָט זיך געדרייט און דאָס שטרוי איז געפֿלויגן ווי אין אַ זאַווערוכע. דאָ קומט צו פֿאָרן אַ בריטשקע מיט צוויי פֿערד, און עס שפּרינגט אַראָפּ אַ נקבֿה. ס'האָט געגעבן אַ לייַכט! איך האָב גאָרניט געוווסט און האָב אָנגעהויבן צו שרייַען מיט אַ מין קול, גלייַך ווי איך וואָלט געווען משוגע געוואָרן. אַ סך הענט האָבן מיך געפּאַקט בייַ די אַקסלען און האָבן מיך אַוועקגעטראָגן אויף אַ זייַט. אַז איך האָב מיך אויפֿגעכאַפּט, איז געווען אין דער פֿרי; איך בין געלעגן בייַם פֿעטער אין אַלקער און האָב געפֿילט, אַז דער קאָפּ ווערט מיר צעשפּאָלטן.

וואָס־זשע איז געווען דער סוף? אַ חתן בין איך געוואָרן. דער פֿעטער און די מומע האָבן מיר צוגערעדט. וואָס וועסטו זיצן און קלאָגן אויף חורבן־בית־המקדש? האָב חתונה און ווער אַ ייִד. זיי אַליין טאַקע זענען מיט מיר געפֿאָרן צו דער חופּה; די כּלה איז געווען אַ יתומה. נאָך דער גילדענער יויך גיב איך אַ קוק: אַ דאַר מיידל, אָבער דאַכט זיך אַן ערלעכע, זי איז מיר געפֿעלן.

די סלוזשבע, וואָס מען האָט מיר געגעבן אין אַ פּאַראָווע מיל, איז געווען אַ גוטע; איך האָב געהאָרעוועט ווי אַן אייזל און האָב ניט געהאַט קיין צייַט

צו טראַכטן. נאָר אַז איך האָב געמוזט אויפֿשטיין בײַ דער נאַכט און אַראָפּגיין אין מיל אַרײַן, איז מיר געווען קאַלט אויפֿן האַרצן. האָט עס גאָר גערעגנט, האָט אין מיר געברענט דער כּעס אויף מײַן טאַטן.

אַ זונעניו האָבן זיי געהאַט, אַ יאַמשטשיק! געבאָדן האָבן זיי אים אין מילך און אים נאָכגעגעבן די שמד. אַז ער איז אויפֿגעוואַקסן, פֿלעגט ער גאָר אַרומלויפֿן אויפֿן פֿערד און קאָמאַנדעווען... איך האָב אים פֿײַנט געהאַט ווי אַ שפּין, און אַז איך האָב אים געזען פֿון ווײַטן קומען, האָב איך מיך פֿאַרשלאָסן אין שטוב און האָב איבערגעלאָזט די מיל. דאָס איז אָבער געווען אַ גזלן, וואָס האָט אַלץ איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ. כאַשט גיי שרײַ. אַז ער האָט די ממשלה, אַז דער טאַטע מײַנער הענגט אָן אים און אָן איר. דער אַלטער בעל־תּאווה! איך האָב מיך אַליין דערשראָקן, אַז איך האָב דערפֿילט בײַ מיר דעם דאָזיקן געדאַנק.

מילא איך, לאָז זײַן, אָבער אויך די קינדער מײַנע האָט זי, די הולטײַקע, נישט געלאָזט קומען איבער דער שוועל. אַ זיידע! אַזאַ גבֿיר, וואָס קויפֿט איר זילבערנע זאַקנבענדלעך, האָט נישט פֿאַר מײַנע קינדער כאָטש אָן אַדיזנע.

מײַן ווײַב איז אָן ערלעכע און לאָזט מיך נישט קומען אין כּעס אַרײַן, אָבער איך זע, אַז איר אַרט דאָס אויך. ס'איז דען דאָס געלט? איך שפּײַ אויף דעם. אָבער דער ענין, אַ זיידע! דאָס בלוט קאָכט זיך אין מיר, אַז איך דערמאָן מיך.

וואָס זאָל איך אײַך דערציילן, די שׂנאה איז געוואָרן אַ שׂנאה־כּבֿושה.

די אַנדערע ברידער מײַנע האָבן אויך געהאַט געענוג אויסצושטיין. אַז מען האָט זיי נאָר פֿאַרשטאָפּט דאָס מויל מיט נדן און דערנאָך האָט מען זיי געהערט ווי דעם פֿאַראַיאָריקן שניי. אַז אַלע האָבן געמוזט זיך אָפּווישן דאָס מויל און גאָרנישט זאָגן; אַז יאַסקע זײַנער, דער סמאַרק, איז אויף זיי דער מושל, גלײַך זיי וואָלטן גאָרנישט געווען זײַנע ברידער. אַ שוועסטער מײַנע האָט חתונה געהאַט פֿון ווײַטן; דער מאַן אַפֿילו אָן עושר, אָבער אַ פּאַסקוד־ניאַק. דער אַנדערער שוואָגער מײַנער איז געווען אַ יונג מיט ביינער און האָט געדינט אין אַ וואַלד.

אַז מיר פֿלעגן זיך צונויפֿקומען אין איינעם אויף אַ קנס־מאָל, אַ ברית — זיי, די פּריצים, איז ניט אָנגעשטאַנען צו קומען הוליען צי זיי זענען גאָר אַוועקגעפֿאָרן קיין קיִעוו הוליען — איז מען געווען עלול אײַנצושלינגען זיי אויף איין מאָל. מײַן שוואָגער איז תּמיד געווען אש־להבֿה, און אַז ער האָט אַ מאָל גענומען אַ שטאַרקע כּוסע, האָט ער געזאָגט: איך וועל זיי נאָך אַ מאָל מקיים־פּסק זײַן, איך וועל נעמען אַ זעג און וועל זיי צעזעגן אויף פּיץ־פּיצלעך. ער איז שוין געווען צעמישט. וואָס־זשע טו איך? איך נעם אויך אַ

כּוסע נאָך דער אַנדערער און פֿאַרטרינק דעם כּעס. אַז זיי זענען אַוועקגעגאַנ־
גען, האָלט מיך מײַן ווײַב צו בײַ דער האַנט און זאָגט: בערל, איך בעט דיך,
הער אויף צו זײַן פּאַני־בראַציע מיט גדליהן! (גדליה האָט געהייסן מײַן
שוואָגער). פֿון דעם וועט נישט אַרויסקומען קיין גוטס. — איך וויל מיך גוקם
זײַן! — גיב איך אַ שפּרונג. — גאָט איז מיט דיר, בערל, קום צום זינען!
זי האָלט מיך צו פֿאַרן מויל: בערל, דו וועסט מיך הרגענען, אַז דו וועסט
נאָך אַ מאָל אַזוי רעדן. דערמאַן זיך אָן דעם בורא. לייג זיך שלאָפֿן. זי
זעצט זיך אַנידער אויפֿן באַנקבעטל און וויינט: — גאָטעניו, וואָס האָסטו מיך
געבראַכט צווישן אַזוינע מענטשן!

ס׳איז אַוועקגעגאַנגען דער זומער. דאָ האָבן מיר געהערט, אַז ער וויל
איבערשרײַבן די אימעניע מיט כּל־ולך אויפֿן יורש־עצר זײַנעם און אונדז
אַלע מעבֿיר־נחלה זײַן. אוודאי האָבן מיר שוין לאַנג געטראַכט, אַז ס׳וועט
אַזוי קומען, אָבער אַז מיר האָבן דאָס דערהערט, האָט עס אונדז געטראָפֿן ווי
אַ דונער. מיר זענען געפֿלויגן איינער צום אַנדערן און מיר האָבן געשוווירן,
אים די שטוב צו צעטראָגן און דאָס נישט צוצולאָזן. מײַן שוואָגער האָט
געקלאַפּט אין טיש, אַז די הענט זענען אים אַזש געשוואָלן געוואָרן. דער
דריטער ברודער מײַנער איז אויך געווען אַ שטילער כּעסן, אָבער ער האָט
מורא געהאַט פֿאַר גאָט — און אַז ער האָט געזען, אַז מען איז צען מאָל
עובֿר לא־תּקלל אָבֿ־ואם, האָט ער זיך אָפּגעטראָגן. איך אָבער און די
איבעריקע האָבן זיך געהאַלטן אין איינעם.

וואָס־זשע זאָל איך אײַך דערציילן? מיר, איך און דער צווייטער ברודער
מײַנער און מײַן שוואָגער, האָבן זיך פֿאַרגנבֿעט פֿון אונדזערע ווײַבער. מיר
האָבן געוווסט, אַז די מלכּה און דער בן־מלך זענען אַוועקגעפֿאָרן אין שטאָט
אַרײַן, און דער אַלטער איז אַליין. מיר האָבן זיך אַנגעטאָן אין גוייִשע פּעלצן
און לאַנגע שטיוול, דאָס שמוישן היטל האָבן מיר געצויגן ביז איבער די
אויערן און דאָס פּנים האָבן מיר זיך אויסגעשמירט מיט סאַזשע. אַז איך
האָב מיך צוגעגאַרטלט מיטן גרינעם גאַרטל, גענומען דעם שטעקן אין האַנט
אַרײַן און געגעבן אַ טרעט מיט די שווערע אָפּצאַסן, האָב איך מיך אַליין
ניט דערקענט... מײַן שוואָגער האָט געהאַלטן אין איין טרינקען. כּאַצקל,
דער ייִנגערער ברודער מײַנער, האָט געקוקט אויף מיר מיט אַ פּאָר אויגן,
גלײַך ער וואָלט מיך ערשט דערזען.

ס׳איז געווען אַ פֿינצטערע נאַכט. מיר זענען אַרויסגעפֿאָרן מיט צוויי
פֿערד, איך האָב געהאַלטן די לייצעס. ס׳איז געגאַנגען ווי אַראָפּ אַ באַרג.
די ערד איז מיט אונדז געפֿלויגן. איך האָב געמיינט, אַז דער הימל שפּאַלט
זיך. אַז איך בין געווען אַ ייִנגל און האָב געלערנט חומש, איז געגאַנגען אַ

סדרה, אַז ייִדן האָבן געהאַלטן מלחמה. איך בין געזעסן און האָב געפּיבערט. מען שיסט... איז דאָס אַ מענטש, וואָס שטייט דאָרט אַנגעטאָן אין שוואַרצן?... די פֿערד האָבן זיך צעפּלאָכעט; מיר האָבן געמיינט, די ביינער ווערן אונדז צעשאָטן. גדליה, גיב איך אַ זאָג. איידער איך האָב נאָך אויסגערעדט, זענען מיר שוין ניט ווײַט פֿון טויער. דער גאַנצער הויף איז געשלאָפֿן.

*

מײַן ייִד האָט זיך אָפּגעשטעלט און געבעטן אַ גלאָז וואַסער. איך זע, אַז ס'רינט פֿון אים דער שווייס. מײַנע איז אַרײַנגעקומען מיך עפּעס פֿרעגן.

— מײַן שוואָגער האָט אים געדושעט, — האָט ער ווידער אָנגעהויבן, אַז זי איז אַרויסגעגאַנגען, — ס'איז מיר ווי אין חלום. איך האָב געהאַלטן אָנגעצונדן דאָס וועקסענע ליכט. דאָ האָט ער אַרויסגעכאַפּט פֿון אונטערן קישן עפּעס אַ שוואַרצס און האָט אויסגעשאָסן. מײַן ברודער איז געפֿאַלן בײַם פּלויט און האָט זיך צעבראָכן אַ פֿוס. מײַן שוואָגער האָט געפֿוילט יאָרן אין אַסטראָג. איך האָב פֿאַרלאָזט ווײַב און קינדער און בין נאָך עד־היום פֿאַרוואָגלט...

די געשיכטע פֿון אומגעקערטן פּאַנטאָפֿל

אַ מאָל איז געגאַנגען אַ חסיד צום רבין. סע איז געווען פֿרײַטיק. פֿון דער שטאָט, וואָס דער חסיד האָט דאָרט געוווינט, ביז צום רבינס שטאָט איז געווען אַ מײַל פֿיר. שוין גאַנץ פֿרי איז דער חסיד אויפֿגעשטאַנען, אָפּגעדאַוונט, עפּעס גענומען אין מויל אַרײַן און וילך! זומער איז דאָס געווען, אַ שיינער טאָג, נאָך שניט. דאָס העמד אויף שבת האָט ער זיך מיטגענומען אונטער דער פּאַכווע און אַ זעקסער אין קעשענע אויף באָדגעלט און אַזוי האָט ער זיך געמאַכט זײַן וועג צום רבין אויף שבת, און זײַן האַרץ האָט זיך געפֿרייט, אַז ער וועט נאָך הײַנט האָבן די זכיה צו זען דעם צדיק. אין איטלעכן דאָרף האָט ער זיך אַ ביסל אָפּגערוט און איז ווײַטער געגאַנגען געשמאַק. ער האָט קיינעם נישט באַגעגנט. און אַפֿילו ווען סע וואָלט אָנגעפֿאָרן אַ פֿור, וויל ער דאָך בעסער האָבן שׂכר־הליכה. קיין ירושלים פֿלעגט מען דאָך עולה־רגל זײַן, אַז דער בית־המקדש איז נאָך געשטאַנען.

אין מיטן וועג איז ער געוואָרן מיד, און ווײַל ער האָט געזען, אַז עוד־היום־גדול, האָט ער זיך אָפּגעקערט אָן אַ זײַט, האָט גענומען אַ בינטל סנאָפּעס צוקאָפּנס און האָט זיך אַנידערגעלייגט אַ ביסל איבערצודרעמלען. נישקשה, אויף אַ ווײַלע קאָן ער זיך אָנטאָן דעם תענוג, און אַז ער וועט זיך אַ ביסל אָפּרוען, וועט ער האָבן מער כּוח צו גיין. נאָר האָט ער מורא געהאַט, טאָמער שטייט ער אויף און פֿאַרגעסט פֿון וואָס פֿאַר אַ זײַט ער איז געקומען און אין וואָס פֿאַר אַ זײַט ער באַדאַרף צו גיין, ובכן איז ער געפֿאַלן אויף אַ שׂכל: ער האָט אויסגעטאָן די פּאַנטאָפֿל און האָט זיי געשטעלט מיטן פּנים צו דער זײַט, וווּהין ער באַדאַרף צו גיין, אַזוי וועט ער זיך נישט מער קאָנען טועה זײַן... ער האָט זיך אויסגעשטרעקט אויף דער ערד און האָט צוגעמאַכט די אויגן. די זון האָט געברענט, און היישעריקן זענען אַרומגעשפּרונגען אין גראָז און האָבן געזשומעט. דער חסיד איז באַלד אַנטשלאָפֿן געוואָרן און האָט שוין שטאַרק געכראָפּעט. איז געקומען דער שׂטן און האָט אים אָפּגעטאָן אַ שפּיצל: גענומען די פּאַנטאָפֿל און זיי איבערגעשטעלט קאַפּויר ווי זיי זענען געשטאַנען, דאָס הייסט מיטן פּנים צו דער זײַט, וואָס דער חסיד איז פֿון

דאָרט געקומען... דער חסיד האָט זיך אויסגעשלאָפֿן, האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ, אָנגעטאָן אויף גיך די פּאַנטאָפֿל אַזוי ווי זיי זענען געשטאַנען און האָט זיך גענומען גיין. אַ ביסל האָט ער שוין חרטה געהאַט, פֿאַר וואָס ער האָט זיך געלייגט שלאָפֿן, וואָרעם די זון איז געשטאַנען הויך, און צום רבין אָנקומען און זיך פֿאַרשפּעטיקן וואָלט ער שטאַרק נישט געוואָלט. ער האָט פֿאַרקאַטשעט די פּאָלעס און געמאַכט גרויסע טריט, אַז ער האָט געסאָפּעט. און ער גייט אַלץ גיכער און גיכער, אָבער סע קומט אים אויס, אַז ער איז שוין געגאַנגען דעם וועג. נאָר ווער האָט דאָס צײַט אַצינד צו טראַכטן און זיך אַרומקוקן? ער גייט ווײַטער. גאָט האָט אים געהאָלפֿן, אַז ער האָט דערזען פֿון ווײַטן די שטאָט נאָך צו דער רעכטער צײַט... אַז ער איז אָנגעקומען צום טויער, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָס זעט עפּעס אויס ווי די שטאָט, וואָס ער וווינט אין איר. דערווײַל איז שוין פֿאַר נאַכט און מע מוז לויפֿן אין מרחץ אַרײַן. אָבער אין מרחץ האָט ער זיך ווידער געחידושט, אַז בײַם רבין אין שטאָט איז פּונקט אַזאַ מרחץ ווי בײַ אים אין דער היים, און דוכט זיך די מענטשן זענען אויך קענטלעך... אַ סך, האָט ער געמעגט שווערן, אַז ער קען זיי גוט און זיי זעען פּונקט אויס, ווי זײַן שכן חיים־בער און ווי שמעון קלמנס, אָבער ער האָט מורא געהאַט מיט זיי אָנהייבן צו רעדן. אין דער מקווה זיך געטובֿלט דרײַ מאָל, מוז מען אַרײַנשפּרינגען אין העמד אַרײַן און זיך גיך אָנטאָן. אין מרחץ ווערט עס אַלץ שיטערלעך. גייענדיק פֿון מרחץ זעט ער, אַז מע צינדט שוין אָן ליכט. מוז ער, אַז ער קומט צום רבין, זיך פֿאַרשפּעטיקן. דער עולם גייט שוין דאַווענען, און דער חסיד גייט גלײַך אין קלויז אַרײַן. אָבער אין קלויז איז אויף אים געפֿאַלן אַ פּחד. דאַכט זיך דער אייגענער חזן, וואָס אין דער היים, און די אייגענע ווענט און דער אייגענער עמוד און די אייגענע מענטשן. — סע מוז זײַן אַ כּישוף. ער האָט זיך געשטעלט אין אַ ווינקל און האָט געדאַוונט בדחילו־ורחימו. גאָרנישט, דער רבונו־של־עולם ווייסט אוודאי, ווּהין ער האָט אים געפֿירט. נאָכן דאַווענען ווייסט ער ניט, אויב ער זאָל גלײַך גיין אין הויף אַרײַן צום רבין און פֿאַרכאַפּן אַן אָרט, צי ער זאָל פֿריִער גיין אין אַן אַכסניה מאַכן קידוש און מאַכן המוציא — ווּהין ער קוקט, טראַכט ער, פּונקט אַזעלכע הײַזער זענען דאָ אין מײַן שטאָט, ס'איז משונה... אָט אין אַזאַ גאָס וווינט ער אַליין, ער האַלט זיך צו בײַם קאָפּ און טראַכט זיך, טאָמער איז אַלץ אַ חלום. אָט דאָ דערזעט ער אַ שטוב פּונקט ווי זײַנע; טראַכט ער בײַ זיך, איך וועל דאָ אַרײַנגיין און זוכן איבער שבת אַן אַכסניה. ווי ער עפֿנט אויף די טיר, איז ער שיִער געפֿאַלן פֿאַר שרעק. אַקוראַט ווי זײַן שטוב, און די בעל־הביתטע זעט פּונקט אויס ווי זײַן ווײַב און זײַנע לײַכטער ברענען אויפֿן טיש.

כּישוף, אמתער כּישוף! דאָס ווײַבל האָט גוט געוווּסט, אַז איר מאַן איז אַצינד בײַם רבין אויף שבת, און מיט אַ מאָל גייט אַרײַן אַ מענטש, וואָס זעט אויס אַקוראַט ווי איר מאַן. אפֿשר איז דאָס דער עולם־התּוהו...

דער חסיד איז צוגעגאַנגען צום טיש און מאַכט קידוש, וארכּובֿותיו־דא־לדא־נקשין. אַצינד האָט ער זיך דערוווּסט בײַ זיך, אַז ער איז אין די הענט פֿונעם שׂטן. פֿון אַזעלכע מעשׂיות האָט מען פֿיל געהערט. דער חסיד האָט זיך געוואָשן, געמאַכט המוציא און האָט אָן ווערטער פֿאַרמאַכט די טיר און איז אַוועק. דאָס ווײַבל איז שיעור געבליבן אין חלשות. נאָר האָט זי זיך געטראַכט, טאָמער חלומט זיך איר דאָס אַלץ. זי שלאָפֿט אָבער גאָרנישט און האַלט איצט בײַ די פֿיש. זי האָט אַפֿילו געטראַכט אַרײַנצורופֿן אַ שכן, אָבער זי האָט מורא געהאַט, אַז מע וועט זי האַלטן פֿאַר משוגע. דער חסיד איז געגאַנגען זוכן דעם רבינס הויף און האָט אים נישט געקענט געפֿינען; און וווּהין ער גייט, טראַכט ער זיך, אָט דאָ בין איך ערשט נעכטן געווען. ער איז שיִער ניט אַראָפּ פֿון זינען זוכנדיק און האָט שוין נישט געוווּסט וווּהין ער זאָל גיין. עפּעס איז ער דאָך געגאַנגען דעם גאַנצן טאָג צום רבין און האָט זיך שוין געפֿרייט דערויף די גאַנצע וואָך. איז דאָס אַן עונש־מן־השמים? ער האָט אָנגעהויבן מהרהר צו זײַן בתּשובֿה און צו זוכן אויף זיך חטאים. ער איז געוואָרן מיד, אַז סע האָט זיך אים געדרייט דער קאָפּ, און מרה־שחורהדיק אינעם רעכטן שבת. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ פֿרעמדער פֿריזבע און האָט אָנגעהויבן צו וויינען: רבונו־של־עולם! פֿאַר וואָס האָסטו מיך אַזוי געשטראָפֿט און מיך פֿאַרבלאָנדזשעט, איך וועל טאָן תּשובֿה און איך וועל קיין מאָל נישט זינדיקן, נאָר עפֿן מיר אויף די אויגן, כּדי איך זאָל וויסן, ווו איך בין. אין מיטן וויינען איז ער אַנטשלאָפֿן געוואָרן אויף דער פֿריזבע. איז געקומען אליהו צו אים אין חלום און האָט אים מגלה געווען, ווו ער איז און ווי אַזוי ער איז געקומען צוריק אַהער. פֿון דעמאָלט אָן איז ער געוואָרן נאָך אַ גרעסערער עובֿד און אַ צדיק־גמור.

פּסול געוואָרן

אַ מעשׂה פֿון אַ שוחט

יהונתן דראַזשנער, דער אַלטער דראַזשנער שוחט, איז געווען אַ שם־דבֿר און האָט געהאַט אַ נאָמען ניט נאָר אין דראַזשנע אַליין. יאָ, ס׳איז דאָ אַ שוחט און אַ שוחט, ס׳זענען פֿאַראַן חילוקים. תּנחום יאַקלס איז אויך אַ שוחט. און יודל־בער איז אויך אַ שוחט. אָבער ווי קומען זיי צו יהונתן? און וואָס זנאַטשען זיי קעגן אים און קעגן זײַן קענען? דאָס איז נישט גלאַט אַזוינער, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט בײַם אייגענעם שווער אַ ביסל שחיטה מיט אַ פּאָר דינים און ווייסט נישט מער, ווי אַ ביסל הלכות־טריפֿות; דאָס איז געווען אַ ייִד אַ למדן, אַן אמתער למדן און אַ בקי אין ש״ס און פּוסקים, און טאַקע אַ שטיק מושלם אין לשון־קודש.

אין די ערשטע יאָרן האָבן זיך די חסידים אַ ביסל געקווענקלט, וואָרעם צו גוט איז בײַ זיי אַ חסרון... אָבער וואָס איז שייך? יהונתן איז פֿאָרט געווען דער גרויסער למדן און ירא־שמים און, דער עיקר, אין זײַן אומנות אַ בריה־נפֿלאה; די שווערסטע סירכה פֿלעגט ער אַראָפּנעמען, ווי אַ האָר; און קיין מאָל האָט זיך אים נישט געטראָפֿן, ער זאָל מאַכן טריף אַן אָקס צי חס־ושלום ניט דערקוילעגען אַ דקה צי אַ גסה. די קצבֿים פֿון דראַזשנע וואָלטן פֿאַר אים געקאָנט זיך אָפּשנײַדן די פֿינגער, ער האָט אָבער פֿון זיי נישט מקבל־טובֿה געווען, און קיינער האָט פֿון אים נישט געקאָנט דערציילן, אַז ער האָט אַ מאָל גענומען פֿון זיי אַ פֿונט פֿלייש אומזיסט, צי אַ פֿוס אויף שבת, ווי דער שטייגער איז בײַ אַנדערע שוחטים. אַז מע האָט אים גערופֿן קוילענען, האָט ער נישט געמאַכט קיין שהיות; בײַ אים איז ניט געווען פֿאַרשלאָפֿן זײַן צײַט, צי לאָזן עמעצן וואַרטן, צי גאָר לאָזן שטיין אַן אָרעמע ייִדענע מיט דער הון און פֿריִער קוילענען אַ נגידישע גאַנדז, וואָס די דינסט האָט זי געבראַכט צו טראָגן; אָרעם און רײַך איז בײַ אים געווען גלײַך. קיין מאָל האָט ער זיך נישט געקריגט מיט די אַנדערע שוחטים, צי גערעדט אויף זיי לשון־הרע, צי גאָר געהאַט אַ סכסוך מיטן חזן מכּוח ״מי־שברך־געלט״. פֿאַרקערט, ער האָט געלאָזט זײַנס איבערגיין, און אַז ס׳איז געקומען אַ מענטשן אַ טובֿה צו טאָן, איז ער תּמיד געווען אין דער היים. אַן אייניקל,

צי אַן אָרעמאַן, אַן אָדם־חשובֿ, אַז ער איז געקומען קיין דראַזשנע, ביי וועמען האָט ער געפֿונען סטאַנציע ? ביי יהונתן. און דווקא בכבֿוד, מיט אַ גלאָז טיי, מיט אַ וועטשערע און מיט אַ ווייס לײַלעך צום שלאָפֿן. יהונתן אַליין פֿלעגט דעם אורח צוטראָגן נעגל־וואַסער ; ער האָט פֿאַר דעם מבֿקש געמאַכט אַ צעטל פֿון די נגידי־העיר, צי ער איז טאַקע פֿון זײַנעטוועגן אַליין געגאַנגען. פֿאַר פּסח איז ער מיטן רבֿ פֿון שטאָט געקראָכן אין די גרעסטע בלאָטעס און האָט געהאָלפֿן רײַסן מעות־חיטים פֿון טויט און פֿון לעבעדיק. אָבער אַ גוטער איז יהונתן געווען נאָר ווו מע באַדאַרף צו זײַן גוט. האָט אָבער איינער אויסגעדונגען אַן אַנדערן די חזקה, צי גלאַט אַזוי געטאָן זײַן חבֿר שלעכטס, דאָ האָט יהונתן געצויגן גאָר אַן אַנדערע סטרונע און האָט געמאַכט אַזאַ רעש אין בית־מדרש, ביז יענער האָט געמוזט גיין און זיך אויסגלײַכן מיט זײַן בעל־דין.

אויף שׂמחות איז יהונתן דער שוחט געגאַנגען צו איטלעכן, וואָס האָט אים נאָר גערופֿן, אַפֿילו צו אַ שנײַדער און צו אַ שוסטער, צום נידעריקסטן. ביי גאָט זענען אַלע יידן גלײַך, פֿלעגט ער זאָגן. און אַ קאַפּעטשקעלע האָט ער אויך געקאָנט נעמען און אַ מאָל אַפֿילו אַן איבעריקס, אַבי אַן אָרעמאַן משׂמח צו זײַן : און דאָס האָט די חסידים, — וואָס בכלל זענען זיי נישט געווען גאָר שטאַרק צופֿרידן מיט אים, פֿאַר וואָס ער איז אַ מושלם און אַ ידען — ווידער שטאַרק געאַרט אין האַרצן. כּלי־קודש מוזן זײַן כּלי־קודש און טאָרן זיך נישט אַראָפּלאָזן צום פּראָסטן עולם, פֿלעגן זיי זאָגן. דאָס זענען געווען די סאַווראַניער חסידים, וואָס האָבן זיך דערין זייער דרך.

יהונתן איז אויך נישט געווען אַ ייִד אַ כּניאַק און האָט ליב געהאַט אָרומצו־גיין ריין ; זײַן קאַפּאָטע איז קיין מאָל נישט געווען פֿאַרדריפּעט, ווי דער מנהג איז פֿון אַ פֿרומען ייִדן. תּמיד האָט ער געטראָגן אַ רייבעם קאָלנער און געפּוצטע שיך, און דאָס איז ביי חסידים, וואָס האָבן אַלץ געזוכט אויף אים חסרונות, געווען חסרון נומער דרײַ. אַ ייִד אַ בן־תּורה, פֿלעגן זיי זאָגן, דאַרף נישט אין זינען האָבן חיצוניות, ווי זאָגט די גמרא : כּך דרכּו של יצר־הרע !

אָבער יהונתנס שם איז אַלץ געוואַקסן ; און אַז דער טאָלנער איז אַ מאָל געקומען קיין דראַזשנע, און ס׳איז געווען יהונתנס וואָך צו שעכטן, האָט ער זיך נישט געלאָזט פֿריִער ווײַזן דעם חלף, ווי דער שטייגער איז. דאָס האָט די חסידים שטאַרק פֿאַרדראָסן ; אַ בשׂר־ודם באַדאַרף מען נישט צו פֿיל דער־הייבן, פֿון דעם קומט קיין גוטס נישט אַרויס, האָבן זיי געזאָגט.

אַזוי האָט זיך יהונתן אָפּגעלעבט אין דראַזשנע אַ סך יאָרן. ער האָט שוין געהאַט אויסגעגעבן אַלע זײַנע קינדער, און גאָט האָט אים געהאָלפֿן, אַז ער

האָט מיט אַלעמען געטראָפֿן. איין איידעם זײַנער איז געווען אַ חזנס אַ זון, דער צווייטער איז געווען אַ שוחטס אַ זון, אַ דריטער איידעם איז געווען אַ כּתבֿא־רבה און שרײַבט קוויטלעך בײַם זינקיווער רבין. זײַן איינציקער זון איז געווען אַ געראָטענער און אַ פֿײַנער יונגער־מאַן און האָט זיך געשניטן אויפֿן פֿאָטער, און געווען איז ער אַן איידעם בײַם סידילקעווער רבין און דאָרט איז ער געזעסן אויף קעסט און האָט געשמאַק געלערנט. דאָס ווײַבל זײַנס איז געווען אַ שיינע און אַ ווילע, און מע האָט זיך מיט איר לחלוטין נישט אָפּגענאַרט. אָט אין דעם פֿאַרפֿאָלק האָבן זיך ביידע, יהונתן און ביילע זײַן ווײַב, געקאָכעט; אַלע מאָל האָבן זיי געשיקט אַהין מתּנות, און די שוחטקע פֿלעגט אַלע מאָל אַריבערפֿאָרן אַהין, וואָרעם זי האָט שטאַרק געבענקט נאָך די קינדער...

דאַכט זיך דאָך אַלץ גוט און פֿײַן, אַז מע איז שוין אַזוי ווײַט מיטן מיזיניק, ס'איז שוין געווען עובֿר־רובֿ־שנותיו, אַזוי האָט יהונתן אָפּגעלעבט פֿופֿציק יאָר, אַן זאָרגן און אַן עגמת־נפֿש, און איז געשטאַנען גוט מיטן אייבערשטן און מיט דער תּורה. דאַכט זיך, וואָס פֿעלט נאָך? וואָס זשע קאָן טאָן דער שׂטן, אַפֿילו ער זאָל זיך אײַנשפּאַרן קאַליע צו מאַכן?

אָבער ווי זאָגן די חכמים: אַל תּאמין בעצמך עד יום מותך ואַל תּתיאש מן הפּורענות; דאָס הייסט: אַז גאָט האָט דיר געהאָלפֿן און דו ביסט שוין אין אַלעמען באַוואָרנט, גלייב ניט פֿונדעסטוועגן, אַז דו האָסט שוין דאָס מזל אָנגעכאַפּט בײַ די פֿיס. איין ווינטעלע גיט אַ בלאָז און נעמט דיר אַוועק אַלץ... און טאָמער מיינסטו, אַז דערפֿאַר וואָס דו ביסט גוט געקאָוועט אין ייִדישקייט און ס'איז דיר קיין מאָל אַפֿילו אין חלום נישט אַרויפֿגעגאַנגען אויף דער דעה צו טאָן אַן עבֿירה, ביסטו שוין זיכער פֿאַרן יצר־הרע? זאָגט מען דיר, אַז אַפֿילו פֿאַרן טויט קאָן זיך יאָווען דער בחור...

*

ס'איז געקומען אַ יום־טובֿ, און יהונתנען איז געווען גוט אויפֿן האַרצן. ער האָט געשיקט אַ פֿור קיין סידילקעוו און מען האָט גענומען די קינדער אַהער קיין דראַזשנע. ס'איז געווען אַ לעקעך־און־בראָנפֿן אויפֿן ברייטן אופֿן, ווי נאָר בײַ יהונתנען קאָן זײַן; פֿון ביידע בתּי־מדרשים האָט מען זיך אַ לאָז געטאָן צו יהונתנען אויף קידוש. איטלעכער גאַסט האָט איבערגעחזרט דאָס גלעזל און גוט פֿאַרביסן. און גוט פֿאַרבײַסן האָט דווקא נישט געפֿעלט, שטרודל און אַלע גוטע זאַכן, וואָס מע לייגט צו זיי לחלוטין נישט צו. דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן צו שיקן פֿון שטאָט כּל מיני אײַנגעמאַכטסן און משקה לכּבֿוד די געסט. און די ייִנגלעך און די מיידלעך, וואָס האָבן געטראָגן

די טעצלעך מיט די פֿלאַשן, האָבן געהאַט שׂכר־הליכה; ביילע האָט זיי אָנגעשטאָפּט די קעשענעס מיט ניס און מיט צוקערקעס און האָט געהייסן זאָגן די פֿאָטערס, אַז מע בעט זיי נאָך אַ מאָל אַריבערצוקומען. יהונתן איז אַרומגעגאַנגען מיט דער אָפּגעקנעפּלטער קאַפּאָטע און איז געווען שטאַרק בניחה־דעתיה... מע האָט זיך געזעצט צום טיש; ס'איז געווען אַן עסן כּיד־המלך! געפּרעגלטע פֿיש, וואָס זענען געשווומען אין בוימל, די יויך האָט געפּלימערט אין שיסל, ווי בורשטין, אַז ס'איז געווען אַ שאָד אַריינצו־לאָזן דעם לעפּל. דערצו האָט מען געטרונקען וויין, רויטן, פֿייערדיקן וויין. ביים פֿלייש הייבן זיך שוין אָן צונויפֿקומען די אייגענע בעלי־בתּים, וואָס האָבן פֿריִער געשיקט משקה, און שטעלן נאָך משקה. איטלעכער האָט זיך זיין ווייַנשענקער און זיין "סימן" און איטלעכער וויל ווייַזן זיין מבֿינות אויף וויין. ס'איז געוואָרן אַ שמועס מכּוח וויין און מכּוח די עליות; און בתּוך־כּך הייבט מען אָן צו גיסן אין האַלדז אַריין; און טאַקע באמת, מע ווייסט גאָר קיין חילוק נישט פֿון גוטן ביז פּראָסטן וויין, מע טרינקט לחיים אויף אַלע לשונות, סע פֿאַלט אַריין אַ ניגון, סע גיט אַ פּליעסק! די נשים האָבן זיך שוין לאַנג אויפֿגעהויבן פֿון טיש, וואָרעם די מענטשן שיטן זיך, און סע קומען אַלץ אָן נייַע נגידים און ברייטע בעלי־בתּים שטופּן זיך אַריין אויבן אָן און חסידים פֿון יהונתנס צד שלעפּן בענקלעך און זיצן איינער אויפֿן אַנדערן. ביילע די שוחטקע האָט געמאַכט די גוטע פּראַקעס, וואָס מען האָט זיי געקאַכט אין וויין, און דער עולם איז שיִער משוגע געוואָרן פֿאַר תּענוג... אָוועקגעווישט זענען אַלע אַנדערע מחשבֿות, איטלעכער איז נאָר אַריינגעטאָן אינעם עצם־הענין. דער וויין האָט זיך געגאָסן און די פֿרייד איז געווען אַן אמתע פֿרייד. איר קענט נישט דעם יידן, אַז מען נעמט פֿון אים אַראָפּ דאָס פּעקל דאגות, איר ווייסט נישט, וואָס דאָס הייסט, אַז מע לאָזט אים פֿריי פֿון עול־הפּרנסה... דער חזן זינגט אויף די אייבערשטע כּלים, דער עולם זינגט איין ניגון נאָכן אַנדערן. מע כאַפּט די פֿלאַשן, וואָס קומען אַלץ "מיט די געסט", און מע גיסט זיי אַריין אַלע אין איין פֿאַס, איטלעכער שטעקט אַריין זיין גלאָז און טרינקט. קרעמערס, וואָס האָבן זיך ערשט פֿאַר אַ פּאָר טעג געשלאָגן פֿאַר אַ קונה, זענען אויף איין מאָל געוואָרן גוטע פֿריינד; איידעלע בעלי־בתּים האָבן זיך אויסגעמישט מיט עמי־הארצים; מע כאַפּט שוין אַ ריקודל, מע הייבט אָן צו טאַנצן. עפּעס אַ קלייניקייט יהונתן, זייער יהונתן האָט געשיקט צו זיך רופֿן, מוז מען דאָך ווייַזן, וואָס מע קען. אַ ייִד האָט זיך אַרויפֿגעכאַפּט אויפֿן טיש און טאַנצט, אַן אַנדער ייִד טאַנצט אַ וואַלעך אין אַ יאַרמלקע. דער עולם איז שטאַרק באַלעקט און פּליעסקעט אים צו. די נשים, וואָס האָבן זיך ביז אַצינד געהאַלטן פֿון ווייַטן, קומען אַלץ

נענטער און נענטער. דאָס שיינע יונגע ווייַבל איז אויסגעפוצט און איר פּנים לייַכט פֿאַר פֿרייד. איציקל אַליין זיצט אויבן אָן, לעבן דעם פֿאָטער, אַ שטילער בלייכער יונגערמאַנטשיק, נאָך אַן אַ חתימת־זקן... אוודאי האָט מען אים אָפּגעקוועטשט די פּלייצעס. קינד און קייט שטייען אויף די פּריזבעס און קוקן אַרייַן אין די פֿענצטער. "ברוך אלהינו שהבדילנו מן התועים!" דונערט עס פֿון אַלע העלדזער. דעם ווייַן זופּט מען שוין מיט די הענט. דאָס יאָר איז געווען אַ שנת־שובֿע, און יידן האָבן פֿאַרדינט אַ קערבל. יהונתן איז גאָר לעילא־ולעילא, סע קומט אים פֿאַר, אַז ער האָט זיך נאָך קיין מאָל אַזוי נישט געפֿרייט, ווי הייַנט. ווי הייסט, דאָס יינגסטע קינד, דער אייניציקער זון און אַזאַ נחת! און גאָט איז גאָט, און יידן זענען יידן... די שנור שטייט גאַנץ נאָענט און האַלט דאָס ווייַסע פֿאַטשיילעכל אין האַנט. די פּערל אויפֿן האַלדז בלישטשען, אַן אמתע יפֿת־תואר־ויפֿת־מראה! יהונתן האָט פֿאַרגעסן, ווו ער איז אין דער וועלט — ער נעמט זי אָן בייַ דער האַנט און ער הייבט זי אָן צו קושן...

דער עולם איז געבליבן שטיין פֿאַר שרעק! פֿון די פֿענצטער איז מען זיך צעלאָפֿן. אַלע ניגונים זענען דערוואָרגן אין האַלדז, קיינער האָט זיך נישט דערוועגט אויסצוריידן אַ וואָרט; איטלעכער איז געווען ווי פֿאַרגליווערט! ערשט אַז סע זענען אַריבער די ערשטע פּאָר מינוט, האָט איינער אָנגעהויבן צו קוקן אויפֿן אַנדערן און ווידער געוואָלט פֿאַרגראָבן דעם פּנים פֿאַר שאַנד.

און אין שטאָט האָט זיך באַלד צעטראָגן די ידיעה, ווי אַ שטורעמווינט, און האָט אַרויסגעבלאָזן דעם יום־טובֿ פֿונעם האַרצן. אומעטום האָט מען געזען אַרומלויפֿן מענטשן מיט בלייכע פּנימער, רעדלעך האָבן זיך געזאַמלט, מע האָט גערעדט און געשריגן, אַ טייל האָבן געבראָכן די הענט: אַ קלאָג צו זיי, דרייַסיק יאָר האָט מען געגעסן פֿון זייַן שחיטה! די סאַווראַניער חסידים האָבן נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוואַרפֿן דורכן פֿענצטער די טעפּ... וואָס ס'האָט זיך דעמאָלט אָפּגעטאָן אין דראַזשנע, איז גאָרנישט אויסצומאָלן. ס'איז געווען ווי ווען מע וואָלט גענומען אַ באַרג מיט חרפּה און איטלעכן דראַזשנער יידן געוואָרפֿן אין פּנים אַרייַן.

*

און מוצאי־יום־טובֿ, נאָך דעם אומעטיקן מעריבֿ, וואָס לייגט זיך אויפֿן האַרצן ווי אַ שטיין, אַז מע האָט אָפּגעמאַכט הבֿדלה, האָט זיך יהונתן פֿאַרגנבֿעט, גענומען אַ פּאָר העמדער, זיי אַרייַנגעלייגט אין טלית־זאַק,

אַנגעטאָן דעם לאַנגן וואָכעדיקן בורנעס, גענומען דעם שטעקן אין האַנט אַרײַן און איז אַוועק פֿון דראַזשנע.

צוויי יאָר זענען אַוועקגעגאַנגען און מע האָט נישט געוווּסט, ווו ער איז אַהינגעקומען. ס'איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז ער איז ערגעץ בײַ די קאַראַימען, אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז ער טוט תּשובֿה און ריכט אָפּ גלות...

דער בעל־טאַקסע האָט געצאָלט ביילען די ערשטע צײַט אַ פֿערטל שׂכירות, און דערנאָך — אויס יום־טובֿ! ביילע האָט געמוזט פֿאַרקויפֿן די שטוב, כּדי זיך צו דערהאַלטן. אַ תּל איז פֿון אַלעמען געוואָרן.

יהונתן האָט זיך קיין מאָל נישט געזען מיט זײַן ווײַב און קינדער. אָפּגעוואַלגערט האָט ער זיך אויף דער וועלט און בײַ רביים אַרום דרײַצן יאָר, און דערנאָך איז ער געשטאָרבן.

די פֿיר שטעקנס

אַ מעשׂה אין פֿיר קאַפּיטלען. סע ווערט אין זיי דערציילט, ווי אַזוי חנה־גיטל האָט חתונה געהאַט מיט איר מאַן נחמן־שמואלן צום צווייטן מאָל. אַז דער לעזער וועט זיך גוט צוקוקן וועט ער זען, ווי אַפֿילו צום ערשטן מאָל האָבן זיי זיך נישט געדאַרפֿט האָבן שטאַרק בייטיק.

א

מיר גייען איבער צום ענין אַליין. שוין דערפֿון, אַז איך הייב אָן מיט חנה־גיטלען און נישט מיט נחמן־שמואלן, איז געדרונגען, אַז זי איז געווען דער ספּאָדעק. אַוודאי, ווי דען זאָל עס אַנדערש זײַן? אַז זי איז געווען די קרעמערקע, און די קלייט און די שטוב האָט זי געירשנט פֿון איר מאַמען. זי האָט געמאַכט דעם קוואַס, פֿאַרקויפֿט די זאַלץ און דאָס מעל און זי האָט געהאַנדלט מיטן גוי און מיט די פּריצים. אַפֿילו בײַם פּריסטאַוו האָט זי זיך געקאָנט אַן עצה געבן און איז ניט בטל געוואָרן פֿאַר וועמען איר ווילט אַליין. מיטן רבֿ האָט זי זיך געקאָנט קריגן, אַז ער האָט געאַסרט צו טאַרגעווען דורך אַן ערלית אום אַ שבֿיעי־של־פּסח, וואָס איז אויסגעפֿאַלן אין אַ טאָג פֿון אַ יריד פֿאַר חגא. מיאוס איז זי געווען, ווי איר קאָנט אײַך נאָר אויסמאָלן. בײַ אירע טירדות האָט זי דען אַ מאָל צײַט געהאַט זיך אויפֿצונייען אַ קלייד, צי אַ פֿאַרטעך, צי אויסוואַשן דאָס קאָפּטיכל? אַז דאָ וועגט מען מעל און תּיכּף מוז מען מעסטן בוימל צי גאַזע, און מע מוז לויפֿן אין קעלער אַרײַן נאָך קוואַס. קומט צו גיין אַ פּריצל און וויל אַן אַכטל טיטון. דאַרף מען אים הייסן זיך צוזעצן. עס לויפֿט אַרײַן אַ שכנה און לײַט אַ דרײַ־פֿונט־וואָג, אַ גוי קומט נאָך טשוועקעס און פּאָדקאָוועס. דער אָנבײַסן דאָרט אין אויוון הינטער דער טיר קאָכט איבער און לויפֿט אויס. אַ גבאיטע קומט נאָך אַ נדבֿה און וויל מאַכן אַ לאַנגן שמועס. האָט קיין פֿאַראיבל נישט, עפּעס גייט אַ יריד און מע מוז צוגרייטן סחורה. געלט מוז מען באַצאָלן יאַנקלען און חיימען און גדליהן; און דאָ מוז מען, פֿאַרקערט, בײַ אַנדערע אײַנמאָנען חובֿות. אַז קיינער נעמט נישט אַרויס דאָס טײַסטערל, ביז מע מאָנט אים נישט צען מאָל. אין מיטן דערמאָנט זי זיך, אַז מען מוז גאָר רופֿן דעם

מוליער, כדי ער זאָל צו רעכט מאַכן דעם אויוון; דער קוימען־קערער האָט שוין לאַנג נישט אויסגעקערט די סאַזשע, און ערשט פֿאַר צוויי וואָכן איז בײַ נתן־יחיאלס געווען אַ שׂריפֿה. דאָס אַלץ איז אויף איר קאָפּ און אויף אירע פּלייצעס. ער, נחמן־שמואל, איז עפּעס אַ מענטש, מי'שטיינס געזאָגט! פֿאַרשטיין פֿאַרשטייט ער נישט פֿון דאַנען אַהין, און אין קלייטזאַכן איז ער אַ לא־יוצלח. אַ גליק נאָך, וואָס ער איז אַ שטיקל מלמד און קנעלט ערגעץ אין דער פֿרעמד, אָט איז זי כאָטש פּטור פֿון אים און ער מישט זיך נישט אין אירע זאַכן, אַבי קאַליע צו מאַכן. פֿאַרט ער אָבער אַוועק, איז אים נישט צו באַקומען אַהיים אַ יאָר כּסדר, צי צוויי; אַפֿילו אויף פּסח מאַכט ער זיך אַ מאָל אַן אויסרעדעניש און קומט נישט... שרײַבן שרײַבט ער נאָר, ווען ער באַדאַרף צו האָבן אַ העמד צי אַ פּאָר זאָקן. זײַנע פֿאַרדינסטן! אַלץ גייט אים דאָרט אַוועק, און תּיקון האָט ער שטאַרק ליב, דווקא ווי אַ סאַדיגורער חסיד, כאָטש ער איז אַליין אַ זינקעווער. אַז ער ברענגט אַ מאָל אַהיים די זיבעציק צי די אַכציק קערבלעך, האָט מען צו פֿאַרשטאָפּן הונדערט לעכער. און פֿון די צוויי וואָכן, וואָס ער זיצט אָפּ אין דער היים, איז מען שלום נאָר דעם ערשטן שבת און דערנאָך הייבט זיך אָן פּאַוואָלינקע אַ קריגעניש, ווי דער שטייגער איז בײַ דער קאָץ מיט דער מויז, און מע זאָגט זיך אַנאַנדער וואָס אין דער קאָרט און סע קומען בייזע טעג פֿאַר זיי ביידע...

אַזוי לעבט מען שוין אַ יאָר פֿערצן, צי זעכצן. אַ קינד האָבן זיי געהאַט, איז עס געשטאָרבן צו דרײַ יאָר. גטן האָבן זיי זיך געוואָלט שוין תּיכּף נאָך דער חתונה, אַז איר מאַמע ציפּע־לאה האָט נאָך געלעבט און סע פֿלעגט זיך איר פֿאַרגלוסטן מיטן איידעם צו לערנען בלק. זי אַליין האָט זיך אויך טויזנט מאָל פֿאַרווינטשט איר לעבן, אַז גאָט האָט איר צוגעשיקט אַזאַ שלימזל־ניק פֿאַר אַ מאַן. ער האָט איר אויך געווונטשן דעם ליכטיקן גן־עדן, און אַז ער איז אַריבערגעפֿאָרן די בריק פֿון כמעלניק זיך זוכן אַ מלמדות, האָט ער שוין אָנגעהויבן צו דאַנקען דעם בורא פֿאַר דעם, וואָס ער וועט אַצינד האָבן מנוחה פֿון איר. אַז ער האָט זיך אָבער געמאַכט דעם חדר, פֿלעגט ער תּמיד געבן די בעלי־בתּים צו פֿאַרשטיין: בין איך דען גלאַט אַ קבצן, צי אַ פּועל־בטל, און מיינט איר, אַז ווען נישט אײַערע ייִנגלעך, וועל איך שטאַרבן פֿאַר הונגער? עפּעס האָב איך דאָך אין דער היים אַ ווײַב און אַ קלייט און אַ שטוב און אין כמעלניק זנאַטשע איך אויך עפּעס... לערנען האָט ער נישט ליב געהאַט שטאַרק מיט די תּלמידים, און אַז די ייִנגלעך האָבן אים גענאַרט און האָבן אַפֿילו דאַנערשטיק נישט אָנגעהויבן צו קענען דעם שיעור, האָט ער זיך געלאָזט נאַרן. זײַן באָבעס דאגה, אַז שלמה־נתנס בן־זקונים, צי אַבֿרהם־חיימס אייניקל וועט נישט זײַן אַזאַ למדן; דער עיקר איז, אַז ער קאָן שלאָפֿן

אין דער פֿרי און נאָכן אָנבײַסן און בײַ נאַכט. אַ קאַפּעטשקעלע בראָנפֿן שאַט אויך נישט, און נײַנציקער איז אַוודאי גוט. דער עולם־הבא זײַנער איז אָבער געווען דער מרחץ. פֿרײַטיק פֿון צוויי אַ זייגער אָן ביז פֿאַר נאַכט איז ער אָפּגעלעגן אויף דער אייבערשטער באַנק און האָט געשמאַק געשוויצט. דאָ אין פּאַרע און אין היץ און אין געשריי האָט ער זיך אויסגעשטרעקט מעשה־מלכות און האָט זיך געריבן מיטן בעזעמל, אַז ס'האָט געבראָטן! אַלע מאָל האָט ער אַ געשריי געגעבן: מער! מער פּאַרע! גיסט אויף! גיסט! און ווי סע האָט געגעבן אַ שאָס פֿון די גליִענדע שטיינער, האָט ער איבער אַ נײַס אָנגעהויבן זיך צו רײַבן מיט אַלע כּוחות און האָט קוים געקאָנט דעכען. מיט אָט דעם חיות האָט נחמן־שמואל געלעבט דעם גאַנצן שבת, אַפֿילו ווען דער טשאָלנט בײַ דער בעל־הביתטע איז נישט געווען אַזוי געראָטן, צי ס'איז גאָר געווען אַ קאַלטער מלאך. זונטיק פֿלעגט ער זיך נאָך דערמאָנען אָן דעם מרחץ פֿון פֿרײַטיק, און אַז ס'איז געקומען מיטוואָך, פֿלעגט ער שוין אָנהייבן צו ציילן די שעהען ביז פֿרײַטיק נאָך מיטאָג. איז ער געווען אין דער היים אין כמעלניק, און האָט כּדרך־הטבֿע געליטן פֿון זײַן ווײַב, האָט ער געדאַנקט גאָט, אַז ס'איז געקומען דער פֿרײַטיק און ער האָט זיך געקאָנט ראַטעווען פֿון אירע קללות אין באָד אַרײַן... דער בעדער האָט אַפֿילו געוווּסט, אַז בײַ נחמן־שמואלן באַדאַרף ער צו נעמען פֿינף קאָפּיקעס, ווי בײַ אַ נגיד, נישט דרײַ קאָפּיקעס, כאָטש ער איז אַ מלמד. נישקשה, איר זיצט אָפּ געזונט דאָס געלט, פֿלעגט ער אים זאָגן. דערפֿאַר אָבער איז ער זוכה געווען צו הערן פֿון זײַן מויל, אַז די כמעלניקער באָד איז נישט שלעכט, אַזוי ווי די ליפּאָוועצער צי די הײַסינער. וואָס דאָס האָט באַטײַט פֿאַרן בעדער, באַדאַרף איך אײַך נישט זאָגן.

ב

ויהי היום, האָט זיך געטראָפֿן, אַז נחמן־שמואל האָט ניט געקראָגן קיין קנעלעכץ, און נאָך דעם, אַז ער האָט זיך אַ חודש כּסדר אָפּגעוואָלגערט אין דער פֿרעמד און געזוכט ייִנגלעך און נישט געפֿונען, האָט ער נעבעך געמוזט קומען אַהיים קיין כמעלניק און צו זײַן בײַ חנה־גיטלען. די ערשטע צײַט האָט חנה־גיטל אַפֿילו געהאַט אויף אים רחמנות און אים ניט מקבל־פּנים געווען, ווי איר שטייגער איז. עפּעס איז ער איר אויסגעקומען אַצינד, ווי אַ פֿאַרבלאָנדזשעטע שאָף... און אין שטאָט אַליין איז ער דאָך אין מיטן יאָר מער נישט ווי אַ פֿרעמדער. נחמן־שמואל האָט זיך אַליין געחידושט און האָט געהאַלטן אין איין ציטערן: אָט, אָט, שיסט זי אויס. פֿאַרקערט, ער וואָלט שוין בעסער געוואָלט, זי זאָל אַרויס מיטן כּעס, איידער סע זאָל זיך בײַ

איר קלײַבן... אין קלויז איז ער געווען דער ערשטער און אַוועקגעגאַנגען איז ער דער לעצטער, ניט פֿון גאָטס טובֿה וועגן. אַ ביסל פֿלעגט ער זיך אַריבערכאַפּן צום שוחט, צי אַזוי צו אַן אײדעלן ייִדן שמועסן. די צײַט וואָס ער איז געווען אַוועק פֿון דער היים, איז בײַ אים געווען ווי געפֿונען, וואָרעם כאָטש זי האָט זיך געהאַלטן שטיל, איז אים נמאס געווען דאָס לעבן; יאָ, אַז זי שווײַגט, איז נאָך ערגער. אָט דאָ האָט ער געמוזט גײן מנחם־אָבֿל זײַן אַ ייִדן, וואָס בײַ אים איז געשטאָרבן דאָס ווײַב, מוז ער דאָרט פֿאַרגעסן דעם שטעקן און די פּאַטשיילע און דעם טאַבעק, עפּעס האָט ער געפֿילט, אַז הײַנטיקן טאָג נעמט דאָס אַן עק. און כּל־הווה! ווי ער איז נאָר געקומען אַהיים און האָט נאָך נישט אוספּייעט צו איבערטרעטן די שוועל, האָט זי שוין אָנגעהויבן אויפֿן קול: — ווו פֿידלסטו דיך אַרום דעם גאַנצן טאָג אין קרענק? אַ ייִד גייט אַרום פּוסט־און־פּאַס און טוט גאָרנישט. וואָס האָסטו דיך אָנגעדערגעזעצט אין כמעלניק אין געהאַקטע ווונדן? קראַנק ביסטו צו טאָן ווי אַלע מענטשן, נעמען די אויגן אין די הענט אַרײַן און אַכטונג געבן אין קלייט? אָבער גיי רייד מיט אַ פֿוילפּעלץ! צוויי הערינג האָט מען מיר הײַנט אַוועקגעגנבֿעט. אָבער דאָרט אים דען דער קאָפּ ווי מיר? מע וועט מיר אַלץ צעטראָגן; אַרויסטראָגן זאָל מען דיך, גאָטעניו! קוק אים נאָר אָן, ווי ער שטייט דאָ! די אויגן וואָלט איך דיר געקאָנט אויסקראַצן! וואָרט נאָר, איך וועל דיר ווײַזן, ווער איך בין, אַז דו וועסט זיך דערוועגן זיך אַרומטרײַבן! אויסגעריסן זאָלסטו ווערן, פֿאַרשׂרפֿעט זאָלסטו ווערן!... די תּוכחה שיט זיך, וואָס זאָג איך שיט זיך, סע גיסט זיך איר צאָרן. עפּעס האָט זי געוואָלט אין דעם איין מאָל אָפּצאָלן אים פֿאַר אַלע טעג, זיך קילן אין זײַן בלוט. עפּעס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי איז נאָך גאָרנישט יוצא אין דעם אַלעמען, וואָס זי זאָגט אים...

וואָס טוט נחמן־שמואל, ער הייבט זיך אויף און דערלאַנגט איר אַ באַך אין פּלייצע... ער איז איבערגעביטן געוואָרן אין דער מינוט, און דער כּעס אין אים האָט זיך צעפֿלאַקערט, ווי קיין מאָל נישט ביז אַצינד. זי איז אויף אים אַרויפֿגעשפּרונגען ווי אַ הונט. אין טאָטנס־טאָטן און אין מאַמעס־מאַמען, און אַזוי האָט מען זיך געשלאָגן און געהרגעט, אַז די גאַס איז געווען מיט זיי אויף. אַן איידעלער ייִד זאָל אויפֿהייבן די האַנט אויף זײַן ווײַב?... אַזוינס איז נאָך קיין מאָל ניט געווען בײַ ייִדן. אין שטאָט האָט זיך געקאָכט.

ג

איר ווייסט אַליין, ווי דער שטייגער איז בײַ ייִדן, זיך אַלע מאָל אַרײַנצולייגן אין אַ שלום, אָבער דאָס מאָל איז זיך איינער מישבֿ און האָט אַ זאָג געטאָן

דאָס וואָרט „גט“, און בײדע האָבן זיך אָנגעכאַפּט. זי וויל זיך נוקם זײַן אָן אים און ער וויל פּטור ווערן אויף אײביק פֿון איר. אין דער גאַנצער שטאָט רעדט מען שוין: נחמן־שמואל גט זיך מיט חנה־גיטלען! מע איז שוין בײַם רבֿ און מע טענהט און דער עולם שטופּט זיך. אַפֿילו די, וואָס קערן זיך גאָרנישט אָן מיט דעם, האָבן אין האַרצן הנאה צו הערן אַ קריגעכץ.

דער רבֿ נעמט נחמן־שמואלן אָן אַ זײַט און זאָגט צו אים: וואָס מאַכט איר זיך נאַריש? איר זענט דאָך שוין אַ ייִד פֿון איבער פֿערציק, שטופּט אָפּ די ביסל יאָרן און זײַט מקבל יסורים באהבֿה. אָבער ער האַלט אין אײן טענהן: אַז מע שמועסט פֿון גט, זאָל זײַן גט. ס'איז אַרײַן אין אָן עקשנות; אויך זי, וואָס די רביצין האָט געפּרוּווט מיט איר ריידן און פֿירן זי צוריק צום שׂכל, האַלט אין אײן טענהן: איך וויל פֿון אים ניט מער וויסן, אויף דער שוועל וועל איך אים גיט לאָזן. דער אמתער שׂטן! דער רבֿ האָט בדעה צו ווערן אין כּעס און זײ מקיים־פּסק זײַן, אָבער דאָ איז שוין געוואָרן שפּעט צו מנחה. אין קלויז איז ערשט רעכט אַ גערודער, קײנער דאַוונט נישט אַ וואָרט, אַפֿילו אין מיטן שמונה־עשׂרה שושקעט מען זיך. קוים האָט מען אָפּגעזאָגט קדושה, זעט מען שוין רעדלעך יונג און אַלט, וואָס האַלטן אין אײן רעדן. ער האָט זיך זײַן צד און זי האָט זיך איר צד. בײַ דער וועטשערע הערט מען נאָך אַלץ מאַן און ווײַב און עלטערע קינדער שמועסן פֿון נחמן־שמואלן און חנה־גיטלען. גאָרנישט, גאָט האָט צוגעשיקט כּמעלניק אַן עסק.

און אויף מאָרגן אין דער פֿרי האָט זיך אָנגעהויבן איבער אַ נײַס אַ קאַן. סע האַלט בײַ גט, כאָטש לײג זיך אין דער לענג און אין דער ברײט. מענטשן קומען און ווילן אויסגלײַכן — און לײגן צו נאָך מער פֿײַער. חנה־גיטל האָט שוין גאָר צוגעמאַכט די קלײט. בײַם רבֿ איז שוין ווידער פֿול די שטוב, נאָר ער שפּאַרט זיך נאָך און וויל ניט מסדר זײַן דעם גט. דער שמשׂ, וואָס לויפֿט אַרום אַהין און אַהער, איז צעמישט. בערל דער סופֿר איז לכל־הדעות דאָ און מאַכט מיט אַ מעסערל צורעכט די פּען. די דײַנים זיצן און קוקן אַרײַן אין „טיבֿ־גיטין“, ווי ווען עס וואָלט זײ גאָרנישט אָנגעגאַנגען, נאָר דער דין. עפּעס ווילט זיך דעם רבֿ אויפֿשטײן און זײ אַלע לאָזן דאָ זיצן. דערווײַל הײבט מען שוין אָן אויסצופֿרעגן: ר' נחמן־שמואל בן יצחק, ווילסט דו מיט דײַן גוטן רצון אַזוי און אַזוי זיך גטן מיט דײַן ווײַב? און אַזוי ווײַטער. מקבל־קנין איז מען שוין אויך געווען. בקיצור, געגט. מזל־טובֿ! נו, מײנען מיר, אַז מיר האָבן רו אין כּמעלניק.

טרעפֿט זיך גאָר, אַז מע האָט חרטה אויפֿן שידוך!

דער סוף פֿון דער מעשׂה איז געווען, אַז ווען אַלע אין שטאָט האָבן זיך אויסגעשלאָפֿן און מאָרגן אין דער פֿרי גענומען איבערצעקײַען וואָס נעכטן

איז געשען, האָט עס אָנגעהויבן אין האַרצן צו פֿאַרדריסן און מע האָט זיך געחידושט: וואָס הייסט דאָס עפּעס, אָפּזיצן זעכצן יאָר מיט אַ ווײַב און מיט אַ מאָל נעמען און זיך גטן! אַפֿילו די, וואָס זענען, דאַכט זיך, געווען שטאַרק פֿאַר אַ גט, שרײַען הײַנט: ס'איז פּאַסקודנע, פּאַסקודנע, אַז אין אַ שטאָט ווי כמעלניק זאָל זיך אַזוינס טרעפֿן צווישן ייִדן, ס'איז ממש אַ בזיון פֿאַרן המון, אַז מען ווײַזט זיי אַ דרך!... נחמן־שמואל אַליין האָט זיך געשעמט אַרויסצו־גיין אין גאַס און אַ ביסל איז אים געווען פּריקרע... עפּעס פֿאַר זעכצן יאָר געוווינט מען זיך אַ ביסל צו. דערווײַל איז ער אַוועקגעפֿאָרן קיין מעזשבעזש צו אַ ווײַטן קרובֿ. חנה־גיטל האָט גאָר פֿאַרלוירן דעם קאָפּ. ס'איז געווען אין קלייט ווי אַן אָנשיקעניש; וואָס זי האָט אָנידערגעשטעלט אַ זאַך, האָט זי־ פֿאַרגעסן ווו. די שכנים האָבן נישט אויפֿגעהערט צו ריידן און צו דערמאָנען נחמן־שמואלס מעלות; און אַפֿילו אמתע שׂונאים זענען איר געוואָרן גוטע פֿרײַנד און האָבן אָנגעהויבן מיט איר צו טענהן, טאָמער טוט זיך צוריק אַ דריי... אַוודאי האָט חנה־גיטל זיך בײַ זיי געבעטן רחמים: לאָזט מיך צו רו. מרוצה געוואָרן איז זי אָבער אין האַרצן גלײַך אויף דער שטעל, נאָר זי וויל נישט, אַז ער זאָל וויסן. זי האָט זיך שוין אַפֿילו אָנגעהויבן אויסצומאָלן, אַז זיי האָבן שוין צוריק געהאַט חתונה און זי האָט עמעצן, צו וועמען זי קען אויסלאָזן איר ביטער האַרץ.

ד

גאָרנישט, איינער, וואָס זשאַלעוועט ניט קיין טרחה צו פֿאַרדינען אַ קערבל און האָט זײַן כּלל: אַז מע לייגט נישט אַרײַן, נעמט מען נישט אַרויס, האָט נישט געמאַכט קיין סך שהיות און האָט זיך אַרויפֿגעכאַפּט אויף אַ פֿור, וואָס איז געפֿאָרן קיין מעזשבעזש פֿאַר דרײַ גדולים. דאָרט אָנגעקומען, איז ער גלײַך אַוועק צו נחמן־שמואלן און תּיכּף אַן שום קונצן אָנגעהויבן פֿון עסק פֿון אונטן און פֿון אויבן און פֿון אַלע זײַטן. צוגעצויגן דעם קרובֿ זײַנעם און זײַן ווײַב, וואָרעם ער האָט ניט באַדאַרפֿט אַרײַנצולייגן די האַנט טיף אין קעשענע אַרײַן, כּדי צו דערקענען, אַז זיי וועלן נישט שטאַרק ווייַנען נאָך נחמן־שמואלן. נחמן־שמואל אַליין וואָלט אויך נישט געזאָגט גראָד ניין. עפּעס דרייַצן פּסחס האָט ער געפּראַוועט דעם סדר אין כמעלניק, און ער איז שוין געווען געוווינט... אָבער אַז מע איז צו אים געקומען און מע וויל, אַז ער זאָל זאָגן יאָ — זאָגט ער ניין. חיים־נתן, וואָס איז געקומען צו אים צו פֿאָרן, איז געוואָרן אין כּעס און האָט אים אָנגעהויבן שטאַרק צו זידלען. אַז ער האָט אָבער געזען, אַז דאָס העלפֿט נישט, האָט ער אים געגעבן אַ שפּײַ אין פּנים און איז געפֿאָרן צוריק אַהיים מיטן בײַטשל. אָנגעקומען קיין

כמעלניק, האָט ער אויסגעטראַכט טויזנט ליגנס. עפּעס, זאָגט ער, איז נחמן־שמואל געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש און וויל זיך אָוועקלאָזן קיין וואַרשע־ווער פּוילן צי קיין בראָד. וליהודים היתה... כמעלניק האָט אויף לאַנג געהאַט וואָס צו רעדן.

לײַט האָבן מזל, מוז נחמן־שמואל זײַן אַ זינקעווער חסיד און נאָך דער גאַנצער חתונה מוז אים קומען אויף דער דעה, ער זאָל ביני לביני אַריבער־פֿאָרן קיין זינקעוו, וואָס ער איז שוין דאָרט נישט געווען אפֿשר צוויי יאָר. אַ ביסל האָט ער זיך געשעמט צו געבן דעם רבין דאָס קוויטל און דאָרט ניט מער שרײַבן: זוגתי חנה־גיטל בת פּעסי שתחיה׳. ר׳ חיים זינקעווער האָט ליב געהאַט אַ הלצהלע און פֿלעגט אים תּמיד אָצען מיט דעם שלאָק זײַנעם, אָבער אַז ס׳איז שוין אים אַרײַן אין זינען צו פֿאָרן, מוז מען פֿאָרן. געקומען איז ער קיין זינקעוו פּונקט ראָש־חודש־אלול, ווען דער עולם הייבט אָן צו קומען. און דער רבי האָט אים געזאָגט: בלײַב שוין דאָ איבער די ימים־טובים, אַן אַלמן האָסטו פֿון דיר געמאַכט אויף דער עלטער, בלײַב בײַ מיר און עס זיך אָן מיטן וואָרעמען קאַליש... תּשובֿה קענסטו דאָ אויך טאָן. אין מיטן איז געקומען צו פֿאָרן דער כמעלניקער רבֿ אויף אַ שבת, האָט אים ר׳ חיים געמאַכט אַ שוואַרצן סוף: ווּ איז געווען אײַער שׂכל, ר׳ שלמה? איר נעמט צוויי מענטשן, וואָס זענען באַשאַפֿן געוואָרן אײנער פֿאַרן אַנדערן נאָך פֿון ששת־ימי בראשית אָן און איר מאַכט צווישן זיי אַ גט. דערווײַל זענען געקומען צו פֿאָרן נאָך כמעלניקער ייִדן, אַ פֿור ווײַבער אויך. חנה־גיטל איז פֿון תּמיד אָן אַפֿילו נישט געווען אַזאַ שטאַרקע חסידה, בשעת ס׳איז געקומען צו געבן דעם רבין מעמד־געלט; אַצינד אָבער האָט זי צוגעמאַכט די קלייט און איז געפֿאָרן. גאַרנישט, געבן דעם רבין אַ קוויטל און זיך פֿאַר אים אויסוויינען, טאָמער האָט מען זיך פֿאַרזינדיקט.

אַזוי האָט מען זיך דערוווּסט בײַם רבין אין הויף, אַז ביידע צדדים זענען דאָ... חסידים האָבן זיך גענומען צו נחמן־שמואלן און אים אָנגעהויבן צו דרייען בײַ דער נאָז; אַז ער וואָלט נישט מורא געהאַט פֿאַר גאָט, וואָלט ער אויפֿגעהויבן ביידע פֿיס אין מיטן שבת און וואָלט געמאַכט אַ ויבֿרח... דערווײַל איז מען דאָך אָבער בײַם רבין, און תּורה זאָגט ער אויך דעם שבת און אַ גרויסער שלש־סעודות איז אויך דאָ, און גלאַט אַזוי איז מען דאָך עפּעס אין זינקעוו. ס׳איז געקומען שבת־צו־נאַכט און ר׳ חיים האָט אָפּגע־מאַכט הבֿדלה און זיך איבערגעטאָן פֿון די בגדי־שבת מיטן שטרײַמל אין דעם זײַדענעם כאַלאַט מיט די זילבערנע קוואַסטן און אין אַ זײַדענער יאַרמלקע, און האָט זיך אַנידערגעזעצט אין דעם טײַערן שטול. אַ גבאי האָט אַרויסגענומען די לאַנגע טערקישע ליולקע און דערלאַנגט דעם רבין צו

רייכערן. דער עולם איז געשטאַנען אַרום אים און ער איז געווען זייער אויפֿגעלייגט און האָט אַ פֿרעג געטאָן: ווו איז נחמן־שמואל? מע האָט אים אויסגעגראָבן פֿון אונטער דער ערד און מע האָט אים געבראַכט צום רבין. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטופעניש, אַ פּאָר חסידים האָבן אים אַרײַנגעשטעקט די הענט אין גאַרטל אַרײַן: הכּלל, ער מוז קעריק חתונה האָבן מיט חנה־גיטלען. איז דאָס נישט אַ וווּנק פֿון אויבן, אַז זי איז אויך דאָ? דער רבי וועט בענטשן, דער כמעלניקער רבֿ וועט אומזיסט מסדר־קידושין זײַן, הפּה שאָסר הוא הפּה שהתּיר! נחמן־שמואל רײַסט זיך מיט די הענט און פֿיס און וויל פֿון דעם נישט הערן. דער עולם לאַכט און האָט שטאַרק הנאה פֿונעם גאַנצן עסק. דער רבי האָט אַרײַנגעטראָגן אַ פֿלעשל בראָנפֿן און גיט איטלעכן אַ גלעזל טרינקען צו אים לחיים. דאָס האָט גאָר געראָטעוועט און דער רבי גיט אַ רוף: וואָס טענהט איר מיט דעם שלימזל? נעמט פֿיר שטעקנס און שטעלט אַ חופּה. זוכט ערגעץ אויף די אַלטע.

אויף מאָרגן זענען נחמן־שמואל און חנה־גיטל געפֿאָרן אין איינעם קיין כמעלניק. זיי האָבן שוין געמעגט.

די געפּלאַצטע סטרונע

אַ מעשׂה מיט צוויי כּלי־זמר

אַז דו פֿאָרסט קיין אומאַן אין שטאָט אַרײַן איבער דער גרויסער בריק בײַ די מילן, גייט דאָס אַלץ ווי באַרג אַרויף. די הײַזער און די מויערן שטייען העכער איינס איבער די אַנדערע און די גאַסן קומען אויס איינס איבער די אַנדערע. אַלץ גייט אַרויף צו דער אַלטער שטאָט און צו דער נײַער שטאָט, צום מאַרק, צום ראָטהויז, צו די קלייטן, צו די גרויסע דאָקטוירים און אײַנפֿאָרהײַזער, צו דער טאַלנער קלויז און צו דער גרויסער שול, צום בולוואַר און צום סקווער, צום קאָסטיאָל און צו דער ניקאָלאַיעווסקע אוליצע. אַלע גרויסע גבֿירים פֿון שטאָט וווינען אויבן; דער איספּראַווניק און דער אַקרוזשנאָי סוד זענען אויבן, דער לאַגער איז אויבן, די פּאָסט און די קאַזנאַטשייסטווע איז אויבן, די וואָג איז אויבן, דער גרויסער טורעם מיטן זייגער, וואָס קלינגט פֿון איין עק שטאָט אין אַנדערן, איז אויך אויבן. און אומעטום זעסטו אַ סך מענטשן גיין, לויפֿן, זיך שטופּן, די דראָזשקעס הילכן אויפֿן געפּלאַסטערטן שאָסיי, גרויסע וואָגנס פֿול מיט סחורה שלעפּן זיך. אַלע טאָג איז עס ווי אויף אַ יריד. פֿון אַרום און אַרום קומען צו פֿאָרן גויים און ייִדן פֿון קליינע שטעטלעך; איטלעכער קויפֿט צי פֿאַרקויפֿט, מעקלער דרייען זיך אַרום מיט שטעקעלעך, גויים אין ווײַסע פּעלצן און שמוישענע היטלען גייען מיט די בײַטשן, ייִנגלעך שרײַען אויס בייגל און קוואָס און קיסליצעס. משרתים שלעפּן בײַ די פּאָלעס; ווו מע טוט אַ קוק, איז אַ לעבן. אַלע שענקען זענען פֿול: גרויסע סאַמאָוואַרן וואָס אפֿשר אַ גאַנצע דייזשקע וואַסער גייט אין זיי אַרײַן, שטייען אויף טישן אין גאָס און קאָכן, און קאַצאַפּעס מיט לאַנגע פּאַטלעס און דאָס העמד פֿון אויבן פֿאַרקויפֿן טיי; בלינדע בעטלער זיצן אויף דער ערד און שפּילן אויף לירעס, אַנדערע קניִען זיך, זאָגן מאָליטוועס און האַלטן רויטע שיסעלעך אין די הענט. דאָ מאַרשירט דורך אַ פּאָלק סאָלדאַטן מיט טראָמפּייטן און פּויקן, און יונג און אַלט לויפֿן זיי נאָך. דער שטאָטזייגער הייבט אָן צו שלאָגן צוועלף און פֿון אַלע קלויסטערס הייבט עס אָן צו קלינגען... ווער ס'האָט נישט געזען אומאַן, דער ווייסט ניט, וואָס הייסט אַ גרויסע שטאָט. און אַז ס'קומט בײַ נאַכט און

מע צינדט אָן אין אַלע גאַסן די לאַמטערנעס און הונדערטער פֿענצטער פֿון אַלע גאָרנס פֿון די מויערן זענען באַלייַכט, איז ליכטיק ווי אין מיטן טאָג. אַז ס׳גייט אַ רעגן, ווערן נאָר די שטיינער אָפּגעוואַשן און אין אַ פֿערטל שעה איז שוין אַלץ טרוקן, אַז ס׳איז אַ מחיה. עפּעס אַ קלייניקייט אומאַן, דער שענסטער אויעזדנע גאָראָד אין קיִעווער גובערניע. ייִדן זענען דאָרט פֿאַראַן, קיין עין־הרע, אַ סך, אפֿשר דרייַסיק טויזנט און מער; אַז די נייַע שטאָט וואָלט ניט געווען אַ ביסל דייַטש מיט אַ שליאַפּע און, לא־עליכם, אַ ציגאַר אום שבת, וואָלט עס געווען אַ ייִדישע שטאָט בפּה־מלא. יאָ, צום טאַלנערס צייַטן, דעם אַלטן טאַלנער רבין, איז עס געווען אַזוי; דעמאָלט, אַז רבי זלמן האָט נאָך געלעבט און יואל־נתן זייַן זון, אַ ייִד פֿון אַ האַלבן מיליאָן קערבלעך, איז געזעסן בייַם רבין אויף דער קעלניע, אַז ער פֿלעגט אַרייַנפֿאָרן אין שטאָט אַרייַן, און האָט געהאַלטן די לייצעס פֿון די פֿערד... דאָס איז געווען אַלץ אַ מאָל!

גיט מען זיך אָבער אַ בייג רעכטס פֿון דער בריק, אַז מע קומט אַרייַן אין שטאָט, גייט עס באַרג־אַראָפּ; איין הויז שטעקט אונטער דעם אַנדערן. וואָס וויַיטער, איז אַלץ נידעריקער; און אַז מען פֿאָרט, מוז מען אייַנהאַלטן די פֿערד, כּדי זיי זאָלן זיך ניט צעפּאַלאַכען. די גאַסן זענען ברייט און שיטער, די הייַזער זענען מיט גערטנער און מיט דעכער מיט רויטן טשערעפּ, די ווענט זענען געפֿאַרבט בלוי און געל, מיט גרינע לאָדן, ווי פֿאַרצייַטן, ס׳איז ווי אַ גאַנץ אַנדערע שטאָט פֿאַר זיך. אָבער אַז איינער באַדאַרף עפּעס צו האָבן, גייט ער אַלץ אין שטאָט אַרייַן אַרויף צו און ניט קאַפּויער. פֿון די פֿרעמדע איז גאָרניט צו רעדן, אַז זיי קענען גאָרניט די אַלטע שטאָט; אַפֿילו אין דער שטאָט גופֿא זענען דאָ אַ סך מענטשן וואָס זיי זענען קיין מאָל ניט געווען רעכטס פֿון דער בריק. און אַז איינער ווערט דאָרט אַ מאָל פֿאַרבלאָנדזשעט, קומט אים אויס, אַז מע מוז דאָרט מורא האָבן צו גיין אַפֿילו אין מיטן טאָג; אַזוי פּוסט איז דאָרט. מע זאָגט, אַז עס וווינען דאָרט מחילה אַ סך גנבֿים, ווער שמועסט די קצבֿים און בעלי־עגלות און טרעגער. דער הקדש איז אויך דאָרט, און די אייַנגעפֿאַלענע באָד איז אויך דאָרט און די אַלטע שול. די כּלי־זמר פֿון דער שטאָט וווינען דאָרט און דער אַלטער חזן וווינט אויך דאָרט. אַז גדליה דער חזן וואָלט דאָרט ניט געוווינט, וואָס האָט געהאַט אַ שטוב פֿון השׂכּלה מיט מיידלעך, וואָס קענען לשון־קודש, וואָלט איך אַליין ניט געוווּסט, אַז ס׳געפֿינט זיך אין אומאַן אַזאַ טייל שטאָט. מילא, דאָס בין איך ניט אויסן.

*

יאָ, בײַ די כּלי־זמר מוז איך מיך אָפּשטעלן און פֿון זיי דערציילן. תּחילת האָט מען נאָר געהערט פֿון ראובֿעלען וואָס שפּילט אויפֿן פֿידל און איז דער ראש פֿון דער קאָמפּאַניע, וואָס זיי פֿאָרן נישט אויף אַ חתונה, אַז מע גיט זיי ווייניקער פֿון הונדערט רובל, און וואָס זיי שפּילן בײַ די גרעסטע גבֿירים און בײַ פּריצים; ראובֿעלע איז געווען אַ געל יידל, אַ שטיקל דײַטש, און ער האָט געהאַט אַ פֿידל, וואָס אַז מען גיט איר נאָר אַ ריר, שפּילט זי פֿון זיך. אים צו הערן אויף אַ חתונה, אַז ער פֿלעגט זיך צעשפּילן צו דער וועטשערע, איז ווערט געווען מי־יודע־וויפֿל. ער פֿלעגט זיך אומיסטן אַראָפּ־לאָזן צום עולם און האָט געשפּילט, וועדליק אַ מענטש קאָן משׂיג זײַן מיט די אויערן, וואָרעם אַז ער האָט זיך פֿאַרגעסן אויף אַ ווײַלע און האָט אָנגע־הויבן אויף דער אייבערשטער סטרונע, זענען די מענטשן אויסגעגאַנגען פֿאַר גרויס מתיקות. מע דערציילט זיך, אַז ער האָט אַ מאָל געשפּילט אויף אַ חתונה, איז געזעסן דאָרט אַ מסור, וואָס מע האָט אים נאָר גערופֿן, ווײַל מע האָט פֿאַר אים מורא געהאַט... ראובֿעלע האָט זיך דעמאָלט צעלאָזט אויף זײַן פֿידל, אַז ס'האָט יענעם צעבראָכן ביז אין הארצן אַרײַן, און ער איז אַוועקגעגאַנגען אַהיים און איז געוואָרן אַן אַנדער מענטש... ראובֿעלע איז געווען פֿון תּמיד אָן דער באַרימטער כּלי־זמר, און אַז דער גרויסער פּדהצור האָט אים געהערט, האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט אָפּנעמען די האַלבע וועלט. און ראובֿעלע האָט טאַקע אָפּגענומען די וועלט; אַרום און אַרום אין דער גאַנצער סבֿיבֿה און אויף דרײַסיק מײַלן ווײַט האָט מען געוווּסט פֿון ראובֿעלען. און וועלכער בגיד צי אַ שיינער בעל־הבית, וואָס האָט חתונה געמאַכט אַ מיידל, האָט ניט אַראָפּגעבראַכט ראובֿעלען? אַז גאָט האָט זיי געהאָלפֿן אויסצוגעבן אַ קינד, מוז מען דאָך אַלץ מאַכן מיט לײַטן גלײַך, און ווי קאָן זײַן אַ לײַטישע חתונה אָן ראובֿעלען? און אַפֿילו אַז מע איז געווען פֿאַרזונקען אין חובֿות ביז איבערן קאָפּ, צי מע האָט פּראָסט גע־זשאַלעוועט אַרויסצונעמען אַ קנאַקעדיקן הונדערטער און אַנידערלייגן ראו־בֿעלען, האָט די כּלה אַזוי לאַנג געוויינט און די מוטער האָט אַזוי לאַנג געבעטן רחמים, ביז מע האָט געמוזט נאָכגעבן... אַ מאָל האָט מען גאָר געמוזט שיקן נאָך ראובֿעלען אַ שליח־מיוחד, אויב ער האָט זיך געפֿוילט צו פֿאָרן און האָט געשיקט זײַן פּאַמאָטשניק. וואָרעם די כּלה האָט געזאָגט, זי גייט ניט צו דער חופּה אָן ראובֿעלען, כאָטש גיי האַק דיך! און אומגעקערט, ברענגט מען ניט אַראָפּ ראובֿעלען, איז דאָס שוין אַליין אַ סימן, אַז ס'גייט ניט אַזוי מיטן קנאַק, און עס קאָן שאַטן צום קרעדיט. גיי, זײַ בײַ יענעם אין מויל! און גלאַט ראובֿעלע, ווער קאָן איבערשפּאַרן דעם יצר־הרע און ניט אַראָפּברענגען ראובֿעלען? ס'איז גאָר אַן אַנדער חתן־מאָל מיט ראובֿע־

לען און אַן אַנדער וועטשערע מיט ראָובֿעלען. ס׳איז לעבעדיקער, עפּעס די שׂמחה איז גאָר אַן אַנדערע. איך וויל אײַך מגלה זײַן אַ סוד, אַז איר שיקט קוויטלעך און בעט די שטאָט צו דער חתונה און דער פּסוק מיינט: דרשה־געשאַנק, קען איך אײַך שווערן בהן שלי, אַז ווען ראָובֿעלע וועט שפּילן, וועט איר האָבן מער עולם... אַז מע גיט אַ קערבל דרשה־געשאַנק צי צוויי, כאַטש מע עסט טאַקע די גוטע וועטשערע, וויל מען דאָך אויך הערן אַ גוט שפּילעכץ. איך וויל ניט זאָגן, אַז מע וויל זיך מיט דעם אַרויסשלאָגן די הוצאות. אָבער אַז מע באַקומט דאָס קוויטל, וואָס מע בעט צו דער חתונה, און דער יצר־הרע מישט זיך אַרײַן: וואָס בין איך עפּעס אים פֿאַר אַ מחותן, עפּעס גלאַט גיין און אַרויסוואַרפֿן אַ קערבל, — וואָס, קומט עס גרינג אַן? און דער יצר־טובֿ פֿון זײַן זײַט טענהט שטילערהייט: ס׳איז דאָך אַ שטיקל שכן, אַ ביסל דאַרף איך האָבן זײַן טובֿה, אַ ביסל, ווי זאָגט מען, שלח לחמך על־פּני המים, עפּעס וועל איך דאָך אויך האָבן חתונה צו מאַכן אַ טאָכטער צי אַ פּלימעניצע — נאַ! טוט דער יצר־הרע ווידער אַ טאָרקע: אַ מזומן־קערבל איז פֿאַרט מזומן, און ביז ס׳קומט אַהין, זעצט ער אַן און פֿאַרגעסט גאָר, אַז ער איז דיר שולדיק דרשה־געשאַנק... רוקט זיך אַרויס דער יצר־טובֿ: עפּעס איז דער כּלהס מאַמע געשטאָרבן און ס׳איז אַ מצווה משׂמח זײַן אַ יתומה. זעט איר, פֿאַר אַ מצווה ווערט דער יצר־הרע אַ ביסל בטל. אָבער אַז ראָובֿעלע שפּילט אויך, אי ראָובֿעלע, אי אַ מצווה, ביידע אין איינעם זענען גובֿר... עפּעס אַ קלייניקייט גיין הערן ראָובֿעלען, זײַן כּל־נדרי אויפֿן פֿידל! צי זײַנעם אַ וואָלעך! צי גלאַט אַזוי אַ וויינעדיקס, וואָס צעגיסט זיך אַזוי טיף אין האַרצן אַרײַן, אַז מע פֿאַרגעסט אָן אַלעמען אין דער וועלט. און אַז ער פֿירט דעם חתן צו דער וועטשערע צוועלף אַ זייגער בײַ דער נאַכט, און די גאַנצע שטאָט שלאָפֿט, שפּאַלט זיך דער הימל ווי אום תּשעה־באָבֿ, און טײַכן טרערן גיסן זיך. וואָס זאָל איך אים לויבן, — ווער ס׳האָט ניט געהערט ראָובֿעלען שפּילן, האָט קיין מאָל קיין גוט שפּילן ניט געהערט.

ווי זאָגט מען, ס׳איז אַ וועלט מיט דריידלעך. אַז ראָובֿעלע איז געווען במדרגה העליונה און איז בײַ זיך געוואָרן אַ גאַנצער פּריץ, פֿלעגט ער שוין טאָן אַ לאַסקע, ווען ער איז געפֿאָרן אויף אַ חתונה, און אויפֿן חתן־מאָל וואָלט ער שוין גאָרנישט געוואָלט שפּילן, נאָר נאָך צו דער חופּה; גיט גאָט אַ דריי, און ס׳קומט אויף פּלוצעם שימעלע, שימעלע כּלי־זמר, וואָס ווינט אין דער נײַער שטאָט. אַוודאי וואָלט מען אײַך אויסגעקראַצט די אויגן, ווען איר וואָלט אײַך דערוועגט צו זאָגן, אַז שימעלע שפּילט בעסער פֿאַר ראָובֿע־לען. נאָר שפּעטער, אַז שימעלעס נאָמען האָט אָנגעהויבן צו קלינגען און מע האָט אים גאָר אַראָפּגעבראַכט קיין קיִעוו צו בראָדסקין, האָט איטלעכער

געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז ראובֿעלע איז טאַקע דער גוטער כּלי־זמר אָבער שימעלע — דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש, און אַז מען הערט אים שפּילן, פֿילט מען ערשט דעם טעם פֿון שפּילן. ראובֿעלע אַליין, אַז ער האָט דאָס ערשטע מאָל געהערט שפּילן שימעלען, איז ער געווען ווי דערשראָקן...

און דער שטערן שימעלעס איז אַלץ געגאַנגען העכער און העכער, און ראובֿעלעס אַלץ נידעריקער און נידעריקער. ראובֿעלע האָט שוין געשפּילט פֿאַר פֿינף און זיבעציק און פֿאַר פֿופֿציק און פֿאַר פֿינף און צוואַנציק קערבלעך. ס'איז אַ חרפּה, איין מאָל גאָר פֿאַר פֿופֿצן און פֿאַר צען... אין דער קאָמפּאַניע האָט ער ניט געקאָנט מער האַלטן קיין פֿיר און צוואַנציק מאַן, נאָר אַכצן, דערנאָך צוועלף, און דערנאָך גאָר צען און זעקס... אַוודאי זענען נאָך געבליבן עלטערע לײַט, וואָס זיי האָבן געזאָגט, אַז מיט אַן אַנדער מין שפּיל ווי ראובֿעלעס קאָנען זיי זיך ניט געוויינען! אָבער ער איז שוין געוואָרן אויס יום־טובֿ! דעם הונדערטער האָט איצט גענומען שימעלע, און אַ מאָל ק״ן אָדער רי״ש. פֿון בראָדסקין האָט ער גאָר מיטגעבראַכט אַ מאַסע געלט, נאָר ער האָט ליב געהאַט אַ קערטל.

אָט דאָ איז געקומען אַ חתונה בײַ שאול עטינגער. אַוודאי מוז דאָרט שפּילן שימעלע, און מע זאָגט, אַז ער וועט בעמען דרײַ הונדערטער, אָבער אַזוי גלאָט איז די מעשׂה ניט. בײַ אַלע פֿריערדיקע קינדער פֿלעגט ראובֿעלע שפּילן, און ער האָט געהאַט די חזקה, און גלאָט אַזוי שפּיכת־דמים, גיי מבֿייש זײַן אַ מענטשן! אַז ס'וואָלט געווען אויפֿן אַלטן עטינגער אַליין, וואָלט ער פֿאַרט גענומען ראובֿעלען, אָבער דער יונגער דור און די ווײַבער האָבן געמאַכט אַ געפּילדער. אַן עלטערער זון זײַנער האָט זיך אַפֿילו מישבֿ געווען און האָט געוואָלט געבן ראובֿעלען אַ הונדערטער אָפּטרעטגעלט, האָט זיך ראובֿעלע צעוויינט ווי אַ קליין קינד. האָט מען געמאַכט אַ פּשרה, און ס'איז געבליבן, אַז צום חתן־מאָל זאָל שפּילן ראובֿעלע און צו דער חופּה און צו דער גרויסער וועטשערע זאָל שפּילן שימעלע. דאָ האָט זיך שימעלע אײַנגעעשפּאַרט און האָט געזאָגט, אַז אויב ניט ער אַליין וועט שפּילן אַלץ, וויל ער גאָרניט שפּילן. איז געגאַנגען דער אַלטער עטינגער אַליין און האָט אים אַזוי לאַנג געבעטן, ביז ער האָט בײַ אים געפּועלט.

וואָס־זשע טוט ראובֿעלע? אויפֿן חתן־מאָל, אַז די מיידלעך האָבן געטאַנצט, איז ער געזעסן אַן אַ זײַט און האָט געהייסן גדליהן, דעם וואָס איז נאָך אים, פֿירן די קאָמפּאַניע. אָבער דערנאָך, אַז ס'איז געקומען צו דער וועטשערע, — ס'איז געווען אַ חתן־מאָל מיטן חתן, דאָס הייסט דער חתן איז זיך צונויפֿגעקומען מיט דער כּלה נאָך אַ טאָג פֿאַר דער חופּה, ווי מע טוט דאָס בײַ גרויסע גבֿירים, — דער עולם האָט זיך אַנידערגעזעצט בײַ

די גרויסע טישן, וואָס זענען געווען געדעקט מיט זילבער, און קאַראַפֿן ווייַן זענען געשטאַנען, אַז ס'האָט געפֿינקלט, און פֿון די פֿיש, וואָס מע האָט דערלאַנגט אויף טייַערע פֿאַרצעלאַנענע טעלער, האָבן זיך צעלאָזט די ריחות. האָט ראובֿעלע זיך אַנידערגעשטעלט, אַרויסגענומען אַ רויטע פֿאַטשיילע און זיך אַ וויש געטאָן דעם שטערן, גענומען די פֿידל און זי אַנגעשפּאַרט אויפֿן אַקסל און האָט געגעבן אַ שמיר מיטן שמיציק — וואָס זאָל איך אייַך זאָגן, איך האָב געקענט אומאַנער ייִדן, וואָס זיי האָבן געהערט ראובֿעלען צוואַנציק יאָר כּסדר און שימעלען אויך — אַזוינס האָבן זיי אין זייער לעבן ניט געהערט; ס'איז געווען, ווי אַ ליד פֿונעם הימל אַליין לאָזט זיך אַראָפּ און טוט זיך אַרייַן אין איטלעכער נשמה. ס'איז געווען, ווי כּל־נדרי מיט מוסף פֿון ראש־השנה און נעילה אין איינעם... דער עולם האָט פֿאַרגעסן, אַז ס'איז אַ חתונה; מ'איז געזעסן און מע האָט זיך ניט גערירט פֿון אָרט. וואָס מיר עסן, ווער מיר עסן! און ראובֿעלע גייט אויפֿן פֿידל טיפֿער, אַלץ טיפֿער. אַלע חלומות פֿון אַ מאָל, און זייַן ירידה, זייַן מוראַדיקע ירידה, אַלע פּופּציק יאָר זייַנע, וואָס ער האָט געלעבט, און ער האָט אַ סך געלעבט, אַלץ לייגט ער אַרייַן אין דעם שפּילן. בייַ יעדן צי שפּרינגט די נשמה און ציט זיך די נשמה מיט אַ מין דבֿקות און אַ צער אין איינעם. סע קומט פֿאָר, ווי איינער זאָגט ווידוי. די פֿידל רעוועט און וויינט, אַלע קולות גיסן זיך אין איינעם, און ציִען אויף באַרג און טאָל. סע גייט אַוועק אַ שעה, צוויי, דרייַ, פֿיר! דאָס שפּיל הייבט אַלע מאָל אָן פֿון נייַעם, און אַלץ שטאַרקער און מוראַדיקער. ווי שווערע וואָלקנס ציִען איבער דאָס גאַנצע לעבן פֿון אַ מענטשן, און ער זאָגט אייַך אַלץ און רעדט צו אייַך... און דער גאַנצער עולם איז געזעסן ווי פֿאַרכּישופֿט! פֿאַרגעסן, פֿאַרגעסן האָט יעדער, וואָס איז דאָ און פֿאַר וואָס ער זיצט דאָ; אַזאַ שפּיל נעמט אַ מענטשן פֿון אינעווייניק און פֿון אויסנווייניק... האָט דאָך איטלעכער אין דעם, וואָס ער זאָגט אויפֿן פֿידל, אַ חלק, זייַן אייגענעם חלק, און ראובֿעלע האָט אַנגעלייגט דעם קאָפּ אויפֿן פֿידל, און זאָגט. דער שמיציק טוט זייַנס און שפּילט און שפּילט... ס'הייבט שוין אָן צו טאָגן. אין דעם גרויסן שאַלאַש פֿון גלאָז ברענען די הענגלייַכטער ווי דערשראָקן... קיינער רירט זיך ניט פֿונעם אָרט, און מע הערט, מע הערט. דער גאַנצער עולם האָט זיך אויפֿגעכאַפּט. דאָ רייַסט אַ סטרונע, נאָך איינע, ראובֿעלע פֿאַלט אום... מע האָט אים אַנגעהויבן צו מונטערן, אַוועקגעפֿירט אַהיים, און אין דעם אייגענעם טאָג איז ער געשטאָרבן.

אַז די כּלה איז געגאַנגען צו דער חופּה פֿיר אַ זייגער בייַ טאָג, און קינד און קייט זענען געשלאָפֿן, האָט מען ראובֿעלען באַגראָבן...

דער בן־יחיד

אַ מעשׂה פֿון לעבן

אין דער גמרא איז פֿאַראַן אַ שפּרוך: גזרה היא על המת שישתכח מן הלב, פֿאַרטײַטשט אויף ייִדיש וועט דאָס הייסן, ס׳איז נגזר געוואָרן פֿון הימל און ס׳איז אַזוי באַשטימט פֿון אויבן, אַז אַ מענטש זאָל קאָנען פֿאַרגעסן אַן אַ מת און אַז מע זאָל נישט אייביק וויינען נאָך אַ טויטן... וואָרעם ווען עס וואָלט ניט אַזוי געווען, וואָלט מען דאָך גאָרניט געקאָנט אויסהאַלטן אויף דער וועלט און סע וואָלט פֿאַר די לעבעדיקע געווען נאָך אַ סך ערגער, ווי פֿאַר די טויטע. אַ מאָל אָבער טרעפֿט זיך אַ יוצא־מן־הכּלל, אַן אויסנאַם פֿון דעם, וואָס איז דער שטייגער בײַ ס׳רובֿ מענטשן, און פֿון אַזאַ אויסנאַם וויל איך דאָ דעם לעזער דערציילן.

*

אין אַ שטעטל לעבן ליגנעץ האָט געלעבט אַ יונגער־מאַן מיטן נאָמען נתן־נטע. דאָס איז געווען אַ מענטש פֿון אַ יאָר דרײַסיק, מיט אַ שיינעם ווײַסן פּנים און אַ קויל־שוואַרצער באָרד, וואָס האָט אַרומגערינגלט דאָס פּנים. געגאַנגען איז ער תּמיד ריין אָנגעטאָן און פֿלעגט טראָגן די פּלודערן איבער די שטיוול. נתן־נטע איז געווען אַ שטיק אָדם־שלם, ער האָט געקענט דיקדוק, איז געווען אַ בעל־תּנ״ך און געלערנט האָט ער תּמיד מיט אַ פּאָר נגידישע ייִנגלעך, ניט פּראָסט בתּורת מלמד, נאָר ווי אַ שטיק לערער. געוווינט האָט ער אין צוויי שיינע חדרים ניט ווײַט פֿונעם טײַך, ווו מ׳איז זיך געגאַנגען באָדן, און פֿון די פֿענצטער איז געווען אַ פֿרײַער בליק... און אויך אין די חדרים איז געווען ריין, ווי בײַ אַ לערער, און ניט ווי בײַ אַ מלמד. די ספֿרים זענען געווען אײַנגעבונדן און אָפּגעהיט, און געהאַט האָט ער דעם חומש מיטן ״ביאור״ און אַ סלאָוואַר פֿון שטיינבערגן... נאָר אַ ווײַב האָט ער געהאַט דוואָסיע מיטן נאָמען, וואָס איז גאָרניט געווען קיין שיינע; זי איז געווען העכער פֿון אים מיט אַ קאָפּ און האָט געהאַט אַ געשטופּלט פּנים. דאָס איז געווען אַ שרײַערקע און אַן עכטער ווײַבערשער שלאַק, אים אויף צו

להכעיס איז זי געווען שטענדיק קויטיק אַנגעטאָן און אויפֿן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ טיכל, ניט קיין שייטל.

כאָטש זיי האָבן ניט באַדאַרפֿט אַ סך צו האָבן — ס'איז שוין געווען אַוועקגעגאַנגען אַכט יאָר נאָך דער חתונה און זיי האָבן ניט געהאַט קיין קינדער, און צוויי מענטשן אַליין האָבן ניט קיין גרויסע הצטרכות אין אַ קליין שטעטל — האָט זי זיך געמאַכט אויפֿן מאַרק אַ שטעל פֿון זאַלץ און הערינג און האָט געקרעמערט דעם גאַנצן טאָג און זיך אָפּגעגעסן דאָס האַרץ. אַהיים פֿלעגט זי קומען נאָר אויף אַ מינוט, כאַפּן אַ פֿריִערטאָפּ, צי קאָכן אָנבײַסן אויף איין פֿוס, צי גלאַט אַזוי אַ שרײַ טאָן אויפֿן מאַן; און איידער ער הייבט זיך אויף און גיט אָן ענטפֿער, איז זי שוין פֿון יענער זײַט טיר. ליב האָבן זיי זיך קיין מאָל ניט געהאַט. איך ווייס אַליין ניט, וואָס איז דאָס געווען פֿאַר אַ זיווג צווישן זיי ביידע און צו וואָס האָט די השגחה זיי צונויפֿגעבראַכט אין איינעם? דער חומש מיטן ביאור נתן־נטעס און דוואָסיעס זאַלץ און הערינג זענען לחלוטין ניט געווען קיין מחותנים... און גלאַט אַזוי האָט מען קיין הכרחיות ניט געזען, אַז זי מוז דאָס דווקא אים האָבן פֿאַר אַ מאַן, צי להיפּוך, אַז זײַן ווײַב מוז דווקא זײַן זי.

און דאָ טרעפֿט זיך אויף איין מאָל, אַז דוואָסיע איז פֿאַרגאַנגען אין טראָגן און עס ווערט זיי געבוירן אַ קינד, אַ ייִנגל, אומגעריכט! דעם קינד האָט מען צום ברית געגעבן אַ נאָמען יואליק, און מיט אָט דעם קליינעם יואליק הייבט זיך אָן אַ נײַע תּקופֿה אין לעבן פֿון נתן־נטען און פֿון זײַן ווײַב דוואָסיען.

איז זייער לעבן פֿריִער שוין ניט געווען זיס, טאָ איז עס אַצינד געוואָרן אויף דער אמתן זויער און ביטער. זיי האָבן אָנגעהויבן ביידע צו ציטערן פֿאַר דעם קינד און האָבן זינט דעמאָלט ניט געהאַט קיין רויִקע מינוט. עפּעס אַ קלייניקייט צו האָבן אַ קינד, איין אויג אין קאָפּ, אַזאַ ווייך גופֿל און אַ ילד־רך, וואָס איטלעכס ווינטל קאָן עס אַוועקבלאָזן! גאַנצע טעג פֿלעגן זיי ניט אַוועקגיין פֿון זײַן וויגעלע און האָבן אַלץ אָפּגעהיט דאָס קינד. אַז דאָס קישעלע האָט זיך נאָר אַ ביסל פֿאַררוקט אויף אַ זײַט, זענען זיי שוין געווען אויסער זיך, איטלעכס רויט פּינטעלע אויפֿן פּנימל האָט זיי אָנגעיאָגט אַ שרעק: זיי האָט זיך אויסגעמאָלט, אַז דאָס לעבן פֿון קינד הענגט אויף אַ האָר, און אָט־אָט ווערט דאָס צעריסן; אַזאַ אימה־ופּחד האָט זיך אַרויפֿגעלייגט אויף זייער נשמה... און כאָטש איידער דאָס קינד איז געבוירן האָט מען געזען קלאָר, אַז נתן־נטע און זײַן ווײַב דוואָסיע האָבן געהאַט צוויי פֿאַרשיידענע טבֿעס: וואָס אים איז געווען ליב, איז איר געווען אומליב, און ס'איז ניט געווען איין זאַך, וואָס ביידע זאָלן דערין זײַן בהסכם, — האָט זיך נאָך דעם, אַז יואליק איז געבוירן געוואָרן, באַוויזן, אַז בנוגע צו דעם

קינד און דעם ציטערן און פּלאַטערן איבער אים, זענען זיי געווען ביידע גלײַך, ווי איין מאַמע וואָלט זיי געהאַט. דאָס קינד האָט באַדאַרפֿט נאָר אַ פּיפּס צו טאָן, האָבן זיי באַלד אָנגעהויבן איינער צום אַנדערן: וואָס שטייסטו ווי אַ קלאָץ? גיב דאָך עפּעס דעם קינד. טאָמער איז ער ניט גוט אײַנגעוויקלט. אַוווּ איז די באַבע? מע מוז רופֿן דער באָבען. אָן אַנדער באַבע קומט אַלע טאָג זיך נאָכפֿרעגן אויפֿן קינד, נאָר זי, די הולטײַקע, האָט זיך גענומען אירס און מע זעט זי גאָרנישט. זויגן האָט דוואָסיע ניט געקאָנט, האָט מען געמוזט אויפֿציִען דאָס קינד מיט אַ פֿלאַש; פֿון אָן אָם האָבן זיי ניט געוואָלט הערן — ווי טאָר דאָס אַ פֿרעמדער מענטש זיך צורירן צו זייער קינד? דאָס טעפּעלע פֿון דער מילך האָט קיינער ניט געדאַרפֿט נעמען אין האַנט אַרײַן. אַ טייל האָבן געזאָגט, אַז פֿאַר אַ קינד איז גוט ציגענע מילך, האָט מען באַלד געקויפֿט אַ מעלקעדיקע ציג! אַפֿילו דאָס וואַסער, וואָס מע האָט געקאָכט צו באָדן דאָס קינד, איז געווען אַ מין קודש; דער טאָפּ האָט געמוזט זײַן שפּאָגל־נײַ, נאָר־וואָס פֿון מאַרק, און געשטאַנען איז ער נאָך דעם אין אַ ווינקעלע ווי עפּעס פּסחדיקס...

שפּעטער, אַז דוואָסיע האָט שוין געמוזט אַרויסגיין צו איר שטעל, פֿלעגט זי אַלע האַלבע שעה קומען אַ זע טאָן דאָס קינד; און טאָמער איז ניט געווען אַלץ אַזוי אַקוראַט, האָט זי געקאָנט דעם מאַן צעדראַפּען דאָס פּנים: אַזאַ טאַטע, גיט ניט אַכטונג אויף זײַן קינד! און ער, וואָס ער האָט פֿריִער ליב געהאַט איר צו פֿאַרשווײַגן, פֿלעגט איר באַלד ענטפֿערן: אַ מאַמע איז דאָס, גייט אַוועק צו דער שטעל און לאָזט דאָס קינד אַליין! איך בין דיר מוחל דײַנע פֿאַרדינסטן, אַבי זײַ שטענדיק בײַם קינד. און ער אַליין האָט אויך ניט געקאָנט עוסק זײַן אין זײַן מלאכה. אין מיטן לערנען מיט די יינגלעך, איז ער אַלע ווײַלע געלאָפֿן צום וויגעלע... האָט דאָס קינד אָנגעהויבן צו שרײַען, האָט ער גלײַך געשיקט אַ תּלמיד נאָך דוואָסיען אין מאַרק אַרײַן; און זי אין איין לויפֿעניש: אַ דונער האָט זי ניט דערשלאָגן! פֿאַרגעסן איבערצוזײַען די מילך! און האָט גענומען שעלטן זיך מיט טויטע קללות און זידלען, ווי דוואָסיע קאָן זידלען... האָט דאָס קינד געשלאָפֿן, האָט קיינער ניט געטאָרט אויסרעדן אַ וואָרט, ווי אויסגעשטאָרבן איז אַלץ געווען אין שטוב, מע איז געזעסן און מע האָט זיך ניט גערירט פֿון אָרט. אָט דאָס קליינע נפֿשל, וואָס האָט קוים געווויגן צען פֿונט, האָט געהאַט די ממשלה איבער זײַן טאַטן און מאַמען, אויף זײַן פּסוק און אויף איר שטעל אין מאַרק. די גאַנצע וועלט איז פֿאַר זיי געוואָרן אַנדערש, דער טאָג און די נאַכט, די שבתים און די יום־טובֿים. ניט דעמאָלט איז געווען שבת, ווען גאָט האָט באַפֿוילן, אַז מע זאָל רוען, נאָר דעמאָלט, ווען יואליק האָט געוואָלט

אַ טאָג זײַן רויִק, און בשעת זיי האָבן ניט געהאַט דעם צער, טאָמער איז ער ניט געזונט, טאָמער פֿעלט אים עפּעס, חלילה. האָט זיך אָבער יואליקן פֿאַרגלוסט פֿרײַטיק צו נאַכט צו שרײַען, איז שוין געווען פֿאַרשטערט דער גאַנצער שבת, און מען איז געזעסן אין איין פּחד... דאָס, וואָס אַלע קינדער האָבן ליב צו שרײַען גלאַט אַזוי, ווײַל עס פֿרייט זיי צו שרײַען, און דאָס איז דער איינציקער דרך פֿאַר קליינע באַשעפֿענישן צו באַווײַזן, אַז זיי זענען ניט געקומען אויף דער וועלט גלאַט ווי לײדיק־גייערס, דאָס האָבן זיי ניט געוווּסט, און איטלעכס שרײַען איז געווען בײַ נתן־נטען און בײַ דוואָסיען אַ סימן פֿון קראַנק זײַן; אַ הוסטל איז גאָר געווען אַ סכּנות; ווער שמועסט, אַז דאָס קינד האָט געקראָגן אַ ביסל היץ, איז גלײַך אויסגעוואַקסן דער רופֿא, און זיי האָבן פֿאַר אים געוויינט און געקלאָגט, און ער האָט זיי געמוזט שווערן, אַז דאָס קינד וועט לעבן. נתן־נטע האָט זיך דערנאָך גענומען שטאַרק צום "רופֿא־הילדים", און די כּללים און געלערעכצן האָבן אים נאָך מער צעמישט. דוואָסיע איז אַרומגעלאָפֿן צו שכנטעס און צו אַזוינע, וואָס זענען געניט אין אויפֿציִען קינדער, און האָט זיי געשלעפּט, זיי מוזן נאַכזען, וואָס איז אַצינד איר יואליקל, און האָט בײַ זיי חוקר־ודורש געווען נאָך אַלע סגולות און רפֿואות. און אַז ס'איז געקומען אַ שכנטע און איז צוגעגאַנגען צו דער וויג און האָט געזאָגט, אַז דעם קינד איז גלאַט גאָרניט, הלוואי אויף איר קליינעם וואָרעם געזאָגט, האָט דוואָסיע נאָך מער מורא געהאַט, וואָרעם טאָמער גיט זי יואליקן אַ גוט־אויג. פֿאַר אַ גוט־אויג האָט זי מורא געהאַט אימת־מוות. אַפֿילו נתן־נטע, וואָס האָט געהאַלטן, על־פּי השׂכּלה, אַז אַ מענטש טאָר זיך ניט אַרײַנלאָזן אין אַבערגלויבן, האָט מורא געהאַט פֿאַר אַ גוט־אויג... די ייִנגלעך אין חדר איז געווען דעמסטמאָל אָנגעזאָגט, ניט חלילה צוצוגיין צו דער וויג. דער פֿאָטער אַליין האָט ניט געטאָרט אַ סך קוקן אויפֿן קינד; די מוטער האָט שטענדיק געבעטן רחמים, מע זאָל זיך ניט געבן אַן איבעריקן ריר צום קינד. הכּלל, קינד אַהער, קינד אַהין, ביידע מענטשן, נתן־נטע און דוואָסיע, האָבן לחלוטין גאָרניט מער געלעבט און האָבן נאָר אין זינען געהאַט דאָס קינד. געוואַשן דאָס קינד, געבאָדן דאָס קינד, געוואַשן די ווינדעלעך, געטריקנט די ווינדעלעך, געמאַכט נאָך אַ קישעלע און נאָך אַ קישעלע, גענייט העמדעלעך. און האָט מען אים אָנגעטאָן דאָס העמדל, האָט זי — אַ זויערע ייִדענע, וואָס אין איר הויז איז קיין טראָפּן שׂמחה ניט געווען, און וואָס אַפֿילו אויף איר חתונה האָט זי זיך ניט געפֿרייט — געקאָנט אָנהייבן צו טאַנצן. און טאַקע מניה־וביה, אַז נתן־נטע האָט גענומען דאָס קינד און איר האָט זיך געדאַכט, ער גיט דעם אַן איבעריקן צי אַדער אַ קוועטש, האָט זי געקאָנט אָנהייבן שרײַען: גזלן, רוצח, דו

הרגעסט מיר אַוועק דאָס קינד! און ער טאַקע באַלד צוריק: וואָס מאַטערסטו דאָס קינד מיט דײַן אָנטאָן? דאָס קינד וועט זיך נאָך פֿאַרקילן. אַזוי איז ניט געווען קיין מינוט רו און שטענדיק האָט מען זיך געקריגט און געזאָגט, אַז מע איז נישט יוצא פֿאַרן קינד. באַלד האָט מען זיך פֿאַראייניקט, אַז מיט ביידנס כּוחות זאָל מען אָפּהיטן דאָס קינד און אַכטונג געבן אויף דעם קינד, און באַלד האָט איטלעכער פֿון זיי אַליין געוואָלט האָבן די השגחה אויפֿן קינד און האָט דעם אַנדערן ניט געטרויט.

ווי האָט נתן־נטע געקאָנט האָבן אין זינען לערנען מיט תּלמידים, וואָס מע האָט אים פֿאַר זיי געצאָלט? וואָס האָט דוואָסיע געקאָנט האָבן אין זינען די קראָם, צי גאָר טראַכטן, אַז מע נעמט איר אַוועק אַ קונה? אין מיטן זיצן אויפֿן מאַרק האָט איר געקאָנט אײַנפֿאַלן, טאָמער ברעכט אײַן דער באַלקן פֿון דער סטעליע איבער דער וויג און פֿאַלט און צעקוועטשט דאָס קינד; צי די שטריק, וואָס די וויג הענגט אויף זיי, צערײַסן זיך און די וויג פֿאַלט אַראָפּ; צי אַ קאַץ שפּרינגט אַרויף און גיט אַ דראַפּ דאָס קינד; צי אַ הון פֿליט אַרײַן דורכן פֿענצטער און פּיקט אויס דעם קינד אַן אויג. די אייגענע מינוט האָט זי שוין געקאָנט זײַן אין דער היים און אָפּדרייען דער הון דעם קאָפּ, צי געבן דער קאַץ אַ באַך מיטן פֿוס, כאָטש זי האָט געזען, אַז יואליק איז געזונט און נישט אָנגערירט. נתן־נטע האָט אין בית־המדרש אָנגעווירן דעם חשק צו רעדן פֿון נײַס, צי גלאַט אַזוי האָבן מיט עמעצן אַ וויכּוח וועגן אַ כּלל אין דיקדוק, צי פֿרעגן דעם טײַטש פֿון אַ וואָרט אין ישעיה... וואָס מע רעדט צו אים, ענטפֿערט ער ניט צו דער זאַך, וואָרעם ער האָט נאָר אין זינען זײַן בן־יחיד...

אַזוי איז דאָס געווען אַלע טאָג און אַלע נאַכט, ביז גאָט האָט געהאָלפֿן, אַז דאָס קינד איז אויף אַן אמתן נישט געזונט געוואָרן, ווי אַלע קינדער אין די ערשטע חדשים; ס'איז געוואָרן אַ געלויפֿעניש און אַ גערודער, אַז די שטוב איז געגאַנגען כאַדראָם. געלאָפֿן צום פֿעלדשער, געלאָפֿן אין אַפּטייק, גענומען טאָן באַבסקע רפֿואות; און טאַקע ווידער פֿונעם "רופֿא־הילדים". ווער טראַכט פֿון עסן און טרינקען צי פֿון אָפּרוען. ער און זי זענען געזעסן די גאַנצע נאַכט איבער דער וויג אַריבערגעבויגן צום קינד און האָבן עס שיִער ניט זאַדושעט מיט זייער דעך. אַז דער פֿעלדשער האָט פֿון זיי אויסגעהאַלטן, איז ער געווען פֿון אײַזן. זיי האָבן אים ממש נישט געלאָזט לעבן און געוואָלט, ער זאָל בײַ זיי טאָגן און נעכטיקן. ווי האָט ער אַ האַרץ צו גיין צו אַנדערע, אַז זייער קינד איז קראַנק? פֿאַר וואָס האָט ער אויף זיי קיין רחמנות נישט?

ס'איז געווען אַזוי, ווי אויבן אויף איין וואָגשאָל ליגט דער קליינער יואליקל

מיטן שפיציקן קעפל, און אויף דער אַנדערער וואָגשאָל איז די גאַרע וועלט מיט די מענטשן און די ימים־ומדבריות, און נתן־נטע און דוואָסיע שטייען און מוזן ציִען מיט אַלע כּוחות די שאָל פֿון יואליקן, כּדי יענע שאָל זאָל נישט אַרויפֿציִען.

די קראַם האָט דוואָסיען ניט געטראָגן אַ פֿערטל פֿון דעם, וואָס זי האָט געטראָגן פֿריִער. ביַי אים, ביַי נתן־נטען, האָט איין ייִנגל גאָר אויפֿגעהערט צו קומען צו אים לערנען און האָט זיך נישט געשעמט צו זאָגן דעם פֿאָטער, אַז ער צאָלט אומזיסט שׂכר־לימוד... די אַנדערע ייִנגלעך, וואָס זענען נאָך געבליבן, איז דאָס גיין אויך געווען נמאס־ומיאוס; און אַז זיי פֿלעגן בליַיבן אַליין אין חדר, האָבן זיי געקאָנט נאָכמאַכן דעם לערער און די לערערקע, ווי זיי פֿלאַטערן איבער דעם קינד. ייִנגלעך שקצים! וואָס ווייסן זיי פֿון אַ האַרץ פֿון אַ פֿאָטער און אַ מוטער!

און וואָס דאָס קינד ווערט עלטער אַ חודש, ווערט עס נישט גרינגער, נאָר נאָך אַלץ שווערער. דוואָסיע און נתן־נטע האָבן נאָך מער געהאָנגען אָן אים און געציטערט איבער אים. ס'איז שוין גאָר קיין לעבן אין זיי נישט געווען, נאָר דאָס קליינע פֿיַיערל יואליק האָט אין זיי געקוילט... איז פֿריִער געווען דער פֿעלדשער, האָט זיך אַצינד אַנגעהויבן ביַי איטלעכער קלייניקייט מיטן רופֿא. ס'איז געווען אַזוי, אַזביידע האָבן זיי געהאַלטן פֿאַר פּראָסטע משוגעים און האָבן שוין גאָרנישט געוואָלט גיין, אַז מע האָט זיי גערופֿן; און דערפֿאַר אַליין האָבן זיי געטראַכט, אַז יענע האָבן זיך מייאש געווען פֿון דעם קינד און זיך געריסן די האָר און אָנגעטאָן מעשׂים. איין מאָל איז דוואָסיע אויפֿגעשטאַנען אין דער פֿרי מיט אַ געוויין: ס'האָט זיך איר געחלומט, אַז דעם קינד האָט געטראָפֿן אַן אומגליק. און ווי נתן־נטע האָט ניט געהאַלטן פֿון חלומות, איז ער געלאָפֿן צו נאָך דריַי ייִדן, זיי זאָלן אים פּותר־חלום זיַין... דער געדאַנק, אפֿשר קומט אין זייער שטוב ווידער אַ שלאָפֿקייט, האָט זיי געקאָנט שיִער משוגע מאַכן. די גאַנצע גאַס האָט געציטערט וועגן דעם קינד. אַפֿילו אַזוינע וואָס האָבן ביַי זיך אויך געזען קינדער געבוירן ווערן און שטאַרבן, ווי דער שטייגער איז ביַי ייִדן, וואָס האָבן אַ סך קינדער, און וואָס ווייסן נאָר, אַז מע מוז אויסגיסן דאָס וואַסער, אַז סע שטאַרבט אַ קינד, האָבן געוווּסט, אַז ווען חלילה סע זאָל שטאַרבן דאָס קינד פֿון נתן־נטען און דוואָסיען, וועט דאָס זיַין אַ שרעקלעכער אומגליק.

און דאָ טרעפֿט זיך טאַקע, אַז סע גייען אַרום מאָזלען אין שטעטל, און יואליק ווערט אויף דער אמתן קראַנק. מילא, וואָס זאָל איך איַיך אָפּמאָלן, וואָס דוואָסיע און נתן־נטע האָבן דעמאָלט אָנגעגעבן? באַדאַרף איך איַיך צו זאָגן, אַז ביידע האָבן זיי אויסגעזען, ווי מע ציט זיי אַרויס פֿון דער ערד?

זיי האָבן שוין גאַרנישט געהאַט קיין כּוח צו שרײַען און צו יאָמערן, ס'איז געווען אַ שרעק אויף זיי אַ קוק צו טאָן. זיי זענען פּשוט געקראָכן אויף די ווענט, כּדי צו ראַטעווען דאָס קינד. ייִדן בני־רחמנים! איך ווייס, עס זענען געווען אַזעלכע ווײַבער, וואָס כאָטש זיי קערן זיך גאַרנישט אָן מיט נתן־נטען און מיט דוואָסיען און האָבן אויך אַ מאַמעס האַרץ, וואָלטן געקענט מפֿקיר זײַן דאָס לעבן פֿון זייערע אייגענע קראַנקע קינדער, אַבי יואליקל, אַט דאָס קליינע באַשעפֿעניש, וואָס שוין נײַן חדשים אַז מע לייגט פֿון זײַנעטוועגן אײַן די וועלט, זאָל בלײַבן לעבן.

אָבער ואין־רחמים־בדין! דער אייבערשטער האָט ניט ליב, אַז די מענטשן זאָלן זײַן קליגער פֿאַר אים. און דערפֿאַר אַליין טאַקע, וואָס מען האָט אַזוי געפּילדערט און גערעשט וועגן יואליקן און געהאַלטן צוגעשלאָסן זײַן לעבן מיט טויזנט שלעסער, האָט ער געוויזן, אַז סע העלפֿט גאַרנישט, אַז ער וויל נישט...

דעם טויט פֿון יואליקן און זײַן קבֿורה, ווי די מוטער האָט זיך ווי אַ לייבין געוואָרפֿן איבער דעם טויטן קינד און עס ניט געלאָזט פֿונעם קבֿרות־ייִד אַוועקטראָגן; די בכיות און די יללות, דאָס רײַסן די האָר פֿון קאָפּ און דאָס בײַסן אין די פֿינגער, אַז סע זאָל שפּריצן דאָס בלוט, טאַקע ווי בײַ די עובֿדי־כּוכבֿים פֿון אַ מאָל און גאַרניט ווי בײַ ייִדן, וואָס גאָט האָט זיי געגעבן די אמונה און דעם כּוח צו דערטראָגן דעם צער, — דאָס אַלץ אָפּצומאָלן פֿאַרמאָגט ניט אַ פּען פֿון אַ ילוד־אשה.

*

און מיינט איר, אַז דאָ לאָזט זיך שוין אויס די מעשה? ניין, זי הייבט זיך ערשט רעכט אָן. נתן־נטע און דוואָסיע זענען ניט פֿון די דאָזיקע, וואָס זאָלן אויף זיך מקבל זײַן דעם גזר־דין באַהבֿה און פֿאַרגעסן יואליקן. ווי קען מען פֿאַרגעסן דאָס איינציקע קינד, וואָס מע האָט עס געהאַט בײַ זיך כּסדר נײַן חדשים? דאָס קינד וואָלט נאָך אַצינד געקענט לעבן און זיי וואָלטן אים מגדל געווען... פֿאַר וואָס מוז גראַד זייער קינד שטאַרבן? אַ סך קינדער זענען דאָך קראַנק געוואָרן אויף מאַזלען און זענען געזונט געוואָרן, נאָר יואליק, ז ײ ע ר יואליק, האָט געמוזט שטאַרבן! פֿאַר וואָס האָבן זיי ניט אַראָפּגעבראַכט אַ דאָקטער פֿון לינעץ? פֿאַר וואָס האָבן זיי זיך ניט אויסגעטאָן ביז אויפֿן העמד, כּדי צו ראַטעווען דאָס קינד? — נתן־נטע האָט נאָר באַדאַרפֿט אויפֿעפֿענען דעם תּהילים און קומען אויפֿן פּסוק ״על־מות־לבן״, און זיך צעוויינען, ווי אַ קליין קינד. אַלע טאָג פֿלעגט ער זאָגן קדיש נאָכן זון גאַרניט ווי דער שטייגער איז; אים איז געווען דער ״יתגדל ויתקדש שמיה

רבה" נאָר אַ מזכּרת עוון, ווי ער דערמאָנט זיך אָן אַ זינד... ס'איז שוין געווען נאָך שבֿעה און נאָך שלושים, ס'איז שוין באַלד געווען אַוועקגעגאַנגען דאָס ערשטע יאָר נאָך יואליקס טויט, און דער שאָטן פֿון יואליקן איז נאָך אַלץ געווען אין שטוב און דער צער איז געווען אַזוי גרויס, ווי ווען ער וואָלט ערשט נעכטן געווען געשטאָרבן. אַז יואליק וואָלט אַצינד נאָך געלעבט, וואָלט ער שוין געווען אַלט באַלד צוויי יאָר און וואָלט שוין געגאַנגען און אפֿשר גערעדט. זיי זעען אים אַקאָרשט ווי ער גייט, און ער רייַסט די מוטער בייַם פֿאַרטעך.

דאָס יאָר האָט זיך נתן־נטע פֿאַרעלטערט אויף צען יאָר און האָט באַקומען גרויע האָר אין דער שוואַרצער באָרד. און זי, דוואָסיע, וואָס האָט תּמיד אויסגעזען אַלט, איז שוין גאָרניט געווען צו דערקענען: די אויגן זענען איר אַרייַן אין קאָפּ אַרייַן, דאָס מויל האָט זיך פֿאַרצויגן... אַ לאַנגע צייַט האָבן זיי גאָר געשוויגן און האָבן מורא געהאַט אויסצורעדן דעם נאָמען יואליק. דערנאָך האָבן זיי זיך ווידער אָנגעהויבן צו דערמאָנען פֿון אָנהייב אָן, פֿונעם ערשטן טאָג, ווי יואליק איז געבוירן געוואָרן, און אַלץ וואָס זיי האָבן זיך קענען אים פֿאַרזינדיקט: פֿאַר וואָס איז די וויג תּמיד געשטאַנען אינעם פֿאָדערשטן חדר און ניט אינעם הינטערשטן, וואָס דאָרט איז וואַרע־מער, ווייַל ס'איז לעבן דער קיך? אָפּט מאָל האָט איינער דעם אַנדערן באַשולדיקט אין יואליקס טויט, און איטלעכער האָט דערצו געהאַט זייַנע ראיות און איז געווען זיכער, אַז ער איז גערעכט.

איטלעכס ווינדעלע און קישעלע און העמדעלע פֿון יואליקן האָט מען באַהאַלטן אין קאַסטן און דאָס אָפּגעהיט, ווי אַ ספֿר־תּורה, וואָס מע לייגט ניט מער אין איר. איטלעכע זאַך, וואָס מע האָט נאָך געהאַלטן אין די הענט און וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו יואליקן, האָט מען באַווייַנט און באַיאָ־מערט.

איז פֿאַרבייַגעגאַנגען אַ ייִנגל פֿון דרייַ יאָר, — און ווען יואליק וואָלט אַצינד געלעבט, וואָלט ער אויך אַלט געווען דרייַ יאָר, — האָט מען זיך פּלוצעם דערמאָנט און צעוויינט... פּסח צום סדר האָט מען זיך אַוודאי צעוויינט: אַז יואליק וואָלט אַצינד געלעבט, וואָלט ער דאָך געזעסן מיט זיי בייַם טיש און וואָלט אפֿשר שוין געפֿרעגט די קשיות... האָט אַ שכנטע, וואָס האָט ניט אַזאַ פֿייַנעם רגש, דערציילט דוואָסיען, אַז איר ייִנגעלע הייבט אָן די וואָך חומש, איז דוואָסיע בלוי און געל געוואָרן פֿאַר עגמת־נפֿש און האָט זיך קוים אייַנגעהאַלטן ניט אַרויסצולאָזן אַ געוויין.

נתן־נטען איז דער תּנ"ך, וואָס איז אים פֿריִער געווען דאָס אמתע דער־קוויקעניש, אַצינד געוואָרן אַ גיהנום, וואָרעם ער האָט זיך אַלץ פֿאַרגעשטעלט,

אַז יואליק וואָלט אַצינד געלעבט, וואָלט ער דאָך מיט אים אַליין געקאָנט אָנהייבן פסוק, און אַצינד איז פֿון אים דער נחת־רוח אַפּגענומען געוואָרן אויף אייביק.

ס'איז שוין אַוועק צען יאָר נאָך יואליקס טויט, דאָס עלפֿטע און דאָס צוועלפֿטע גייט שוין צום סוף, און דאָס טרויערן נאָך יואליקן האָט ניט אויפֿגעהערט. מאָלט אייַך אויס, ווען יואליק וואָלט אַצינד געלעבט, וואָלט ער שוין געגאַנגען אויפֿן דרייַצנטן יאָר און וואָלט געוואָרן בר־מצווה... דאָס איז שוין בייַ לייַטן אַ יונג, וואָס מען האָט פֿון אים נחת, און דאָס האָבן זיי געמוזט פֿאַרלירן, ניט יענעם יואליק פֿון נייַן חדשים, ניין — אַ בחור פֿון באַלד דרייַצן יאָר!

און וואָס סע גייט אַוועק נאָך אַ יאָר, ווערט יואליק אַלץ עלטער אין זייער דמיון. ער איז שוין פֿערצן און פֿופֿצן און זעכצן יאָר אַלט. ווען ער וואָלט אַצינד געלעבט, וואָלט ער שוין געקענט פֿיל תּנ״ך און דיקדוק און וואָלט געווען דער אמתער מושלם, ווי נאָר אַ זון פֿון אַזאַ פֿאָטער קאָן זייַן. אַפֿילו אויף די תּלמידים קאָן מען ניט קוקן מיט אַ רויִק האַרץ, וואָרעם איטלעכער דערמאָנט אָן דעם אייגענעם זון. יאָ, אַז ס'איז אַפֿילו פֿאַרבייַגעגאַנגען אַ מיידל אין די יאָרן, וואָס האָט זיי געפֿעלן, האָבן זיי גלייַך געגעבן אַ טראַכט, אַז ווען יואליק וואָלט אַצינד געלעבט, וואָלט ער געקאָנט האָבן אַזוינע פֿאַר אַ כּלה... די גאַנצע צייַט, זינט יואליק איז געשטאָרבן, האָבן זיי ניט געקאָנט גיין אויף שׂמחות; תּחילת ניט — ווען אַ ייִנגל האָט אָנגעהויבן לערנען חומש, דערנאָך ניט צו אַ בר־מצווה, דערנאָך ניט צו אַ קנס־מאָל און דערנאָך ניט צו אַ חתונה.

דוואָסיע און נתן־נטע זענען שוין איבער חמישים, יואליק איז אָבער אין זייער דמיון שוין איבער צוואַנציק, און איצט וואָלט ער שוין אַוודאי געהאַט אַ ווייַב און וואָלט געזעסן מיט איר בייַ זיי אויף קעסט און גאָט וואָלט זיי געהאָלפֿן מיט אָן אייניקל... אַחוץ דעם, וואָס דער זון איז געשטאָרבן, האָבן זיי נאָך אָנגעווירן די שנור און דאָס אייניקל, און ניט איין דור האָבן זיי באַגראָבן, נאָר צוויי דורות...

דרייַסיק יאָר האָבן זיי זיך אַזוי אַרומגעטראָגן מיט דעם צער פֿון יואליקס טויט. אַנדערע אויף זייער אָרט וואָלטן זיך שוין געווען גענומען דאָס לעבן, צי וואָלטן אַראָפּ פֿונעם זינען; זיי האָבן אָבער געטראָגן די צרות. ערשט אַז זיי זענען שוין אַלט געוואָרן זעכציק יאָר, און אין שטעטל איז אומגעגאַנ־גען אַ קראַנקייט, איז נתן־נטע געשטאָרבן און דוואָסיע — מיט איין וואָך שפּעטער. און אין דער וואָך האָט זי געהאַט צו באַווייַנען צוויי טויטע...

דבֿורה אָדער דער הספּד

אַ בלעטל געשיכטע

אין דער תּורה איז פֿאַראַן אַ דין, אַז אַ חתן איז פּטור פֿון גיין אין מלחמה אַרײַן; אַז איינער, וואָס האָט נאָר וואָס חתונה געהאַט, צי האָט געבויט אַ נײַ הויז, צי האָט געפֿלאַנצט אַ נײַעם ווײַנגאָרטן, מוז בלײַבן אין דער היים, כּדי משׂמח זײַן זײַן ווײַב, מאַכן דעם חנוכּת־הבית און צוזען ווי עס בליִען די ערשטע בלומען — און דערפֿאַר איז ער פּטור פֿון גיין דינען, און מ׳טאָר אים נישט נעמען פֿאַר אַ סאָלדאַט. אַ דאַנק גאָט, זענען אַזוינע מנהגים בײַ אונדז נישט תּמיד מקוים געוואָרן, און מ׳האָט בײַ אונדז זיך נישט געהאַלטן שטענדיק אָן דעם דין. פֿאַרקערט, מיר קענען געשיכטעס, וואָס די כּלה אַליין האָט דעם געליבטן חתן געטריבן אין קריג אַרײַן, אַז די נײַע בעלי־בתּים פֿלעגן אַליין צענעמען די הײַזער און זענען געגאַנגען שלאָגן דעם פֿײַנד מיט די הענט, אַז מאַמעס האָבן פֿאַר זייערע בני־יחידים, וואָס זענען געגאַנגען אין קריג אַרײַן, גענייט העמדער... און אַזעלכע געשיכטעס זענען פֿאָרגעקומען נישט נאָר אַ מאָל, נאָר גם בימים הקרובֿים, אין צײַטן, וואָס שטייען גאָרניט ווײַט פֿון אונדז.

אין אַ דאָרף לעבן אַ גרויסער שטאָט אין וואָלין האָט געלעבט אַ ייִדישע פֿרוי מיטן נאָמען דבֿורה. פֿון תּמיד אָן האָט זי געוווינט אין דאָרף. פֿון איר פֿאָטער האָט זי גערירשנט אָן אייגן הויז מיט אַ גאָרטן און אַ שטיקל פֿעלד. איר פֿאָטער האָט זיך דאָרט באַזעצט אין דער צײַט, וואָס ייִדן האָבן דאָרט נאָך געמעגט קויפֿן ערד. דבֿורה האָט פֿאַרשטאַנען צו אַקערן די ערד און צו באַאַרבעטן דאָס פֿעלד, און כאָטש דאָס וואָס זי האָט גערירשנט, איז געווען נישט פֿיל, האָט עס איר געטראָגן אויף היונה און זי האָט געקאָנט אָוועקגעבן פֿאַר אַזעלכע, וואָס האָבן נישט. מענטשן האָט זי געהאַלטן ווייניק, וואָרעם איר זון בערל האָט איר געהאָלפֿן אין אַלעמען. בערל איז געווען אַ דאָרפֿס־קינד, ווי ס׳שטייט אין פּסוק: גרויס געוואַקסן מיט אַ פֿאַרברענט פּנים און צוויי שטאַרקע הענט, וואָס קאָנען אַלצדינג טאָן, און רוען נישט אַ מינוט; אַ יונג, וואָס איז געווען אַ פֿרייד אויף אים צו קוקן, כאָטש אין די קליינע אותיותלעך האָט ער געקענט אַ סך ווייניקער, ווי איך און איר, מײַנע לעזער. דבֿורה איז טאַקע געווען שטאָלץ פֿון איר זון. און כאָטש זי איז אויך נישט

געוועזן פֿון די וואָס האָבן מורא אַליין אַרויסצוגיין בײַ נאַכט, האָט זי אים דאָך באַדאַרפֿט האָבן. ווי זאָגט מען, אַ מענטש איז פֿאַרט נישט קיין הונט. אַ מאַן האָט מען נישט, קרובֿים אויך נישט, נישטאָ קיין שוועסטער און נישטאָ קיין ברודער, און אַ ייִדיש קינד אַליין אין דאָרף. און כאָטש וואַסיל און איוואַן און די איבעריקע גויים זענען געווען מיט איר תּמיד שלום און האָבן געגומען בײַ איר דעם גוטן טרונק בראָנפֿן, מוז מען פֿונדעסטוועגן געדענקען, אַז מ׳איז אין גלות. קידוש קאָן מען און מע מעג מאַכן אויף חלה; און אַז מען וויל, קאָן מען זיך דעם סדר אַליין אָפּריכטן, אָבער אַז ס׳קומט שניט און די אַרבעט אין פֿעלד, דעמאָלט קומט בערל ריכטיק צו ניץ. נישט אומזיסט זענען דאָ מאַנספּאַרשוינען אויף דער וועלט!

דבֿורה און איר זון בערל זענען אויך געווען צוויי גוטע פֿרײַנד. בערל האָט געהאָט דעם אָנבליק פֿון זײַן פֿאָטער, וואָס איז געשטאָרבן יונגערהייט: אַ פֿערד האָט אים אַראָפּגעוואָרפֿן באַרג אַראָפּ און האָט אים דערהרגעט. ווי געזאָגט, זומער איז דאָ פֿיל צו טאָן. דעמאָלט איז נישטאָ קיין צײַט צו זאָכן, וואָס האָבן נישט קיין שייכות צו דער אַרבעט. אָבער אין די לאַנגע ווינטער־דיקע נעכט, ווען אין דרויסן איז אַ זאַווערוכע און אין שטוב איז ליכטיק און וואַרעם, פֿלעגט דבֿורה זיצן אין שטוב און שטריקן זאָקן און בערל פֿלעגט שניצן האָלץ, און איז געווען אַרײַנגעטאָן אין זײַן אַרבעט, — דעמאָלט פֿלעגט דבֿורה קוקן אויף איר קינד מיט אַ פֿרייד, פֿון וועלכע די אויגן ווערן נאַס.

אַ שווערע צײַט איז געקומען דעמאָלט פֿאַר דער גרויסער מדינה, וואָס דבֿורה האָט אין איר געוווינט. נאָך אַ שרעקלעכער מלחמה, מאָלט אײַך אויס אַ לאַנד, אין וועלכן מ׳איז נישט רעכט זיכער מיטן לעבן, וואָס מײַנס איז יענעמס און יענעמס איז מײַנס; וואָס אין מיטן העלן טאָג קאָן מען איבערגעפֿאַלן ווערן, איטלעכער וויל זײַן דער גרעסטער, און איטלעכער וויל אַלץ איבערקערן מיטן קאָפּ אַראָפּ... אין דערפֿער אַרבעט מען נישט מער, מילן שטייען פּוסטע, שפּײַכלערס ווערן אונטערגעצונדן. ממש: איש את רעהו חיים בלעו!

און דאָס אַלץ איז נאָך גאָרנישט אַקעגן דעם, וואָס ייִדן האָבן געהאַט דעמאָלט צו לײַדן. אַ שׂינאה איז אויסגעבראָכן אויף זיי, וואָס מ׳זעט דאָס גאָרנישט. מאָלט אײַך אויס: הונדערטער ייִדישע שטעט זענען אין מיטן העלן טאָג פֿון באַסיאַקעס איבערגעפֿאַלן, אויסגעראַבעוועט ביז אויפֿן לעצטן און פֿיל מענטשן גאָר דערהרגעט. יאָ, די מענטשלעכע רציחה האָט נישט קיין גרענעץ, אַז זי צעלאָזט זיך! קינדער זענען דערשטאָכן געוואָרן פֿאַר די אויגן פֿון זייערע מאַמעס, ווי אין גאַנטעס צײַטן. מע האָט געריסן דאָס

פֿלייש פֿון לעבעדיקע לײַבער און אַלע עינויים־קשים פֿון דער וועלט זענען געמאַכט געוואָרן אויפֿן ייִדישן גוף, ס'איז ממש געווען אויסגעגאָסן די גאַנצע תּוכחה אויף ייִדן!

ניין! קיין נײַע קינה וויל איך נישט שרײַבן, דערצו מוזן מיר האָבן אַ נײַעם „שבֿט יהודה"; בעסער וויל איך דערציילן פֿון די, וואָס זענען אויפֿגעשטאַנען אין דער צײַט בײַ ייִדן, בעת־צרה, און האָבן אָנגעהויבן אָפּצולײַקענען דעם ענין פֿון דער תּוכחה און אַז מע מוז אויף זיך נעמען די שטראָף; און ווען סע שטייט געשריבן: ונסו מנוסת חרב, ייִדן וועלן אַנטלויפֿן פֿאַרן פֿײַנד און וועלן זיך לאָזן אויסהרגענען, האָבן זיי געזאָגט, די יונגע־לײַט, וואָס זענען דעמאָלט געקומען: ניין! מיר וועלן זיך נישט לאָזן! און זיי האָבן טאַקע געפּרוּווט זיך שטעלן קעגן דעם פֿײַנד. די אייגענע יונגע־לײַט, וואָס האָבן מורא געהאַט צו גיין דינען, האָבן זיך אַצינד געקויפֿט ביקסן און האָבן זיך אויסגעלערנט שיסן און געשאָסן אויף די, וואָס זענען געקומען זיי צו דערשיסן. ווי זאָגט דער פּסוק: הבא להרגך, השכם להרגו! אַז איינער קומט דיך אומצוברענגען, מעגסטו אים אויך אומברענגען!

אין דער שטאָט לעבן דעם דאָרף, ווו דבֿורה האָט געוווינט, און אין די שטעטלעך אַרום און אַרום האָט זיך געלאָזט הערן פֿון שרעקלעכע פּאָגראָמען אויף ייִדן. ס'איז געווען אין כּל חדש, ס'האָט זיך אָפּגעטאָן, וואָס ס'האָט זיך אָפּגעטאָן אין אַלע ייִדישע שטעט אין יענער צײַט; אָבער דאָס, וואָס איז נאָענט, פֿאַר דעם איז די מורא גרעסער. אַזוי איז דער מענטש באַשאַפֿן.

אין דער שטאָט, ניט ווײַט פֿון דעם דאָרף, האָט מען שוין געשמועסט פֿון דעם יום־הדין אַ וואָך פֿריִער און מע האָט זיך געריכט יעדן טאָג. אַ טייל זענען זיך צעלאָפֿן אין אַנדערע שטעט און האָבן גאָרנישט אויסגעפֿירט, וואָרעם דאָרט איז געווען נאָך ערגער, דאָס רובֿ איז געבליבן, און ווידער אַ טייל פֿון דעם רובֿ האָט געזאָגט: מיר וועלן זיך שטעלן אַקעגן! יונגע־לײַט מיט אַ הארץ האָבן נישט געקאָנט צולאָזן, אַז זייערע מאַמעס זאָלן געהרגעט ווערן און זייערע שוועסטער זאָלן געשענדט ווערן. זיי האָבן זיך אָנגעגורט מיט שווערדן און געזאָגט, ווי שמעון־ולוי: הכזונה יעשׂה את אחותנו!

ס'איז געווען אַ ווינטערטאָג. אַ קאַלטער און אַ שאַרפֿער ווינטערדיקער ווינט האָט געבלאָזן אין דאָרף, און מיט דעם ווינט זענען געקומען די זיפֿצער פֿון אַן עם־מוכּה, וואָס מע שלאָגט עס. די גויים פֿון דעם דאָרף האָבן זיך געגרייט אין שטאָט אַרײַן, דאָס הייסט, כּדי צוצוקוקן און בשעת־מעשׂה טאַקע מיטצוהעלפֿן. מוזשיקעס, גוטע פֿרײַנד פֿון דבֿורהן, האָבן זיך געמאַכט תּמעוואַטע, ווי זיי דערקענען זי גאָרנישט, און ס'האָט נישט פֿיל געפֿעלט, זיי זאָלן באַפֿאַלן דבֿורהס הויז. מ'האָט נאָר געוואַרט, איינער זאָל קומען און

זאָל הייסן דאָס טאָן... דבֿורה האָט אָבער זיך אַליין נישט אײַן זין געהאַט; אַז זי האָט געזען, אַז די שרעקן הערן נישט אויף, האָט זי גערופֿן איר זון און האָט צו אים געזאָגט: גיי אַהין, צו דײַן פֿאָלק, און העלף.

זי אַליין האָט אים געהאָלפֿן פּוצן דעם ביקס, האָט אים אַרויסגענומען דאָס לעדער מיטן שרויט, אים אַלץ צוגעגרייט אויפֿן וועג און אים געזאָגט, ער זאָל נישט גיין אויפֿן ברייטן שליאַך. אַ פֿרייד האָט אַ בליץ געטאָן אין איר פּנים, אַז זי האָט דערזען איר זון אין אַ האַלבער שעה אָנגעטאָן און גרייט צו גיין...

און בערל איז געגאַנגען מיט אַ מוטיק האַרץ און איז אָנגעקומען אין שטאָט אַרײַן אין מיטן פֿײַער. מיט דעם גאַנצן כּוח האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויפֿן שונא און האָט געהאָלפֿן זײַנע חבֿרים פֿון דער זעלבסטשוץ, וואָס זענען שוין געווען מאַט און זענען שיטערער געוואָרן. מע זאָגט, וווּנדער האָט בערל באַוויזן, פֿאַרטיליקט אַ סך פֿײַנד און אַ סך מענטשן געראַטעוועט דאָס לעבן; דרײַ שעה האָט ער געקעמפֿט מיט אַ ווילדן כּוח און מיט אַ גבֿורה נפֿלאה.

דאָ איז געקומען אַ קליין שייגעצל, האָט אויפֿגעהויבן אַ שאַרפֿן שווערן שטיין, האָט זיך צוגעצילט צו בערלען, האָט אים געטראָפֿן און אים געשפּאָל־טן דעם קאָפּ. אַזוי איז דער גלית פֿון די ייִדן געפֿאַלן דורך דעם דודל פֿון די באָסיאַקעס.

און אַז מ'האָט אויסגעראַבעוועט די שטאָט און דערהרגעט אַזוי פֿיל און אַזוי פֿיל מענטשן, איז געקומען מיליטער צו לעשן דאָס פֿײַער, וואָס האָט שוין אויסגעברענט. נאָך דעם האָט מען זיך גענומען באַגראָבן די געפֿאַלענע און זיי ברענגען צו קבֿר־ישׂראל...

אַ מחנה פֿון מענטשן איז נאָכגעגאַנגען נאָך דער לוויה. דרײַצן מיטות האָט מען געטראָגן. מ'האָט נישט געקלאַפּט מיט פּושקעס און נישט אויס־גערופֿן: צדקה תּציל ממות! אָבער ווער קאָן באַשרײַבן די מוראדיקע יללות, וואָס מע האָט דאָרט געהערט? מאַמעס האָבן באַוויינט זייערע אומגעבראַכטע קינדער, קינדער האָבן באַקלאָגט און באַוויינט זייערע טאַטעס און מאַמעס, ייִדן, סײַ נשים, סײַ אנשים, האָבן פֿאַרגאָסן טײַכן טרערן. אַ ציבור, אַ גאַנצער ציבור, האָט געטראָגן צום קבֿר זײַנע געפֿאַלענע קרבנות און אין האַרצן האָט נאָך איטלעכער דעם פּחד...

שטיל, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרץ קלייד, דעם קאָפּ אײַנגעוויקלט אין אַ טונקעלן שאַל, איז דבֿורה געגאַנגען נאָך דער לוויה. געגאַנגען איז זי גלײַך, נישט אײַנגעבויגן. מע האָט אַפֿילו נישט געוווּסט ווער זי איז, ווער האָט אין זין זיך אומצוקוקן אויף פֿרעמדע אין אַזאַ מינוט?

דער עולם איז געקומען צום בית־עלמין. מע האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַם אוהל. האַרץ־רײַסנדיקע מלאָס האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוקומען. ייִדן האָבן געבראָכן די הענט און געררופֿן צום הימל; און אַז מע האָט גענומען מקבר צו זײַן די געפֿאַלענע, איז אַ טייל פֿון דעם עולם געבליבן אין חלשות; דאָס איז געווען דער אמתער סתימת־הגולל; און די שערי־רחמים זענען געשלאָסן, דאָס האָט איטלעכער געפֿילט.

דער דרײַצנטער קבֿר איז געווען בערלס קבֿר, בערלס דעם בחור פֿון דאָרף, וואָס איז געקומען אַהער העלפֿן און האָט זיך געקויפֿט דעם טויט...

און אַז מען האָט גענומען אים פֿאַרשיטן מיט ערד, איז אַרויסגעטראָטן די אײַנגעוויקלטע ייִדענע מיטן שאַל, האָט דערהויבן איר קול און האָט אַזוי געזאָגט:

— איך בין די מאַמע פֿון דעם דערהרגעטן, וואָס איר באַגראָבט אים אַצינד, איך האָב אים געשיקט צו אײַך. איך וויל נישט וויינען, וואָס גאָט האָט מיר צוגענומען מײַן זון. קיינער האָט אים נישט צוגענומען, איך האָב אים אַליין געגעבן. דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט נישט קומען צוריק אַ לעבעדיקער. אָבער איך האָב אים געשיקט, ער זאָל זײַן מיט אײַך און ער זאָל שטאַרבן פֿאַר אײַך...

זיידע

זײַן טאַטע ישׂכר־בער איז געווען אַ ייִד, וואָס איז כּל־ימיו געזעסן אין אַ דאָרף, אַן אַ פּיצל נשמה פֿון אַ דאָרפֿסייִדן. עפּעס פֿאַר פֿערציק יאָר איז אים געווען באַשערט חתונה צו האָבן אין אַ דאָרף; און אַז ער איז אָפּגעזעסן זײַנע זעקס יאָר קעסט און דער שווער איז געשטאָרבן, איז ער אַליין געבליבן אין דאָרף. דאָרט האָט ער געהאַלטן אַ קלייטל, געהאַנדלט מיט תּבֿואה און מיט האָלץ, אַ מאָל פֿלעגט ער פֿאַרקויפֿן אַ קצבֿ אַ שטיקל סקאָט, וואָס ער האָט אויסגעהאָדעוועט; אָבער אַליין אין האַרצן איז ער געבליבן אַ תּהילים־זאָגער, אַ משניות־לערנער, צי גאָר אַ שטיקל בעל־תּפֿילה, אַז ער פֿלעגט קומען אין שטאָט אַרײַן.

ביילע, זיידעס מאַמע, האָט צום טאַטן, ישׂכר־בערן, נישט אַזוי געפּאַסט. ביילע איז געווען העכער פֿון אים מיט אַ קאָפּ און אַ ייִדענע וואָס נאָך אין די שפּעטערע יאָרן האָט מען געזען, אַז זי איז אַ שיינע. אַז זי איז געווען אַ מיידל, האָט זי אין זינען געהאַט גאָר אַן אַנדער חתן, אַ מענטש, וואָס האָט געדינט אין גאָראָדניע; חתונה געהאַט האָט זי מיט ישׂכר־בערן, וואָס אויב זי וואָלט זיך נישט געשעמט פֿאַר זיך — אַ ייִדענע מיט פֿינף קינדער — וואָלט זי זיך מודה געווען, אַז בסך־הכּל איז ער איר נישט ליב.

איר גאַנצע נחמה איז געווען זיידע, איר עלטערער זון, און דעם האָט זי מחנך געווען אויף איר דרך. נאָר נישט אַן אײַנגעבויגענער ייִד, ווי דער טאַטע, האָט זי זיך געזאָגט. און אַז ס'איז געקומען די צײַט, אַז ער האָט שוין געקאָנט אַ ביסל עבֿרי און מע האָט געזאָלט אָנהייבן מיט אים חומש, האָט זי זיך מישבֿ געווען און אָוועקגעפֿירט אים אין אַן אויעזדנע גאָראָד, נישט אין דעם שטעטל, וואָס איז לעבן זייער דאָרף; דאָרט האָט זי אים געדונגען קעסט בײַ אַ קרובֿ, וואָס איז געווען אַ שטיק הײַנטיקער, און מע האָט אָנגעהויבן מיט אים לערנען רוסיש. ישׂכר־בער האָט געמיינט, דער רוח נעמט אים, וואָרעם בסך־הכּל האָט ער פֿײַנט געהאַט דעם נײַעם דור מיט אַלע זײַנע קענטענישן, אָבער בײַ זײַן ווײַב ביילען האָט ער קיין מאָל נישט געהאַט די דעה.

זיידע האָט זיך אַ לאַנגע צײַט פֿריגאָטאָוועט און פֿריגאָטאָוועט, און דערנאָך איז ער מיט מי אָנגעקומען אין דער נאַראָדנע אוטשילישטשע. אין איטלעכן קלאַס איז ער געזעסן צו צוויי יאָר, וואָרעם דאָס לערנען איז געווען שווער און דער מוח איז נישט געווען דער גוטער; דערפֿאַר אָבער איז ער שטאַרק געוואַקסן, און אַז ער איז געקומען אויף יום־טובֿ אַהיים, האָט מען אים פּשוט נישט דערקענט. געטראָגן האָט ער אַ קורץ רעקל מיט מעשענע קנעפּ, אַ היטל מיט אַ לעדערנעם דאַשיק און אויסגעזען האָט ער, גאָרנישט ווי אַ ייִדיש ייִנגל.

ביילע האָט זיך אַוודאי געפֿרייט, אָבער די פֿרייד איז נישט געווען אָן אַן עגמת־נפֿש. זי האָט זיך געטראַכט אין האַרצן, וואָס וועט זײַן דער סוף פֿונעם לערנען? אַז ער זאָל ווײַטער שטודירן, האָט מען נישט פֿון וואַנען, און ער אַליין האָט אויך נישט קיין חשק דערצו... אַז סע קומט אַרײַן אַ שיקסל, גייט ער צו איר צו און גיט איר אַן קונצן אַ קניפּ אין באַק. אַ מאַמע אַז זי זעט דאָס, האָט דערפֿון שטאַרקע יסורים.

און אַז זיידע האָט אויסגעלערנט און טאַקע געקאַנטשעט די דרײַ קלאַסן און איז געקומען אין דאָרף אַרײַן שוין אויף שטענדיק, האָבן זיך אָנגעהויבן די אמתע דאגות. אַ האַלבער געקאַנטשעטער קאָן אַוודאי נישט העלפֿן דעם טאַטן בײַם מעסטן ווייץ, צי דער מאַמען בײַ די בהמות, און אַזוי ווערט מען אַ פּוסטעפּאַסניק. די ביכער ליגן און שימלען, און ווען מע האָט תּחילת נאָך געשאַנעוועט דעם טאַטן, זיך געוואַשן צום עסן, זיך געזעצט פֿרײַטיק צו נאַכטס צום טיש, האָט דאָס נאָך דעם אויך אויפֿגעהערט; מע זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, אַן אמתער משומד.

אין האָראָדישטש, אין דעם שטעטל לעבן דעם דאָרף, האָט מען געמיינט, אַז אַזוינער וועט ווערן אַ שרײַבער אין אַ וואָלאָסט און וועט כאָטש פֿאַרדינען אַ קערבל. צונעמען אַ ייִדן אויף אַזאַ שטעלע האָט מען אָבער נישט געוואָלט; און די טבֿע איז געווען פֿון זיידען זיך נישט צו שטופּן, נישט עפּעס וועלן צו דאָסטיגײַען. זײַן שטייגער איז געווען צו שלאָפֿן שפּעט ביז צען אַ זייגער, דערנאָך אויפֿשטיין, זיך פּאַוואָלינקע וואַשן און זייפֿן. נישט נאָר פֿרײַטיק, נאָר אַלע טאָג פּוצן די שטיוול און דעם סורדוט, איבערבײַסן און אַוועקגיין, ביז צום אָנבײַסן. דאָס איז געווען זײַן טועכץ אַלע טאָג. און דאָ איז מען געוואָרן איין און צוואַנציק יאָר און מע האָט די טריפֿהנע הצלחה אַרויסצו־ציִען אַ גרויסן נומער און בלײַבן אין דער היים.

וואָלט ער כאָטש געטראַכט חתונה צו האָבן און צו נעמען אַ ווײַב און ווערן אַ מענטש ווי אַלע מענטשן, אָבער דאָס אויך נישט. זיידע איז שוין אַלט געוואָרן פֿינף און צוואַנציק יאָר און איז נאָך אַלץ אַ בחור. סע גייט

אים דער זעקס און צוואַנציקסטער יאָר, דער זיבן און צוואַנציקסטער, און מע איז אַכט און צוואַנציק, באַלד דרײַסיק, און אַלץ קיין תּכלית נישט. אַז ער איז געקומען אין שטעטל אַרײַן, האָט מען אויף אים געטײַט מיט די פֿינגער...

ישׂכר־בער, דער טאַטע, האָט נישט געטאָרט אויסרעדן אַ וואָרט, צי אים גאָר עפּעס זאָגן. אין דער פֿרי, בשעתן דאַווענען און קיינער איז נישט געווען אין שטוב, פֿלעגט ער געבן אַ שטאַרקן געוויין: דער שבֿרון־לבֿ צו זײַן דער טאַטע פֿון אַזאַ זון, וואָס עסט פּשוט קאַלבאַס און איז שוין גאָר קיין ייִד נישט, איז נישט קיין קלייניקייט. אָבער אַפֿילו ביילע, וואָס האָט תּמיד געהאַלטן מיט איר קינד — איר האָט געהערט אַ קינד, אַ בחור פֿון דרײַסיק יאָר! — האָט אויך געהאַט אַ ווייטיק אין האַרצן. אַוודאי איז ער אַ גוט קינד, האָט זי געטראַכט בײַ זיך, אָבער ער האָט נעבעך נישט קיין מזל.

מענטשן האָבן איר געזאָגט, אַז ס׳וואָלט געווען בעסער, אַז ער וואָלט געבליבן אין אויעזדנע גאָראָד, דאָרטן וואָלט ער זיך געקאָנט צושלאָגן צו אַ שטעל; עפּעס מוז ער דאָך אָנהייבן צו וועלן פֿאַרדינען. זיידע האָט אָבער גאָרנישט געוווּסט פֿון עצם פֿאַרדינען. און אַז ער האָט געפֿאָלגט און איז געפֿאָרן אין שטאָט אַרײַן קלאָמפּערשט זוכן אַ דאָלזשנאָסט, זענען נישט אַוועק קיין זעקס וואָכן, ביז ס׳האָט אים געצויגן צוריק פֿון שטאָט אין דאָרף אַרײַן... איר וועט מיר נישט גלייבן, אָבער סע האָט אים אויך געצויגן צו דער מאַמען... אַט דער גרויסער און געזונטער מענטש, מיט דער געשווירענער באָרד, האָט געבענקט נאָך דער מוטער. אַז ער איז געקומען אַהיים און די מאַמע האָט פֿאַר אים געגרייט דעם טיש צו דער וועטשערע — דער טאַטע איז נישט געווען — און ער האָט זיך געזעצט עסן, און זי האָט זיך אַנידערגעזעצט קעגן אים, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף ביידע הענט און געקוקט ווי ער עסט, איז אים געגאַנגען איבערן האַרצן. רחמי־אם איז אַ געפֿיל, וואָס מאַכט אַפֿילו ווייך אײַזן...

ויהי היום, האָט ישׂכר־בער געהאַט יאָרצײַט און ער האָט געדאַרפֿט מאַכן אַ מנין אין דאָרף; האָט ער צונויפֿגערופֿן נײַן ייִדן פֿון די דערפֿער, — ס׳איז אַ חרפּה צו זאָגן, דעם אייגענעם זון קאָן ער נישט מצרף זײַן צום מנין. אַלע נײַן ייִדן זענען געקומען און האָבן אָנגעטאָן די טליתים און האָבן זיך אַנידערגעשטעלט דאַווענען. זיי שטייען און שאָקלען זיך. דאָ קומט צו לויפֿן אַ שייגעץ און גיט אַ קוק דורכן פֿענצטער. אַזוינס האָט ער נאָך קיין מאָל נישט געזען. אַוודאי איז ער באַלד צוגעלאָפֿן צו אַן אַנדער שייגעץ און אים אויך געוויזן די ייִדן, וואָס שטייען און שאָקלען זיך... און דאָס שייגעצל האָט אויף קאַטאָוועס געכאַפּט אַ שטיין און אַרײַנגעוואָרפֿן אין פֿענצטער

אַרײַן. די ייִדן האָבן זיך דערשראָקן, און איינער איז אַרויסגעלאָפֿן און האָט געוואָלט כאַפּן דעם שייגעץ. אָבער באַלד זענען אַרויס פֿון די כאַטעס אַלע גויים, וואָס האָבן ביז אַצינד קיין מאָל נישט געטשעפּעט ישׂכר־בערן און וואָס פּלוצעם האָט זיך אין זיי דערוועקט די שׂינאה; זיי האָבן זיך געוואָרפֿן אויף די ייִדן און האָבן אָנגעהויבן זיי צו שלאָגן מכּות־רצח. מאָלט אײַך אויס, דאָס גאַנצע דאָרף גויים וואַרפֿט זיך אויף אַ מנין דאַוועגעדיקע ייִדן! ישׂכר־בערס שטוב איז שיִער נישט צעטראָגן געוואָרן. אָבער דאָ האָט זיידע געוויזן, וואָס ע ר קאָן. ער האָט זיך אַנידערגעשטעלט קעגן די גויים מיט אַזאַ גבֿורה און האָט אָנגעהויבן אַרײַנצושיטן אין זיי אַזעלכע מוראדיקע קלעפּ, אַז זיי האָבן געזען, אַז אים וועט מען נישט מנצח זײַן. ווי אַ לייב האָט ער געקעמפֿט קעגן די פֿײַנד און זיי זענען זיך פֿונאַנדערגעלאָפֿן...

אַזוי האָט זיידע, דער פּוסטער בחור, געראַטעוועט פֿאָטער און מוטער, געראַטעוועט די שטוב, געראַטעוועט די ייִדן און געראַטעוועט דעם ספֿר, וואָס מע האָט אים געבאָרגט אין שטעטל.

אַט דאָס מאָל האָט ישׂכר־בער און אַלע ייִדן זיך דערוווּסט, אַז מיט גאָלע משניות־ייִדן אַליין און לערנערס קומט מען נישט אויס; אַז אויך אַזוינע זיידעס קומען אַ מאָל דעם כּלל שטאַרק צו ניץ.

אַ וועלט מיט וועלטעלעך

אַ מעשׂה פֿון פֿאַרצײַטן. דאָ הייבט זיך אָן צו דערציילן פֿון אַ גרויסן גבֿיר און זײַן טאָכטער, ווי סע ווײַזט זיך אויס, איז דאָס אין לעבן פֿונעם מחבר אַ ביסל נוגע. אין מיטן גיט ער אַ שטילן וויין.

ס'איז געווען אַ מאָל אַ שיין מיידל, זי האָט געהייסן רחלע. זי איז געווען אַזוי שיין און אַזוי ליכטיק, אַז מע האָט נישט געקאָנט קוקן אין איר פּנים אַרײַן, ווי אין דער זון. זי איז טאַקע געווען אַ בת־יחידה בײַם גרויסן גבֿיר אין שטאָט, וואָס ער האָט געהאַט אפֿשר ק״ן אַלפֿים רענדלעך און נאָך אַ סך אוצרות. מע זאָגט, אַז ער האָט געהאַט אַ קעסטעלע, וואָס אַז מע האָט געגעבן אין דער פֿרי אין דעם אַ קוועטש אויף אַ קנעפּל, איז אַרויסגעשפּרונגען אַ גאָלדן רענדל, און אַזוי אַלע טאָג. דאָס איז געווען אַ ברכה פֿונעם שפּאָלער זיידן זכרונו לבֿרכה, דערפֿאַר וואָס ער האָט אים פֿאַר אַ מאָל געגעבן טויזנט רענדלעך אויף פּדיון־שבֿויים. שלמה־וואָלף האָט ער געהייסן, אָט דער גבֿיר. געבוירן איז ער געווען אַזש פֿון יענער זײַט קישינעוו, צי אין רומעניע. אַז ער איז אַלט געוואָרן זעכצן יאָר, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזן אין דער וועלט מיט אַ קליין רענצל און מיט בטחון, און דאָס האָט טאַקע געבראַכט צו עשירות.

שלמה־וואָלף איז געווען אַ ייִד פֿון אַ יאָר פֿופֿציק און האָט געהאַט נאָר אָט דאָס מיידל. מיט יענעם ווײַב, דאָס הייסט מיט דעם ערשטן, האָט ער נישט געהאַט, לאָ־עליכם, קיין קינדער, און איז מיט איר אַרומגעפֿאָרן צו אַלע גוטע־ייִדן און צו די גרויסע רופֿאים, ווו די וועלט האָט נאָר אַן עק. עפּעס, זאָגט מען, האָט זי געהאַט אַ טויט קינד. אַז מע שפּאַרט זיך אײַן קעגן דעם רבונו־של־עולם! דערפֿאַר איז זי געשטאָרבן אין דעם יאָר, און שלמה־וואָלף האָט געשענקט פֿאַר איר נאָמען אַן אָרון־קודש מיט אַן עמוד און אַ נײַעם באַלעמער אין שול אַרײַן, און אַ נר־תּמיד, אַ קליין לעמפּל פֿון גאָלע זילבער, ברענט אין אַ ווינקל בײַ טאָג און בײַ נאַכט... עס זענען שוין אַוועק אַ סך יאָרן, זינט איך האָב געזען ברענען דאָס לעמפּל, און עד־היום, אַז איך דערמאָן מיך אָן דעם, גיט מיר אַ צופּ אין האַרצן... עפּעס איז דאָך דער מענטש אַ שטיק בעל־מחשבֿות, און וואָס מע לעבט מער, האָט מען מער אין

אַלעמען אַ קוק... פֿאַר וואָס האָט דער בורא די וועלט אַזוי באַשאַפֿן און דעם מענטשן אַזוי געמאַכט, אַז דעם גוף לאָזט ער דאָ באַגראָבן און די נשמה נעמט ער אַהין? עפּעס זענען פֿאַראַן זאַכן, וואָס דער שׂכל קאָן דאָס גאָר נישט משׂיג זײַן. איך זע, אַז איך בין ווײַט פֿאַרקראָכן.

שלמה־וואָלף האָט אַזוי לאַנג געטרויערט אויף זײַן אשת־נעורים, ביז ער האָט ווידער חתונה געהאַט און האָט גענומען אַ יונג ווײַבל פֿון גרויסן יִחוס און אַ בת־בנים. איר זיידע האָט זיך אָנגעקערט מיטן רבין ר׳ שמעלקע און אַליין איז זי געווען פֿון סידילקעוו, צי פֿון קאַרשעוו. דער עיקר איז, אַז ער האָט געהאַט מיט איר אַ מיידל נאָך אין דעם אייגענעם יאָר. דערנאָך האָט ער שוין מער קיין קינדער נישט געהאַט, אָבער די איינע איז געווען אַזוי געראָטן און אַזוי מיט אַלע מעלות פֿון שיינקייט און גוטסקייט, וואָס מע זעט דאָס גאָרנישט אין אַ האַלבער וועלט. עפּעס אַ קלייניקייט רחלע, רחלע די בת־מלכה. יאָ, טאַקע די שׂרי־מלוכה אַליין וואָלטן זיך געקאָנט ווינטשן צו האָבן אַזוינע קינדער. שלמה־וואָלף איז געווען איבערגליקלעך פֿאַר דער מתּנה, וואָס גאָט האָט אים געגעבן. רײַכער איז ער געוואָרן פֿון טאָג צו טאָג, אָרום און אָרום האָט ער געדונגען אַלע מילן און גאָראַלניעס, אַ וואַלד האָט ער געהאַט אויף צוואַנציק יאָר, וואָס ער פֿלעגט פֿון אים פֿאַרדינען ממון־קורח. ייִדן האָבן אָרום אים געלעבט און זענען געווען גליקלעך. און אויך ווער סע האָט בײַ אים געדינט איז געווען פֿאַר זיך אַ שטיק פּריץ, וואָרעם ער האָט איטלעכן געצאָלט ביד־רחבֿה. פֿון צדקה און מצוות איז גאָרנישט צו רעדן. דאַכט זיך, ער איז רחוק פֿון גאווה, אָבער גרויס דרך־ארץ האָט מען פֿאַר אים און אַפֿילו גויים האָבן אים אָפּגעגעבן כּבֿוד! אַז גאָט העלפֿט אַ ייִדן, העלפֿט ער אים אין אַלעמען און גיט אים הצלחה און אַלץ, וואָס דאָס האַרץ באַגערט. וואָס איז שייך? אַז סע וואָלט נישט געווען שלמה־וואָלף דער גבֿיר מיט דעם גאַנצן קנאַק, וואָלט געווען פּוסט אין דער גאַנצער שטאָט... אַפֿילו דער, וואָס סע גייט אים נישט אַזוי גוט, האָט דאָך אַ שטיקל התחזקות אין דעם, וואָס אַ ייִד איז אַזוי געהויבן, אַז אַפֿילו דער ספּראַווניק פֿאַרט צו אים אויף טיי. ייִדן האָבן פֿאַרט אַ כּוח, און אַפֿילו אַז זיי זענען אין גלות, זענען זיי פֿאַרט נושׂא־חן... אויף אונדז אַלע געזאָגט געוואָרן, וואָס ער פֿלעגט צעטיילן נאָר אין איין יאָר. אַרויסגעפֿאָרן איז ער אויף פֿיר שוואַרצע פֿערד, אַז סע האָט געברענט; דער קוטשער איז געווען אָנגעטאָן אין רויטן און האָט געהאַט אַ בײַטש מיט אַ זילבערנעם קנעפּל. מע זאָגט, אַז ווען דער גובערנאַטאָר אַליין איז געפֿאָרן פֿון ראַשעוו קיין אומאַן, האָט מען בײַ שלמה־וואָלפֿן געבאָרגט די קאַרעטע. מע זאָגט, ס׳איז אַ מאָל אַראָפּגעקומען אַ מאַרשאַל, האָט אים שלמה־וואָלף פֿאַרבעטן צו זיך און האָט מיט אים גערעדט מכּוח אַ

גרויסן ענין. אַט דאָ האָט זיך שלמה־וואָלפֿן פֿאַרגלוסט צו האָבן אַ שלאָס. דער פּריץ פֿון שטאָט, וואָס איז קיין מאָל נישט געווען אין דער היים, האָט זיך פֿאַרהוליעט און האָט געמוזט פֿאַרקויפֿן די אימעניע. עפּעס יענער, וואָס האָט דאָס געקויפֿט, איז געווען אַ גרעק, אַ האַלבער משוגענער און האָט זיך אָנגעהויבן צו קריגן מיט דער שטאָט. וואָס־זשע טוט שלמה־וואָלף? ער פֿאַרט אַריבער קיין אַדעס און דינגט בײַ אים אָפּ די אימעניע מיטן שלאָס מיט כּל־וּלד אויף נײַן־און־נײַנציק יאָר... דאָס הויז זײַנס האָט ער אַוועק־געשענקט דער שטאָט צו מאַכן דערפֿון אַ שפּיטאָל, און ער אַליין האָט זיך אַריבערגעקליבן אין שלאָס אַרײַן. אַ יִידישער שׂררה! דער רבֿ פֿון שטאָט, אַז ער פֿלעגט גיין אַהין צו, פֿלעגט ער זיך אָנטאָן אין דער שבתדיקער קאַפּאָטע אַפֿילו אין דער וואָכן. דאָס שלאָס אַליין אָפּצומאָלן מיטן לאַנגן גאָרטן און מיט אַלעמען קאָן מען גאָרנישט מיט ווערטער. דער פּריץ, וואָס האָט דעם שלאָס פֿאַרקויפֿט, האָט אים אויך נישט אַליין געבויט, דאָס האָט ער געירשנט פֿון אַ פֿעטער, וואָס פֿלעגט אַזוי אַרומפֿאָרן אין אַ זילבערנער קאַרעטע; און אַז ער האָט זיך אַ מאָל געוועט מיט נאָך אַ פּריץ צו פֿאָרן אין אַ שליטן אין מיטן זומער, האָט מען אויף דרײַ וויאָרסט כּסדר געשאָטן מעלצוקער אויף אַ האַלבן אַרשין די הויך. ווײַס ווי שניי איז געווען דער שלאָס מיט אַ סך הויכע פֿענצטער, פֿון פֿאָרנט פֿון די פֿענצטער אָן איז אַלץ געווען געפֿלאַסטערט מיט גלאַטע שטיינער, און מע גייט אַרויף אויף ווײַסע טרעפּ פֿון מאַרמאָר. דער גאָרטן איז אַן אמתער גן־עדן. וואָס זאָג איך אַ גאָרטן, — אַן אַגאַראָד! קליינע טײַכן זענען דאָרט פֿאַראַן און פֿיש, וואָס שווימען אויבן אַרום און פּאַטשן זיך. וואָס מע גייט ווײַטער, איז אַלץ ווי אין אַ חלום... אַז איך האָב מיך דאָרט פֿאַרגנבֿעט דאָס ערשטע מאָל, בין איך געווען ווי פֿאַרכּישופֿט, אַזוי שטיל איז דאָרט געווען אין מיטן העלן טאָג. דאָ הער איך גאָר שפּילן; מיר דוכט זיך, אַז דאָס שפּיל קומט פֿון יענער זײַט וואַסער — מע קאָן דאָס גאָרנישט אויסמאָלן. דער מענטש האָט נאָר איין נשמה, אָבער סטרונעס זענען פֿאַראַן אין איר אַ סך... איך האָב אַ מאָל געלייענט וועגן אַ בן־מלך, וואָס איז פֿאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין אַ טיפֿן וואַלד, און אַז ער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ קלאָץ פֿון אַן אַלטן בוים, איז צוגעפֿלויגן אַ גאָלדענע גאַנדז און האָט אָנגעהויבן מיט אים צו רעדן... מײַן מאַמע, עליה־השלום, האָט געקאָנט דערציילן אַ סך אַזעלכע מעשׂיות! — אַז איך בין געווען אַ קליין יִינגל, האָט מיך דער טאַטע מײַנער גענומען בײַ ביידע אויערן און האָט מיך אַרײַנגעפֿירט אין דער תּורה־הקדושה און האָט מיר געגעבן אַ ספֿרל, וואָס סע שטייט אין אים געשריבן פֿון גן־עדן־התחתון מיט די גאָלדענע ברונעמס, מיט די טײַכן בוימל. עפּעס זינגען

מלאכים אַ מין שירה, וואָס ס׳איז גאָרנישט פֿאַר אַ ילוד־אשה. אַלץ, וואָס איך האָב היינט אין מיר, — איך, אַ ייִד אָן באָרד און פּאות, און ווייַט אין דער פֿרעמד, אצל עם־לא־ידעתי־לשונו, — קומט אַלץ פֿון דאָרט, פֿון דער מאַמען און פֿון דעם טאַטן, און וואָס זיי האָבן מיר אַלץ דערציילט... אַ הולטייַ בין איך, אַז איך האָב דאָס אַוועקגעוואָרפֿן און בין געוואָרן אַ גוי... מילא, דאָס בין איך נישט אויסן. איך האָב דאָ נאָר אָנגעהויבן צו דערציילן די מעשׂה פֿון דער שיינער רחלע, אָבער אַזוי פֿאַרפּלאָפּלט מען זיך, אַז מען קומט אין רעדן...

רחלע איז געווען איינע פֿון יענע נשמות, וואָס בלאָנדזשען אַרום ביַי אונדז פֿון גאַנץ לאַנגע דורות, אפֿשר נאָך פֿון שלמה־המלכס צייַטן. אַז די מקובלים זאָגן: ״איתפּשטותא דמשה בכל דור״, מיינען זיי, אַז אַ פֿונק פֿון משה־רבינוס גרויסער נשמה איז דאָ אין איטלעכן דור. נישט נאָר די תּורה גייט איבער פֿון האַנט צו האַנט, פֿון איין דור צום אַנדערן און ריכט מיט אונדז צוזאַמען אַפּ גלות... נאָר אויך אַ טייל פֿון יענע נשמות פֿון דער גאָלדענער צייַט, וואָס יעדער דור איז נאָך געזעסן אונטער זייַן פֿייַגנבוים און אונטער זייַן ווייַנשטאָק, ווערן מגולגל און לייַכטן אין דעם עולם, ווי איינצלנע שטערן אין אַ שטילער נאַכט. אַ ייִדיש מיידל מיט דער נשמה פֿון אַ מלכות, טאַקע פֿון די אמתע בנות־ירושלים. ס׳איז אַ סך צו דערציילן!

אַוודאי האָט מען מיט איר געטאָן דעם גרויסן שידוך מיט דעם ריזשענערס אָן אייגן אייניקל. אויך גוטע־ייִדן האָבן אין זיך אַ כּוח און זייערע נשמות ווייסן אויך פֿון פֿאַרשיידענע דורות. דער ריזשענער אַליין פֿלעגט דערציילן, אַז ער איז שוין דאָ אויף דער וועלט צום דריטן מאָל. צו ערשט האָט ער געלעבט אין אחיה־השילוניס צייַטן; ער האָט שוין אָבער כּמעט אַלץ פֿאַרגעסן און געדענקט נאָר עפּעס ווי פֿונעם שלאָף; צום צווייטן מאָל איז ער געווען פֿון די פּרחי־כּהונה, און ער געדענקט נאָך ווי היינט איטלעכס סטעזשקעלע אין דער הייליקער שטאָט ירושלים... אַז אַ ייִד, אַפֿילו דער גרעסטער גבֿיר, וואָס ער געהערט נישט צו אָט דער פֿאָן, דערלאַנגט צו אַזאַ ייִחוס, איז מען אַוודאי ביַי זיך געהויבן און מע עפֿנט די האַנט זייער ברייט. וואָס שלמה־וואָלף האָט צעטיילט יענעם טאָג אויף צדקה, וואָלט מען דערמיט געקאָנט אויסבויען אַ שול. צום קנס־מאָל האָט מען געקוילעט אָקסן און שאָף און רינדער. פּדהצורן האָט מען אַראָפּגעבראַכט פֿון בערדיטשעוו, ווי אויף דער גרעסטער חתונה פֿון דער וועלט! טייַכן ווייַן האָבן זיך געגאָסן, און אַכט טאָג און אַכט נעכט האָבן ייִדן געהוליעט אין די גאַסן. אַפֿילו די גויים האָבן געשיכּורט. איטלעכער, וואָס איז נאָר געקומען, האָט זיך אָנגעשטאָפּט פֿול די קעשענעס און האָט מיטגענומען אַהיים פֿון אַל דאָס גוטס לדור־דורות.

עפעס אַ קלייניקייט אַזאַ גדולה, וואָס מע דערלעבט דאָס אפֿשר איין מאָל אין הונדערט יאָר: אויפֿן אַכטן טאָג האָט שלמה־וואָלף געשענקט אַלע יִדן דעם טשינוש, צוגעזאָגט איטלעכן צו געבן פּלאַץ, וואָס וויל נאָר בויען. אויסגערופֿן האָט מען: כּל־צמא־ייתי־וישתּה! פֿון אַלע שטעטלעך אַרום זענען געקומען אָרעמע־לײַט און האָבן גאָרנישט צוגעלייגט. ראַשעוו האָט געזען טעג, וואָס מע וועט זיי שוין קיין מאָל נישט זען.

נאָר מיר אַליין, וואָס איך דערצייל אײַך דאָ די דאָזיקע מעשׂה, האָט שטאַרק געצויגן דאָס האַרץ... בין איך דאָך אויך אַ רבֿס אַ זון. געטראַכט האָב איך בײַ זיך, וואָס וואָלט געווען, אַז איך אַליין בין דער בן־מלך און קום אויף אַ באַרג און דערזע די בת־מלכּה... אַז ס'איז געקומען די לעצטע וואָך פֿון געזעגענען זיך און פּדהצור האָט געשפּילט און איך בין אַרויפֿגעקראָכן אויפֿן מויער, וואָרעם פֿאַר אַ ייִנגל אין מײַנע יאָרן האָט נישט געפּאַסט צו גיין אויף חתונות, זענען מיר די טרערן אַרײַן אין די אויגן. פֿאַר וואָס לעב איך נישט אין אַלכּסנדר מוקדונס צײַטן, צי אַפֿילו אין די צײַטן פֿון די מלכי־פּרס? — ס'איז מיר פֿאַרגעקומען, אַז אין שושן איז נישט ווי אין ראַשעוו, און איך האָב מיר אויסגעמאָלט, ווי וואָלט עס געווען, אַז איך וואָלט געגאַנגען אָנגעטאָן אין רויטן און רחלע וואָלט גאָר מיך גענומען... פֿון דעמאָלט אָן איז מיר אַרײַן אַ מרה־שחורה אויף אייביקע צײַטן.

רחלע האָט חתונה געהאַט, זיך געבאָדן אין מילך און אין האָניק, געהאַט אַ קינד און נאָך אין דעם יאָר צוגענומען געוואָרן פֿון דער וועלט, וואָרעם די וועלט האָט צו איר נישט זוכה געווען... פֿאַרשטייט זיך, אַז דער זײַדע־נער יונגערמאַנטשיק האָט נאָך דעם חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערער. ער לעבט נאָך און איז אַ גבֿיר און אַ רבֿ אין איינעם. איך וויל אויף אים נישט רעדן, אָבער מע זאָגט, אַז די אַנדערע רביצין האָט בײַ אים אויך נישט קיין גוט לעבן.

און רחלע האָט זיך מיר געחלומט און געחלומט נאָך אַ סך יאָרן און הײַנט נאָך... אַזוינס טראָגט מען שטענדיק אין זיך אַרום, אַפֿילו ווען מע גייט אין עק וועלט. וואָס איז פֿון מיר געוואָרן, האָט זיך דער לעזער שוין דערוווּסט, ס'איז אַ וועלט מיט וועלטעלעך!

די התחלה פון ראובעלע נאטענזאן

דער דין איז אזוי, אז א ייד טוט א שידוך מיט א מיידל פון פופצן יאר און גיט איר דריי הונדערט רענדלעך נדן, איז מסתמא דער חתן א לערנער און מע האלט אים אויף קעסט, ביז ער וועט האבן א פאר קינדערלעך, ארייַנוואקסן און ווערן א מענטש... אין די דאזיקע יארן, וואס מע טוט נישט פון דער האנט אין א קווארט וואסער און מע קריגט פון שווער און שוויגער אפילו אויף געבן נדבות, לערנט מען א ביסל חושן־משפט און יורה־דעה און גמרא, מען איז יעדן דאנערשטיק די גאנצע נאכט אויף, און מען געהערט צו די פיינע יונגע־לייַטלעך פון שטאט. זיך מישן אין דעם שווערס מסחרים, צי גלאט אזוי אין עניני־דעלמא, ליגט אזוינס אפילו נישט אין דער לינקער פאה; צו וואס זאל מען נעמען בייַצייַטנס אויף זיך דעם עול? און דער שווער האט אויך גאר קיין חשק נישט לאזן דעם איידעם זיך מישן אין זייַנע עסקים, ווארעם אזא יינגל, וואס האט קוים א חתימת־זקן, וואס ווייסט ער פון וועלטזאכן? אז מע וואלט אים געגעבן אין האנט אריַין דאס געלט, וואס איז אייַנגעלייגט אויף א שלישות, וואלט ער דאס גלייַך צעטרענצלט... גייען אבער אוועק דריַי־פיר יאר נאך דער חתונה און מע האט שוין עטלעכע קינדערלעך, מוז מען דאך אנהייבן צו טראכטן וועגן א תכלית... די גאנצע וועלט קאנען דאך נישט ווערן קיין רבנים. און אזוי מוז דער יונגער־מאן פון בית־מדרש אנהייבן טראכטן צו ווערן א סוחר... די קשיה איז נאר, מיט וואס זאל ער אנהייבן האנדלען: מיט שטשעטינעס, צי מיט פעל, צי מיט לעדער, צי עפענען א קראם, צי דינגען א מיל? טראכט אהין, טראכט אהער, אן עצה האלטן מיטן שווער און מיטן אייגענעם טאטן. א קיצור, אז די גאנצע משפחה האנדלט מיט פעדערן, מוז ראובן יאסלס איידעם, וואס מיר שמועסן אצינד פון אים, אויך אנהייבן האנדלען דערמיט. פעדערן קויפט מען אויף אין לעטיטשעוו און אין דער סביבה, מע פאקט זיי אייַן אין זעק און מע פירט זיי אוועק קיין בראד אין דעם גרויסן מקום, וואס דארט קריגט מען פאר זיי דעם גוטן מקח, און מע קויפט דארט גופא אייַן וואלוול אנדערע סחורות. אוודאי זענען אין לעטיטשעוו געווען גענוג סוחרים, וואס האנדלען

מיט פֿעדערן, אָבער דערפֿון איז נישט געדרונגען, אַז ראובן זאָל נישט האַנדלען אויך דערמיט. אַז גאָט וויל העלפֿן, האָט ער פֿאַר אַלעמען... אין אַ ביטל, וואָס זיבן ייִדן זיצן שוין דערינען, קריך אַרײַן מיט די פֿיס, און דאָס וואָסער ווערט נאָך פֿולער. — אײַ וואָס, ראובֿן איז אין די ענינים נאָך נישט דער גרויסער בקי, שטעלט מען אים צו דעם עלטערן אײדעם חיימען, וואָס איז שוין געניט אין דעם עסק. חיים איז אויך אָפּגעזעסן זײַנע קעסט, ווי ראובֿן, און האָט אויך געהאַט געלערנט, ווי ער; און אַז ער איז געזעסן בײַ דער גמרא, האָט מען געמיינט, אַט דער וועט קיין מאָל נישט פֿאַרדינען קיין זעקסער, און אַצינד איז ער אויסגעקאָכט אין מסחר. דער עיקר איז בײַ אַ מענטשן דער שׂכל: אַז אַ מענטש האָט שׂכל און הייבט נאָר אָן פֿילן דעם טעם פֿון געלט און פֿון פֿאַרדינען, ווערט מען שוין ממילא אַ סוחר...

אַזוי האָט ראובֿן, צי ראובֿעלע, דער ייִנגסטער אײדעם פֿון ר׳ יאָסלען, אַרויסגענומען דעם נדן און האָט אָנגעהויבן זיך מכין זײַן צו ווערן סאַמאָסטאָיאַטעלנע. ראשית האָט ער גלײַך אָנגעקגעלייגט דאָס לערנען, און אַז ער האָט אָנגעהויבן ציילן דאָס נדן־געלט וואָס מע האָט אַצינד אַרויסגענומען האָט ער זיך באַלד געפֿרעגט, צי מע האָט אים אַלץ אָפּגעגעבן, וואָס מע האָט צוגעזאָגט. און האָט זיך גענומען קריגן מיטן שווער... ר׳ יאָסלען האָט אָפֿילו געאַרט, אַז מע וויל פֿון אים אַרויסקוועטשן נאָך געלט, אָבער אין האַרצן האָט ער בײַ זיך געטראַכט, אַט פֿון דעם וועט ווערן אַ לײַט. און אַז זײַן פּעסי האָט אים געמאַכט אַ בייזע שעה, פֿאַר וואָס ער לאָזט זיך אַזוינס זאָגן פֿון אַזעלכן, וואָס האָט געגעסן זײַן ברויט און איז נאָך בסך־הכל אַ ייִנגל, האָט ער זיך צו איר אָנגערופֿן: פּעסי, לאָז זײַן; וואָלט דיר געווען מער ניחא, ער זאָל זײַן אַ תּמעוואַטער און נישט פֿאַרשטיין קיין צורת־מטבע? איר באַדאַרפֿט צו וויסן, אַז ר׳ יאָסל האָט שוין אָנגעהויבן צו האָבן אין זינען זיך גאַר אויסטאָן פֿון די עסקים און אַלץ איבערגעבן די אײדעמס, ער האָט נאָר געוואָלט, אַז דער מסחר זאָל איבערגיין אין גוטע הענט. אַז מע ווערט אַלט און מע פֿילט שוין אַ מיחוש, מוז מען אָנהייבן טראַכטן פֿון יענער וועלט...

נו, איז געקומען די צײַט, אַז ראובֿן זאָל פֿאַרן מיט חיימען אין וועג אַרײַן. צוויי וואָכן כּסדר האָט מען זיך געגרייט. דאָס געלט האָט מען אויסגעביטן אויף האַלבע אימפּעריאַלן און אײַנגעניייט אין אַ לעדערנעם גאַרטל. דער שמועס איז געווען, אַז אַצינד זאָל ראובֿן נישט גלײַך אָנהייבן קויפֿן פֿעדערן און מיט זיי פֿאַרן קיין בראָד, ווי דער שטייגער איז; ניין, ער זאָל תּחילת פֿאַרן מיטן מזומן געלט און דאָרט זיך אָנהייבן אַרומקוקן... און אַז ער וועט דאָרטן אײַנקויפֿן סחורה, וועט ער דאָ מאַכן חילופֿים מיט פֿעדערן.

נישקשה, חיים וועט שוין פֿאַרשטיין, ווהין ער זאָל אים פֿירן; און ראובֿן אַליין וועט ערשט עפּעס עפֿענען אַ פּאָר אויגן, אַז ער וועט קומען אין דער גרויסער שטאָט בראָד און וועט זיך צונויפֿקומען מיט הונדערטער מענטשן און וועט דערזען אַ וועלט, וואָס ער האָט נאָך קיין מאָל נישט געזען, הן אין לעטי־טשעוו, ווו ער איז אַצינד, והן אין כמעלניק ביי זיין טאַטן.

חיים, אָדער ווי מע האָט אים אויפֿגערופֿן צו דער תּורה, חיים־מאיר, איז געווען דער גרויסער מושלם אין האַנדלען און בדיעבֿד אויך אַ שטיק פּלוט און האָט קיין מאָל נישט געוווסט, ווו ער האַלט. דער מסחר איז געווען זיין חיות און זיין נשמה. ס'איז אַ וועלט, מע גיט, מע נעמט, מע קויפֿט, מע פֿאַרקויפֿט! דאָס שיקט מען אַהין, דאָס קומט אָן פֿון דאָרטן. פֿון אומעטום נעמט מען שלישות־געלט... דערווייל איז דאָ אַ שטוב מיט קינדער קיין עין־הרע, אַ קימפּעט, אַ ברית, אַן אָם. סע קומט צו פֿאָרן אַ ברודער און עס איז פּלאַטשיק מיט אים, מוז מען אים אַ ביסל העלפֿן. דערווייל גיט ער זיך אַ טאַפּ, האָט ער פֿאַרלוירן אַ וויכטיק כּתיבֿהלע. און דאָ קומט אים פֿאָר, אַז ער טוט צו ווייניק, אַז ער מוז אָנהייבן זוכן נייע עסקים... מיט אַ מאָל דערמאָנט ער זיך, אַז איינער האָט אים נישט באַצאָלט און ער ווייסט אַליין נישט, וויפֿל יענער איז אים שולדיק.

נו, פֿאָרט ער אַצינד מיטן יינגערן שוואָגער אין איינעם קיין בראָד, און מע פֿירט מיט זיך אַן אַפּותיקא; און דאָרטן וועט זיך אָנהייבן צו דרייען אַ נייע מעשׂה: מע וועט קויפֿן לעדער און זיידנס. צאָלן וועט מען די העלפֿט און דאָס איבעריקע וועט זיין אויף זעקס חדשים. דאָס אַנדערע געלט בלייבט ביי אים, און מניה־וביה האָט ער פֿאַרשטאָפּט אַ סך לעכער. הכּלל, פֿריש און לעבעדיק, דאָס ראָד דרייט זיך!

וואָס־זשע טוט גאָט? מוז חיים אין דער פֿערטער קרעטשמע ווערן קראַנק. אַ פּנים ער האָט זיך פֿאַרקילט. מע בלייבט נעכטיקן. אין דער פֿרי איז אים נאָך ערגער און מע מוז נעבעך פֿאָרן צוריק אַהיים... אַוודאי וויל חיים, אַז ראובֿן זאָל אויך פֿאָרן צוריק. וואָס איז שייך, ווי לאָזט מען ראובֿענען אַליין? עפּעס האָט ער דאָך גענומען אויף זיך די אַחריות... אָבער ראובֿן האָט זיך איינגעשפּאַרט, ער פֿאָרט אַליין ווייטער. חיימען איז אַפֿילו געווען פּריקרע אים צו לאָזן; אָבער ער האָט געזען, אַז ער האָט צו טאָן מיט אַן עקשן און סע וועט אים גאָרנישט העלפֿן; און דאָס אייגענע געזונט איז פֿאָרט טייערער, האָט ער זיך געזעגנט מיט אים און איז געפֿאָרן צוריק אין לעטיטשעוו.

ראובֿן איז געבליבן אַליין און האָט אָנגעהויבן צו פֿילן דעם טעם פֿון דעם, וואָס הייסט זיין אַן אייגענער בעל־הבית און האָט באַלד געהייסן דערלאַנגען

זיך דעם סאַמאָוואַר... עפּעס האָט ער געהאַט הנאה פֿון דעם עצם הייסן, און אַז ס'איז נישט געווען צו דער מינוט, האָט ער זיך אָנגעהויבן צו בייזערן. ער האָט געקוועלט זעענדיק, ווי אין יעדער נײַער קרעטשמע קריכט מען אים אונטער די נעגל און מען טראָגט אים אַלץ אונטער. אַז ער פֿלעגט אַרײַנטאָן צוקער אין גלאָז טיי און אָנברעכן דעם בייגל, איז אים פֿאַרגע־קומען, אַז ער האָט שוין לאַנג געמאַכט עסקים און וועט נישט בטל ווערן פֿאַר קיינעמען... פֿאַרקערט, האָט ער צו זיך געזאָגט, איך מוז ווערן דער ערשטער סוחר פֿון לעטיטשעוו. אויפֿן וועג האָט ער אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן דעם שווער זײַנעם און חיימען און וועגן דעם גבֿיר פֿון לעטיטשעוו און וועגן די אַנדערע גרויסע סוחרים, וואָס פֿאַר אַ טבֿע סע האָט דער און יענער, און ווי אַזוי מע קומט צו אַ גרויסן מעמד. עפּעס איז אים דאָס גאַנצע זיצן בײַם שווער און זיך לאָזן בעטן יעדן אין דער פֿרי, ער זאָל נעמען דאָס ביסל קאַווע, צי די ציקאָריע, פֿאַרגעקומען מעשׂה־ייִנגל. און ווי ער זיצט זיך אַצינד אײַנגעוויקלט אין בורקע און דער גוי אויף דער קעלניע טרײַבט די פֿערד און פֿליט דורך די ווײַטע פֿעלדער, פֿילט ער, אַז ער איז טאַקע אַן אַנדער מענטש! און דער קוראַזש זײַנער וואַקסט פֿון מינוט צו מינוט און פֿאַרן פֿאַרט ער אין דער גרויסער מדינה, און פֿינף הונדערט גאָלדענע רענדלעך פֿירט ער מיט זיך, און זיי וואַרעמען אַ סך מער, ווי אין בית־מדרש דער "כּריתי־ופּליתי", צי דער "קרבן־אהרון"; און אים ווילט זיך אַצינד גאָר לערנען בלק מיט חיימען און אים ווײַזן, אַז ער איז צען מאָל קליגער פֿאַר אים. עפּעס האָט ער אַצינד פֿײַנט אים און דעם שווער און אַלע אַנדערע שוואָגערס. ער מוז זיי טרעטן אויפֿן קאָפּ און נישט זיי אים. האָט איר געזען אַזוינס? ווי שטייט עס: אָדם קרובֿ לעצמו, דאָס האָט ער אַצינד געפֿילט אין אַלע אבֿרים, און ער האָט באַקומען אַ שטאַרקן רצון אין בראָד קונה־שלימות זײַן...

אָנגעקומען קיין בראָד, האָט ער גענומען די אויגן אין די הענט אַרײַן און אָנגעהויבן צוצוקוקן זיך אויף אַלע זײַטן. אויף דער סטאַנציע האָט ער זיך גלײַך איבערגעטאָן, אַרויסגענומען דאָס געלט, עס איבערגעציילט און צע־טיילט אויף צוויי חלקים, גערענקענדיק דעם פּסוק פֿון יעקבֿן: והיה אם יבוא אל המחנה האחת והכהו והיה המחנה הנשאר לפלטה. ווען איין טייל געלט גייט צום רוח, בלײַבט נאָך איבעריק דער אַנדערער טייל. אַרויסגעגאַנגען אויפֿן מאַרק, האָט ער צו ערשט אָנגעקוקט די קליטן, געגאַנגען אַהין אַהער, זיך צוגעהערט וואָס מע רעדט, זיך אַלץ מיט זיך אַליין מישבֿ געווען. און האָבן אים געזען אַנדערע און זענען צוגעגאַנגען צו אים און מיט אים געוואָלט מאַכן אַ שמועס, האָט ער זיי גלײַך אָפּגעהאַקט און געענטפֿערט: אַז איך

װעל אײַך דאַרפֿן, װעל איך שיקן אײַך רופֿן... און אַזױ איז ער אַרומגע־גאַנגען דעם גאַנצן טאָג און ס'איז בײַ אים געבליבן צו קױפֿן װאַלנס און ציץ אין אײנעם.

אויף מאָרגן אין דער פֿרי איז ער אויפֿגעשטאַנען, זיך געװאַשן און געטאָן אַ קורצן דאַװען, װי מע איז דאָס אין לעטיטשעװ גאָרנישט געװױנט. אָפּגע־טרונקען טײ, זיך אָפּגעװישט די ליפּן און איז אַװעק פּאַװאָליע אין אַ גרױסער קלײט אַרײַן, און האָט דאָרטן אָנגעהױבן רעדן מכּוח קױפֿן. אַזױ װי ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז מע האָט דאָ גאָרנישט פֿײַנט אָפּצונאַרן, האָט ער זיך געמאַכט תּמעװאַטע, אױסגעפֿאַרשט אַלע קנײטשלעך און כּיטרעס; און דערנאָך, אַז יענער האָט געמײנט, אַט קומט מען שױן צום סמיך און מען כאַפּט אים אַרײַן מיט בײדע הענט, האָט ער זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פֿינגער פֿון די פֿיס, געעפֿנט אַ מױל און געװיזן צײנער, אַז דער קרעמער האָט גלײַך דערקענט, אַז ער האָט צו טאָן מיט אַ דורכגעטריבענעם יונג. אין דער צװײטער קלײט האָט ער שױן געהאַט די פּראַקטיקע פֿון דער ערשטער קלײט און האָט גלײַך אָנגעהױבן: איר האָט דאָ נישט צו טאָן מיט אַ פֿריץ. אַ סוחר בין איך, און איך האָב ליב ראַיעל און צאָל מזומנים. און געגעבן האָט ער צו פֿאַרשטײן, אַז ער האַנדלט שױן מיט יענעם קרעמער, װאָס ער האָט נאָר װאָס בײַ אים געקױפֿט דאָס ביסל סחורה, און דאָס טוט ער שױן אַ פּאָר יאָר; אָבער אַצינד װיל ער זען נײַע מוסטערן... אַ קיצור, ער האָט אומעטום געמאַכט די בעסטע קניות און אומעטום האָט ער אָנגע־הױבן גרױס און געקױפֿט נאָר די העלפֿט. בײַם אײַנפּאַקן איז ער געשטאַנען אַלײן און איז נישט אַװעקגעגאַנגען, ביז מע האָט דאָס נישט אַרומגעבונדן און פֿאַרחתמעט. שױן פֿון בבֿא־קמא און בבֿא־מציעא האָט ער געװוּסט, אַז אַ מענטש, אַ בשׂר־ודם איז עלול צו פֿאַרבײַטן... און דערפֿאַר װאָס ער האָט באַצאָלט מזומן, האָט ער געהײסן אַראָפּלאָזן פּראָצענטן. ער האָט זיך געזעצט אויף די סחורות און נישט געפֿאָרן אויף אַן אַנדער װאָגן און האָט גענעכטיקט גלײַך מיט די טשומאַקעס און נישט געטרױט קײנעם אַ האָר. פֿאַר דער װײַב האָט ער אין דער לעצטער מינוט אײַנגעהאַנדלט אַ זײַדן טיכל און איז געפֿאָרן אַהײם אויף אַ האַלבער אײל גרעסער װי ער איז געפֿאָרן אַהין...

און אין לעטיטשעװ האָט ער באַלד פֿאַרקױפֿט די סחורות אַן קונצן. און דערנאָך האָט ער אָנגעהױבן אױפֿצוקױפֿן פֿעדערן פֿאַר בראָד, און האָט זיך אפֿשר מיט זעכציק קלײנע ײדלעך אַרײַנגעלאָזט אין אַ שמועס און אַרײַנגע־רומט זײ אין אויער אַרײַן אַ סוד, אַז ער צאָלט מיט דרײַ קאָפּיקעס מער אויפֿן פֿונט, אָבער ער װיל גוטע פֿעדערן. און צום פּאַקן האָט ער גענומען

שפּאָגל נײַע זעק און געלאָזט פּאַקן, ווי איינער וואָס האָט דאָס אויסגע־שטודירט ביז אויפֿן פּינטעלע: זיבורית מלמטה ועידית למעלה! און אַז ער איז אין דרײַ חדשים אַרום ווידער געפֿאָרן קיין בראָד, און דאָס מאָל אַן חיימען טאַקע פֿון לכתחילה אָן, האָט ער דאָרט גענומען די גרויסע מקחים און האָט איטלעכן געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז ער טוט אים אַ לאַסקע, ווען ער פֿאַרקויפֿט אים. אָפּגעלייזט און איבערגעציילט אַ גוטן פֿאַרדינסט, האָט ער דאָס אַלץ גוט אײַנגעשנירט און זיך גענומען אײַנצוקויפֿן סחורות. אָווו ער האָט פֿרײַער געקויפֿט ציץ, האָט ער אַצינד געקויפֿט וואָלנס, ולהיפוך — כּדי אויסצופּרובירן איטלעכן קרעמער אין אַלעמען. און ווו מע האָט אים פֿרײַער אַרײַנגעשטופּט אַ שלעכט שטיקל סחורה, האָט ער זיך גאַרנישט געשעמט און אָפּגעבראַכט אויף איבערצובײַטן און געזאָגט, אַז ווען אַזוינס קומט פֿאַר נאָך אַ מאָל, וועלן זיי אים קיין מאָל אין די אויגן נישט זען. די קרעמער זענען אים נאָכגעלאָפֿן און האָבן אים געבעטן, ער זאָל קויפֿן בײַ זיי. אַ קיצור, ראובֿנען קען מען שוין אין גאַנץ בראָד!

און אַז ער איז געקומען צום דריטן מאָל קיין בראָד מיט פֿעדערן, און די מעקלערס אויפֿן מאַרק האָבן אָנגעהויבן דרייען דעם מקח, האָט ער זיך נישט געאײַלט צו פֿאַרקויפֿן און האָט אָנגעהויבן פּאַוואָלינקע אויספֿרעגן, וווהין די פֿעדערן קומען אַהין. איז ער געוואָר געוואָרן, אַז זיי ווערן פֿאַרקויפֿט קיין נאַנסי אין פֿראַנקרײַך. וואָס טוט אונדזער ראובֿן? ער לאָזט אײַנפּאַקן צוריק די פֿעדערן, גיט די טשומאַקעס נײַע אַדרעוויפֿן און איז נישט פֿויל אויפֿן פּעלץ און לאָזט זיך אַוועק קיין נאַנסי. דאָרטן אָנגעקומען, האָט ער זיך באַצאָלט דעם רווח, וואָס די בראָדער פֿאַרדינען אָן די פֿעדערן. און אַחוץ דעם וואָס ער האָט בשלימות פֿאַרקויפֿט די פֿעדערן, וואָס ער האָט אַליין געבראַכט, האָט ער נאָך אָנגענומען אַ סך מכירות אויף פֿעדערן, וואָס ער האָט געזאָלט זיי צושטעלן ערשט אין זעקס חדשים אַרום.

פֿאָלג מיך אַ מאַרשרוט פֿון נאַנסי קיין לעטיטשעוו, — הרים־וגבֿעות איז ער דורכגעפֿאָרן! און געקומען אַהיים דער גרויסער סוחר, האָט ער אָנגעהויבן אויפֿצוקויפֿן פֿעדערן, און געצאָלט גוט און אָנגעהויבן צו דריקן דעם שווער און דעם שוואָגער און די איבעריקע סוחרים, ביז זיי זענען אַלע געקומען צו אים און האָבן געבעטן רחמים, אַז זיי וועלן מאַכן מיט אים יד־אחת... הכּלל אַהין, אַהער, ער האָט אָפּגעקויפֿט בײַ זיי די פֿעדערן צו בראָדער מקחים, אָפּגערעכנט די פֿראַכט און די הוצאות און כּכלות־חצי־שנה זיך געלאָזן מיט דרײַסיק פֿורן פֿעדערן אין דעם ווײַטן וועג אַרײַן... איטלעכער האָט זיך געחידושט אויף ראובֿנען, ווי סע האָט זיך צו אים גענומען די שטײַפֿקייט. אַ טייל האָבן אָפּילו געזאָגט, ער ברעכט דעם קאָפּ; אָבער ראובֿן

האָט זיך אויסגעלאַכט פֿון זיי אַלעמען. פֿינף טויזנט רענדלעך פֿאַרדינסט האָט אים געבראַכט אָט די נסיעה, און צוריקגעקערט קיין לעטיטשעוו איז ער שוין אַ גאַנצער מאַכער. קויפֿט זיך אַ שטוב מיט מעבל, ווערט אַ נגיד און אין דער גאַנצער משפּחה איז ער דער יושבֿ־ראש...

וואָס זאָל איך מאריך זײַן? נאָך פֿינף יאָר האָט ראובֿן דעם גאַנצן מסחר פֿון לעטיטשעווער פֿעדערן אין זײַן האַנט; און געלט גייט צו געלט, און ער ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער. אַ פּאָר שוואָגערס זײַנע דינען בײַ אים און ער האַלט שוין גאָר אַ בוכהאַלטער. און ער קען זײַנע מענטשן פֿון אינעווייניק און פֿון אויסנווייניק. אַז ער האָט זיך דערשלאָגן צו די ערשטע ששים־אַלפֿים, האָט ער זיך אָנגעהויבן מישן אין קהלשע ענינים. אין האַרצן האָט ער געטראַכט, אַז אַלץ קאָן ווערן אַ כּפּרה פֿאַר אים און זײַן עסק, אָבער ער וויל זאָגן די דעה. און רופֿן רופֿט ער זיך אַצינד ראובֿעלע נאַטענזאָן און פֿירן פֿירט מען זיך אַ ביסל דײַטש. חוהן זײַן ווײַב, אַז איר וואָלט זי אַצינד געזען, וואָלט איר זי גאָרנישט דערקענט: אָט דאָס קליינע ייִדישע ווײַבל זעט גאָר אַנדערש אויס, אַז זי גייט אַרויס אָנגעטאָן אין סאַמעט און אין זײַדנס און מיט דעם האַלדז פּערל! און צו די קינדער האַלט מען לערערס. אַזוינס האָט מען אין לעטיטשעוו נאָך נישט געזען!

און דער סוף איז געווען, ויפֿרוץ ממונו לרובֿ. ראובֿעלע נאַטענזאָן איז געוואָרן אַ גבֿיר אין די מאה־אַלפֿים און איז אַרויסגעפֿאָרן אויף אַ פּאָר פֿערד, אַז סע האָט געטראַסקעט. ווײַנען וווינט ער אין אַ מויער מיט געוועקסלטע פֿאָלן; זײַן מעבל, זײַן זילבער, זײַנע שידוכים מיט קינדער! גאָט און לײַט האָבן אים מקנא געווען, און ס'איז געווען פֿאַר וואָס...

יעקבֿ־נתן

יעקבֿ־נתן איז געווען אַ קלוגער ייִד און אַ מענטש מיט אַ גוטן קאָפּ און אַ שטיק קענער און אַ לערנער, און אַלץ האָט ער געוווסט, און אין אַלעם האָט ער געהאַט אַ ידיעה. אַ בלעטל גמרא, אַ תּוספֿות, אַ פּסוק מיט אַן אבֿן־עזרא, אַ שאַרפֿער חשבון, צי גאָר אַ שמועס אין תּכונה. דער ענין גופֿא פֿון אַ זאַך איז אים קיין מאָל נישט אָנגעגאַנגען, אָבער ער האָט ליב געהאַט דעם עצם ענין פֿון וויסן, צו זײַן אַ ידען און אַ בעל־השׂגה. אָקערשט פֿרום איז ער קיין מאָל נישט געווען; ער האָט געוווסט, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט, אָבער דאָס איז בײַ אים געווען אַן האַרץ און אַן יסוד. ער האָט קיין מאָל נישט עובֿר געווען אויף אַ מצווה, ער איז געווען צו פֿויל אויף נישט צו דאַוונען און נישט אָפּצוהיטן וואָס מע דאַרף אָפּהיטן. ייִדישקייט איז געווען אַ זאַך, עלעהיי מע טוט אַן שיך און זאָקן, צי די קאַפּאָטע. דעם ענין פֿון תּאווה האָט ער ניט געקענט, הן אין עסן, הן אין געלט־פֿאַרדינען, צי אין אַנדערע זאַכן. דער עיקר איז בײַ אים געווען דער שׂכל און אַז ער פֿאַרשטייט אַ זאַך לכתּחילה. וואָס ער האָט אָנגעהויבן האָט ער נישט געקאָנטשעט, און עס איז אים געווען גענוג, אַז ער האָט אין דעם אַ תּפֿיסה. פֿרעגט איר, ווי איז ער געווען אין וועלטזאַכן צי בנוגע צו מענטשן? איז דאָס שווער צו זאָגן. אַז מען וויל איז ער געווען אַן איש־ישר, אָבער אַ קאַלטע בריאה און אין האַרצן נישט קיין גוטער. אַ וואָרט האָט ער געהאַלטן, אָבער דאָס איז נישט געווען אויף דער אמתן, וואָרעם בסך־הכּל האָט ער נישט גערעכנט פֿון הײַנט אויף מאָרגן. נגידים האָט ער נישט מקנא געווען, וואָרעם ס'רובֿ נגידים האָבן נישט קיין שׂכל. אַן אָרעמאַן צו זײַן איז נאָר שלעכט, בשעת מע האָט נישט צו דער רגע דאָס קערבל; דערנאָך, אַז מע האָט עס שוין יאָ, צי מע פֿאַרדינט עס צי מען לײַט עס, עסט מען עס גלײַך אויף און מען האָט ווידער גאָרנישט. אים איז געווען קלאָר, אַז אַן אָרעמאַן איז נאָר דער, וואָס פֿילט זיך פֿאַר אַן אָרעמאַן. דעם געפֿיל האָט ער אָבער קיין מאָל נישט געהאַט, כאָטש ער האָט קיין מאָל נישט געהאַט קיין געלט. און אַז ער האָט אַ מאָל געכאַפּט אַ הונדערטער אין אַ גרויסער בוררות — דאָס איז געווען איין מאָל,

צי צוויי מאָל אין זײַן לעבן — איז אים געווען דער עיקר נאָר דער שׂכל דערפֿון, דער אויפֿטו, אַז מע רעדט צוויי טעג מיט מענטשן מכּוח גרויסע סכסוכים און מע פֿאַרשטייט דאָס. פֿרעגט אים, צי איז ער אַ מאָל געווען פֿריילעך אין זײַן לעבן, אַז ס'איז אויפֿגעגאַנגען די זון, צי אַז ער האָט חתונה געמאַכט אַ קינד און צי ער האָט איבער הויפּט ליב געהאַט אַ קינד! אַז מע טוט אַ קוק אויף אים מיט זײַן גרוילעכער קײַלעכדיקער באָרד און זײַנע לעבעדיקע אויגן, ווײַזט ער זיך נישט אויס ווי אַ קאַלטער מענטש; פֿאַרקערט, ער האָט ליב אַ מאָל אַ זינג צו טאָן פֿאַר זיך, אַ ברום צו טאָן. ער רעדט מיט כּוח און מיט אַ קול, און בעצם איז אים נישט נוגע שטאַרק וואָס ער רעדט. ער איז שוין אַריבער חמישים און קיין מאָל רעכנט ער נישט זײַנע יאָרן. ער איז אַ מענטש, וואָס ווערט נישט קראַנק, וואָס פֿאַרקילט זיך נישט, וואָס טוט קיין מאָל נישט קיין הוסט. ער רייכערט נישט און גייט נישט אויס נאָך אַ ציגאַר; ער האָט אַ שיינעם כּתבֿ און איז פֿויל צו שרײַבן. אין קלויז זיצט ער קיין מאָל נישט אויף זײַן שטאָט, און אַז ער דאַוונט, נעמט ער אַ פֿרעמדן סידור. אין עניני־פּאָליטיקע איז ער דער ערשטער און וואַרפֿט זיך אַרום מיט אַלע שטעט פֿון דער וועלט, און אַרויסגעפֿאָרן פֿון זײַן שטאָט איז ער נאָך נישט אויף אַ וויאָרסט. ער פֿאַרשטייט אַפֿילו דעם שׂכל פֿון באַן און פֿון טעלעגראַף, און ביידן האָט ער נישט געזען. אַ מאָל האָט ער מיט נאָך אַ שותּף געעפֿנט אַ שטיקל זאַוואָד און האָט געמאַכט מאַלץ על־פּי כעמיע און דער גאַנצער משׂא־ומתּן האָט געהאַט אַ קיום אַן ערך דרײַ חדשים און דער מאַלץ האָט ניט געטויגט, און פֿונדעסטוועגן איז ער אין דעם אַ שטאַרקער בקי. פֿון אַלע מסחרים ווייסט ער: פֿון טאָרגעס ווייסט ער, פֿון קאָנטראַקטן ווייסט ער, און איז קלאָר אין אַלע חשבונות און אַליין קען ער אײַך נישט צונויפֿרעכענען דרײַ רובל אַ וואָך, וואָס ער זאָל זיי האָבן במזומן. בײַ אים אין שטוב פֿירט מען זיך נגידיש, ס'איז דאָ אַ טישל און אַ בענקל און אַ לעפֿל און אַ גאָפּל, און ס'איז נישטאָ וואָס צו עסן. נאָר וואָס דען, מע רופֿט דאָס נישט אָן מיטן נאָמען. אין דער פֿרי כאַפּט מען עפּעס און מע האָט שוין עפּעס; מע גיט דאָס אויס אַלץ אויף אַ מאָל. אַז מען האָט נאָר אַ פּאָר קוילן און אַ שטיקל צוקער און דער סאַמאָוואַר קאָכט און ס'איז פֿאַראַן דערבײַ עפּעס צו דערציילן, איז מען שוין לעילא־ולעילא. גאָט האָט מיט אַזוינע מענטשן נישט פֿיל צו טאָן און זיי דולן אים נישט דעם קאָפּ און זיי פֿרעגן אים נישט צי איז ער יאָ משגיח אָדער נישט משגיח. יעקבֿ־נתן האָט אַוודאי אַ מאָל אַרײַנגעקוקט אין "מורה־נבֿוכים" און אין "שער־היחוד" און ער פֿאַר־שטייט אַ שטיקל חקירה, אָבער אין תּוך געמומען איז אים דאָס גאָרנישט נוגע. דער חילוק, צי די וועלט איז אַ קדמון, צי איז זי באַשאַפֿן געוואָרן אין

אָדם־הראשונס צײַטן, איז נאָר דער, אַז דאָס זאָגט אַריסטו און יענץ זאָגט דער רמב״ם, און אין תּוך גענומען איז סײַ ווי סײַ דאָ נאָר איין וועלט און דער פועל־יוצא דערפֿון איז קיין נפֿקא־מינה נישט. דאַרפֿן דאַרף מען נאָר וויסן די דעות אויף טשיקאַוועסט. יעקבֿ־נתן וויל זיך קיין מאָל נישט לאָזן אָפּנאַרן און ער איז נאָך קיין מאָל נישט דערגאַנגען אַ זאַך ביזן דנאָ. ער וויל קיינעם נישט טאָן קיין שלעכטס און האָט נאָך קיינעם נישט געטאָן קיין טובֿה. ער פֿאַרשטייט נישט דעם טעם פֿון טאָן אַ טובֿה, פֿון רחמנות, פֿון חסד און פֿון נאָך אַזוינע זאַכן, און פֿונדעסטוועגן רעדט ער פֿון מידות און ווייסט פֿון די ״שמונה־פּרקים״. ער האָט קיין מאָל נישט אָפּגעגעבן זיך קיין דין־וחשבון פֿון אַ זאַך און האָט שטאַרק ליב צו רעכענען וועגן יענעם. מע קען נישט זאָגן, אַז ער איז אַ בעל־רכילות, אָבער אַז ער רעדט וועגן יענעם, איז דאָס נישט לטובֿתו. צו איטלעכן מענטשן זאָגט ער ״דו״ און רעדט אַ סך מיט ייִנגלעך.
אַז סע קומט אַ פּאַקן־טרעגער, איז יעקבֿ־נתן דער ערשטער וואָס דרשנט וועגן אים און טאַפּט בײַ אים אויס אַלע ספֿרימלעך און ער האָט כּל־ימיו נישט געקויפֿט קיין ספֿר. קיין שום שיטות האָט ער נישט געהאַט און אײַנגערעדט האָט ער זיך, אַז ער האָט זיך ז ײַ ן דרך. מיט אים זיך צו שפּאַרן וועגן אַ זאַך איז געווען אוממעגלעך, און אַן עקשן איז ער נישט געווען. מאָרגן האָט ער שוין געקענט זאָגן פֿאַרקערט, אַז ס׳איז אים נאָר אַזוי אויסגעקומען. אַוודאי האָט ער געוואָלט מער פֿאַרשטיין פֿאַר אַלע מענטשן און וואָלט קיין מאָל נישט געזאָגט, אַז ס׳איז דאָ איינער, וואָס פֿאַרשטייט מער פֿאַר אים און ווייסט מער פֿאַר אים, אָבער דאָס איז נישט געווען גלאַט גאווה און נישט לשם זיך איבערצונעמען. עס איז אים געווען קלאָר, אַז אין יעדער שטאָט מוז זײַן איינער, וואָס פֿאַרשטייט מער פֿאַר אַלע און וואָס האָט אַ גרעסערן שׂכל פֿאַר אַלע, און אויב עס איז אַזוי, איז דאָס אין דער שטאָט, ווו ער וווינט, יעקבֿ־נתן, און נישט קיין אַנדערער.

מיינט איר אַז אַזאַ מענטש גלייבט אין טויט, צי ער גיט אַ טראַכט וועגן דער צײַט, וואָס מע הערט אויף צו זײַן ? אָסור ! ער קען זיך נישט אויסמאָלן זײַן שטאָט אָן זיך. און אַז סע שטאַרבט עמעצער, שטאַרבט דאָך אַן אַנדערער און נישט ער. פֿון צרות־ישׂראל רעדט ער אויך, אָבער דאָס אַרט אים ווייניקער פֿון טבֿעיות. אַז ס׳איז ייִדן שלעכט, דאָס פֿאַרשטייט איטלעכער און וועגן דעם קען שמועסן אַפֿילו אַ ייִדענע, אָבער נישט יעדערער קען שמועסן פֿון טבֿעיות, און די טבֿע אַליין איז נאָר אַ טפֿל צום שׂכל פֿון דער טבֿע. איין וואָרט האָט ער שטענדיק געהאַט אין מויל און דאָס איז געווען ״מושׂכּל ראשון״. און אַז ער האָט דאָס אַרויסגעלאָזן פֿון מויל, האָט ער גוט געוווּסט, אַז גערעכט איז ער און נישט יענער ; און וואָלט דאָס פּאַסירט, אַז ער זאָגט,

וואָס יענער זאָגט, און יענער זאָגט, וואָס ער זאָגט, וואָלט ער ווידער געווען גערעכט, וואָרעם ביי אים איז מויל באַקומט די זאַך דעם מושׂכּל און דעם עיון. פֿון עיון האָט ער שטאַרק געהאַלטן, נאָר איז ביי אים עיון נישט געווען דער טייטש זיך צו פֿאַרטיפֿן אין אַ זאַך, נאָר דאָס, וואָס סע בליצט דורך אינעם קאָפּ וועגן אַ זאַך. אים האָבן געקענט יונגע־לייט זאָגן אַ שטיקל גמרא, וואָס איז נישט געשטויגן און נישט געפֿלויגן, און באַלד האָט ער געזאָגט דעם מהרש״א דערצו. בטבֿע האָט ער תּמיד געזאָגט ליגן און בשעת־מעשׂה האָט ער געמיינט, אַז ער זאָגט דעם אמת.

אין שטאָט האָט הינטער זיין פּלייצע קיינער פֿון אים נישט געהאַלטן, און להיפּוך, אַז ער איז געווען דערביי, האָט מען פֿאַר אים געהאַט דרך־ארץ. ביי קיינעם איז ער נישט געווען באַגלייבט אויף אַ הלוואה, און פֿונדעסטוועגן, אַז ער האָט געבעטן אַ דרייערל, האָט מען אים געליִען. ס׳איז קיינער נישט געווען אין שטאָט, וואָס וואָלט נישט געוווּסט, אַז יעקבֿ־נתן האָט נישט פֿאַרדינט און פֿונדעסטוועגן איז ער נישט געווען נחשבֿ פֿאַר קיין קבצן. נאָך יעקבֿ־נתנען האָט מען נישט געבענקט, וואָרעם ער האָט דערקוטשעט מיט זיינע חקירות, און פֿונדעסטוועגן איז מען געווען פֿריילעך, אַז ער איז געקומען. ער האָט גאָר געקענט אַ מאָל אויספֿירן אַ שידוך, צי רעדן אַ שידוך, און אַז איר וואָלט אים געזאָגט אַז ער איז אַ שדכן, וואָלט ער אייך געלאַכט אין פּנים אַריין. ער האָט צוויי איידעמס און צוויי זין און אַלע מאָל האָט ער געהאַלטן אַלץ פֿון אַן אַנדערן. וואָס אים איז געווען געפֿעלן אויף אַן אמתן, איז געווען זיינס אַן אייניקל, אַ מיידל בריינע; זי האָט געלערנט חומש און דאָס איז געווען דאָס איינציקע, וואָס ער האָט געליבט.

פֿון רביים האָט ער נישט שטאַרק געהאַלטן, דאָס באַדאַרף איך אייך נישט צו זאָגן, נאָר פֿון איין רבין האָט ער יאָ געהאַלטן, וואָס ער האָט פֿאַרשטאַנען דעם שׂכל פֿון מילן און וואָס פֿלעגט ריסעווען פֿאַר זיינע חסידים דעם פּלאַן פֿון מילן. אַז ער האָט זיך דערוווּסט פֿון יענעם רבין, וואָס ער האָט געפֿונען ביי אַ ברעג פֿון ים דעם חילזון, איז ער געווען אויסער זיך און האָט דערפֿון געשמועסט אַ יאָר נאָך אַנאַנד, כאָטש ציצית זענען אים נישט געלעגן אין זינען און ער וואָלט זיך געקענט באַגיין אָן זיי, אַז ייִדן וואָלטן דאָס נישט געטראָגן.

אַז יעקבֿ־נתן האָט זיך דערוווּסט, אַז אין מחזור צו נעילה זענען דאָ לעבן אַנאַנדער פֿיר שטיקלעך, וואָס הייבן זיך אָן מיט די פֿיר ווערטער: יה הנקרא אלהים טבע, האָט ער נאָר געהאַט די התפּעלות, אַז ער ווייסט פֿון דעם און קען דאָס וועגן במאזני־ההגיון. אין האַרצן האָט אים אלהים געלאָזן קאַלט ווי די טבֿע. אַז גאָט האָט באַשאַפֿן די וועלט, קען מען פֿאַרשטיין, און אַז

אַלץ קומט פֿון דער טבֿע קען מען דאָס אויך על־פּי חקירה פֿאַרשטיין. פֿון דוד המלך מוז מען אַוודאי האַלטן, אָבער וואָס איז ער קעגן דעם רמב״ם? וואָס זנאַטשעט רש״י מיט זײַן ווײַבערשער נשמה קעגן דעם רלב״ג? און מיינט איר, ער האָט געהאַט התפּעלות כאָטש פֿאַרן רמב״ם און רלב״ג און נאָך אַזעלכע? ניין, אַז סע וואָלטן נישט געווען קיין חוקרים, וואָלט דאָך יעקבֿ־נתן נישט געהאַט זיך וועגן וואָס צו חקרנען. דער טוחן מוז האָבן ווייץ, אַ מענטש וואָס האַנדלט מיט תּבֿואה מוז האָבן קאָרן, און פֿאַר אַ ייִדן ווי יעקבֿ־נתן באַדאַרפֿן צו זײַן חוקרים. אַז עס גייט אונטער די זון און סע ווערט נאַכט, צינדט מען אָן אַ ליכט; אָבער אַז סע וואָלט נישט געווען קיין הגיון, וואָלט דאָך יעקבֿ־נתן נישט געהאַט דעם יתרון.

אַזוי איז יעקבֿ־נתן געוואָרן אַ בן־ששים און איז געוואָרן נאָך גרויער; מע הייבט שוין אָן אַרײַנצוגיין אין די שבֿעים און ער איז ווי ער איז געווען. ער זאָל דאָס געבן אַ טראַכט וועגן ערבֿ שמשי... יאָ, די זון אַליין און די לבֿנה און די שטערן זענען דאָך נאָר דאָ לשם־תּכונה.

וואָס אים האָט געפֿעלט אין גלות — און דאָס איז געווען די איינציקע זאַך, וואָס ער האָט אין דעם געזען אַ חילוק פֿון הײַנט צו אַ מאָל, ווען ייִדן האָבן נאָך געהאַט זייער לאַנד — איז געווען, וואָס מע בענטשט ראש־חודש ווי סע שטייט אין לוח, און וואָס מע מאַכט נישט מער דעם קידוש־החודש. דאָס האָט אים כּל־ימיו געאַרט, ביז ער איז געשטאָרבן און מע האָט באַגראָבן דעם טויטן מושׂכּל אויפֿן בית־עולם.

דער ליגנער

שלום־לייזער, אַ הײַסיגער ייִד פֿון דער נײַער שטאָט, די גרוילעכע באָרד איז אַ ביסל אונטערגעשוירן. טראָגן טראָגט ער אַ געפּרעסטן קאָלנער און אַ ריינעם סורדוט, די שטיבלעטן זענען אַלע טאָג געפּוצט. צו די פֿרומע געהערט ער נישט, און אַז ער וויל יענעם אײַנרעדן, אַז ער האַלט לחלוטין מיט די הײַנטיקע, ליאַפּעט ער אויף ייִדן. אָבער יום־כּיפּור צי גלאָט אַזוי אין דער פֿרי ביַים דאַווענען גיט ער אַ שטילן כליפּ. ער קומט אַפֿילו אַרויס פֿון נגידים, אַליין איז ער שוין אָבער לאַנג נישט קיין עושר. געלעבט האָט ער כּל־ימיו פֿון דער ירושה, וואָס איז אים געבליבן פֿון זײַן מאַמען. דאָס הייסט, ער האָט אַלץ אויפֿגעגעסן און האָט פֿאַרקויפֿט איין קלייט נאָך דער אַנדערער, דערנאָך דאָס זילבער און דעם ווײַבס צירונג, דערנאָך אַפֿילו דעם גוטן טכוירענעם טולופּ. און די שיינע שטוב, וואָס איז אים נאָך געבליבן מיטן מעבל, איז שוין צען מאָל פֿאַרזעצט, הכּלל, ער האָט נישט קיין אייגענע האָר אויפֿן קאָפּ. און גיט אים אַ פֿרעג, גלייבט ער נישט, אַז אַנדערע האָבן יאָ: אַלע נגידים זענען פֿאַרשולדיקט ביז איבער די אויערן, און די, וואָס האָבן נאָך נישט אַנגעזעצט, וועלן נאָך אַנזעצן. ס'איז נישטאָ קיין אמת אויף דער וועלט! יענע יאָרן איז געווען גאָר אַנדערש, געלט האָט מען געשאַרט מיט די לאָפּעטעס; און ער אַליין, אַז ער האָט אָנגעהויבן צו האַנדלען נאָך דער חתונה, האָט ער פֿאַרדינט אין איין חודש, וואָס ליבערמאַן אין קיִעוו פֿאַרדינט הײַנט אַ יאָר. אויך די פּריצים פֿון אַמאָל זענען געווען גאָר אַנדערע פּריצים און דער מיסחר איז געווען גאָר אַן אַנדער מין מיסחר. וואָס האָט אים דעמאָלט געפֿעלט? ווו האָט ער נישט אָנגעשפּאַרט? הערט אַזאַ מעשׂה: ער קומט איין מאָל צו פֿאָרן קיין קיִעוו און ווױנט אויפֿן קרעשטשאַטיק אין אַן ערשטן נומער. קלאַפּט עס אין דער טיר און ווער קומט אַרײַן? פּאָטאָצקי. פּאָטאָצקי אַליין און זאָגט אים: דיר, שלמה־לייזער, גיב איך איבער דעם גאַנצן צוקער אויף קאָמיסיע, פֿון אַלע מײַנע סאַכאַרנע זאַוואָדן. איין מאָל האָט ער מיד־ליד געכאַפּט למ"ד אַלפֿים קערבלעך פּראָוויזיע. ער פֿלעגט אַזוי פֿיל פֿאַרדינען, אַז ס'איז אים נמאס געוואָרן

רעכענענדיק... און געפֿירט האָט ער די גרעסטע מיסחרים אָן אַ שרײַב־פּענדל און אַלץ אויפֿן קאָפּ. שוין צוריק מיט דרײַסיק יאָר האָט ער גערעדט פּויליש און אַלע פּריצים האָבן זיך געחידושט. און ווי איז ער געגאַנגען אָנגעטאָן! קאָרט אויף אַ סורדוט פֿון פֿופֿצן רובל אַן אַרשין, — יאָ, פֿופֿצן רובל, ווי איר זעט אים לעבן. און זײַן ווײַב האָט געטראָגן אַ זײַדן קלייד פֿון דעם אייגענעם זײַדנס, וואָס אַפֿרתיס און בראָדסקיס טעכטער האָבן געטראָגן. איר ווייסט נישט, וואָס ער האָט געקאָנט. אַז סע האָט זיך אים פֿאַרגלוסט אַ פּאָר קאַשטאַנעס, האָט ער פֿאַר זיי באַצאָלט פֿאַר איטלעכן צוועלף הונדערט רובל. וואָס האָט בײַ אים געזנאַטשעט אַ טויזנטער? ווער האָט דאָס געהערט, ווי הײַנט, אַז אַכציק קאַרבאָנצעס זאָלן אויסמאַכן אַ גרויסן פֿאַרדינסט, צי גאָר אַ פֿינף־און־צוואַנציקער! דעמאָלט האָט ער טאָקע געקאָנט נעמען אַ גאַנצן פֿופֿציקער און פֿאַררייכערן דערמיט אַ ציגאַר. און טרעפֿט, וואָס ער האָט אַ מאָל געגעבן פֿאַר אַ בוטעלקע אונגאַרישן ווײַן אויף אַרבע־כּוסות, — דרײַסיק קערבלעך, ווי איר זעט אים לעבן.

שלום־לייזער האָט אויך נישט פֿײַנט געהאַט אַ ביסל משקה, אַ מאָל — אַז ער האָט געקאָנט — גוטע, און הײַנט אַפֿילו שלעכטע... און אַז קיינער האָט נישט געזען, האָט ער זיך אַרײַנגעכאַפּט אין אַ קעלער און האָט געטרונקען פֿון פֿינף און צוואַנציק גדולים אַ פֿלאַש. און וואָס ס'איז מיט אים געגאַנגען אַרונטער, האָט ער אַלץ געזאָגט גרעסערע ליגנס. ווער פֿאַרשטייט ווי ער אין זאַכן פֿון צירונג, פֿון בריליאַנטן און פּערל: האָט דאָך זײַן ווײַב געטראָגן פּערל, וואָס זענען געווען אַזוי גרויס ווי קליינע האָזערנע ניס. פֿאַר אַ פּאָר אוירינגלעך האָט ער באַצאָלט מזומנע פֿינף טויזנט קאַרבן, און אַ סך מבֿינים האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז נאָך אַ מציאה. הײַנט פּוצן זיך אַלע מיט וואַרשעווער זילבער, מיט אָפּגעגילטע קייטן, ס'איז דער עולם־השקר אין אַלעמען, ווו איר קוקט אַרײַן.

דעמאָלט, אַז סע האָט בײַ אים געקנאַקט, און זײַן נאָמען איז געגאַנגען ווײַט איבער פּרײַסן, האָט ער אַ מאָל אַ פּאָר געטאָן קיין אונגאַרן. וואָס מיינט איר, וואָס פֿאַראַ שטעט מע זעט דאָרט! ווי די מענטשן גייען אַרום מיט רויטע באַקן און מיט גראָבע טײַסטערס. און גיין גייט מען אויף גאָלע ווײַסע שטיינער. וואָס איז אַפֿילו קיִעוו קעגן טשערנאָוויץ! האָט איר אַ השגה, וואָס ער האָט דאָרטן געזען און וואָס ער האָט פֿון דאָרטן מיטגעבראַכט: אַ זייגער, וואָס אַז ער פֿלעגט שלאָגן, האָט ער אָנגעהויבן אַליין צו שפּילן, און אַז סע זענען אַרויסגעפֿלויגן צוויי פֿויגלען, וואָס האָבן געפּיפּסעט, ווי לעבע־דיקע...

און מיינט איר, נאָר גוטס, גאָלע גוטס האָט ער געזען אין לעבן? שלעכטס

איז אים אויך אַ מאָל געגאַנגען; סע האָט געהאַלטן אַזוי, ער זאָל פֿאַרלירן אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט. ווארעם ער איז דאָס מאָל געווען שטאַרק פֿאַרקראַכן אין צוקער, און צוקער איז דעמאָלט געפֿאַלן מוראדיק... אַז ער וואָלט נישט געווען ער, שלום-לייזער, און סע וואָלט געווען אַן אַנדערער אויף זײַן אָרט, וואָלט ער צען מאָל געבראָכן דעם קאָפּ. וואָס-זשע טוט ער? ער גייט אַריבער צו הענעכן, און זאָגט אים: הענעך, באָרגט מיר פֿופֿציק טויזנט קערבלעך אויף דרײַ חדשים, כּדי איך זאָל קאָנען אַלץ דעקן, און גלייבט מיר, סע זאָל נישט זײַן אײַער שאָדן, און הענעך נעמט און גיט אים די פֿופֿציק טויזנט רובל אָן אַ שום חתימהלע, נאָר אויפֿן וואָרט. ער האָט אַלעמען געצאָלט, און דערנאָך, אַז ער האָט געהאַט כּוח איבערצוּוואַרטן, איז דער צוקער ווידער געשטיגן, און שלום-לייזער איז ווידער פֿון אויבן.

וואָס אים האָט אין לעבן געטראָפֿן! אַ מאָל, אַז ער איז געפֿאָרן אויף אַ שליטן אין וואַלד, האָט ער באַגעגנט צוויי וועלף. דער גוי, וואָס איז מיט אים געפֿאָרן, האָט זיך דערשראָקן און האָט נישט געקאָנט זיך רירן פֿון אָרט; ער אָבער האָט אַרויסגענומען דאָס פּעקל שוועבעלעך און האָט אָנגעצונדן אַ סירניקל, זענען זיי אַנטלאָפֿן!

וויפֿל מאָל איז ער שוין געווען טויט-קראַנק, אַז די דאָקטוירים האָבן זיך פֿון אים מייאש געווען: דרײַ טעג איז ער געלעגן אָן לשון, און מ'האָט שוין אָנגעהויבן אים צו באַווייַנען, און אויפֿן פֿערטן טאָג איז ער אויפֿגעשטאַנען פֿריש און געזונט און אַלע האָבן זיך געחידושט, אַז ער האָט אַ גוף ווי פֿון אײַזן. פּרוּווט אים לייגן אַ גליִענדע קויל אין האַנט, צי ער וועט אײַך געבן אַ פּיפּס צי אַ מאַך מיטן אויג. אַ רופֿא האָט אים אַ מאָל געצויגן דרײַצן פּעניאַקעס אויף איין מאָל, און ער זאָל זיך געבן גאָר אַ קרים. אַז ס'האָט געברענט אין הײַסין די גרויסע שול, איז ער אַרײַנגעשפּרונגען אין פֿײַער אַרײַן און האָט אַרויסגעטראָגן דעם גאַנצן אָרון-קודש מיט אַלע ספֿרי-תּורות. מיט יוחנן עטינגער האָט ער אַ מאָל זיך געוועט, ער וועט נעמען אַ מילשטיין און זיך דרײַ מאָל מיט אים איבערדרייען, און ווער האָט געוווּנען? ער.

אַזוי האָט ער זיך אײַנגערעדט אין אַלעמען, וואָס ער האָט גערעדט, און האָט תּמיד געגלייבט, אַז ער זאָגט דעם אמתן אמת. ס'איז בײַ אים געווען אַ תּענוג אַזוי פֿון זיך צו רעדן, און אין האַרצן האָט ער געפֿילט, אַז מע מוז דאָך די הײַנטיקע דורות ווײַזן, ווי אַזוי מ'האָט אַ מאָל געלעבט און וואָס דער מענטש האָט אַלץ געקאָנט...

קיינעם האָט ער נישט ליב געהאַט, אַפֿילו נישט זײַן אייגענע ווײַב און קינדער! און פֿונדעסטוועגן האָט ער געוואָלט, אַז סע זאָל אין אַלעמען אַרײַן אַן אַנדער השׂגה; דער עיקר איז, אַז מע דאַרף נישט אַרומגיין צונויפֿגעשנירט,

און זײַן אין אַלעמען אָפּגעמאָסטן און מורא האָבן און פֿלאַטערן. כראַבראַסט!
דאָס איז געווען זײַן זאַך. הייסט אים אַריבערשווימען דעם גרעסטן טײַך, צי
נאַכיאָגן גנבֿים, אַז זיי האָבן בײַ נאַכט איינעם באַגנבֿעט. אַפֿילו פֿאַר פּאָניען
אַליין האָט ער אויך נישט מורא געהאַט. האָט ער נישט אַ מאָל דערלאַנגט אַ
פּאָמאָטשניק־פּריסטאַוו אַ מזומנעם פּאַטש? און אַחוץ דעם, וואָס מע האָט
אים גאָרנישט געטאָן, איז נאָך יענער אַראָפּ פֿון בענקל...

און ווי ער האָט אַזוי גערעדט און זיך גערימט אין טאָג אַרײַן, איז אים
געגאַנגען אַלץ ערגער און ערגער. די שטוב האָט מען בײַ אים שוין צוגענומען
און געווינט האָט ער אין שכנות. זײַן בורנוס איז געווען אַזוי אָפּגעטראָגן,
אַז סע האָבן זיך פֿון אים געצויגן די פֿעדעם. אַ געפֿאַלענער און דער אמתער
יורד... און אַצינד, ערשט אַצינד פֿילט ער זיך אַרײַנגעזעצט גאָר אין אַן
אַנדער מין וועלט. האָט ער דאָך אַ מאָל געווינט זומער אויף אַ דאַטשע,
אין יענע יאָרן וואָס אַפֿילו יחידי־סגולה האָבן דאָס נאָך נישט געטאָן. עפּעס
לעבן אַזוי אין אַ דאָרף און האָבן פֿאַר זיך אַן אַגאָראָד, און דאָ זיצט מען
דאַכט זיך שטיל און אין דער היים דרייען זיך מיסחרים און סע לויפֿן אָן די
קוויטעס אויף די טויזנטער...

וואָס איז בײַ אים געווען פֿאַרדינען? וואָס האָט בײַ אים געזנאַטשעט אַ
מיסחרל? מענטשן האָבן פֿון אים געלעבט און נישט ער פֿון אַנדערע. גיט אַ
פֿרעג, אויב עמעצער האָט אויף אים זיך באַקלאָגט, אויב ער האָט זײַנס נישט
אַריבערגעלאָזן. אַ כּלל האָט ער בײַ זיך געהאַט — זיך נישט צו סודיען,
וואָרעם ער האַלט נישט פֿון אַזוינע זאַכן. פֿונדעסטוועגן, אַז ס'איז אים אַ
מאָל דערגאַנגען ביז אין דער לעבער, האָט ער געפֿירט אַ דיעלע ביז קיין
פּעטערבורג און ביז צום סענאַט און האָט געוווּנען, כאָטש די גרעסטע
אַדוואָקאַטן האָבן געזאָגט, אַז ער וועט פֿאַרלירן. דערפֿאַר האָט ער דאָך זײַן
קאָפּ און הייסט שלום־לייזער.

און שלום־לייזער איז נאָך מער געפֿאַלן. פֿיל מאָל האָט מען אים אַרויס־
געוואָרפֿן פֿון דער דירה, וואָרעם ער האָט נישט געהאַט צו צאָלן דירה־
געלט. די בנים זײַנע זענען געוואָרן שאַרלאַטאַנעס, און האָט ער זיי געפּרוווט
זאָגן אַ וואָרט, האָבן זיי דעם אייגענעם טאַטן געקאָנט מבֿוזה־ומבֿזה זײַן.
אויסגעזעצן האָט ער אויסגעדייוועט. און האָט ער אַ מאָל דערטאַפּט אַ
באַקאַנטן און געקראָגן פֿון אים אַ האַלב קערבל, האָט ער דרײַסיק קאָפּיקעס
געבראַכט אַהיים און צוואַנציק האָט ער אַוועקגעגעבן אין אַ שענק און זיך
אָפּגעווישט דאָס מויל. דער צער זײַנער און דער כּעס אויף דער וועלט,
וואָס באַשטייט פֿון לויטער לײדיק־גייערס און קיינער פֿאַרשטייט נישט צו
גיין אינעם רעכטן וועג, אַזוי ווי ער האָט פֿאַרשטאַנען, איז געווען גרויס.

פֿריִער, אַז ער איז נאָך געגאַנגען אַנגעטאָן מעשׂה־מענטש, האָט ער כאַטש געפֿונען פֿאַר ווען זיך אויסצורעדן. אַצינד שעמט מען זיך מיט אים אָפּצושטעלן אויף דער גאַס. ס׳איז נישטאָ קיין אמת אויף דער וועלט!

דרײַ חדשים אָדער דער עגמת־נפֿש פֿון אַ ייִדן

גאָט, וואָס זענען דאָס פֿאַר אַ מענטשן, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ דור! נעמען אַ מענטשן און אים מוטשען. פֿאַר וואָס, איך פֿרעג אײַך? שטעלט אײַך פֿאָר, איך זיץ שוין דאָ דרײַ חדשים און טענה אַלץ מיט זיי: גיט מיר אַרויס די ירושה! לאַכן זיי מיר אין פּנים אַרײַן און זאָגן: ווער ס׳גיט, איז אַ נאַר. זאָג איך צו זיי מיט גוטן: איר זענט דאָך מײַנע ברידער און איר מוזט דאָך אַרײַנגיין אין מײַן לאַגע, אַז איך קען נישט לאָזן איבערגיין מײַנס. זאָגן זיי: מיר ווילן דען בײַ דיר עפּעס נעמען? פֿאַר אַהיים געזונטערהייט און דו וועסט זען, צי מיר וועלן קומען צו דיר. הייב איך אָן אויף טערקיש: סטײַטש, ממזרים, פֿאַר וואָס קומט אײַך די גאַנצע ירושה? איר זאָגט: דער טאַטע האָט בײַם לעבן מיר געגעבן; אײַך האָט ער דען ווייניק געגעבן? פֿאַרקערט, גייען מיר צו מענטשן, צום רבֿ, צו וועמען איר ווילט אַליין. אַז רעדט צו דער וואַנט. וואָס טויג אונדז דאָס גאַנצע לאַדעכץ, אַז מיר זענען דיר נישט שולדיק קיין קאָפּיקע. הייב איך אָן פּשוט צו שרײַען געוואַלד: איך וועל אײַך נישט שענקען, אַהער מיט דער ירושה. זיי: שאַ, נאַר אָן וועל גיין אין קלויז און וועל מאַכן אַ רעש. איך וועל נישט לאָזן לייענען. זיי זיצן זיך רויִק און זאָגן: כאַצקל, ווילסט אַ גלעזל טיי? קלעמט דיר נישט דאָס האַרץ? איך קלאַפּ אין טיש: הינט, איר ווילט מיר געבן שוחד? איך וועל אײַך נישט שענקען, אַהער מיט דער ירושה. זיי: שאַ, נאַר אָן געפּילדער און אָן רעש. וויפֿל האָבן דיר געקאָסט די הוצאות אַהער? זיבן קערבלעך. מיר קערן דיר אום די הוצאות אַהער און צוריק און אַחוץ דעם גיבן מיר דיר נאָך צוויי קערבלעך, דעם ווײַב אויף אַ זײַדן טיכל אַ מתּנה. פֿונעם טאַטן וועלן מיר דיר געבן די זוהרס און די משניותן און פֿאָר אַהיים. דאַכט זיך יוצא? איר הערט ווערטער? דרײַ הונדערט קאַרבן איז געבליבן במזומן און אַ האַלבע שטוב, אַחוץ ספֿרים און מעש. איר ווייסט נישט אַלץ, וואָס מײַן טאַטע האָט געהאַט. די קו האָבן זיי אים אַוועקגענומען נאָך בײַם לעבן. זיי זענען געזעסן דאָ און האָבן אים געציקעט און איך נאַר מוז ווינען אין סוויטיאַץ און בין געבליבן בײַם שרײַען. אַ טענה האָבן זיי, אַז

איך האָב חתונה געמאַכט אַ קינד, האָט דער טאַטע, עליו־השלום, געגעבן דעם נדן און האָט מיט דעם מיר אויסגעצאָלט דעם חלק ירושה. פֿרעג איך אײַך, ווער ירשנט דאָס אַ פֿאָטער בײַם לעבן? איך זאָג צו זיי: — לאָמיר נאָר זען די צוואה. זאָגן זיי: — נישטאָ קיין צוואה. זאָג איך: — סע מוז זײַן אַ צוואה. — אַדרבה, גיי און ווײַז זי. — חכמים, איר זענט געווען בײַ דער לוויה און האָט די צוואה צוגענומען. — האָסטו עדות? — קיין עדות האָב איך נישט, אָבער ברענגט איר עדות, אַז ס'איז נישט געבליבן קיין צוואה. אַזוי טענהן מיר אַלץ און סע קומט נישט צו קיין עק. אין קלויז זאָגט מען מיר: דערלאַנג! דערווײַל זיץ איך בײַ זיי און עס בײַ זיי און שלאָף בײַ זיי. איך פּרוּוו איין מאָל צו זאָגן: ווייסט איר וואָס? דאָס געלט האָט איר צוגענומען, גיט מיר אַוועק די שטוב. זאָגט די שוועסטער מײַנע: די שטוב האָט דער טאַטע שוין בײַם לעבן פֿאַרשריבן אויף מײַן נאָמען. איך ווייס, אַז דאָס איז אַ ליגן. די חתימה איז נישט די חתימה פֿונעם טאַטן. מײַן שוואָגער איז זיך מישבֿ און וויל מיר געבן צוואַנציק קערבלעך יוצא־געלט. איר פֿאַרשטייט אַן ענין? דאָ עס איך מיר אויס די גאַל מיט זיי און מײַן שווין, אַז איך בין שוין אויף אַ שטיקל לאַד, און דאָ לאָזט זיך אויס: צוואַנציק קערבלעך! דאָרט אין סוויטיאָץ מיינען זיי, איך ברענג די אַפּותיקא און שאַרפֿן זיך שוין די ציין, און איך קום אָן מיט מײַנע צוויי צענערלעך. און הײַנט בין איך דאָך גערעכט. ווער האָט דאָס געהערט, מע זאָל נעמען אַ ברודער, דערפֿאַר וואָס ער האָט נישט געוווסט און איז נישט געווען אַקוראַט צו דער לוויה, און מע זאָל פֿון אים אַוועקנעמען זײַנס? איז שוין גאָר קיין יושר נישטאָ אויף דער וועלט? איך פֿרעג אײַך, וואָס זאָגט איר דערצו? מאָלט אײַך אויס, איר זענט איך און אײַך וויל מען אַוועקנעמען די ירושה. וועט איר פֿאַרבײַסן מיט די ליפּן און מאַכן אַ שווײַג? עפּעס האָט דאָך דער מענטש אַ גאַל און סע גריזשעט אים ביז אין ביין אַרײַן. ס'איז נישט דאָס געלט אַליין, נאָר די עוולה. אַז איך זאָג מיר אַפֿילו טויזנט מאָל: זיי זענען גנבֿים און רוצחים, פֿאַר אַהיים און זײַ אַלץ מפֿקיר, לאָזט מיך עפּעס דאָס האַרץ נישט. עפּעס איז אין האַרצן דאָ אַ דעה, אַן עקשן, וואָס זאָגט: ניין, דו טאָרסט נישט צולאָזן איבערגיין דײַנס. איר פֿאַרשטייט? אין מוח זענען דאָ נאָך דעות און נאָך מחשבֿות און איטלעכע האָט זיך איר ראיה; איין דעה זאָגט: זיץ. און די אַנדערע זאָגט: גיב אַ שפּײַ, כאַצקל, דײַן זיצן דאָ וועט דיר נישט העלפֿן. אָבער אַן אַנדער דעה, דער עקשן, איז גובֿר און האַלט מיך און לאָזט מיך נישט אַוועקפֿאָרן. דאָס לאָזט מיך נישט שלאָפֿן און עסן און פּיקט מיר אַלץ אין האַרצן: רײַס זיי אויס די אויגן, לאָז זיי נישט רוען, צי זיי אַזוי לאַנג בײַ די קישקעס, ביז זיי וועלן נאָכגעבן. און ווי איך הער דאָס, גיב איך אַ

טראַכט: אפֿשר טאַקע יאָ? האָסט אַזוי פֿיל געוואַרט, וואַרט נאָך. עפּעס וועלן זיי דאָך נישט וועלן, דו זאָלסט בײַ זיי אָפּזיצן ימים־ושנים. און אין פֿלוג, לייג איך נישט צו מיט מײַן זיצן? און ווער איך נישט קאַרג אָן, וואָס איז פֿינף מאָל מער ווערט ווי די גאַנצע ירושה? איר ווייסט, אַ קלייט לאָזן אויף אַ ייִדענע אַליין. איך, אַז איך בין דערבײַ, מאַך איך חילופֿים. מע האַנדלט און מע זעט דעם לעבעדיקן זעקסער. וואָס טו איך דאָ? וואָס מאַך איך דאָ? אַזוי טענה איך מיט מיר אַליין, אָבער סע העלפֿט נישט. איך קען נישט אויפֿהייבן די פֿיס און אַוועקפֿאָרן און זיי לאָזן דעם חלק ירושה. איך שווער אײַך, איך קען נישט. און אַז איך וועל שוין אַוועקפֿאָרן, וועל איך נישט האָבן קיין רו אין דער היים. מײַנע וועט מיך גריזשען און עסן. אין בית־מדרש וועט מען מיר אָפּעסן די גאַל: סטײַטש, ווי נעמט אַ ייִד און לאָזט אַ ירושה? וויפֿל מאָל ירושות האָט מען אין לעבן? פֿאַר צוריק קיין אַכרימאָווע און גיב אָן אין סוד. מיר וואָלטן מיט זיי בלק געלערנט. גיב אַ טראַכט: דאָ שטייסטו און האָרעוועסט אויף אַ פּיאַטאַק און דאָרט לאָזסטו ליגן אַ הונדערטער. ווי איר זעט מיך לעבן, אַ גאַנצער הונדערטער קומט מיר אַרויס. איר ווייסט, וואָס דאָס הייסט? איר ווייסט, וואָס איז דער טײַטש פֿון אַ הונדערטער, אַ געלער הונדערטער מיט דער קרוין, און דאָס קנייטש איך צונויף און האַלט דאָס אין האַנט און דאָס איז מײַנס? איך זעץ מיך אַנידער עסן און איך האָב דעם הונדערטער; מע לייגט זיך שלאָפֿן און אונטערן קישן ליגט דער הונדערטער; מע גייט דאַווענען מיטן טלית־ותפֿילין און אין קעשענע ליגט דער הונדערטער. איר פֿאַרשטייט דעם טעם? און דאָס האָב איך געירשנט, נישט צונויפֿגעלייגט אַ רובל צו אַ רובל און צו איטלעכן צוגעגעבן אַ שטיק געזונט, נאָר אַלץ געירשנט אין איין מאָל, דאָס איז עפּעס ווערט, דאָס פֿאַרגין איך מיר און פֿאַרגין דאָס אײַך און אַלע גוטע פֿרײַנד. קומען זיי, די ימח־שמוניקעס, און נעמען מיר אַוועק מײַן פֿרייד. פֿאַר וואָס? פֿאַר ווען? בין איך ווייניקער אַ זון ווי זיי? וואָס האָב איך מיר שוין נישט אויסגעמאָלט פֿאַר דעם הונדערטער: איבערבויען מײַן שטוב, אַוועקלייגן אויף פּראָצענט. און דאָ לאָזט זיך פֿון אַלעמען אויס אַ בוידעם. וואָלטן זיי מיר כאָטש געגעבן אַ פֿופֿציקער, זאָגן מיר, די העלפֿט. איר קענט דאָך די פּשרה פֿון אַ גזלן: חצי שלי וחצי שלך, זאָלן זיי זיך דערוואַרגן מיט דעם אָפּגעריסענעם פֿופֿציקער. אַ פֿופֿציקער גייט אויך נישט צו פֿוס, דאָס איז שוין אַ מטבע; אָבער צוואַנציק קערבלעך, וואָס הייב איך אָן מיט צוואַנציק קערבלעך? איך זאָג אײַך, איך גיי שיִער אַראָפּ פֿון זינען פֿון עגמת־נפֿש און דאָ זיץ איך בײַ זיי און מוז עסן בײַ זיי און שלאָפֿן בײַ זיי, ווי איך האָב אײַך געזאָגט. ס׳פּאַסט דאָך נישט, אַ ברודער און אַ שוואָגער זאָל נעכטיקן בײַ אַ פֿרעמדן. יאָ, איר

וויסט נישט, וואָס אַ מענטש קען ליידן. מע איז, דוכט זיך, צו גאַסט, אַ שיינער גאַסט. נישט איין מאָל האָבן זיי מיר געוווּנטשן מײַן קלימעקל ווײַט פֿון דאַנען. אַז איך עס, בלײַבט מיר דער ביסן שטעקן אין מויל. אָבער איך פֿאָר נישט אַוועק, ביז איך וועל נישט באַקומען מײַנס. איך זאָל אַפֿילו שטאַרבן, וועל איך זיך נישט רירן פֿון אָרט. דערפֿאַר הייס איך כאַצקל.

אויף אַ רגע קומט מיר אַפֿילו דער געדאַנק: פֿאָר אַהיים און זאָג: אַ שיינע ריינע כּפּרה, די ירושה וועט זיי נישט ווייל באַקומען. דאָס געלט וועלן זיי אויסקרענקען, די שטוב וועט אָפּגעברענט ווערן, ס'איז דאָך דאָ אויף דער וועלט שׂכר־ועונש. קומט אָבער די אַנדערע דעה, די עקשנטע, און זאָגט: פֿאָר נישט, האַלט אויס, ביז דו וועסט אויספֿירן. פּרוּוו איך צו זאָגן: ס'איז מיר שוין נמאס געוואָרן, איך פֿאָר אַהיים, איך בענק נאָך מײַן ווײַב און קינדער. גיט זי — די עקשנטע — אַ געשריי: פֿאַרקערט, דו מוזסט האָבן אין זינען ווײַב און קינדער און באַשטיין אויף דײַנס. אַט אַזוי זיץ איך דאָ אָפּ שוין דרײַ חדשים...

די קליינע השגה

טויזנט יאָר זאָלט איר לעבן, גאָט זאָל אײַך העלפֿן, וווהין איר וועט אײַך קערן און ווענדן, איר זאָלט האָבן נחת פֿון אַלע אײַערע קינדער און קינדס־קינדער, און איר זאָלט אײַך עלטערן אין עושר און אין כּבֿוד און זאָלט האָבן גרויס הצלחה! איך ווייס גאָרנישט, מיט וואָס איך זאָל אײַך באַדאַנקען פֿאַר דעם, וואָס איר האָט מיך דערהאַלטן מיט ווײַב און קינדער, גאָט האָט אײַך צוגעשיקט צו דער צײַט, און אַז ער וויל, געפֿינט ער שוין זײַן שליח. איך האָב געמיינט, די וועלט איז אויף מיר געפֿאַלן. האָט איר דען אַ השׂגה, ווי אַזוי איך האָב געבידעוועט? עפּעס אַ קלייניקייט, צוויי יאָר זיצן מיט פֿיר קינדער אָן פּרנסה? אויפֿגעגעסן האָבן מיר זיך, איך און מײַן ווײַב! אַז מע וויל, בין איך געווען געגרעכט: מע קאָן דאָך נישט נעמען און זיך צעשנײַדן אויף שטיקער, אַז ס'איז נישטאָ פֿון וואַנען. און אַז מע וויל, איז זי געווען גערעכט: מילא, איך בין אַ מאַנצביל און גיי אַרום אין גאַס און פֿאַרגעס זיך; זי זיצט שטענדיק אין שטוב און זעט רק דעם דלות. און שׂכר־לימוד צאָלן, ווי האָב איך דאָס געקאָנט? מע זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, קיין גאַנץ העמד אויפֿן לײַב. אַז איר וואָלט מיר דעמאָלט נישט געגעבן די שטעל פֿאַר צען גילדן די וואָך בײַ אײַך אין דער טאַקסע, ווייס איך אַליין נישט, ווו איך וואָלט אַצינד אָנגעשפּאַרט, ס'איז מיר אויסגעקומען צו נעמען די טאָרבע און גיין איבער די הײַזער, איך און מײַן ווײַב. צי וויל איך געבן אײַך אַ חניפֿה? אָבער איר האָט מיך אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד ביז אין הימל אַרײַן, אַז איר האָט מיך געשיקט רופֿן און האָט צו מיר געזאָגט: בערל, אַז דו ווילסט, ווער אַ נאמן בײַ מיר אין דער טאַקסע. אַז איך וויל! דערקוויקט האָט איר מיך און בשעת־מעשׂה אַרײַנגעטאָן אין מיר אַ נײַע נשמה.

אַוודאי, עס איך מיר אָפּ דאָס האַרץ מיט אונדזערע קצבֿים און איך האָב פֿון זיי גענוג אויסצושטיין די וואָך. אַ חבֿרה גנבֿים, וואָס קאָנען אומברענגען אַ מענטשן! דערפֿאַר אָבער, אַז סע קומט פֿרײַטיק, ווייס איך, אַז איך האָב מיר מײַנס און מאַך מיר שבת במנוחה, און אויך אַ שטיקל פֿיש און ווײַן צו קידוש. און וועמען האָב איך עס צו פֿאַרדאַנקען? אײַך, ר' שלמה, יאָ!

פֿריִער גאָט און נאָך דעם איר האָט מיך אויפֿגעריכט. איך ווייס עס און פֿיל עס, וואָס איר האָט מיט מיר געטאָן. קיין מאָל וועל איך דאָס נישט פֿאַרגעסן, און אַז איך וועל אַפֿילו ליגן שוין אויף דער ערד, און מע וועט מיך באַוויינען, וועל איך אַלץ טראַכטן, וואָס איר, ר' שלמה, זענט מיר געווען.

איר ווייסט, איך שאָנעווע נישט דאָס געזונט. שוין אַז סע הייבט אָן צו טאָגן, לויף איך איבער די יאַטקעס און הייב אָן צו וועגן דאָס פֿלייש און לאָז מיך מבֿוזה און מבֿזה זײַן, איידער סע זאָל איבערגיין אײַערס. די פֿינגער וואָלט איך מיר געקאָנט אָפּהאַקן פֿאַר אײַערן אַ גראָשן. בײַ נאַכט אַז איך ליג שוין אויסגעטאָן, טראַכט איך אַלץ, ווי היט מען אָפּ אײַערס; די שוחטים זענען אײַך כּלומרשט גוטע פֿרײַנד, אָבער וואָס זיי ווינטשן אײַך הינטער אײַער פּלייצע, מעג זיי געשען. דער רבֿ האַלט אויך נישט מיט אײַך, ווי ס'באַדאַרף צו זײַן, און אין שטאָט זענען זיי אײַך אַלע דם־שונאים, פֿאַר וואָס איר האָט מוסיף געווען אַ גראָשן אויף אַ הון און אַ קאָפּיקע אויף אַ גאַנדז, צי אויף דעם פֿונט פֿלייש, און די אָרעמעלײַט — זאָגן זיי — קאָנען שוין גאָרנישט עסן קיין פֿלייש: ס'איז גאָרנישט צוצוקומען דערצו. גיי זײַ יוצא פֿאַר אונדזערע אַכרימאַוווער, אַז זיי קאָנען גאָר האָבן טענות, פֿאַר וואָס איר גיט זיי נישט אַרויס דאָס געלט פֿון דער סמעטע אויף דער באָד צי אויפֿן בית־המדרש; צו נעמען זענען זיי בעלנים, און אַז סע קומט צו געבן, טראַכטן זיי אויף אײַך אויס כּל עוונות ופשעים שבעולם. איך שווער אײַך, איך האָב אַליין געהערט, אַז איינער האָט געזאָגט — פֿרעגט מיך נישט ווער — אַז איר האָט ליב אײַער שנור, אַזאַ משוגעת!

זאָל איך מיך גיין קריגן מיט איטלעכן באַזונדער און יענעם פֿאַרשטאָפּן דאָס מויל? מילא, אַז דו רעדסט, רעד און ווער דערוואָרגן, אָבער אָרן אָרט מיך פֿאַרט; און אַז איך הער, אַז מע רעדט אויף אײַך, גיט דאָס מיר אַ שטאָך אין האַרצן. און טראַכטן טראַכט איך מיר: איטלעכער מענטש, וואָס גאָט האָט אים געהאָלפֿן, האָט שונאים, און סע מוז אַזוי טאַקע אַ פּנים זײַן. אַפֿילו איך בין דאָך אַוודאי נישט קיין עושר; אָבער זינט דעם, וואָס איך בין דורך אײַך געקומען צו אַ שטיקל מעמד, האָב איך שונאים, וואָס גינען מיר נישט דעם ביסן ברויט אין מויל, און אַז זיי וועלן מיט אײַך רעדן, ווער ווייסט, וואָס זיי קאָנען אויף מיר אויסטראַכטן. אַ קשיא אויף בייזע צונגען? איך זאָג אײַך, ר' שלמה, איידער זיך אַלץ נעמען צום האַרצן, צי גאָר ווערן אין כּעס און זיך אויסעסן די לונג אויף איטלעכן, צי גאָר גיין אַרײַנלאָזן זיך מיט יעדן, איז שוין בעסער, מע לייגט אַרײַן די האַנט אין בוזעם און מע שטעלט דאָרט זיי אַלעמען אויס אַ פֿײַג... האָב זיי אַ שוואַרץ יאָר מיט זייערע מײַלער, און וואָס זיי טשעפּען זיך אָן צו איינעם און הערן גאָרנישט אויף. און אַז איך

װײל, הער איך אָט די אַלע רייד, װי דעם פֿאַראַיאָריקן שניי. דער עיקר איז, אַז דער מענטש טוט זיך זײַנס, און האָט זיך זײַנס. איך ש אַ ץ זיך גליקלעך און װײס נישט, מיט װאָס צו ל ו י ב ן דעם רבונו־של־עולם, אַז איך בין געװאָרן אײַערער אַ מענטש און קאָן אײַך פֿאַר אַ בעל־הבית, און איך האָב מיר אַרום אײַך מײַן חיונה. סע פֿאַלט אויף מיר אַ פּחד, װען איך הער, אַז אליקום געצלס װיל אײַך אויסדינגען די טאַקסע; בעסער זאָל ער צעברעכן הענט און פֿיס, דער הונט! עפּעס נעמט ער זיך אָן דער שטאָטס קריװודע. נעכטן װי איך זיץ מיר אין קלויז, הער איך װי אײנער זאָגט צום צװײטן — לשון־הרע װיל איך אַפֿילו נישט רעדן — אַז איר האָט אַװעקגענומען בײַ אײַער ייִנגערן ברודער די ירושה און האָט זיך נישט געװאָלט סטאַרען, אַז ער זאָל נישט גײן דינען. װײס איך, אַ נעכטיקער טאָג! װי איר זעט אויס אין מ ײַ נ ע אויגן, זאָל איך האָבן אַזאַ יאָר.

מײנט איר, אַז איך האָב חס־ושלום עפּעס קעגן דעם, פֿאַר װאָס איר האָט מיר נישט געװאָלט מוסיף זײַן אַ האַלבן גילדן די װאָך, אַז ס׳איז שוין געװען אַריבער דאָס ערשטע יאָר, אַז איך בין בײַ אײַך? אַװדאי װאָלט מיר דער האַלבער גילדן גוט צו ניץ געקומען, עס װערט אַלע מאָל אַלץ טײַערער און טײַערער, אָבער איך זאָג מיר, אַז װען נישט איר, װאָלט איך דאָך גאָרנישט געהאַט. און שטילערהײט זאָג איך מיר: נישקשה, ר׳ שלמה האָט אַ גוט האַרץ, און אַז ער װיל, איז בײַ אים אַ האַלבער גילדן אַ שפּײַ, און װאָס איך האָב נאָך פֿאַרט נישט די הוספֿה, איז אַװדאי נאָך נישט געקומען די צײַט דערצו. איך פֿרעג אײַך, װאָס בין איך און װער בין איך, איך זאָל חס־ושלום זײַן אַ מהרהר אחרי מידתכם? קאָנט איר מיך תּמיד האָבן אין זינען בײַ אײַערע עסקים, קײן עין־הרע? און אין פֿלוג װיל איך גאָרנישט פֿון אײַך, איך װיל נאָר, אַז איר זאָלט לאַנג לעבן און איך זאָל זײַן בײַ אײַך און אײַך זײַן געטרײַ. צו װאָס דען בין איך דאָ? און צו װאָס דען האָט גאָט מיך באַשאַפֿן? דער תּענוג, צו זיצן בײַ אײַך שבת־צו־נאַכט און צו טרינקען אײַערס אַ גלאָז טײ פֿון סאַמאָװאַר! ר׳ שלמה, שיקט מיך אין פֿײַער אַרײַן, שיקט מיך װוּהין איר װילט, איך בין גרײט צו אַלעמען, אַבי צו טאָן אײַער רצון.

דער חלום

פֿרײַטיק־צו־נאַכטס איז דאָס געווען, מײַנע זיצט מרה־שחורהדיק ווי תּמיד, זי איז לא־עליכם ווי דערשלאָגן, שוין פֿון נאָך דער חתונה אָן. אַ כּלה, דאַכט זיך, איז זי געווען אַ פֿריילעכע און אַ פֿאַרשוין, אָבער אַז ס׳איז באַשערט. מע הערט בײַ לײַטן, עמעצער ווערט משוגע; זי, מײַנע, אויפֿן שׂכל איז זי קלאָר, אָבער אומעטיק. נײַן יאָר מיט איר אָפּגעזעסן און געהאַט דרײַ קינדער — זי זאָל דאָס געבן אַ שמייכל, זי זאָל זיך פּרוּוון אָנטאָן ווי אַן אַנדער ווײַבל. זי קאָכט און באַקט און טוט אַלץ און איז דווקא אַ בריה. אָבער אַז סע פֿאַלט אויף איר אָן דער אומעט, איז דאָס נישט אויסצוהאַלטן. מאַלט אײַך אויס, אָפּצוזיצן מיט אַ מענטשן עטלעכע שעה און שווײַגן ווי אַ שטיין; מילא, אין דער וואָכן בין איך אײַך שוין מוחל, אָבער אַז סע קומט שבת, צי יום־טובֿ . . .

די קינדער, אַלע דרײַ, זענען געשטאָרבן און מער האָבן מיר נישט. און אַז מיר זיצן אַזוי אַליין פֿרײַטיק־צו־נאַכטס און די ליכט ברענען, פֿאַלט אויף מיר אַ פּחד. ווייס איך, מיר דוכט זיך אַז זי האָט אַצינד אַ בייזע מחשבֿה. אַזוי בין איך געזעסן אָט־אָ־דעם פֿרײַטיק־צו־נאַכטס און איך האָב געהאַלטן דעם קאָפּ אײַנגעגראָבן אין אַ חומש, געגאַנגען איז די סדרה וישלח . . . און ווי איך זעץ מיך אויפֿן בענקל, זע איך, אַז זי שטייט אויף און זי גייט צו צו מיר, אַ לאַנג מעסער האַלט זי אין האַנט, איך ווייס נישט, ווו זי האָט דאָס גענומען, און מיר ציטערט איטלעכער אבֿר. זי קומט צו אַלץ נעענטער צו מיר. איך וויל אויפֿשטיין פֿון בענקל און געבן אַ געשריי, איז מיר אָבער דאָס לשון ווי אָפּגענומען פֿאַר שרעק. זי שפּיליעט מיר אָפּ דעם זשילעט און איך קען מיך נישט געבן אַ ריר. איך קוק זי אָן ווי זי האַלט דאָס מעסער, זי מאַכט מיר אויף דאָס האַרץ און גיט אַ שניט! אַ חידוש, ס׳רינט נישט קיין בלוט; זי שנײַדט אַלץ, נעמט מיר אַרויס דאָס האַרץ, נעמט אַרויס אַ נאָדל מיט פֿאָדעם און נייט ווידער צו. איך גיב מיך אַ טאָפּ: צי איז דאָס נישט קיין חלום . . . איך זע, זי האַלט מײַן האַרץ אין האַנט און זעצט זיך צוריק אויפֿן בענקל. סע קומט מיר פֿאָר, אַז דער חדר ווערט אַלץ גרעסער, די ווענט רוקן

זיך און רוקן זיך. פּלוצלינג גיט עס מיך אַ שטופּ פֿונעם בענקל, און איך בין שוין נישט מער אין דעם חדר, נאָר לעבן אַ באַרג. איך חידוש זיך, ווי אַזוי סע האָט זיך גענומען אַ באַרג, אָבער ס'איז אַזוי. דאָ ווערט אַ ווינט און הייבט מיך אָן צו טראָגן אַלץ ווײַטער און ווײַטער... סע קומט מיר פֿאָר, אַז אין אַ פּאָר שעה בין איך אויסגעוועזן ימים ומדבריות און דאָ ווייס איך נישט מער ווער איך בין און ווי איך הייס און פֿון וואַנען איך בין. די שטערן גלאָצן צו מיר, איך בין טויט־מיד. איך פֿאַל אַנידער און ווער אַנטשלאָפֿן, ווי אַ טויטער. אָפּגעשלאָפֿן בין איך צוויי טאָג כּסדר. און אַז איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט פֿאַר נאַכט צו מנחה־צײַט, זע איך, איך בין אין אַ גאָרטן מיט שיינע ביימער. מע זאָגט צו מיר: ס'איז דער גן־עדן התחתון. איך גיי אויס פֿאַר חיות פֿון די ריחות. און ווי איך שטיי אַזוי און וווּנדער זיך, ווי אַזוי איך בין אַהער אַרײַנגעקומען, הער איך פֿון ווײַטן זינגען אויפֿן קול. וואָס זאָג איך אַ קול, עפּעס אַ מתיקות, אַזוי זיס, ווי דער אמתער שיר השירים מיט אַלע פּסוקי־דזמרה... און ווי איך גיי נאָך דעם געזאַנג, דערזע איך אַ שלאָס פֿון גאָלע מאַרמאָר מיט פֿענצטער פֿון בורשטין און גילדענע טרעפּ. הונדערטער מענטשן, אָנגעטאָן אין ווײַסן, גייען אַרום און האַלטן ליכט אין האַנט און דאַווענען מנחה. וואָס זאָג איך דאַווענען, ס'איז געווען אַ שבח צום בורא, אַז איך צעגיי פֿון דבֿקות. דער קול, וואָס איך האָב אים פֿאַרלוירן פֿאַר צוויי יאָרן (איר ווייסט דאָך, אַז איך בין דער אומגליקלעכער חזן), האָט זיך אומגעקערט צו מיר, און איך דערהייב מײַן שטים און וויל אויך זינגען און דאַווענען. סע ציט מיך צו געבן אַ געשריי אויפֿן באַס, אַז איך שטאַרב. דאָ שטייט אויף איינער פֿון זיי, גייט צו מיר צו און זאָגט צו מיר: גיי אַוועק פֿון דאַנען, דו טאָרסט נישט דאַווענען מיט אונדז, דו האָסט אַ מום, דאָס האָרץ דײַנס איז אָרויסגעשניטן, דו ביסט אַ כּהן און אַ כּהן מיט אַ מום איז פּסול צו דער עבֿודה... ער האָט מיר געגעבן אַ פּיק אין נאָז און אַלץ איז פֿאַרשווונדן. סע האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך קײַקל זיך באַרג אַראָפּ...

וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, אָט דער חלום האָט זיך אין מיר געפּלאָנטערט אפֿשר אַ יאָר צען און נאָך עד־היום, אַז איך מאַך צו די אויגן, קומט מיר פֿאָר, אַז איך זע דאָס אַלץ מיט מײַנע אייגענע אויגן; איך האָב געהערט, אַז איר זענט אַ גרויסער חכם, אפֿשר קענט איר מיר פּותר־חלום זײַן...

דער חזן

וואָס־זשע מיינט איר, איך בין עפּעס גלאַט אַ חזנדל פֿון האַצעקלאַץ, אַז אַבי וואָס? איר מוזט הערן מײַן קול. איר מוזט מיך הערן דאַוונען; אַז איך שטעל מיך אַוועק פֿאַרן עמוד און גיב אַ זאָג: לכו נרננה! גיט עס אַ קלונג, אַז עס הילכן די פֿענצטער. דאָ קאַטשע איך מיך אויף אַלע כּלים, און דער עולם ווערט ווי צוגעזאָטן. וואָס איז שייך, זאָל איך זיך אַליין לויבן? אָבער אַז איך בין געווינט ליב צו האָבן דעם געזאַנג פֿון ייִנגלווײַז אָן און צו לעבן דערמיט אַליין. אַז גאָט האָט אונדז פֿאַרט אַרײַנגעגעבן די טבֿע, זיך אָנצונעמען בײַ דער באַק און צו זינגען: די ווערטער פֿליִען פֿון מויל, און איך שוועב מיט זיי.

אַ בשׂר־ודם בין איך, און אַ ווײַב האָב איך און קינדער, און צרות האָב איך אויך! גיב איך מיר אַ שאָקל, וואַרף איך אַלץ פֿון מיר אַראָפּ און ווער גאָר עפּעס אַן אַנדער מענטש, עפּעס קומט אין מיר אַרײַן אַ מין כּוח, אַ מין חשק, און איך צעלאָז מיך פֿונעם סאָפּראַן ביז צום באַס און אויף וואָס איר ווילט אַליין; איך בין אויף דער הויכער מדרגה, סע שרײַט אין מיר, סע זינגט אין מיר, סע ברענט אין מיר — בין איך דען אַזוי פֿרום? אָבער דעמאָלט קום איך אַרײַן אין דער גרעסטער התלהבֿות און סע טראָגט מיך און הייבט מיך און איך קום אַלץ העכער און העכער: יונתן חזן, קנאַק אויף וואָס די וועלט שטייט, ווײַז זיי, וואָס דו קענסט! אין פֿלוג מיין איך גאַרנישט דווקא דעם עולם, דעמאָלט האָב איך אַפֿילו פֿאַרגעסן וועגן מיר אַליין. איך שטיי דאָ, און סע קומט מיר פֿאַר, אַז איך בין אויבן, איך וואָלט געגנומען דעם עמוד און אים אַ טראָג געטאָן... אַ רעווע געטאָן ווי אַ לייב. עפּעס אַ קלייניקייט, אַז סע קומט צו מוסף: ומפּני חטאינו גלינו מארצנו... און איך וויל דערהייבן מײַן קול צום בורא, צום גרויסן בורא, אַלע ייִדן זאָלן קענען זינגען און מיר אונטערהעלפֿן. דער גאַנצער עולם אין בית־המדרש איז ווי אַן אמתדיקער כאָר און איך שטיי און זינג, זינג, אַז די ווענט ציטערן.

וואָס־זשע איז דער טעם פֿון זינגען? מילא אַ פֿידל האַלט מען דאָס אין האַנט, צי אַ פֿלייט — אין מויל, צי גאָר אַ טראָמפּייט — מע זאָגט, סע ליגט

אין האַלדז. בײַ מיר קומט עס פֿונעם האַרצן, מעומקא דליבא, עפּעס ווי אײנער זיצט אין מיר און זשומעט שטענדיק. אין מיטן נאַכט וואָלט איך אויפֿגעשטאַנען זינגען, צו עטלעכע שעה אין טאָג. אַז איר ווילט, זינג איך אײַך אַ שטיקל פֿון דער ראש־השנהדיקער שמונה־עשׂרה. אַז סע קומט ספֿירה, צי ראש־חודש־בענטשן, בין איך ווי נײַ־געבוירן, ווער שמועסט די ימים־נוראים. וואָס טויגן מיר נאָטן און משוררים? איך, יונתן, נעם אַריבער דעם טלית אויפֿן קאָפּ און שטעל מיך אַנידער פּאַוואַליע, אַן לויפֿעניש, אַן תּנועות, אַן העוויות, גאַרנישט, אַ ייִד אַ חזן. אָבער דערנאָך, דערנאָך, וואָס מיר טעפּליק, ווער מיר טעפּליק, וואָס מיר בית־מדרש, וואָס מיר שמעיה דער נגיד, וואָס שטייט אויבן אַן און קוקט מיר גלײַך אין די אויגן אַרײַן? — איך צעלאָז מיך אויף מײַן קול, איך הער מיך אַליין זינגענדיק און צעגיי פֿאַר מתיקות. בין איך דען אַזאַ בהול? אָבער איך שטאַרב פֿאַר חיות, איך וויל אײַנבעמען די וועלט, אַלע גויים מגייר זײַן, אַלע ייִדן זאָלן זײַן בני־מלאכים און איך, יונתן, בין אַ לוי אין בית־המקדש, טאָקע פֿון די אמתדיקע לוויים און מיט די ניגונים פֿון דוד המלך... וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, איר מוזט זײַן דעמאָלט אין מיר, איר מוזט אַוועקוואַרפֿן אײַערע עסקים אויף אַ ווײַלע און זיך אַרײַנטאָן אין אַ זמר, אין אַ כּגוונא, צי אין אַ וידבר משה...

יונתן איז נישט ניסי בעלזער, נישט קאַשטאַן, אָבער ער איז יונתן. מיט זעקס קאַרבן אַ וואָך האָבן זיי מיך אָפּגעקויפֿט אַ גאַנץ יאָר, און הכנסה — אויף אַלע שׂונאי־ישׂראל געזאָגט געוואָרן. ווען איך וואָלט נישט געהאַט קיין ווײַב און קינדער, פֿליעוואַט! אַ פֿאַר קיין אַדעס! אַ שטודיר טאָן, און איך בין דער חזן פֿון דער גרויסער שול — דאָס נעם איך אויף מײַנע פּלייצעס. אײַ, איז דאָך די קשיה, ווי קום איך, יונתן טעפּליקער, צו די דײַטשן? אַדרבא, פּרוּווט מיר לײַען שי״ן קערבלעך און לאָזט מיר מאַכן אַ ויבֿרח. מיינט איר, איך וואָלט עס נישט געמאַכט מיט רי״ש, צי מיט ק״ן, צי גאַר מיט אַ הונדערטער? דער סוף פֿון דער מעשׂה איז, אַז אַזוי זיצט מען אָפּ די יאָרן אין אַ העק לעבן דער באָד... נאָר ניסין וואָלט איך געוואָלט הערן צי קאַפּויער, ער זאָל הערן מײַן קול. איך וואָלט צו אים געקומען און וואָלט אים געזאָגט: ר׳ ניסי־לעב, הערט אַ טעפּליקער חזן זינגען. וואָס האָב איך מורא צו האָבן? פֿון אחינו בני ישׂראל איז ער אויך, און אַ ייִדיש קינד איז ער אויך, נאָר ער נעמט די אַכציק טויזנט רובל אַ יאָר און איך — זעקס קערבלעך אַ וואָך. דער חילוק איז אַפֿילו אַ גרויסער, אָבער וויל איך דען נתעשר ווערן? צי וויל איך האָבן אַ סך געלט און טראָגן אַ גאָלדענעם זייגער און אַרויספֿאָרן ווי דער אַפּטייקער? דאָס הייסט פֿאָרן אין אַ בריטשקע ווילט זיך מיר יאָ אַפֿילו, וואָרעם דאָ איז דער קנאָק מיטן בײַטש, איר

פֿאַרשטייט, מע גיט זיך אַ זעץ אויבן אָן, און די פֿערד יאָגן און לויפֿן ווי אין סמיק... איַי, יונתן, פֿאַרשאַרטער קבצן, ווּהין איז דיַין קוק? פֿרעגט מיך, צי האָב איך מיַין אייגנס פֿינף רובל, צי אַפֿילו אַ דריַיערל, וואָס איך וואָלט באַדאַרפֿט אַזוי בייטיק האָבן — זיַיט אַזוי גוט... פליעוואַט, לעבן זאָל דער מענטש און האָבן זאָל ער אַ קול.

אַ שיינע וועלט

— פֿונעם הימל וואַרפֿט גאָט נישט אַראָפּ. אַז איך האָב אָבער פּלאַץ, ווילט זיך מיר בויען אַ שטוב, נישט גלאַט אַזוי אַ יאַכנע מיט אַ שטר־חצי־זכר, אַז דער איידעם מײַנער זאָל זיך אַליין קויפֿן די סלופּעס, נאָר איך טאַקע אַליין וויל בויען אַ שטוב, מיט פֿענצטער און טירן, מיט פּאָלן און אַלע פּיטשעווקעס. געלט האָב איך אַפֿילו נישט, אָבער צו וואָס טויג מיר געלט? דערפֿאַר האָב איך אַ שכן יאַנקל חיימס. ער האָט אויך אַ פּלאַץ, פֿון וואַנען קומט צו אַ הונט אַ פּלאַץ? אָבער אַז ער האָט, האָט ער. בײַם רבֿ זאָגט ער, ליגט דער קנין. מײַנער איז אײַנגעשריבן בײַם פּריץ. ער מאָנט מיך פֿון מי־יודע ווען דעם צינדז. מילא, אַז דו האָסט נישט, בוי נישט. נאָר אײנער, בויען וויל איך טאַקע יאָ, כאַצקל פּערלס בויט אויך און האָט אויך נישט, הערשעלע קאַזאַק האַלט שוין בײַם דאַך און האָט נישט זײַן אייגנס אַ פּיאַטאַק, און טאַקע יחיאל אַליין, וואָס גיט געלט אויף פּראָצענט, איז אַ שטאַרקע סבֿרה, אַז ערגעץ אַנדערש איז ער שולדיק, און יענער גבֿיר כּלומרשט, וואָס לײַט אים, האָט אויך שוין נישט איין מאָל אָנגעזעצט. אַזוי איז די וועלט געגליכן צו אַ דריידל. אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט — נאָר ווייס איך נישט, וואָס זיי האָבן געזאָגט, גיי געדענק וואָס. דער עיקר איז, אַז איך וויל מיר בויען אַ שטוב, און יאַנקל דער שוטה, אויף מיר קוקנדיק, אויך. מילא, אַז דו ווילסט, כאַפּט דיך דער רוח. ווער לאָזט דיך נישט? אַז ער זאָגט אָבער: איך יאָ, און דו נישט. זאָג איך: פֿאַר וואָס איך נישט און דו יאָ? זאָגט ער: משומד אײנער, דו וועסט מיר פֿאַרשטעלן די פֿענצטער. האָט איר געהערט אַ מעשׂה? ער האָט נאָך גאַרנישט און האָט שוין מורא. ס'איז אָבער אַרײַן אין אַן עקשנות. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ קריגעכץ, זײַן ווײַב איז אַ מרשעת, מײַנע איז אויך נישט פֿויל אויף די ציין. טאַטע, מאַמע! די תּוכחה, זאָג איך אײַך, און אינעם האַרצן ווייס איך אַליין נישט ווער ס'איז גערעכט, אָבער אַ פּאַדליעץ איז ער פֿאַרט. וואָס וויל ער האָבן פֿון מיר מיט זײַן טיקעכץ? זאָל איך נישט בויען, ווײַל ער האָט נישט קיין חשק, צי זאָל איך אים גיין בעטן מחילה, אַז מײַן ווײַב האָט זיך בײַ נאַכט פֿאַרגנבֿעט, און האָט אויסגעגאָסן

א צעבער וואסער פאר זיין טיר ? אז מע ווינט לעבן אזא מענטשן, איז מען שוין נישט צו לייטן גלייך. איך וועל אייך דערציילן בקיצור : ער האט מיך געמסרט, אז איך פארקויף טריפהנעם טיטון, און איך אים, אז ער האט נישט קיין בלעטל ; בלבולים, אבער ס׳איז אריין אין אן עקשנות. צדדים פון ביידע זייטן, שמעיה, ראובן, גדליה, מענדל, לייצע, רבקה און יאנקל פון מיל זענען אויף מיין זייט ; יונתן, קלמן, מייטע, סענדער און קאציקוצי — אויף זיין זייט ; הייבן זיך אן ביים רב דין־תורות. און אז ס׳קומט צו פסק־געלט, זאג איך : ר׳ משה, מיטן הונט איז נישטא וואס צו רעדן. אז די רביצין האט רחמנות און גיט מיר א גלאז טיי, בין איך מיך מחיה. צוויי שעה כסדר געשריגן אויף אלע כלים, עפעס א קלייניקייט. איך וויל נישט מאריך זיין, איר מיינט, אזוי גיך נעמט דאס אן עק ? מילא, ער וויל גארנישט בויען ; אבער איך וויל יא און בוי אויך נישט. א שידוך טאן מיט א מיידל איז בילכער. קומט צו מיין בעל־מחלוקת אראפ א זון עפעס א גאנצער פריצל. משה נאז, אזא חצוף, דערטאפט מיך אין קלויז און וויל פון מיר, אז איך זאל זיך מיט דעם דם־שונא מיינעם משדך זיין און זיי, חתן־כלה, אוועקגעבן אין נדן דעם שותפותדיקן פלאץ. ביסטו משוגע צי מטורף, נא דיר א שווארץ יאר, ווער רעדט פון שותפות ? מיין ווייב שפרינגט שיער פון דער הויט. איז אראפגע־קומען אין שטאט א רבי און זאגט : ס׳איז א זיווג... איך וויל נישט הערן. דער סוף איז געווען : מיין טאכטער האט געמוזט נעמען זיין זון. ביי דער חופה האב איך מיך אפילו געשעמט. א דור איז דאס, א שיינע וועלט !

זיך פארפלאנטערט

ר' יאסל, איך מוז אויסגיסן פאר אייך מיין הארץ. גאט אליין און איר וועט מיך פארשטיין. צווישן אונדז רעדנדיק, וואס זענען דאס פאר א מענטשן די פאקיטילאווער ? רייבע סקאטינעס. צי ווייסן זיי, וואס מיר טוט וויי אין איטלעכער ריפ, און וואס איך האב אויסגעליטן ? אז מען ליגט נישט ביי אונדז טויט־קראנק, און דער פעלדשער קומט נישט, און סע שטייען נישט א שאק סלאיעקלעך און פלעשלעך אויפן טיש און מע האלט נישט שוין ביי דער קבורה, גלייבט מען נישט אז מע איז קראנק און מע דארף שוין אנהייבן זאגן תהילים... גייט מען אבער ארום, דאכט זיך, געזונט און מע האנדלט און מע קומט אריין אין בית־המדרש און מע רעדט מיט א מענטשן, מיינען זיי, אז עס גייט אייך גארנישט אפ, נאר דאס ביסל פרנסה. וואס איז שייך, וואס דען קען א ייד האבן אין זינען און וועגן וואס קען ער זיך דארן דעם קאפ, אז ניט וועגן פרנסה ?

אויף צו להכעיס האב איך יא פרנסה, און אז איך וויל, פעלט מיר גארנישט. דאס הייסט פעלן פעלט מיר א סך : א געזונט ווייב. מיינע איז, לא־עליכם, א חולנית שוין צען יאר. זי גייט ארום און קאכט א ביסל און שטריקט א זאק, אבער ניט איין ביין איז ביי איר גאנץ. געקומען איז דאס ביי איר פון א קימפעט... דאס ערשטע יאר האט דאס מיר געריסן ביים הארצן און איך האב איר געשטופט גאנצע צענערלעך, אבי זי זאל עפעס טאן. דערנאך האט מיך דאס אבער אנגעהויבן צו ארן... פאר וואס זאל גראד זי נישט ווערן געזונט און תמיד קרענקען ? ווייס איך, אזא זאך ווערט נמאס...

וואס־זשע טוט גאט ? קומט צו פארן מיינע א פלימעניצע, א ווייבל, א שטיקל עגונה, און בלייבט ביי אונדז צוויי וואכן. אויף איין מאל וואקסט אויס א מענטש ביים טיש מיט א פאר רויטע באקן און א געזונט שטיק — און גארנישט... איך זיץ און לעפל די זופ, ס'דערקוטשעט מיר עפעס... צוגעלאזט איז זי אויך צו מיר א ביסל ; איך וואלט געגעבן מי־יודע וויפל, אז זי וואלט געווען מיינע. מיינע איז אבער קראנק, און דאס איז א קרובה און מע טאר נישט. א ייד טאר נישט אנרירן א פרעמדע נקבה און פאר איין

ריר איז צען יאָר גיהנום. וואָלט זי זיך אויפֿגעהויבן און וואָלט אַוועקגעפֿאָרן... איך וואָלט געדאַנקט גאָט. זי פֿאָרט אָבער נישט, און מיר דערקוטשעט עס אין האַרצן ביז צום שטאַרבן.

אַוועקגעפֿאָרן איז זי שוין, אָבער ס'איז שוין געווען צו שפּעט. איר פּנים האָט זיך מיר אײַנגעפֿרעסן אין האַרצן, ווי אַ שד. מאָלט אײַך אויס, אַ ייִד ווי איך פֿון איבער פֿערציק יאָר, און קיינער וואָלט אויף מיר אַזוינס נישט געגלייבט. און איך גיי אַרום, האַנדל, קויף, פֿאַרקויף, און האָב עפּעס אין זינען, וואָס דער רוח ווייסט דאָס. אַז מײַנע וואָלט דאָס געוווּסט, וואָלט זי געשטאָרבן פֿון שרעק! און ס'רובֿ, אַז ס'דערגייט מיר, גלוסט זיך מיר איר צו זאָגן: פֿאַר וואָס ביסטו נישט ווי יענטע? יענטע איז, ווי איר פֿאַרשטייט, די פּלימעניצע. איך בײַס מיר אין מויל און זאָג מיר: ביסט דאָך נישט קיין קאָוואַל צי אַ בעל־מלאכה. אין בית־המדרש האָסטו אַ שטאָט אין שפּיגל. שעם זיך פֿאַר זיך אַליין. און איך שעם זיך גאַרנישט, און טראַכט נאָר פֿון יענער. אַן אַנדערער וואָלט נישט געסמייעט דאָס צו זאָגן און וואָלט זיך צען מאָל אָפּגעביסן די צונג, אָבער אײַך דערצייל איך אַלץ. איך האָלט דאָס מער נישט אויס. טאָג און נאַכט טראַכט איך אַלץ פֿון יענער. וווּהין איך גיי, שטייט זי מיר פֿאַר די אויגן; איך זאָג אײַך, אַז איך גיי נישט אַראָפּ פֿון זינען איז דאָס אַ נס.

איידעמס

שמעיה־ראובֿן נחמן־פּייסיס בין איך. אָט דאָס וואָלט איך אײַך געוואָלט דערציילן. איך בין עפּעס אײַערס אַ פּאַניע־בראַטשקע? אַ ייִד בין איך, ווי אַלע ייִדן. אַז איר ווילט, פֿאַרשטיי איך אַ ביסל אין אַלעמען; אָבער, אַז דער קאָפּ איז דערשלאָגן... וואָס זאָגט איר, וועט זײַן אַ געראָטן יאָר? איך זאָג אײַך, ר׳ יאָסל, מע קאָן דאָס גאָרנישט וויסן. גייט שוין יאָ אַ רעגן, גייט עס דערנאָך נישט; איז שוין יאָ אַ גרויסער יריד, וויל דער פּויער זעכציק קאָפּיקעס אַ פּוד, כאָטש גיי שרײַ דיר אויס די קישקעס. אַזוי לעבט מען אָפּ די יאָרן, איך בין שוין קרובֿ לחמישים. פֿאַר וואָס איך בין צו אײַך געקומען? איך ווייס נישט, גלאַט אַזוי: איך האָב נאָר געוואָלט מיט אײַך שמועסן און אײַך דערציילן. נישט דאָ געדאַכט, איז בײַ מיר אַ טאָכטער אַראָפּ פֿון זינען, שוין לאַנג. אַז ס׳איז באַשערט אַן אומגליק, העלפֿט נישט. מיינט איר, אַז דער רופֿא ווייסט עפּעס? איך ווייס שוין מער פֿון אים. לאָמיר זיך נישט נאַרן, וואָס איז היינטיקע צײַטן דער מענטש? אַז מע לעבט שוין יאָ, שטראָפֿט גאָט. אַז מע האַלט שוין בײַם איבערקערן די קעשענע, פֿאַלט אַרויס דער לעצטער זעקסער און קאַטשעט זיך. צו וואָס זשע טויג אַלץ? אין די ספֿרים קען איך נישט לייענען. איר ווילט וויסן דעם תּכלית? אָט נעמט אַ פֿיש און צעהאַקט אים אויף פּיצלעך. איך זאָג אײַך, ס׳איז גאָרנישט...

ווי אַזוי ס׳איז געקומען מיט מײַן טאָכטער? גאָרנישט, אַז דאָס אומגליק איז געשען פּלוצעם. דאַכט זיך אַ געזונט ווײַבל. דער מאַן איז אַפֿילו אַ ירא־שמים און אויסגעטונקט אין ייִחוס, אָבער אַ נהרג על פּחות משווה פּרוטה. ווייס איך, מע זאָגט, איר איז דאָס געקומען פֿון אַ קימפּעט, דאָס הייסט, דאָס קינד האָט זיך באַלד אָפּגעטראָגן. אַז שלמה המלך האָט געזאָגט: ורחמיו על כּל מעשׂיו. מילא קראַנק זײַן פֿאַרשטיי איך, אָבער אַזוי זיך מוטשען! מיר ביידע, איך און מײַן ווײַב, האָבן שוין נישט קיין כּוחות. ער איז אַוועקגעפֿאָרן און לערנט זיך דערווײַל שחיטה. וואָס זשע זאָלן מיר טאָן? פֿאָרט אַ טאָכטער, אַ צער־בעלי־חיים.

וואָס זשע וויל איך פֿון אײַך? אַן עצה וויל איך אײַך פֿרעגן. פֿאַרשטייט

איר, ביז פֿון העמד קענען מיר אונדז אויך נישט אויסטאָן, ס׳זענען דאָ נאָך קינדער... מע זאָגט, ס׳זענען דאָ הײַזער, ווו מע נעמט אַזוינע אָן, עפּעס אין ווינעצע, ווײס איך. ס׳איז אַוודאי אַ ווייטיק. אַ טייל זאָגן, פֿאַרט מיט איר קיין אַדעס.

איך וויל אײַך עפּעס זאָגן, אַז דער מענטש גיט אַ טראַכט, האָט ער נישט וואָס צו פֿאַרלירן, סײַ אויף דער וועלט, סײַ אויף יענער וועלט. אַז מע זיצט דאָ אַפּ די יאָרן אין קרענק, וואָס זשע איז די פּעולה פֿונעם גאַנצן ? זיך אָפּגעמוטשעט, נישטאָ קיין געלט, נישטאָ קיין נחת פֿון קינדער און נאָך אַזעלכע עגמת־נפֿשן. וואָלט איך איר געווען חתונה געמאַכט מיט אַ פּראָסטן ייִדן, — אויף השגחה זאָל מען נישט רעדן. אָבער איך זאָג אײַך, אַלע די, וואָס זיי זענען גאָט־אין־ציצית, זענען גוט פֿאַר זיך, פֿאַר איידעמס זאָל זיי קיין ייִד נישט קענען...

דער נײַער דור

שטעלט אײַך פֿאָר מײַן צער און מײַן עגמת־נפֿש. איין זון, דאָס גאַנצע לײַב און לעבן, און טוט מיר אָן אַזוינע צרות. איך האָב מיך בײַ אים געבעטן, ווי בײַ אַ גזלן; וואָס אַרט דיך, אַז זיי שלאָגן זיך דאָרט אַרום? אָבער ער זאָגט: מאַמע, דו פֿאַרשטייסט דאָס נישט. מיר זענען דער נײַער דור, מיר מוזן גיין מיט קולאַקעס און מאַכן אַ נײַעם טאָלק. בײַ אונדז טאָר נישט זײַן קיין חילוק צווישן אָרעם און רײַך, צווישן ייִד און גוי, אַלע מענטשן זענען גלײַך! איר הערט ווערטער? און דאָס זאָגט ער נישט, ווײַל ס'איז אַזוי געדרונגען פֿון דער תּורה; פֿאַרקערט, ער האָט פֿײַנט די תּורה, ער האָט פֿײַנט ייִדישקייט, און כאָטש ער זאָגט מיר דאָס נישט און שאַנעוועט מיך, ווייס איך דאָס. ער וואָלט אפֿשר אַליין גאָרנישט געווען געגאַנגען אין ד י דרכים, אָבער אַז ער קומט זיך צונויף מיט זײַנע חבֿרים, נאָך אַזעלכע יונגען, און זיי לייענען אין איינעם אַזוינע מיני ביכלעך, וואָס דאָרט ווערט אַרויסגעדרונגען, אַז איטלע־כער, וואָס האָט מזומנע צען גילדן און גיט זיי נישט אַוועק אויף דעם כּלל, איז אַ גנבֿ, אַז איך האָב אַ שטוב און פֿאַרדינג און נעם דירה־געלט, בין איך פֿאַדלע־שבפֿאַדלע, און יענער, וואָס האָט געדונגען די שטוב און צאָלט נישט, איז דער צדיק. איך זאָג אײַך, זיי צו הערן, ווי אַזוי זיי שמועסן און מאַכן פֿון דער גאַנצער וועלט אַ תּל, קערט זיך איבער דער מוח. און דאָס איז נישט גלאַט גערעדט, נאָר טאַקע געטאָן: נעמען אומברענגען אַ מענטשן, וואָס האַלט נישט פֿון זייער דרך, איז בײַ זיי אַ מיצווה. איך וואָלט דאָס אַליין נישט געגלייבט, אַז ס'קענען זײַן מענטשן מיט אַזוינע מיני דעות און נאָך דערצו בײַ ייִדן. וואָס איך האָב מיט אים אַלץ צעטענהט און געוויינט, געפּרוּווט מיט גוטן און מיט בייזן! אַז ער זאָגט מיר, אַז זײַן זאַך איז אים טײַערער פֿון זײַן אייגענער מאַמען... זאָגן זאָגט ער: אַז איך האָב דיך ליב, איז דאָס גאָר עגאָיִזם און דאָס איז די טבֿע פֿון איטלעכן באַשעפֿעניש; אָבער דער מענטש מוז זײַן פֿרײַ... אַז איך און ער רעדן מיר גאָר אויף צוויי באַזונדערע לשונות, איך הייב נישט אָן צו פֿאַרשטיין, וואָס ער טאָלקעוועט מיר און מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז די אמתע משוגעת.

מילא, אַז דאָס האָט זיך אַלץ נאָך אָפּגעטאָן אין שטוב, האָב איך זיך געהאַלטן. וואָס זאָל אַ מאַמע טאָן אַז איר קינד איז אַראָפּ פֿונעם דרך־הישר? ס'איז פֿאַרט איר קינד און האָט געזויגן פֿון איר ברוסט...

אָבער דערנאָך האָט זיך דאָס אָנגעהויבן בײַ זײַנע חבֿרים און בײַ די טאָוואַרישטשעס. דערנאָך זענען געווען נעכט, וואָס ער פֿלעגט נישט קומען אַהיים... אַ מאָל זענען זיי געקומען שפּעט אין דער נאַכט און האָבן עפּעס פֿאַרגראָבן אין קעלער... איר קענט אײַך אויסמאָלן ווי מיר איז געווען אויפֿן האַרצן. געזאָגט האָב איך צו מיר, דאָס וועט נישט האָבן קיין גוטן סוף. און כּך־הווה! אין אַ מיטוואָך זענען געקומען דרײַ סאָטסקיס און האָבן אָנגעהויבן צו זוכן. איר האָט געדאַרפֿט צו זען, ווי אַזוי זיי האָבן געזוכט, אַרײַנגעקוקט אין איטלעכס ווינקעלע און אַלץ דורכגעטאַפּט, וואָס זיי האָבן גאָר געזען. דערנאָך זענען זיי געגאַנגען אין קעלער, איך האָב זיי נאָך געמוזט האַלטן דאָס ליכט...

אַ גאַנצן דרוק האָבן זיי געפֿונען און ביכלעך און געדרוקטע פּאַפּירן. מײַן זון האָבן זיי געשמידט אין קייטן, און מע וויל מיר נישט זאָגן, וואָס סע וועט זײַן מיט אים.

איר ווייסט נישט דאָס האַרץ פֿון אַ מאַמען. איך ווער שיִער נישט משוגע פֿון ווייטיק און פֿון צער. פֿאַר וואָס מוז דער גורל פֿאַלן גראָד אויף מײַן זון? איז דאָס נאָך קאַרג פֿאַר ייִדן, אַז זיי זענען פֿון תּמיד אָן אין גלות, מוזן זיי זיך נאָך אָנהייבן מישן און בעמען אויף זיך אַזוינע פּעק... זאָגט מיר, וואָס זאָל איך טאָן? ווי אַזוי קען מען אַרויסנעמען מײַן זון? גאָטעניו, וואָס האָסטו מיך אַזוי געשטראָפֿט?

(זי וויינט).

עמיגראַנטן

ס׳ברענט

און איר מיינט, אַז איך ווייס ווי אַזוי איך בין אַוועק? פֿרעגט מיך בחרם. גאַרנישט: ייִדן לויפֿן, לויף איך אויך. פֿון פּרנסות איז שוין גאַרנישט צו רעדן, אָבער דאָס נאַקעטע לעבן וויל מען ראַטעווען. איך אַליין — באַך זנאַיעט! אַז איך וויל, פֿאַרלאָז איך מיך אויף גאָט, אָבער דאָס ווײַב און די קינדער — אַפֿילו מלחמה האַלטן אויך נאָר סאָלדאַטן, ווי זאָגט מען, הנשים והטף בלײַבן אין דער היים; דאָ אָבער גייט דער שונא אויף אַלעמען, טאַקע להרוג ולהשמיד את הכל, אויסהרגענען די ייִדן און זיי פֿאַרטיליקן מיטן שורש... איר פֿאַרשטייט, יענע צײַטן זענען אויך געווען גזרות אויף ייִדן און מע איז געגנוג געוואָרן פֿאַרשוואַרצט און אויסגעריסן, אָבער מע האָט זיך פֿאַרט געהאָלפֿן; איז אָנגעקומען אַן אוקאַז, איז מען געפֿאָרן זיך סטאַרען... דער פּריסטאַוו, דער איספּראַווניק און ביז אַרויף האָבן זיי אַלע ליב דאָס קערבל, מע קען זיך כאַטש אויסקויפֿן דאָס לעבן... דאָ אָבער קומט מען אין מיטן העלן טאָג און מע שלאָגט און מע הרגעט, און די סאָטסקיס שטייען און קוקן און סע אַרט זיי גאַרנישט. עפּעס זאָגט מען, מיר מוזן נאָך אַ מאָל שווערן אין שול, אַז מיר וועלן זײַן טרײַ דעם קייסער! צי מאַכט מען נישט זײַנעטוועגן אַ הנותן תשועה אַלע שבת פֿאַר מוסף? אָבער דאָרט אין דער עיר־מלוכה מוזן זיי דאָך אויך זײַן מענטשן, און אַז מע קוילעט אונדז, איז דאָס אַ פּראָסטע רציחה און אַזאַ אכזריות, וואָס מע זעט דאָס גאַרנישט אויף דער גאַנצער וועלט.

איר פֿאַרשטייט, בײַ אײַך, זאָגט מען, האָט מען אויך פֿײַנט ייִדן, און אַז ס׳איז זיי שוין גוט און זיי האָבן יאָ אַ מעמד, האָבן זיי צו לײַדן פֿון אַנטיסעמיטן. מילא, זאָלן הינט בילן, ייִדן מוזן דאָך געדענקען, אַז מע איז אין גלות... אָבער אַזוי ווי בײַ אונדז, וואָס מע איז נישט זיכער מיטן לעבן? געזונטע מענטשן מאַכט מען פֿאַר קאַליקעס; מענטשן, וואָס האָבן אָפּגעהאַרעוועט יאָרן אויף אַ שטוב און אויף אַ קלייט, זיי מאַכן אָרעם ביז אויפֿן העמד! און פֿרעגט: פֿאַר וואָס? פֿאַר ווען? וואָס האָט די ממשלה פֿון דעם, אַז הונדערטער שטעט ווערן בדיל־הדל? עפּעס קומט דאָך דער מדינה אויך

אַרויס אַ שאָדן, אַז דער פּ ר ט האָט נישט; נעמט מען דאָך בלעטלעך אויף אַ קלייט בײַ זיי און שטײַער צאָלט מען זיי אויך. דער גאַנצער ענין איז אַזוי פֿריקרע, אַז מע מוז זאָגן, אַז סײַדן גאָט האָט אונדז געשטראָפֿט. פֿרום איז מען טאַקע נישט, איר ווייסט, ווי ייִדן פֿירן זיך אַצינד בײַ אונדז, מע זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, אָבער חייבֿ־מיתה איז מען אויך נישט, און אַז מע קען נישט אַזוי האָבן אין זינען דאָס דאַווענען צי דאָס לערנען, מוז מען שוין באַצאָלן מיטן לעבן, מיט ווײַב און קינדער? עפּעס מוז דאָך גאָט זײַן אַ בעל־רחמים און פֿאַר וואָס לאָזט ער תּמיד אויס דעם כּעס צו ייִדן? די גויים לערנען דאָך אַוודאי נישט און דאַווענען אויך נישט.

פֿון חקירהען זיך קומט אָבער קיין סך נישט אַרויס. אַ דאָ בלײַב איך שטעקן אין פּרײַסן. ס'איז נאָך אַ גליק, אַז מע האָט מיך דורכגעלאָזן איבער דער גרענעץ. געקאָסט האָט עס מיך גענוג: דאָס לעצטע געלט. איך פֿרעג אײַך, ווער האָט הײַנט אין זינען, אַז מע פֿאַרט אַוועק פֿון רוסלאַנד, זיך צו באַוואָרענען מיט פּאַפּירן? און וואָס האָט ער, דער זשאַנדאַר, שוין דאָ אין פּרײַסן, אַז איך האָב דאָרט גענומען אַ פּאַפּיר און דאָרט באַצאָלט? אָבער אומעטום איז מען גלײַך, ווי איר זעט מיך לעבן... בײַ אונדז האָב איך געמיינט, אַז דאָ גייט מען מיטן קאָפּ אַראָפּ. וואָס זע איך אָבער? אויך קלייטן מיט מענטשן און מע קויפֿט, און געלט איז דאָ אויך אַ מטבע, און איטלעכער נעמט, אַז מע גיט נאָר. ייִדן דערקענט מען אַפֿילו נישט, אָבער בײַ אונדז אין די גרויסע שטעט דערקענט מען זיי אויך נישט. ווי זאָגט דער פּסוק: סדנא דארעא חד הוא, אומעטום איז איין וועלט. דער עיקר איז אָבער, אַז דאָ טשעפּעט מיך קיינער נישט, און כאָטש איך גיי אַרום אין דער לאַנגער קאַפּאָטע, זאָגט מיר קיינער נישט אַ וואָרט. אַפֿילו דער פּאָליציסט אויף דער גאַס רעדט מיט מיר אַזוי, אַז איך פֿאַרשטיי, און אַז איך פֿרעג אים, זאָגט ער צו מיר: גייט אַהין, גייט אַהער.

איר פֿאַרשטייט, איך האָב געפֿרעגט, וווּ איז דאָ די ייִדישע געמיינדע, וואָרעם מען האָט מיר געזאָגט, אַז זיי גיבן בילעטן קיין האַמבורג און אויפֿן שיף. איר מעגט מיר גלייבן — דאָ גיט ער אַ זיפֿץ — בײַ אונדז בין איך קיין מאָל נישט אָנגעקומען צו לײַטן, אָבער אַז איך פֿאַר מיט אַ ווײַב און מיט פֿיר קינדער און אויפֿן גרענעץ האָבן זיי מיר אַוועקגענומען פֿינף און זיבעציק קאָרבן, וואָס זשע זאָל איך טאָן? מוז מען אַוועקלייגן דעם ייִחוס און זיך אַליין לאָזן העלפֿן. קום איך צו גיין אַהין אין דער געמיינדע, לאָזט מען מיך פֿריִער שטיין אפֿשר אַ האַלבע שעה, דערנאָך הייבט ער אויף דעם קאָפּ און פֿרעגט מיך, וואָס איך וויל? און איידער איך ענטפֿער נאָך, נעמט ער אַרויס אַ מטבע און וויל מיר געבן... איך כאַפּ צו די האַנט ווי אַן אָפּגעבריטער:

אַזוי בין איך נאָך בײַ מיר נישט געפֿאַלן, איך זאָל נעמען אַ נדבֿה. און אַז איך פּרוּוו אים דאָס צו זאָגן, הערט ער שוין גאָרנישט, גראָבט אײַן דעם קאָפּ און שרײַבט. איך שטיי מיט אַ שבֿרון־לבֿ, עפּעס פֿיל איך, אַז דער גאַנצער ענין דאָ איז בזוי פֿאַר מיר. איך וויל אים נאָך עפּעס זאָגן און קען נישט, איך וויל גיין און קען נישט, שטעלט אײַך פֿאָר, אַ ייִד ווי איך, פֿון פֿינף און פֿערציק יאָר, און ווען איך וואָלט מיך נישט געשעמט, וואָלט איך מיך צעוויינט. און אַזאַ הונט, אַ גלות, און דאַכט זיך אַ ייִד אויך און זיצט נאָך אין קהל. אַפֿילו דער פּרעדיקער אַליין אין דער דײַטשער שול ווייסט אויך, אַז סע שטייט געשריבן: ואהבתם את הגר...

ניין! איך זאָג אײַך, צו זײַן אין אַזאַ מעמד אין דער פֿרעמד, ווי איך בין, מיט אַ געזינד, און נישט צו וויסן, ווי אַזוי זיך צו רירן, באַדאַרף מיר קיינער נישט מקנא צו זײַן. מילא, אין גאַליציע, אַז מע בלײַבט און מע קען נישט פֿאָרן קיין אַמעריקע, קען מען דאָרט אַליין טאָן מיסחר. דאָ אָבער לאָזט מען נישט בלײַבן, און ווען אַפֿילו איך בלײַב יאָ, ווייס איך גאָרנישט, וואָס מע הייבט אָן צו טאָן. דאָרט אין אַמעריקע האָב איך קרובֿים, דאָרט ווייס איך, אַז איטלעכער, וואָס האָט הענט און וויל אַרבעטן, קומט צו אַ תּכלית... אַ שוועסטערקינד מײַנער, אַ יונגער־מאַן, האָט מיט מיר אַפֿילו געפּרוּווט אַ שמועס טאָן וועגן "ציוניות", אָבער זאָגן זאָגט ער: פֿאַר לעת־עתּה קיין אַמעריקע, דאָרט זענען אויך דאָ חבֿרה ציונים, פֿאָרן פֿאָר איך שוין, אָבער דאָס איז די קשיה: ווי קום איך אַהין? אפֿשר קענט איר מיר געבן אַן עצה, איר זענט דאָך אַן אונדזעריקער, איך האָב געהערט, אַז איר זענט פֿון אונדזערע מקומות...

אימה ופּחד

אַליין בין איך פֿון אַ קליין שטעטל, לעבן פּאָליניצע. געשלאָגן ייִדן בײַ אונדז אַליין האָט מען אַפֿילו נישט געשלאָגן, אָבער דער אימה ופּחד, דער שרעק! איר אין אײַער שטוב, ווי איר זיצט דאָ און שרײַבט, קאָנט אײַך דאָס גאָרנישט אויסמאָלן, וואָס דאָס הייסט, אַז אַלע שעה קען זיך אויפֿעפֿענען די טיר און זיך אַ שיט טאָן אַ פּאָר צענדליק שיכּורע גויים און אײַך אַלץ צעברעכן און צערײַסן און מאַכן אַ תּל פֿון אַלעמען. מילא, איר זענט אַ מאַנצביל, אָבער וואָס טוט מען מיט ווײַב און קינדער? בײַ אונדז אין אַ סך שטעט האָב איך געהערט האָבן ייִדן אויך געפּרוּווט שיסן. איר ווייסט, מיט וואָס דאָס שמעקט... איך ווייס, פֿאַר צוואָנציק יאָר האָט מען געמאַכט אַ

פּאָגראָם אין שטאָט. סע האָט זיך דעמאָלט אָפּגעטאָן אין אונדזער קאָנט אַ זומער כּסדר, אָבער וואָס איז דאָס קעגן היינט? דעמאָלט איז מען כאָטש אַרויס מיטן נפֿש, ווי זאָגט מען: הרכוש קח לך! אָבער נעמען אויסהרגענען ייִדן, אַזוי ווי מען הרגעט פּשוט אין אַ מלחמה, און דער שונא, וואָס אים הרגעט מען, איז נישט דער טערק, צי דער גרעק, נאָר דער ייִד, דער ייִד, וואָס זיצט אין קלייטל צי אין שטוב און האָט נישט אָנגערירט קיינעמען...

אַ פּאָר שקצים זענען ביי אונדז דאָ, ליידיק־גייערס, און זיי האָבן דאָס אַ פּאָר וואָכן כּסדר געפּיקט אין קאָפּ, אַז מע גיט ייִדן ראַוונאָפּראַוויע. אַ טייל האָבן זיך גאָר צונויפֿגענומען און האָבן געזאָגט, אַז ייִדן מוזן מאַכן סאַבראַ־ניעס... איך ווייס, וואָס סע האָט זיך ביי אונדז אָפּגעטאָן דעם ווינטער, און דאָס איז נישט אַ חבֿרה "אַהבֿת־ציון" ווי די ציונים צי ווי די "דורשי שׂפֿת עבֿר", נישט יונגע־לייט, וואָס פֿריִער האָבן זיי געהאַלטן דעם "המליץ" צי דעם "הצפֿירה", ניין, דאָס זענען בחורים, וואָס זיי רעדן זיך איין, אַז זיי וועלן גיין מיט קולאַקעס. וואָס זאָל איך אייך זאָגן, טאַקע דערפֿאַר אַליין האָבן מיר נאָך טויזנט מאָל מער מורא געהאַט. איר פֿאַרשטייט, דער שׂכל פֿונעם פֿריִערדיקן ייִדן איז געווען זיך נישט צו מישן: מיר זענען ביי זיי און מיר מוזן דאַנקען גאָט, אַז זיי לאָזן אונדז לעבן און טשעפּען אונדז נישט, זענען מיר דאָך דער מ י ע ו ט און זיי זענען דער ר ב י ם... צו וואָס זאָל איך אָנהייבן משׁשת ימי־בראשית, צי אַפֿילו פֿון טיטוסן, איר ווייסט דאָך, ווי אַזוי ייִדן זענען געווען דאָס כּפּרה־הינדל פֿון תּמיד אָן און וואָס סע שטייט אין אונדזערע קינות און אין די סליחות... גאָרנישט, דער לאַנגער גזר־דין און ייִדן מוזן ווערן פֿאַרשוואַרצט, וואָרעם, וואָרעם אַזוי שטייט עס געשריבן... קומען זיי און זאָגן ראַוונאָפּראַוויע און ייִדיש בלוט גיסט זיך טייכנווייז.

איר קענט ב אַ פּ אָ ל י און ב אַ ל ט ע? צוויי שטעטלעך לעבן אָן אַנדער, ווי צוויי שוועסטער, מיט שיינע הייזלעך; ס׳איז געווען אַ דערקוויקעניש אַהין צו קומען און צו זען, ווי אַזוי ייִדן זיצן זיך דאָרט און האָבן שיין פּרנסה. האָט מען דאָס עוקר־מן־השורש געווען, אוןביידע שטעט האָט מען אָנגעצונדן און פֿאַרברענט. א ו מ אַ ן קענט איר אוודאי, וואָס דאָרט האָט זיך אָפּגעטאָן אין דער אַלטער און אין דער נייער שטאָט! מע דערציילט זיך אָן ביי אונדז, ממש מעשׂה גאָנטע און כמעלניצקי, און דער סוף וועט זיין אַ נייער כ׳ סיוון און אַ גרויסע מוראדיקע יללה...

איך אַליין פֿאָר קיין אַרגענטינע. מיינער אַ שוואָגער איז שוין דאָרט לאַנג, און כאָטש תּחילת האָט ער געשריבן, סע גייט אים נישט אַזוי פֿויגלדיק און האָט אַלע מאָל געצויגן פֿון מיר אַ דרייערל און אַ פֿינפֿערל, שרייבט ער מיר

אַצינד: קום אַהער. אויף הוצאות האָב איך דאַנק גאָט, וואָרעם איך האָב פֿאַרקויפֿט וואָס איך האָב געהאַט, אַפֿילו די פֿעדערן; אָבער טראַכטן טראַכט איך מיר, וואָס וועט זײַן דער תּכלית פֿון אונדז ייִדן? זעט איר, איר זענט אַ געלערנטער, און איך ווייס, אַז די געלערנטע האָבן אַ סך מחשבֿות און זיי קאָנען אַרויסדרינגען, אָבער אין האַרצן פּיקט עס. איר פֿאַרשטייט, דאָס בין איך דאָך נישט איך אַליין, נאָר דער כּלל. דעם כּלל ייִדן איז הײַנט שלעכט, מוראדיק שלעכט, און איך ווייס נישט, ווי סע וועט גיין ווײַטער. יאָ, אַז עס וואָלט אויפֿגעהערט דער גלות און מיר זאָלן טאַקע זײַן בײַ אונדז, וואָלט אונדז געווען בעסער, אָבער ווי אַזוי וועט ער אויפֿהערן, אַז גאָט וויל נישט? פֿון דער גאולה רעדט מען אַזוי גרויס, זינט דער גלות האָט זיך אָנגעהויבן.

אַ צײַט, וואָס בערבֿ זאָגט מען: מי יתּן בוקר, און וואָס איין טאָג ווייסט מען נישט, אויב מע וועט דערלעבן דעם אַנדערן! איר פֿאַרשטייט, אויף ייִדן זענען מיט אַ מאָל אָנגעשטאַנען חיות־רעות. דאָס איז נישט ווי בשעת המן מיט אחשוורושן, וואָס מע האָט געשריבן צו אַלע מדינות, אַז מע זאָל שלאָגן ייִדן און דערנאָך איז געקומען אסתּר און מע האָט זיי שוין מער נישט געשלאָגן. דאָ האָט מען אָנגעהויבן שלאָגן נאָך איידער מע האָט זיך געריכט, און מרדכין האָט מען אויך געשלאָגן; אַפֿילו ליבערמאַנען און אַפּרתין, די גרעסטע אדירים, האָט מען נישט געשאַנעוועט, און וואָס זאָל איך, כּאַצקל שמעונס, זאָגן.

איר זאָגט, אַז איר ווילט וויסן פֿון אונדזער שטאָט פּאַדראַבנע. פּאַדראַבנע ווייס איך נישט. ס'איז בײַ אונדז אין שטאָט געווען אַזאַ שרעק, אַז אַלץ בײַ מיר אין קאָפּ האָט זיך אויסגעמישט! איר ווייסט נישט, וואָס דאָס הייסט: זיצן אין שטוב און אַלע מינוט געבן אַ קוק, צי מע גייט שוין; די גוים מיט די גראַבליעס און מיט די שטיקער אײַזן זענען שוין טאַקע געווען אין מיטן מאַרק. ווי אַזוי מע האָט זיך בײַ אונדז אויסגעקויפֿט פֿון זיי און ס'איז נישט געקומען צו אַ פּאָגראָם, ווייס איך עד־היום נישט. מיך אַליין, וואָס איך גיב מעות־חיטין אַלע יאָר אַ קערבל, האָט דאָס געקאָסט אַ גאַנץ צענערל, דער פּריסטאַוו האָט געריסן פֿון טויטע און פֿון לעבעדיקע.

וואָס האָב איך אײַך געוואָלט פֿרעגן, צי מע פֿאָרט פֿון אַמעריקע קיין אַרגענטינע אויך איבערן וואַסער? איר פֿאַרשטייט, אַרגענטינע איז נאָך פֿון יענער זײַט אַמעריקע. פֿאַר וואָס דער באַראָן הירש האָט זיך אַזוי ווײַט פֿאַרקליבן, ווייס איך עד־היום נישט. מילא, זאָל זײַן אַרגענטינע, ווי דערלעבט מען שוין אַהין צו קומען און אויסצורוען די מידע ביינער, שוין פֿיר וואָכן אַז איך בין פֿאַרוואָגלט מיט אַ ווײַב און מיט פֿיר קינדער! דער

עלטערער מײַנער האָט געדינט און איז געװען אין דער מלחמה אין מאָנ־דזשוריע און איז נהרג געװאָרן (ער טוט אַ כליפּ) פֿרעגט מיך נישט בעסער װעגן מײַן יאָסלען. דאָס האָט מען אונדז אָװעקגענומען אונדזער לעבן, איר װאָלט זען אַ יונג, אַז גאָט און לײַט האָבן מיך מקנא געװען, מוזן זײ אָנהייבן מלחמה האַלטן מיט יאַפּאַניע און מיר אַװעקנעמען מײַן זון, און דעם שׂכר דערפֿאַר, איז צו נעמען דעם קלימעק און גײן אויף דער עלטער קײן אַרגענטינע. װאָלט איך דאָס כאָטש געװען געטאָן מיט צװײ יאָר צוריק, אַז איך האָב זיך בײַ אים, בײַ מײַן זון, געבעטן רחמים: קום.

האָט קײן פֿאַראיבל נישט, אַז אַ ייִד רעדט זיך אויס דאָס האַרץ פֿאַר אײַך. איר האָט דאָך אויך אַ ייִדישע נשמה און איך זע אָן אײַך, אַז סע דערנעמט אײַך ביז צום האַרצן.

מיט לײדיקע קעשענעס

װי איר קוקט מיך אָן, װי איך שטײ דאָ פֿאַר אײַך מיט די לײדיקע קעשענעס, אַ דאָס איז מײַן גאַנץ פֿאַרמעגן. אַפֿילו דעם טלית און תּפֿילין האָב איך נישט פּאַספּײעט אַריבערצופֿעקלען. איר װײסט נישט, װאָס סע הײסט גנבֿע־נען דעם גרענעץ, און פֿאַפּירן האָב איך אַזױ פֿיל צו װײַזן, װי דעם װײַבס כּתובֿה... יאָ, אַז זי װאָלט אַצינד געלעבט! מוז זי זיך ראש־השנה פֿאַרקילן און שטאַרבן, און דעם זון מײַנעם, װאָס איך האָב אים נאָך נישט אויסגעגעבן, האָט מען מיר דערהרגעט צו אַכצן יאָר! ניין, איך זאָג אײַך, בײַ אונדז איז אַצינד געװאָרן די אמתע ארץ הדמים, פֿון פּרנסות איז שוין גאָרנישט צו שמועסן, אַז זײ זענען שוין לאַנג נישטאָ... װי איר זעט מיך אָן, האָב איך מיך אויפֿגעהױבן און געזעגנט מיט רוסלאַנד אויף אײביק, כאָטש דער עולם שמועסט בײַ אונדז, אַז סע װעט נאָך קומען אַ צײַט און סע װעט װערן אָרדענונג. איר פֿאַרשטײט, דער פּריסטאַװ בײַ אונדז איז סײַ װי סײַ אַ סוקין־סין; אָבער איצט, זינט סע האָט זיך בײַ אונדז אָנגעהױבן צו רודערן און דער עולם רעדט שוין, אַז באַלד װעט שוין גאָר קײן פּריסטאַװ נישט זײַן, איז ער געװאָרן נאָך אַ סך ערגער... איר קענט נישט פֿאַניען, װאָס דאָס הײסט מיט אים צו האָבן צו טאָן, אַז אין אים צעקאָכט זיך די רציחה, און דעם ייִדן האָט מען אַלע מאָל פֿײַנט, און בפֿרט נאָך אַצינד.

איר פֿרעגט מיך, װוהין איך פֿאָר. װוהין פֿאָרט אַ ייִד? קײן אַמעריקע. אויף הוצאות האָב איך אַפֿילו נישט קײן פּיאַטאַק און די קאַרטע אַלײן אויפֿן שיף, האָט מען מיר געזאָגט, קאָסט זעכציק קאַרבן, אָבער איך װײס, אַז אין עטלעכע װאָכן אַרום װעל איך שוין זײַן אין אַמעריקע; איך װײס דאָס

אַזוי זיכער, ווי איך ווייס, אַז איך בין אַצינד ביַי איַיך אין שטוב. ייִדן פאַרלאָזן נישט, און גאָט איז תּמיד דער עוזר בשעת־צרה. איַי, וואָס וועל איך טאָן אין אַמעריקע ? פּאַפּיראָסן וועל איך מאַכן. איר פאַרשטייט, מיַין ייִנגל, דער וואָס איז בשעתן מאַניפעסט דערהרגעט געוואָרן פון אַ פּיסטאָל, האָט זיך געלערנט צו מאַכן פּאַפּיראָסן און האָט שוין געהאַלטן ביַי פאַרדינען פיר רובל די וואָך. איך אַליין האָב דאָס אַפילו נישט געלערנט, אָבער איך האָב זיך גוט צוגעקוקט ווי מע מאַכט דאָס, און אויגן האָב איך, און אַ גרויסע קונץ איז דאָס אויך נישט. אין אַמעריקע וועל איך מיט דעם אָנהייבן, וואָרעם אַרומגיין מיטן קעסטעלע און איטלעכן בעטן ער זאָל ביַי מיר קויפן אַ פּעקל שוועבעלעך צי שוואַקס, איז נישט פאַר אַ ייִדן אין מיַינע יאָרן. דאָס פּאַסט פאַר אַ ייִנגל. מע זאָגט, אַז אין אַמעריקע צאָלט מען נישט אויפן רובל, נאָר אויפן דאָלאַר און דאָס איז אַ סך מער.

איר פרעגט מיך, פאַר וואָס איז מיַין ייִנגל דערהרגעט געוואָרן ? פאַר וואָס ? אָט הערט זשע. איך האָב אים טויזנט מאָל געזאָגט : מיש זיך נישט, יאַנקל, וואָס אַרט עס דיך אַז מע שלאָגט זיך דאָרט אַרום מיט די שרי־מלוכה. ער איז אָבער געזעסן און האָט געטאָלקעוועט, אַז אַצינד הייבט ער אָן צו אַרבעטן זעקס אַ זייגער אין דער פרי און הערט אויף קעגן צען ביַי נאַכט און אַ מאָל זיצט מען ביז עלף און ביז צוועלף און נעמען נעמט ער פינף און זעכציק קאָפּיקעס אַ טאָג, וועט דאָך זיַין אַ סך בעסער, אַז ער וועט אַרבעטן נאָר אַכט שעה אַ טאָג און וועט שוין צו מנחה־ציַיט אויפהערן און וועט נעמען אַ רובל אַ טאָג. זאָג איך צו אים : זיי וועלן זיַין משוגע, אַז זיי וועלן דאָס וועלן. זאָגט ער : זיי וועלן מוזן דאָס וועלן. איך האָב שוין געוווּסט, אַז דערפון וועט נישט אַרויסקומען קיין גוטס. אָבער גיי, היַינטיקע יאָרן זאָגן עפּעס אַ דערוואַקסן קינד.

ויהי־היום, איז אָנגעקומען פון פּעטערבורג דער פּאַפּיר וועגן מאַניפעסט. אַ טייל האָבן געזאָגט, אַז פון אַצינד אָן וועלן ייִדן נישט מער דאַרפן דינען. אַ טייל האָבן געזאָגט : פאַרקערט, ייִדן וועלן אַצינד זיַין גליַיך מיט אַלעמען און סע וועט גאָרנישט זיַין קיין חילוק צווישן ייִד און גוי. מילא, דאָס ערשטע, וואָס סע הייבט זיך אָן, איז צו מאַכן אַ מאַניפעסטאַציע און גיין איבער דער שטאָט מיט פאָנען און אַ חופּה. איר וואָלט דאָס צוגעזען, ס'איז געווען ווי מע גיט אַ נײַעם ספר אין שול אַריַין... און מיַינער איז אוודאי דערביַי. איך אַליין בין זיך מיר געבליבן אין דער היים, איך בין נישט קיין גרויסער מאמין אין פּעטערבורג, און אַפילו, אַז אַ מלאך פון הימל וועט קומען און וועט זאָגן : ליהודים היתה אורה און דאָס איז געקומען פון זיי, וועל איך אים נישט גלייבן.

איך וויל אײַך דערציילן בקיצור. פֿון טאַנצן האָט זיך אַרויסגעלאָזט אַ שלאָגן, דאָס הייסט, מע האָט אָנגעהויבן צו שלאָגן ייִדן, און אַז ייִדן האָבן געפּרוווט געבן צוריק, האָט מען אָנגעהויבן צו שיסן. דערהרגעט זענען געוואָרן דרײַ ייִדן, אַ קליין קינד און מײַן ייִנגל. מיט פֿינף קרבנות האָט מען באַצאָלט פֿאַר דעם פּאַפּיר: אַ קרבן עולה און אַ קרבן חטאת און אַ קרבן אשם; דאָס איבעריקע קען איך אײַך נישט אויסרעכענען. און איך, בערל פּאַדוצער, וואָס איך האָב אַפֿילו נישט אַ שטאָט אין שפּיגל אין קלויז, מוז אויף מײַן חלק אַליין געבן אַ גאַנצן קרבן.

אַ ייִד פֿון אמאָל

געהאַלטן האָב איך די מיל אין אַ דאָרף לעבן כאַנאַראַד פֿערצן יאָר כּסדר, און גאָט האָט געהאָלפֿן, אַז ס׳איז געגאַנגען תּמיד גוט. תּמיד האָב איך געהאָט וואָס צו מאָלן, און כאָטש איך האָב דעם פּריץ פֿון דער מיל געצאָלט אַ גוטן מקח, איז מיר נאָך געבליבן גענוג פֿאַר מיר און פֿאַר אַנדערע. איך האָב נישט געהאָט ליב צו לעבן פֿאַר זיך אַליין און תּמיד איז בײַ מיר געווען אַן אָפֿן הויז פֿאַר אַלע, וואָס פֿאָרן דורך און פֿאַר די טוחנים אַוודאי. איר קענט פֿרעגן אין שטאָט און אין דאָרף, אויב ס׳איז דאָ איינער, וואָס זאָל זיך באַקלאָגן אויף מיר, אַז איך האָב אים אָפּגעזאָגט אין אַ טובֿה. איך בין געווען גלײַך גוט סײַ צו ייִדן סײַ צו גויים. און מײַן ווײַב, עליה־השלום, אַוודאי; זי איז געווען דער אמתער מזג־טובֿ, און איך ווייס, אַז דאָס האָט זי מיך אויך געמאַכט פֿאַר אַ גוטן מענטשן. אַלע גויים פֿון דאָרף זענען געווען פֿאַר איר די כּפּרה. יענטע פֿון דער מיל איז זיי געווען אַ סך טײַערער ווי די פּריצה, בײַ יענטען האָט מען תּמיד געקאָנט באַרגן אַן פּראָצענט. אַז אַ גוי האָט זיך צעשלאָגן מיטן ווײַב, האָט זי געמאַכט שלום און זיי ביידן אײַנגע־רעדט מיט גוטן. קראַנקע האָט זי געגעבן רפֿואות, און האָט זי נאָר געוווּסט, אַז ס׳איז אַ סכּנה, האָט זי געגעבן געלט און מע האָט געשיקט נאָכן דאָקטער. איר קאָנט אײַך נישט אויסמאָלן, וואָס דאָס איז געווען פֿאַר אַ מענטש. אַ גאָלדן האָרץ! הײַנט איר צניעות, און ווי זי האָט דאָס געקאָנט רעדן צו אַ מענטשן מיט אַן אָנגעווייטיקט געמיט. אַז זי פֿלעגט קומען אין שטאָט, איז מען געלאָפֿן צו איר פֿון אַלע זײַטן, גבאים פֿון חבֿרות, גבאיטעס און גלאַט אָרעמע־לײַט. סע האָבן זיך גאָר געפֿונען מענטשן פֿון די נגידים, וואָס האָבן געזאָגט, אַז זי וועט מיך מיט איר פּזרנות מאַכן פֿאַר אַן אָרעמאַן, אָבער איך האָב פֿון זיי געלאַכט. איך האָב געוווּסט, אַז צו גאָט דערלייגט מען נישט, אַז

פֿון געבן און העלפֿן מענטשן אין נויט ווערט מען נישט בדלות. ווער איז געווען גלײַך צו מיר! אַז ס'איז געקומען אַ שבת צי אַ יום־טובֿ, און גאָט האָט מיר געהאָלפֿן, אַז סע האָבן זיך בײַ מיר אָפּגעשטעלט אַ פּאָר אורחים, צי אַז איך האָב גאָר געהאַט בײַ מיר אַ מנין, וואָס האָט מיר דעמאָלט געפֿעלט? טאָמער איז דאָס טאַקע געווען די עבֿירה, אַז ס'איז מיר געגאַנגען צו גוט. אָן גאָט האָב איך אַוודאי נישט פֿאַרגעסן. אָבער איך ווייס, דער אָרעמאַן, דער מענטש, וואָס האָט אַ גרויסע צרה, טוט דאָך גאָר אָן אַנדער מין געוויין פֿאַר גאָט. בײַ מיר איז געווען זומער און ווינטער זומערדיק אויפֿן האַרצן; מע איז געגאַנגען שלאָפֿן רויִק, מע איז אויפֿגעשטאַנען אין דער פֿרי רויִק. יאָ, וואָס האָב איך געהאַט אויסצובעטן ימים־נוראים? אַ כּתיבֿה וחתימה טובֿה האָט מען מיר תּמיד געגעבן, און איך האָב געמיינט, אַז סע מוז שוין אַזוי זײַן.

נאָר דעם לעצטן ראש־השנה, אַז איך האָב געזאָגט: מי בחרבֿ! האָט עס אין מיר געגעבן אַ ריס. בין איך משוגע? אַ זון אין סאָלדאָטן האָב איך נישט, בײַ אונדז זענען די גוֹיִים אַזוי רויִק, אַז זינט איך געדענק, האָב איך נישט געהערט, אַז עמעצער זאָל נהרג ווערן. אָבער דער מי בחרבֿ איז מיר געלעגן ווי אַ שטיין אויפֿן האַרצן, און אַפֿילו שפּעטער, אַז איך בין געקומען פֿון שול אויף דער סטאַנציע, בין איך געווען מרה־שחורהדיק, ווי עס איז גאַרנישט מײַן שטייגער. מײַנע האָט מיך אַפֿילו געפֿרעגט, וואָס איז מיט מיר. איר פּנים אין ווײַסן ײַידענעם טיכל האָט געלויכטן ווי די זון.

שטעלט אײַך פֿאָר, מע קומט צו פֿאָרן אַהיים, סע ווערט אַסיען און מע פֿילט מיט אַ מאָל, אַז ס'איז אַ שווערע צײַט. קיין צײַטונגען לייענט מען בײַ אונדז נישט, אָבער אין וואָלאָסט ווערט מען אַלע מאָל געוויר: גוֹיִים גייען אַרום און רעדן, זיי האָבן צו ווייניק ערד. אַז מע גיט זיי יאָ ערד, אַז מע גיט זיי נישט, אַלע זענען זיי צערודערט. מײַנע שקצים אַליין און די אַרבעטער אין מיל זעען אַנדערש אויס ווי תּמיד. איך ווייס נישט וואָס, אָבער מע פֿילט, אַז דאָ וועט עפּעס קומען.

וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? תּחילת האָט מען זיך גענומען צום פּריץ — אַ הונט איז ער געווען, דאָס קאָן מען נישט לייקענען, און אַפֿילו הײַנט, אַז אַ גוי האָט בײַ אים געגנבֿעט האָלץ אין וואַלד, האָט ער נאָך געקאָנט אים אַנידערלייגן און אַרײַנצײלן אים צוואַנציק פּרוטיעס אויפֿן הוילן, אַז סע האָט געשפּריצט דאָס בלוט. דעם פּריץ האָט מען חרובֿ ומוחרבֿ געמאַכט, אַנגעצונדן דעם פּאַלאַץ, פֿאַרברענט דעם טויג, און ער אַליין איז אַנטלאָפֿן. דערנאָך האָט מען זיך גענומען צום י ײ ד ן... פֿון מײַן שטוב און וואָס איך האָב געהאַט איז נישט געבליבן קיין שׂריד־ופּליט, אין דער מיל האָט מען

איבערגעשניטן אַלע רימענס, פֿון די רעדער אויסגעריסן די ציינער, אויפֿגע־הויבן די זאַסטאַווקעס און אַרויסגעלאָזט דאָס וואַסער, און מײַן ווײַב, מײַן גוטע, טײַערע יענטע, וואָס איז מיר געווען אַלץ אין דער וועלט — קינדער האָבן מיר נישט געהאַט — האָט מען דערהרגעט... דרײַ וואָכן נאָך דער קבֿורה בין איך אַרומגעגאַנגען ווי משוגע און נישט איין מאָל האָב איך מיך געוואָלט וואַרפֿן אין וואַסער, אָבער אַצינד, אַז ס'איז געוואָרן פֿינצטער בײַ אַלע ייִדן, בײַ מיר און בײַם גאַנצן כּלל, זאָגט גאָט: דווקא לעב!

אַ דעראַזשנער

אַ דעראַזשנער בין איך. פֿון לעבן מעזשבעזש. איר קענט אונדזערע שטעטלעך אין וואָלין? דאָס איז נישט אײַער קאַנט. בײַ אונדז איז נישטאָ דער קאָרן און דער ווייץ, ווי בײַ אײַך; דער גוי איז בײַ אונדז אַ דערשלאָגענער, און גרויסע נגידים, ווי בײַ אײַך, זענען בײַ אונדז אויך נישטאָ. גאָרנישט, מע זיצט אין דער אָנגעשטאָפּטער שטאָט און מע מוטשעט זיך און מע ציט דאָס ביסל חיונה. מע ציט! אַ לעבן איז דאָס! וואָלטן בײַ אונדז נישט געווען די לאַגערס מיט די סאָלדאַטן, וואָס מען קאָן דערבײַ האַלטן אַ קלייטל צי אַ שטיקל טשײַנע, וואָלט מען געקאָנט צען מאָל אין טאָג שטאַרבן פֿון הונגער. און האָלט איך שוין יאָ אַ קלייטל, האָלט חיים אויך, און יוחנן אויך און איטלעכער ייִד אין שטאָט, אַז מען ר ײַ ס ט ממש דעם ב י ס ן פֿון מ ו י ל. ס'איז גאָרנישט קיין חידוש נישט, אַז זינט די לעצטע יאָר צעפֿאָרט זיך דער עולם קיין אַמעריקע; סע פֿאָרט ווער סע קען נאָר און ווער סע האָט נאָר אויף הוצאות. די שטעטלעך ווערן נאָך מער פּוסט. ווער האָט הײַנט אין זינען זיצן און לערנען, צי גאָר נעמען אַן איידעם אויף קעסט, וואָס זאָל זיצן און לערנען? די קענערס גייען הײַנט אויך אַרום און האָבן נישט וואָס צו טאָן. וואָס זענען דאָס אַ מאָל געווען פֿאַר אַ צײַטן! ווּהין איז דאָס אַלץ אַהינגע־קומען? אָבער ווער האָט צײַט צו טראַכטן, אַז דער קאָפּ דאַרט און מע זיצט און מע קוקט אויס דעם גאַנצן טאָג אויפֿן קונה, אַז די אויגן קריכן שיִער פֿון קאָפּ, און דאָ האָט מען דערוואַקסענע קינדער, סע גייט אַ סדרה אַ שידוך טאָן מיט אַ מיידל, באַוואָרענען אַ ייִנגל, און אייגנס האָט מען נישט קיין מזומנע צען גראָשן. ווען איר וואָלט הײַנט אַרײַנגעפֿאָרן קיין דעראַזשנע, די שיינע שטאָט מיט די טײַכן, וואָלט איר זי נישט דערקענט: דער געלער ליים פֿון די הײַזער איז אָפּגעפֿאַלן, ס'איז נישטאָ פֿון וואַנען זיי צו פֿאַרבן, אַ סך צעבראָכענע דעכער און ס'איז נישטאָ פֿון וואַנען זיי צו פֿאַרריכטן.

מע גייט אַנגעטאָן, אַז אַ מאָל וואָלט מען זיך געשעמט אַזוי זיך צו ווײַזן אויפֿן גאַס. אַ שטאָט פֿון גאָלע עניים און אבֿיונים, און ס'איז נישטאָ קיין איין מענטש, וואָס מע זאָל אים אַ ביסל קאָנען מקנא זײַן און זאָגן: אָט דער איז אַ מוצלח. איטלעכער טראָגט זיך אַרום מיט אַ שטיין אויפֿן האַרצן. אין קלויז און אין די בתּי־מדרשים איז פּוסט, אַפֿילו חדשות קריכן שוין אויך נישט אין קאָפּ... וואָס האָט מען שוין דערפֿון, אַז עטלעכע יונגע־לײַט האָבן בײַ אונדז אַ מאָל געשמועסט פֿון ציוניות? גיי, נעם דעם קבצן און פֿאָר אַוועק קיין ארץ־ישׂראל און נעם דאָרט חלוקה, און הײַנט גיט מען שוין דאָס אויך נישט... איר קאָנט אײַך גאָרנישט אויסמאָלן, וואָס פֿאַר אַ שבֿרון־לבֿ סע האָט זיך בײַ אונדז אַנגעקליבן. אַ מאָל האָט מען כאָטש געקאָנט האָבן בטחון און האָפֿענונגען: איז דאָס יאָר געווען שלעכט, האָט מען געהאָפֿט, אַז דאָס אַנדערע יאָר וועט זײַן בעסער, און געזען האָט מען טאַקע, אַז גאָט פֿירט. הײַנט וואָס איז צו האָפֿן? פֿון וואַנען זאָל ווערן בעסער? און מיט ייִדישקייט גייט עס אויך באַרג־אַראָפּ... ווער פֿילט הײַנט דעם טעם פֿון אַ מיצווה ווי אַ מאָל? ווער האָט הײַנט אין זינען ייִראת־שמים? אַז סע קומט אַ פּאַקן־טרעגער, פֿאָרט ער צוריק אַוועק מיטן פּעקל... סע זאָל זיך עמעצער קויפֿן אַ ספֿרל, צי אַ סידור. אַרבע־כּנפֿותן מאַכט מען פֿון ציץ, אַבי נישט צו קויפֿן קיין גרייטן. אַוווּ זעט מען הײַנט סע זאָל עמעצער האָבן אין זינען זיך מאַכן אַ שיינע סוכּה צי קויפֿן אַ שיינעם אתרוג? אַפֿילו צום רבין פֿאָרט מען שוין אויך נישט, און ווער שמועסט פֿון געבן מעמד־געלט, און זיי מוזן שוין אויך אָנהייבן פֿאַרמשכּונען דאָס זילבער; צו האַלטן פֿערד האָבן זיי שוין לאַנג אויפֿגעהערט. יאָ, איר ווייסט נישט, וואָס עס טוט זיך בײַ אונדז: מתים, כּולנו מתים, לעבעדיקע מתים גייען אַרום אין די גאַסן. די קלייטן זענען אַ בית־עולם, נישטאָ קיין סחורה, נישטאָ קיין קונים, פּשוט מע פֿאַלט אויפֿן פּנים, יונג ווי אַלט, דער סוחר ווי דער בעל־מלאכה, קיינער האָט נישט וואָס צו טאָן, און אַלע גייען אַרום מיט ליידיקע הענט.

און שטעלט אײַך פֿאָר, אַז אַפֿילו דאָס פֿאַרגינט מען אונדז אויך נישט. האָט זיך אָנגעהויבן בײַ אונדז אַ צײַט פֿון פּאָגראָמען, מע שלאָגט ייִדן, און מע הרגעט, און מע נעמט זיי צו דאָס לעצטע! וואָס בײַ אונדז איז שוין דאָ צוזונעמען, מישטיינס געזאָגט, אָבער ווי אַ קללה האָט זיך אויף אונדז אויסגעגאָסן. טאָמער איז מען נאָך געזעסן אין אַ ווינקל און געהאָט ווו אָנצושפּאַרן דעם קאָפּ, איז דאָס שוין אויך נישטאָ. פֿאָרט אַרײַן אין אַזאַ שטעטל, וואָס איז צעראַבעוועט געוואָרן, און גיט אַ קוק. צעבראָכן די הײַזער, אַ טייל פֿאַרברענט, נישטאָ קיין גאַנץ בענקל, נישטאָ קיין קישן. מענטשן לעבן אויף

די גאַסן מיט ווייַב און קינדער, און ס'איז ווינטער, ס'פֿרירט. קליינע קינדער בייַ דער ברוסט האָבן נישט וואָס צו זייגן. איך זאָג אייַך, מע מוז האָבן אַ האַרץ ווי אַ שטיין דאָס צוצוזען און נישט אַראָפּ פֿון זינען פֿאַר צער. רבונו־של־עולם, וואָס ווילסטו פֿון אונדז ייִדן האָבן?

דער סוף

און וואָס מייַנט איר וועט זייַן דער סוף מיט אונדז ייִדן? איר זענט דאָך אַ געלערנטער און האָט אַוודאי געטראַכט וועגן דעם. פֿאַרקערט, זאָגט מיר, לאָמיך הערן. מע זאָגט, ייִדן האָבן שוין אַזאַ מזל צו זייַן תּמיד דער השה־לעולה, אָבער דאָס קאָן דאָך נישט זייַן דער תּירוץ אויף דער קשיה. אַ פֿאָלק זאָל לייַדן תּמיד פֿון טויזנטער יאָרן, זאָל לייַדן ווי קיין שום אומה לייַדט נישט, און דערפֿאַר אַליין האָט מען אונדז געגעבן די תּורה און מיר היטן אָפּ די מצוות! קאָנט איר דאָס פֿאַרשטיין? קאָנט איר דאָס משׂיג זייַן, אַז דערפֿאַר, וואָס איך בין אַ ייִד, שטיי אויף אין דער פֿרי און וואַש מיך, דאַוון, מאַך המוציא פֿאַרן עסן און בענטש, אַרבעט שווער און צאָל שׂכר־לימוד, גיב געלט אויף דער קלויז און צרכי־הקהל — איך וויל מיך נישט איבער־נעמען, איך בין אַ ייִד און היט אָפּ ייִדישקייט, ווי ווייַט מען קאָן — איז דערפֿאַר מוז איך אָפּקומען, פֿאַרלירן מייַן קלייט און מייַן שטוב און אַלץ וואָס איך האָב, און נעמען דאָס ווייַב און די קינדער און זיך לאָזן אין דער וועלט? וואָלט דאָס מיט מיר אַליין פּאַסירט, וואָלט איך געזאָגט, אַז איך האָב פֿאַרזינדיקט; אָפֿילו סע וואָלטן געמעגט קומען נאָך גרעסערע צרות, וואָלט איך געווען מקבל באַהבֿה דעם גזר־דין און וואָלט נישט געסמייעט צו זייַן אַ קובֿל קעגן גאָט; בין איך דאָך אַ בשׂר־ודם, וואָס ווייסט נישט זייַנע דרכים, און אַז ער שטראָפֿט מיך, מסתּמא ווייסט ער פֿאַר וואָס. אָבער, אַז נישט איך איינער, נאָר דער כּלל, און דאָס איז נישט נאָר אין אונדזער צייַט אַליין, נאָר אין אַלע דורות און אין אַלע צייַטן האָט מען געשלאָגן ייִדן, אָפֿילו אין די צייַטן פֿון דעם אַר״י און פֿון אַלע גרויסע צדיקים און גדולים, וואָס זאָל ד אָ ס הייסן? פֿאַר וואָס קומט עס כּ ל ל - י שׂ ר א ל אַזוי אָפּצוקומען? גאָט האָט אונדז אויסדערוויילט און אונדז געגעבן דאָס לאַנד כּנען און מיר זענען אין גלות. און וואָס הייסט גלות? ס'איז אַ לעבן ווי אין דער תּוכחה.

און איר וועט מוזן פֿרעגן, ווי אַזוי קום איך, אַ פּראָסטאַק, צו פֿרעגן קשיות אויף גאָט, וועל איך אייַך זאָגן. איך מיין אַוודאי אייַך נישט צו טרעפֿן: אַז איר וואָלט געזעסן אַציונד בייַ אונדז און עס וואָלט אייַך חרובֿ געוואָרן אייַער

שטוב און איר וואַלט געמוזט נעמען דעם שטעקן אין האַנט אַרײַן, וואַלט איר אויך געפֿרעגט... דער מענטש איז שוין אַזוי באַשאַפֿן, אַז כּל־זמן סע טרעפֿט אים נישט אַליין און זײַן הויט איז נאָך גאַנץ, מיינט ער, אַז אַלץ איז אַ מקרה און סע וועט דורכגיין. שטייט מען אָבער בתוך הגולה און מע פֿאַרט צווישן די צעראַבעוועטע וואַגאַנעס מיט מענטשן און מע זעט דעם עלנט און מע איז אַליין אַן אבֿר פֿון דעם עלנט, דעמאָלט פֿרעגט מען און פֿרעגט מען... טאַקע אין דעם וואַגאָן אַליין כאַפּט מען אַרויף אויף זיך דעם טלית און תּפֿילין און מען טוט אַ דאַוון, און אַ ייִנגל שטעלט זיך אַוועק לעבן דיר און זאָגט קדיש נאָך אַ דערהרגעטן פֿאָטער: יתגדל ויתקדש שמיה רבא! — ווי זאָל מען זיך נישט צעוויינען און אַ שרײַ טאָן צו גאָט: רבונו־של־עולם, פֿאַר וואָס האָסטו אונדז אַזוי געשטראָפֿט?...

פֿונעם רײַזעביכל

מאַמעס

זי האָט זיך פֿאַר מיר פֿונאַנדערגעוויינט, אַז סע האָט געריסן דאָס האַרץ. גאַטעניו, פֿאַר וואָס האָסטו מיך אַזוי געשטראָפֿט? אַוודאי איז מען אַ בשׂר־ודם, זינדיקן זינדיקט דער מענטש, אָבער האָב רחמנות אויף אַ נפֿש, פֿאַר וואָס ווילסטו אויסגיסן דײַן גאַנצן צאָרן! נעם די מוטער און לאָז דאָס קינד, נאָ דיר אַוועק דאָס לעבן מײַנס, אָבער לאָז אים זײַן אַ ייִד. ניין! הײַנטיקע יאָרן איז נישטאָ מער קיין רבונו־של־עולם, די מענטשן זענען לויטער רשעים און האָבן אַ האַרץ פֿון אַ שטיין, כאָטש רעד צו זיי און וויין, כאָטש צי זיך אויס און פֿאַל צו די פֿיס. גאָרנישט, זיי ווילן נישט הערן... סע גיסט זיך דאָס בלוט און מע זיצט זיך קאַלט און מע עסט דעם אָנבײַסן. אין בית־מדרש איז מען דער שיינער ייִד און מע שאָקלט זיך בײַם דאַווענען, יום־כּיפּור טוט מען תּשובֿה און מען בעט גאָר, קומט מען אָבער אין דרויסן — איז מען אַ גזלן... איך זאָג אײַך, איך האָב שוין נישט קיין כּוח צו וויינען. ווו איר ווילט נאָר בין איך אויסגעוועזן! מיך אַליין וואָלט איך מפֿקיר געווען: וואָס איז דאָס גאַנצע לעבן, מישטיינס געזאָגט! אָבער אים, מײַן בלוט און פֿלייש, דאָס איינציקע וואָס איך האָב! וויפֿל טרערן האָב איך אויף אים פֿאַרגאָסן, איידער איך האָב אים דערצויגן! און איידער איך האָב דערלעבט אים צו מאַכן פֿאַר אַ שטיקל מענטש, זענען מיר צען מאָל די אויגן אויסגעקראָכן פֿונעם קאָפּ. אַ סדרה פֿון צוואַנציק יאָר, דאָס איז זיך גלאַט געזאָגט, אָבער גיי צייל טאָג פֿאַר טאָג, וואָך פֿאַר וואָך, חודש פֿאַר חודש, יאָר פֿאַר יאָר און אַזוי כּסדר.

די הויט האָב איך פֿון מיר געצויגן און אים מגדל געווען. איר ווייסט, הײַנטיקע יאָרן, ווי מע מוטשעט זיך געגנוג אָן אויפֿן שטיקל ברויט און ווי סע קומט אָן שווער. געהאָרעוועט האָב איך ווי אַן אייזל בײַ טאָג און בײַ נאַכט: פֿליקן פֿעדערן איז פֿליקן פֿעדערן, נייען איז נייען, געלאַטעט זעק, געמאַכט בײַ יענעם אַבדירקעס, אַ ניאַנקע געווען בײַ פֿרעמדע קינדער, אַפֿילו דעם צעבער בײַ יענעם אַרויסגעטראָגן, אַבי איך זאָל האָבן פֿאַר אים. איך אַליין וועל מיך באַגיין די גאַנצע וואָך מיט טרוקן ברויט און וועל

מיך קיין מאָל נישט קלאָגן. אַן אָרעם מענטש, ווי איך בין: טאָמער האָב איך נישט פֿאַרדינט קיין בעסערס ביַי גאָט, אָבער פֿאַר אים מוז זיַין דאָס ביסל וואַרעמס און דאָס שטיקל פּוטער מיט קוילעטש. מיַין זון איז מיר טיַיערער ווי כאַצקלס זון און ווי דעם גרעסטן נגידס קינד. און אַז איינער וועט זאָגן, ער דאַרף עס נישט האָבן, וועל איך אים אויסדראַפּען די אויגן.

אַ קלייניקייט, אַ מאַמע! צי בין איך געזעסן אַ מינוט ליידיק און האָב מיר פֿאַרגונען אָפּצורוען? אָדער צי האָב איך געוואָלט, סע זאָל אים עמעצער עפּעס שענקען, אָדער גאָר פֿרעמדע זאָלן מיר געבן? אַ וויאָרסט האָב איך געקאָנט גיין צו פֿוס, אַבי אַליין צו פֿאַרדינען דעם גראָשן אַפֿילו אינעם גרעסטן רעגן, ווינטער אויפֿן מאַרק האָב איך אָפּגעפֿרוירן די פֿינגער.

אַז מע האָט קיינעם נישט און מע איז עלנט ווי אַ שטיין! ער, דער מאַן, האָט מיך פֿאַרלאָזן. מיַין הירשל איז נאָך דעמאָלט געווען אַ קינד ביַי דער ברוסט. גאָט, דו ביסט אַן עדות, דו קענסט מיַינע שבתים און מיַינע ימים־טובֿים; ניַינצן יאָר צו זיַין אַן עגונה, אויסגעוויינט האָב איך די אויגן. אַז ס'איז נישטאָ, אַז די ערד נעמט צו, איז עפּעס אַנדערש: אַ מת פֿאַרגעסט מען, אָבער אויף אַ לעבעדיקן, אַז מע זיצט ביַי דער אַרבעט ביַי נאַכט און מע הייבט זיך אָן צו דערמאָנען, איז אַ ווייטיק... אַוודאי האָב איך געפּרוווט אויסצוריַיסן אים פֿונעם האַרצן און האָב מיר געזאָגט: לעב פֿאַר אים, פֿאַר דעם קינד, דער מאַן איז נישט ווערט דו זאָלסט זיך מצער זיַין. גאָרנישט, האָט ער מיך געלאָזן און ער איז אַוועק, אַפֿילו דאָס בעטגעוואַנט האָט ער מיך געגנבֿעט צו פֿאַרזעצן... זאָל איך אויף אים רעדן שלעכטס? ער איז פֿאָרט דער טאַטע פֿון מיַין קינד און איז מיַין מאַן, ווער ווייסט ווו ער קאָן אַצינד זיַין און צי ער לעבט? געזוכט האָב איך אים גענוג און ס'איז מיר נמאס געוואָרן זוכנדיק. אַנדערטהאַלבן יאָר זענען מיר געזעסן אין איינעם, מילא, מע איז גענוג געשטראָפֿט אויף דער וועלט. וואָס זשע טוט גאָט? טאָמער האָב איך געהאַט אַ מאָל אַ גוטע מינוט, לאָזט דער קהל צושריַיבן צו מיר נאָך אַ זון. עפּעס אַ טעות איז אַריַינגעקומען אין דער מעטריקע. אַ פּגירה אין זייערע בייגער מיט זייערע מעטריקעס. דערוויַיל מוז מיַין קינד, חס־ושלום, נאָך פֿאַרלירן די לגאָטע! איין אויג אין קאָפּ און אַלץ וואָס איך האָב אויף דער וועלט. דאָס האַרץ צעגייט מיר שיִער פֿאַר ווייטיק און פֿאַר כעס! האָט איר שוין אַזוינס געהערט, מע זאָל זיך אָנזעצן אויף אַ מאַמען און אַוועקנעמען איר קינד? מילא דעמאָלט, אין ניקאָלײַס ציַיטן, זענען געווען פּראָסטע ראַזבאָיניקעס, און אַז מע וויל זענען דאָס געווען גזרות קשות אויף ייִדן און מע האָט טאַקע גוזר־תענית געווען און די מאַמעס האָבן זייערע קינדער געקאָנט באַהאַלטן; היַינט איז אָבער אַלץ

פאַפּירן: פאַפּירן אַהין, פאַפּירן אַהער. קום איך צום סטאַנאַוואַי, הייסט ער מיר ברענגען פאַפּירן, ווײל איך גיין אין דומע, טרעבעוועט מען פאַפּירן, און דאָס קאָסט געגנוג אָפּ. אויף גאָלע מאַרקעס האָב איך שוין אויסגעגעבן אַן עשירות, אָבער ווער רעדט וועגן געלט! ביזן העמד וועל איך מיך אויסטאָן, אַבי צו ראַטעווען מײַן זון. איך וויל מיך פאַרקויפן אויף דרײַ יאָר. נעמט מיך צו אַ טויטע, אַ לעבעדיקע, אַבי גיט מיר, ממזרים, צוריק אָפּ מײַן זון!

אַז זיי זאָגן אָבער, אַז זיי זענען גאָרנישט שולדיק און שווערן זיך אָפּ דאָס געביין; זאָגן זאָגן זיי, ס'איז עפּעס פון זיך אַרײַנגעקומען — קומען זאָל אויף זיי המנס מפּלה, גאָט דערבאַרעמדיקער און האַרציקער! סע האָט זיך פאַרשריבן, פאַרשרײַבן זאָל מען זיי אין בויך, רבונו־של־עולם! אָבער סע שטייט דאָך פאַרט אַזוי, און דאָ רופט מען שוין מײַן זון. האָט מען מיר געזאָגט, אַז צען ייִדן וועלן גיין שווערן, אַז איך האָב נאָר איין זון, וועט עס אפשר זײַן אַ פּעולה. איך טראַכט אַצינד אַריבערצופאָרן אין אויעזד צום מאַרשאַל, אַפילו צום קייסער אַליין וואָלט איך געגאַנגען. וואָס הייסט: עפּעס איז שוין גאָרנישט דאָ קיין רחמנות אויף דער וועלט, עפּעס וועט מען מיר אַוועקנעמען מײַן לעבן און גאָרנישט? (זי וויינט).

אוי, אוי, גאָט, וואָס האָסטו געוואָלט פון מיר האָבן? שטייט בײַ דיר דען ניט געשריבן פון צער־בעלי־חיים? סע לויפן אַרום אין שטאָט אַזוי פיל יונגאַטשעס, מוז גראָד מײַן זון אַרײַנפאַלן אין דעם אומגליק! טאָמער האָב איך מיר דערלעבט צו געבן אַ טראַכט, אָט־אָט וועט קומען די צײַט אים חתונה צו מאַכן — איך ווייס, מע איז דאָך אַ מענטש — מוז דער רוח אָנטראָגן די אופּראַווע מיט אירע מעטריקעס, ס'זאָל זיך מעטריקען בײַ זיי אין האַרצן און אין די אויגן, און ווו זיי וועלן זיך קערן און ווענדן, אַז דער גיהנום איז נאָך קאַרג פאַר אַזוינע. בין איך דען אַזאַ מרשעת, איך זאָל רעדן אויף מענטשן שלעכטס? אָבער איך זאָג אײַך, דער גלות און אַלץ וואָס ייִדן האָבן אויסצושטיין איז אַלץ דורך זיי, אין זייער בלוט וואָלט איך מיך נישט געקאָנט קילן, אָט די הולטײַעס און די ימח־שמוניקעס.

מילא אַז מע נעמט אים, נעמט מיך אויך, נעמט אַ מעסער און קוילעט אונדז ביידע און לאָז זײַן אַן עק. איך זאָג אײַך, ר' יאָסל, איך ווער שיִער משוגע, טראַכטנדיק; נעכט שלאָף איך נישט, און אַז איך גיי נישט אַראָפּ פון זינען איז אַ נס.

וואָס זשע וואָלט איך געוואָלט פון אײַך בעטן, פאָרט מיט מיר אַריבער קיין אומאַן. פאַר געלט וואָלט איך קיין מאָל נישט אָנגעקומען צו קיין מענטשן, אָבער איר האָט דאָך ליב מצוות, און איר קאָנט אײַך צען מאָל קויפן עולם־הבא און ראַטעווען אַ מאַמען. איטלעכן אבֿר וועל איך אײַך אויסקושן. איך

האָב געגנוג קוראַזש און איך בין גרייט אויף אַלץ, אָבער איר זענט פֿאָרט אַ מאַנצביל, נעמט זיך אַן פֿאַר אַן אַלמנה־חיה, ר׳ יאָסל!
(סע גיסן זיך בײַ איר די טרערן).

די וועלט איז גרויס

איר דערקענט מיך גאָרנישט? קוקט מיך אָן, יאָסל. ווער וואָלט דאָס געגלייבט? אַז אײַער מאַמע האָט געלעבט, האָט זי געוווּסט ווער חיה־רבֿקה איז. דעמאָלט ביסטו נאָך געווען אַ קליין ייִנגל. אַז סע לייגט זיך מיר גאָרנישט אויף דער צונג צו זאָגן אײַך „איר". איך האָב אַפֿילו געוואָלט, אַז מײַן שלום זאָל גיין מיט דיר אין איינעם אין איין חדר. אַצינד האָט איר אַ שם, אויף מײַנע קינדער געזאָגט געוואָרן, און אויף אַלע, וואָס איך ווינטש זיי גוטס. אַז מײַן שלומען וואָלט איך אויך געלערנט; ער האָט זיך פֿריגאָ־טאָוועט און האָט געקאָנט אַרײַן אין צווייטן קלאַס, אין אומאַן איז ער אויך געווען און איך האָב אים געדונגען קעסט אין דער נײַער שטאָט... איר קענט לאַדיזשענקע? אַז איך קום פֿונעם דאָרף אין שטאָט, הער איך אַלץ: חיה־רבֿקהס זון קאַנטשעט, חיה־רבֿקהס זון גייט אין די קלאַסן! דעם מאַן מײַנעם קענט איר? אַ פּלאַטשיקער און ערלעך, איך זאָל האָבן אַזאַ יאָר, אָבער פֿאַרדינען פֿאַרדינט מען נישט. איר פֿאַרשטייט, אַז מע האָט נישט קיין גנבֿיש פּנים און מע איז נישט צען מאָל מאַשעניק, עסט מען סעראָוועטקע און נישט קיין פּוטער. איך, אַ ייִדענע, אין די מילן קריג איך אַ מאָל אַ מעסטעלע ווייץ, צי האָבער, דער גוי ווערט אַלץ קליגער און מע טאָר אין דאָרף גאָרנישט ווינען און ס׳איז אַ סבֿרה, אַז דאָס אַלץ האָט מען אויסגעטראַכט, כּדי דער אוריאַדניק זאָל אַלע מאָל נעמען אַ האַלבן קערבל, און ער איז נאָך דער גוטער און מע מוז זיך נאָך מיט אים זדראַסטעווען...

וואָס זשע האָב איך געוואָלט דערציילן? אַז מײַן שלום איז אַראָפּגעקומען און האָט געזען ווי אַזוי איך מאַטער זיך מיט דעם אַלטן טאַטן זײַנעם, האָט ער געזאָגט: מאַמע, איך וויל נישט מער שטודירן! און גייט אַוועק צו אַ קאַוואַל און לערנט זיך מעכאַניקע... דעם בוך האָט ער אַפֿילו באַהאַלטן און געטראָגן אַ היטל מיט אַ לעדערנעם דאַשעק. איך זאָג אײַך, אַ פּאָלנער הײַנטיקער! זאָל איך זיך שעמען, אַז מײַן זון ווערט אַ בעל־מלאכה? ס׳איז דאָך אַן אַנדער דור מיט אַנדערע מיני השׂגות! אַז איר זענט אַ רבֿס אַ זון און זענט אַליין אַ דאָקטער און ווינט גאָר אין פּרײַסן. מײַן שלום איז אויך געווען אין פּרײַסן, לעבן ווין, דערנאָך איז ער אַוועק קיין ענגלאַנד מיטן

וואָסער... איר פֿאַרשטייט, אַז ער האָט דאָ אויסגעלערנט און האָט נישט געהאַט וואָס צו טאָן. חתונה האָט ער שוין אויך געהאַט און האָט שוין צוויי קינדער, זאָלן מאריך־ימים זײַן, און האָט נישט דעם פֿאַרדינסט, ווערדליק זײַן ווונטש, און איז אַ בריה אין זײַן זאַך. עפּעס האָט מען דאַך דעם ייִדישן קאָפּ מיט קאָנען רעכענען, און מע קאָן מיט אַ קויל מאַכן אויף פּאַפּיר "ריסאָווניקעס", ווי איר זעט מיך לעבן, אַז דער מוח טראַכט כּסדר! און דאָ איז אים אין אַלקער צו ענג און געקומען פֿון דער אַרבעט, אַראָפּגעוואָרפֿן דאָס אויסגעשמירטע רעקל, זיך אָפּגעוואַשן מיט זייף און זיך אָנגעטאָן פֿונעם קאָפּ ביז צו די פֿיס אַנדערש. מע זאָל דאָס אָנהייבן צו דערקענען אויף זײַן פּנים, אַז ער האָט הײַנט געקאָוועט רעדער.

און זעט איר, אַט־דאָס האָט אים נישט געהאַלטן אין דער היים. דער קאָפּ טראַגט... אַז מע זאָגט, אַז סע זענען פֿאַראַן ערטער, ווו מען פֿאַרדינט זעקס רובל אַ טאָג, און דאָ פֿאַרדינט מען עס אַפֿילו נישט אין אַ חודש. איי, דאָ ביסטו אין איינעם מיט דער מאַמען, און כאָטש פֿרום ביסטו נישט, אָבער אַז סע קומט ימים־נוראים פֿאַרסטו אויך אין שטאָט אַרײַן? אַז ער אָבער האָט זיך אײַנגעעקשנט, ער מוז קיין ענגלאַנד. מילא ענגלאַנד לאָז זײַן ענגלאַנד, לאַנד איז לאַנד, גאָט איז דאָ אומעטום, אָבער שלום, זונעניו, שרײַב אַ בריוול, כאָטש איין מאָל אין דרײַ חדשים! דאָס ווײַבל איז אַוועקגעפֿאָרן צו איר טאַטן, איין קינד איז בײַ איר און איינס איז בײַ מיר... איר זאָלט זען קינדער! אָבער איר פֿאַרשטייט, אַז דער טאַטע איז נישטאָ אין דער היים... איך האָב אַנדערע זאַכן אין קאָפּ, איידער נאָכלויפֿן דעם אייניקל! און זי, די מאַמע, איר פֿאַרשטייט, איז נישט אַקוראַט געזונט... און אַזוי שוין תּמיד נאָך פֿון מיידלוויז... שיקן שיקט ער איר אַ מאָל אַ ביסל געלט און דאָס גייט אַוועק צו אַלדע רוחות אויפֿן דאָקטער. אַז הייבט דערמיט אָן! מיר האָט ער אויך אַ מאָל געשיקט אַ פֿינפֿערל אויף פּסח. דערנאָך, אַז ס׳איז אַוועקגעגאַנגען אַ צײַט, איז אָנגעקומען אַ קאַרטע פֿון אים. אַ שאָד, וואָס איך האָב זי נישט בײַ זיך. דומה־למלך, זאָג איך אײַך, גאַרנישט צו דערקענען! אַז ייִדן גאָלן זיך דאָרט די בערד! דער עלטערער זון מײַנער, נתן, איז נאָך פֿון יענעם דור, אַ כּשר קינד — דער פֿאָטער! אָבער סע גייט אים נעבעך שלעכט און האָבן האָט מען זעקס קינדער. סע רײַסט דאָס האַרץ, אַ מאַמע! העלף, העלף, און אַליין האָט מען אויך נישט פֿון וואַנען.

איך וויל אײַך עפּעס זאָגן, איך בין נאָר געקומען צו אײַך, כּדי אײַך צו זען. געהערט האָב איך, אַז איר פֿאָרט שוין אַוועק, האָב איך מיר געטראַכט, גיי אַריבער און זע יאָסלען. איר זענט געקומען צו אײַער אַלטן טאַטן זיך זען? שיין פֿון אײַך! אײַער מאַמע האָט נישט געהאַט די זכיה דאָס צו

דערלעבן... פֿאַרשטייט גאָטס דרכים און ווי אַזוי ער פֿירט די וועלט... דאָ שטיי איך אַזוי און קוק אויף אײַך: אַז גאָט וואָלט מיך געבענטשט מיט אַזאַ זון! איך זאָג אײַך בישט קיין חניפֿה. אַז מע רעדט אַזוי פֿיל פֿון אײַער לשון־קודש... דאָ אַ דאָקטער, כאָטש ער איז אַ ייִד, איז אַ פּראָסטער גוי. וואָלט מײַן שלום געווען אין דער היים, איך ווייס, אפֿשר וואָלט מיר נישט געווען אַזוי שווער, יונג בין איך שוין אויך נישט. פּופֿציק יאָר און צוויי פֿאַמיליעס אויף זיך. און די כּוחות זענען אויך נישט ווי פֿון אַ מאָל. אַ מאָל גיב איך אַ טראַכט: ווער ווייסט צי דו וועסט דײַן שלומען נאָך זען... (זי ווישט זיך די אויגן). איר פֿאַרשטייט, אַ מענטש; צי בין איך שולדיק, אַז מע מוז אויף דער עלטער אָנקומען צו יענעם? קיין נדבֿות נעם איך נישט, אָבער אַז איר וואָלט מיר געקאָנט העלפֿן מיט אַ קערבל! שיקן שיקט ער שוין לאַנג נישט. איך בעט אײַך צען מאָל איבער, אַז איך רעד צו אײַך אַזוי. איר זענט דאָך אַן אונדזעריקער, גאָט זאָל אײַך באַצאָלן. אַז איך וועל אַ מאָל שרײַבן צו שלומען, מוז איך אים שרײַבן וועגן אײַך. אָבער צי זיצט ער אײַן אויף איין אָרט? אַצינד איז ער שוין גאָר אין אַפֿריקע... אַז די וועלט איז גרויס...

אויף דער עלטער

יאָסל, דו דערקענסט מיך גאָרנישט? איך בין דאָך דײַן רביצין. ווי לאַנג איז דאָס, אַז דו ביסט געגאַנגען צו אונדז אין חדר, אַ יאָר צוואַנציק מסתּמא. מײַן יואל איז שוין דרײַצן יאָר עליו־השלום. ווער האָט זיך דעמאָלט געריכט אויף דיר, אַז דו וועסט ווערן אַ דײַטש! מיר האָבן געמיינט, אַז דו שנײַדסט זיך אויף אַ רבֿ אין בערדיטשעוו. ביסטו בײַ זיי כאָטש אַ ראַבינער? אַ ייִד ביסטו דאָך נאָך און האָסט נישט פֿאַרגעסן אונדזער שטעטל, ניין! ניין! ווי אַזוי גאָט פֿירט די וועלט: זיצסטו דאָ אַן אַ היטל און איך קום צו דיר און זע אָט יענעם יאָסלען, דאָס ווילע ייִנגל מיט פּאהקעלעך. ביסט מיר שוין, דאַכט זיך, געווען אַ חתן בײַ אַ גבֿיר; וואַרפֿסטו אַוועק אַלץ, גיסט אָפּ דעם קורס און קומסט אַראָפּ אַ פֿאַרטיקער דאָקטער. און מײַן יואל שטאַרבט און איך בין אויף צרות. דו געדענקסט נאָך מײַן שטוב מיט דער קלייט? אַלץ האָב איך זיי אַוועקגעגעבן. וואָס באַדאַרף אַ ייִדענע ווי איך? אַצינד האָב איך חרטה. אָבער וואָס העלפֿט דאָס מיר? די וועלט איז שוין אַזוי, אַז מע פּלאָגט זיך אַן מיט קינדער, און דערנאָך פּלאָגן זיי די עלטערן. שטייט דאָך געשריבן אין דער תּורה די מצווה פֿון כּיבוד־אָבֿ־ואם, און דאָס מוז מען מקיים זײַן, און

מײַנע פֿאַרגינען נישט דער מאַמען דעם לעפּל יויך... מילא ער, דער איידעם מײַנער, איז דאָך בסך־הכל אַ פֿרעמדער, און אַז איך וואָלט נישט געהאַט דעם איידעם, וואָלט איך געהאַט אַן אַנדער איידעם. אָבער זי, די טאָכטער מײַנע, בתיה, דו קענסט בתיהן? וואָס פֿאַר אַ וווּיל מיידל דאָס איז געווען און אַ בנעימותדיקע, און ווי זי איז געהאַנגען אָן דער מאַמען. האָט זי אָבער אָנגעטאָן דאָס טיכל, איז זי גאָר געוואָרן אַן אַנדער מענטש... מאָל דיר אויס מײַן ווייטיק: ס'איז מײַן שטוב, ס'איז מײַן טיש און מײַנע בענק; איך האָב געגעבן די איבערבעטן און די קאָלדרעס וכל המלבושים. ס'איז נישטאָ אַ טעלערל אין שטוב, וואָס איז נישט מײַנס, און געלט האָבן זיי מיך אויך גענוג אָפּגעקאָסט; און איך, די מאַמע צו די עלטערע יאָרן, בין שוין איבעריק. איך שעם מיך צו זאָגן, אָבער איך ווייס, זיי ווינטשן מיר, איך זאָל זײַן דאָרט, ווו דער טאַטע ליגט. און די אייניקלעך, זיי לאַכן אויך פֿון אַן אַלטן מענטש.

מילא, די עבֿירה בין איך דיר שוין מוחל. הײַנט האָט קיינער נישט קיין מורא פֿאַר גאָט, אַפֿילו די פֿרומע און אַפֿילו די, וואָס זאָגן אַז דו ביסט אַ גוי. אָבער איך בין דאָך די מאַמע, וואָס האָב זי געטראָגן אונטערן האַרצן און זי געהאַט, און דעמאָלט האָט יואל, עליו־השלום, נאָך נישט געהאַט קיין שם, און די קלייט איז געווען אָט נאָר וואָס, אָן קונים און אָן סחורה און אָן לײַב־און־לעבן. וואָס האָב איך געהאַט צו לײַדן מיט דער פּראַקלאַטע! דאָ די דאַר, דאָ מאָזלען, דאָ פּאָקן. און דערנאָך, אַז זי איז געוואָרן אַ גרויס מיידל, מוז מען דאָך תמיד האָבן אין זינען קליידער און שמאַטקעלעך און היטעלעך. און דעם רבין דײַנעם געדענקסטו, און דו פֿאַרשטייסט מסתמא, ווי איך האָב געמוזט זיך רײַסן מיט אים וועגן איטלעכער זאַך. און דערנאָך די חתונה! ווער האָט דאָס געזען ביז דעמאָלט בײַ אַ מלמד אַזאַ חתונה! און אַצינד, צאָלן זיי מיר אָפּ אַלץ מיט פּראָצענט. אַפֿילו דעם אויוון לאָזן זיי בײַ מיר נישט הייצן. איך זאָג אײַך, איך קום אום! די גאַנצע וואָך לעב איך נאָר פֿון אַ שטיקל בולקע און אַ ביסל קאַליש, וואָס איך קאָך מיר אַליין, און אַז סע קומט שבת, און איך וויל עסן מיט זיי בײַ איין טיש, ווי אַ מענטש, מוז איך געבן צו שטײַער...

טאָמער קאָנסטו אים רופֿן צו דיר, יאָסל, און זיך מיט אים דורכשמועסן? פֿאַר אַ דײַטש האָבן זיי מורא דאָס קדחת, און אַ ביסל וועט ער זיך שעמען. מע זאָגט, אַז דו ווילסט, קאָנסטו שרײַבן אין די בלעטער. איך זאָג דיר, איידער צו האָבן אַזוינע קינדער, איז שוין בעסער גאָרנישט צו זײַן קיין מאַמע!

זאָג זשע מיר, איך בעט דיך, טראָגט דאָס אַ סך אײַן, די דאָקטערײַ, וויפֿל

האַט מען דערפֿון אַ חודש? האָב מיר קיין פֿאַראיבל נישט, אָבער כאַטש איך בין אַלט און שטיי שוין, ווי מע זאָגט, מיט איין פֿוס אין קבֿר — איך וויל אָבער נאָך נישט שטאַרבן, כדי נישט צו מאַכן זיי קיין פֿרייד — בין איך פֿונדעסטוועגן טשיקאַווע צו וויסן, צי דו האָסט בעסער געמאַכט, וואָס דו ביסט נישט געוואָרן ערגעץ אַ גרויסער רבֿ. איך האַלט דיך נישט פֿאַר קיין נאַר און איך ווייס, אַז דו וועסט נישט שטודירן אומזיסט. עולם־הבא וועסטו אַוודאי נישט האָבן דערפֿון. טאָ האָב כאַטש ד י וועלט. גלייב מיר, איך גין דיר דאָס. ווען יואל וואָלט געלעבט, וואָלט ער מיט דיר אַ שמועס געטאָן אין לערנען, כדי צו זען, צי דו האָסט נאָך נישט אַלץ פֿאַרגעסן. רבונו־של־עולם! איך זע דיך נאָך, ווי דו זיצסט בײַם טיש פֿאַרטראַכט בײַ דער גמרא. דעמאָלט האָב איך מיר געזאָגט: אָט דער קוקט ערגעץ אַנדערש... יואל איז געווען דער גרויסער למדן, ווי דו ווייסט, אָבער ער איז געווען אַ פּלאַטשיקער, און האָט נישט געקענט זײַנע אייגענע תּלמידים; אָבער איך האָב געהאַט אויגן...

און פֿונדעסטוועגן, ווען איך וואָלט געהאַט נאָך אַ מיידל חתונה צו מאַכן און דו ביסט, ווי איך הער, נאָך אַ בחור, וואָלט איך זי דיר בעסער געגעבן, ווי פּיניען, דעם איידעם מײַנעם, דעם שייגעץ. וואָס האָב איך פֿון זײַנע צוויי פּאָר תּפֿילין, אַז ער איז אַ הונט! אַוודאי וואָלט עס געווען גוט, אַז דו זאָלסט יאָ אַ ביסל דאַווענען, אָבער בײַ אַזעלכע מענטשן, ווי דו, קען מען כאָטש אויסרוען. טריפֿות וועט מען נאָך בײַ דיר נישט עסן, אַזוי ווײַט ביסטו נאָך נישט אַוועק; איך זע עס בײַ דיר אָן די אויגן, אַז דו ביסט נישט אַ שׂונא פֿון ייִדישקייט.

ווי לאַנג ווילסטו נאָך בלײַבן בײַ אונדז? ווי געפֿעלט דיר הײַנט שעפּעטיווקע? עס איז בײַ אונדז אַ סך געוואָרן אַנדערש, אָבער אין תּוך גענומען — ניין, בעסער צי מיך נישט בײַ דער צונג: איך וואָלט געקענט דערציילן דיר אַ סך פֿון אונדזערע שעפּעטיווקער; מעגסט דאַנקען גאָט, אַז דו וווינסט אין פּרײַסן, ווײַט פֿון דאַנען. ווייסטו, עס ווילט זיך מיר גאַרנישט גלייבן, אַז דו ביסט אָט ד ע ר יאָסל פֿון אַמאָל. זאָג מיר דעם אמת, פֿלעגסט זיך דערמאָנען אַ מאָל אויף דײַן רבין און אויף דער רביצין דײַנער? דו ווייסט, ווי ליב מיר האָבן דיך געהאַט! אײַ איז דאָס אַ וועלט, צו וואָס דער מענטש קען דערלעבן. וואָס איז דאָס לעבן וואָס איך פֿיר? מע שלעפּט זיך אַרום און די אייגענע קינדער איז מען נמאס...

אַ משוגע ייִנגל

זי האָט שטאַרק געכליפּעט: גאָטעניו, פֿאַר וואָס האָסטו מיך אַזוי געשטראָפֿט? ווען נאָך האָב איך אויף דער וועלט אַחוץ אים? מײַן מאַן איז נישטאָ, מײַן שטוב איז אָפּגעברענט, קיין טאַטן האָב איך נישט, קיין מאַמען האָבן איך נישט, איך בין עלנט ווי אַ שטיין, ווער באַדאַרף צו וויסן פֿון אַן אַלמנה מיט איר ביסל אָרעמקייט? מילא, דאָס אַרט מיך נישט; אַז מע האָט ברויט, אַפֿילו פּיסנע, איז שוין אויך גוט; אַ העמד אויפֿן לײַב האָט מען אויך. אָבער ער, מײַן בן־יחיד, איין אויג אין קאָפּ, וואָס פֿאַר אַ צרות בין איך פֿון אים אויסגעשטאַנען, ביז ער האָט אָנגעהויבן גיין און רעדן. דאָס קינד האָט געהאַט די דאַר, אַזוי האָט מען געזאָגט, ווייס איך? פֿון דעמאָלט אָן איז ער געווען געזונט און שטאַרק, אָבער ער איז נישט ווי אַלע מענטשן. אין חדר וויל ער נישט גיין, דעם רבין האָט ער פֿײַנט און קאָן גאָרנישט, אַפֿילו דאַווענען קאָן ער נישט. דעם מאַרך פֿון די ביינער צי איך פֿון מיר, ביז איך באַצאָל פֿאַר אים שׂכר־לימוד, אָבער ער איז אַקוראַט ווי מע וואָלט אין אים אַרײַנגעטאָן אַ כּישוף. ער הערט מיך נישט און פֿאָלגט מיך נישט. מאַמע — זאָגט ער — דאָס לערנען אין חדר מאַכט מיך דול, אַלץ: ויאמר, דאָס וואָרט מאַכט אַזוי און י ע נ ץ וואָרט מאַכט אַזוי. — וואָס דען ווילסטו? — מאָלן וויל איך, גיב מיר אַ פּען, אַ שטיקל קויל, צי קרײַד. — ביסטו משוגע? אַז ער הערט מיך אָבער גאָרנישט. מילא, זינגען האָב איך געהערט, ס'איז אַזוינס דאָ, אָבער מאָלן — וואָס איז דאָס פֿאַר אַ זאַך? אים אָבער, אַז סע פֿאַרווילט זיך, העלפֿט גאָרנישט. ער באַמאָלט דעם טיש, די ווענט; באַקומט ער אַ מעסער, גראָבט ער אין דער ערד אָדער ער שניצט. אַ מאָל ווערט ער גאָר פֿאַרפֿאַלן, נעם איך אים זוכן און געפֿין אים: ער ליגט זיך אויפֿן גראָז און קוקט. הייב איך אָן צו שרײַען; שטיי אויף! — ניין, איך וויל נישט. — פֿאַר וואָס ווילסטו נישט? — איך קאָן נישט אַוועקגיין, דער הימל איז אַזוי שיין, ער איז אַזוי רויט, קוק זיך נאָר אײַן, מאַמע. — האָט איר געהערט? אָט אַזאַ משוגענער. אויף איטלעכן בוים קלעטערט ער, אויף איטלעכן וואָגן שפּרינגט ער. איין מאָל זאָגט ער צו מיר: מאַמע, איך וויל גיין באָרוועס, אַלע באַשעפֿענישן גייען אויך באָרוועס און טראָגן נישט קיין שיך.

פֿרום איז ער גאָרנישט, שוין פֿון קינדווײַז אָן נישט. אַז קיין טאַטע איז נישטאָ! מאַך מיר, זונעלע, קידוש, — אַז ער קען גאָרנישט. די שכנות טײַטן אויף מיר מיט די פֿינגער. זאָגט מיר, ר' יאָסל, וואָס זאָל איך טאָן? צי בין איך דען נישט אַ מאַמע ווי אַלע?

(זי צעוויינט זיך).

ווי מע לעבט

פֿיר שעה גיהנום

שטיקער פֿלייש זענען פֿון מיר געפֿאַלן, איך האָב נאָך געהאַלטן אין צעשנײַדן דעם לעצטן פֿונט הייוון און וועגן אים אין לויטן און אין האַלבע לויטן, כּדי צוצוגרייטן אויפֿן יריד. קומט צו פֿאָרן אַ פּריצל רײַטנדיק און וויל האָבן אַ גאַנצן האַלב־פֿונט הייוון; וואָלט ער געקומען כאַטש אַ האַלבע שעה פֿריִער, איידער איך האָב נאָך צעשניטן דאָס לעצטע! אָבער אַצינד, וואָס מאַכט מען? זאָגן אים: ניין? איר פֿאַרשטייט אַליין, אַז אַזעלכע קונים וואַקסן נישט אויס פֿון דער ערד, און אַז גאָט שיקט אַזוינעם צו, מוז מען שפּרינגען אַפֿילו אין פֿײַער, כּדי צו טאָן זײַן רצון. אַ גליק, אַז ער האָט באַדאַרפֿט האָבן נאָך אין ערגעץ, האָב איך צו אים געזאָגט: פּריצל, איר קאָנט אײַך טאָן אײַערס, און איך וועל דערווײַלע צוגרייטן פֿאַר אײַך, און אַז איר וועט פֿאָרן צוריק, וועט איר עס שוין קאָנען מיטנעמען, וואָרעם צו וואָס באַדאַרפֿט איר זיך אַרומטראָגן דערמיט? איך ווייס אַליין נישט, ווי אַזוי איך האָב עס געקאָנט גאָר אים זאָגן, בשעת איך האָב דאָך געוווּסט, אַז איך האָב שוין גאָרנישט מער דעם גאַנצן האַלב־פֿונט הייוון. איר ווייסט, איך זאָג קיין מאָל נישט קיין ליגן, און שאַטן קאָן עס אויך. מילא, צוגעזאָגט, מוז מען זען קריגן הייוון, עפּעס לעבט מען דאָך צווישן ייִדן! נאָך איידער דער פּריץ האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פֿערד, נעם איך די פֿיס אין די הענט און לויף צו יענטלען: יענטעניו, נשמהניו, האַרצעניו, לײַט מיר אַ האַלב פֿונט הייוון; נאָך הײַנט אויף דער נאַכט באַדאַרף מען מיר צו ברענגען פֿון אומאַן הייוון; איך האָב מיטגעגעבן שואלן. זי קוקט מיך אָן און שווײַגט; אַ פּנים, זי הייבט זיך אָן שלאָגן מיטן יצר־הרע, זאָל זי זאָגן: "ניין", איז וואָס הייסט: ווי איז מען דאָס אַזוי שלעכט און מע טוט נישט יענעם אַ טובֿה אין אַ נויט? און זאָגן "יאָ" — לאָזט איר נישט דאָס האַרץ, וואָרעם למאַי זאָל זי מיר העלפֿן, ווען זי ווייס גוט, אַז איך באַדאַרף עס טאַקע האָבן? בכן זאָגט זי זיך פּאַוואָלינקע: איך וועל זען, אפֿשר האָב איך נאָך. פֿון מיר פֿאַלט די נשמה און זי האָט צײַט. ווייס איך — זאָגט זי — איך האָב, דאַכט זיך, שוין אַלץ פֿאַרקויפֿט. אָט אַזוי רעדט זי צעקראָכן. אַוודאי מוז איך פֿון איר

לויפֿן צו עטלען און צו היהן און צו שמואלן און צו נחמנען, און קיינער האָט נישט... איך בעט זיך ביי זיי רחמים: איך וועל צאָלן ווי דער בעסטער קונה, אַבי פֿאַרקויפֿט מיר; און זיי הייבן אָן מיך אויסצופֿרעגן, אַ גאַנצן טאָג. פֿון מיר צאַפּט זיך דאָס בלוט, און ווען איך וואָלט מיך נישט געשעמט פֿאַר גאָט, וואָלט איך זיי אַ שפּײַ געטאָן אין פּנים אַרײַן און אויסגעזאָגט, וואָס אין דער קאָרט. פּלוצעם דערמאָן איך מיך, עפּעס דאַכט זיך, ביי מיר אין קעלער אינעם לינקן קעסטל מוז נאָך זײַן אַ האַלב פֿונט הייוון. איך לויף אַהיים און שפּרינג אַראָפּ פֿון די טרעפּ האַלב־טויט, האַלב־לעבעדיק און הייב אָן צו זוכן פֿון אונטן און פֿון אויבן, אַפֿילו דעם דנאָ האָב איך איבער־געקערט. מאַלט אײַך אויס מײַן עגמת־נפֿש, ס'איז נישטאָ, און נישטאָ, כאָטש גיי צערײַס זיך... און דאָ האָב איך מיר געטראַכט, אַז ווען איך האָב אַפֿילו נישט איבערגעלאָזן אין קעסטל דעם האַלב־פֿונט הייוון, מוז זײַן אַ נס און סע מוז זיך פֿאַרט געפֿינען. וואָס הייסט, דער אייבערשטער וועט אויף מיר נישט האָבן קיין רחמנות און וועט מיר נישט העלפֿן אין אַזאַ שעה? איך גיב נאָך אַ לויף צו שואלן, אפֿשר האָט אים גאָט אַרײַנגעשיקט אין דער דעה צו קומען פֿריִער. דערווײַל האָב איך אַלץ מורא, טאָמער וואַרט שוין דאָס פּריצל ביי מיר אין דער היים, אַ שיין פּנים וועט דאָס האָבן!

אין מיטן פֿאַלט מיר אײַן: אַז דו ביסט שוין יאָ געווען אין קעלער, פֿאַר וואָס האָסטו נישט אַרײַנגעקוקט אין דעם אַנדערן קעסטל, וואָס איז ביי דער וואַנט? ווו איז געווען דײַן שׂכל? איך לויף ווי משוגע ווידער אין קעלער אַרײַן, שכנים הייבן שוין אָן צו קוקן און זיך וווּנדערן. אַ גנבֿה האָב איך דאָרטן אַוודאי נישט באַהאַלטן. אָבער לײַט האָבן אויגן און טרויען דיר נישט פֿון דאַנען אַהין. אַוודאי איז דאָס צווייטע קעסטל געווען ליידיק, און מײַן גאַנצער בטחון הענגט אויף איין האָר, טאָמער געפֿין איך נאָך אין שאַפֿע. איך מאַך אויף די שאַפֿע און גיב אַ קוק, אַ לאַך איז מיר אַרײַן אין האַרצן: די קאַץ האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט און האָט מיר חתונה געמאַכט אַ טעפּל שמאַלץ, גענדזענע, ערשט אייערנעכטן געפּרעגלט, און מיר נישט פֿאַרגונען. מילא, ווער האָט צײַט זיך אָפּצועסן דאָס האַרץ וועגן דעם שמאַלץ, אַז דאָ שטייט מען פֿאַר אַזאַ זאַך. דער זייגער שלאָגט דרײַ, אָנבײַסן צו עסן האָב איך אַפֿילו שוין צוויי מאָל פֿאַרגעסן: ווער האָט אין זינען צו עסן? מיר דאַכט זיך, אַז איך וואָלט מנדר געווען צען תּעניתים, אַבי סע זאָל זיך באַלד עפֿענען די ערד און סע זאָל אַרויסשפּרינגען אַ האַלב פֿונט הייוון. דאָס וואָלט ביי מיר געווען דער בעסטער אוצר. און דאָ בין איך שוין מיד פֿון יסורים און פֿון לויפֿעניש, איך ווייס אַליין נישט וואָס מע טוט פֿון עגמת־נפֿש. און איך בין אַלץ אין כּעס אויף מיר אַליין: מוז מיך דער רוח אָנטראָגן

צו צעשנײַדן די גאַנצע הייוון און אַפֿילו איין האַלב פֿונט הייוון נישט איבערלאָזן אַ גאַנצן. איך זאָג אײַך, שׂרה־ריווע, איך האַנדל שוין מיט הייוון דרײַ און צוואַנציק יאָר, אַזאַ טאָג האָב איך נאָך נישט געהאַט. מאָלט אײַך אויס דעמאָלט מײַן פּאַלאַזשעניע, זאָל קומען דער פּריץ און זאָל זאָגן, אַז איך האָב אים געהאַלטן צום נאַר, אַז בײַ מיר, חנהן, האָט ער נישט געקראָגן, וואָס ער האָט באַדאַרפֿט? בעסער וואָלט איך מיך באַגראָבן לעבעדיקערהייט, איידער מע זאָל אַזוינס זאָגן אויף מיר. מילא, טענה אַהין, טענה אַהער, לויף, זוך, בעט רחמים, כאַטש האַק דיך און בראַק דיך, אַ גאַנץ האַלב־פֿונט הייוון איז נישטאָ! פֿערציק האַלבע לויט און גאַנצע לויט זענען דאָ און ליגן פֿאַר מיר אויפֿן טיש און ברענגען מיך אַרײַן אין כּעס. הלוואַי וואָלט איך זיי געקאָנט צוזאַמענקלעפּן, איז נישטאָ דערצו קיין עצה? איך זעץ מיך אַנידער אויפֿן באַנקבעטל און דער קאָפּ איז מיר וויסט. נאָך אַ גליק, אַז דער מאַן מײַנער איז הײַנט אַוועקגעגאַנגען אין מיל אַרײַן; וואָלט ער געווען אַצינד אין דער היים, וואָלט איך מײַן ביטער האַרץ אויסגעלאָזט צו אים, מוז זיך מיר אַזוינס טרעפֿן! סע זענען פֿאַראַן טעג, וואָס סע ליגן בײַ מיר די פֿונטן און די האַלב־פֿונטן הייוון און נישט איין לויט פֿאַרקויף איך, און הײַנט מוז עס אויף צו להכעיס זײַן קאַפּויער! איך זאָג אײַך, שׂרה־ריווע, אַז מע האָט נישט קיין מזל, איז מען נישט ווערט אַז די ערד טראָגט. ווער איך קאַרג פֿאַרשוואַרצט און האָרעווע נישט גלײַך מיט דעם מאַן מײַנעם אויף פּרנסה? איך זאָל זאָגן, אַז איך דערלייג? איר ווייסט, מע ציט די חיונה, און חתונה געמאַכט קינדער האָט מען אויך. אַבער, אַז ס'איז אויף איין מאָל טײַערער געוואָרן הייוון אין אומאַן, און איך האָב נישט געוווסט און האָב פֿאַרקויפֿט דרײַ פֿונט צו דרײַ גראָשן אַ האַלב לויט, בשעת איך וואָלט דערפֿאַר געקאָנט נעמען צו פֿיר גראָשן, אוי, האָט מיר דאָס ווי געטאָן! און יענע, די גזלנים, האָבן אונטערגעשיקט צו מיר און אויסגעקויפֿט דאָס לעצטע פֿונט הייוון צום אַלטן מקח. אַ דונער האָט מיך דערשלאָגן, אַז איך האָב דאָס דערהערט. טוט אײַך אַ רעכן: פֿיר פֿונט הייוון, אויף איטלעכס לויט אַ גראָשן. ס'איז מיר געווען ערגער, ווי ווען איך וואָלט צען מאָל אַנגעוואָרן פֿון קעשענע. און הײַנט גלאַט דער עגמת־נפֿש, אפֿשר צוויי חדשים כּסדר האָב איך מיך געגעסן און געגריזשעט. און דאָ, אַז גאָט האָט מיר צוגעשיקט אַ פּריצל, מוז עס אַזוי זײַן! גאַטעניו, איך פֿאַל, איך גיב אַ קוק אין פֿענצטער. דאָס פּריצל פֿאָרט צו מיר רײַטנדיק און מאַכט מיטן בײַטשל; ער איז שוין בײַ דער שטוב, איך וויל אַנטלויפֿן, וואָרעם איך האָב נישט די העזה אים צו קוקן אין פּנים אַרײַן, ער איז אָבער שוין דאָ; איך זאָג אײַך, די מינוט האָט מיר אָפּגעקאָסט אַ האַלב לעבן. וואָס זשע טוט גאָט? גיט ער מיר אַרײַן אַן

עצה און איך זאָג: פּריצל, אַט דאָ האָב איך אײַך צעשניטן דעם האַלב־פֿונט הייוון. צי דאַרפֿט איר עס דען האָבן אויף איין מאָל? וועט די פּאַני פֿאַרשפּאָרן צו צעשנײַדן. איך וויקל אים אײַן אַלץ אין רייניע ווײַסע פּאַפּיר און מײַנע הענט ציטערן; ער נעמט אַרויס דעם טײַסטער און באַצאָלט און דאַנקט. אַזאַ מזג, איך וואָלט אים געקאָנט קושן די הענט פֿאַר זײַן גוטסקייט; טרערן זענען מיר אַרײַן אין די אויגן פֿאַר פֿרייד. איך זאָג אײַך, שׂרה־ריווע, איך בענטש נאָך עד־היום דעם בורא, וואָס ער האָט מיר דעמאָלט צוגעשיקט אין מויל אַרײַן די ווערטער אַזוי צו זאָגן, און עס האָט געפֿירט צו גוטן. אָבער וואָס איך האָב אין די פֿיר שעה איבערגעלעבט, דאָס קאָנט איר אײַך נישט אויסמאָלן.

די עגונה

האָב איך צו איר געזאָגט: קער אום, מײַן קינד, די ק"ן קערבלעד, וואָס איך האָב איר געגעבן אין נדן, און גיב איר אַרויס די הלבשה און לאָז זײַן אַן עק; האָט ער צו מיר געזאָגט: שווער, איך הער אײַך מיט אײַער רעדן פֿאַר אַ פּיאַטאַק. טענה איך און בעט זיך בײַ אים רחמים: בערל, האָסטו שוין גאָרנישט קיין יושר, גייען מיר צו מענטשן, אַז דו ווילסט. אַדרבא, טאָמער ביסטו גערעכט! איז גיי, רעד מיט אַ הולטײַ! ווער איז מיר שולדיק, אַז איך האָב גענומען מײַן טאָכטער און זי אַרײַנגעגעבן אין אַזוינע הענט? איר וואָלט געדאַרפֿט זען זי צו דער חתונה, אַ ליכטיק ווײַבל, וואָס מע האָט אין איר צורה נישט געקאָנט אַרײַנקוקן פֿאַר שיינקייט, און בטבֿע אַ מזג־טובֿ און אַ גוטס. אַז סע גיט זיך אײַן, גערעט עס שוין אין אַלעמען! אַז ער איז נישט ווערט איר פּיאַטע: אַ מענטש, וואָס האַלט זיך שטענדיק קליגער פֿון דער גאַנצער וועלט און ווו ער רירט זיך צו, דערלייגט ער, און פּרוווט אים עפּעס זאָגן, ווערט ער אײַך גלײַך אָנגעצונדן, און דערצו נאָך אַן עקשן, און אַ ביטערער יונג. און גייט אַרום תּמיד אָנגעבלאָזן. פֿאַר אים יוצא זײַן קאָן קיינער נישט.

תּיכּף אַז ער האָט אַרויסגענומען דאָס געלט און איך האָב געזען, ווי אַזוי סע צערינט בײַ אים פֿון חודש צו חודש און ער הייבט נישט אָן צו האָבן אויף דער מחשבֿה, ווי אַזוי ס'איז מיר שווער אָנגעקומען, האָב איך געפּרוווט אַ רעד צו טאָן מיט אים, ווי מע רעדט מיט אַ קינד: טו אַזוי און אַזוי, און דו וועסט קומען צו אַ תּכלית. איז ער אָבער אַן עקשן: ווײַל מע זאָגט אים, טוט ער דווקא קאַפּויער, ווי דער עכטער צו־להכעיסניק. דערווײַל

האָב איך דאָך נאָך קינדער: האָב איך געמוזט אַראָפּנעמען די האַנט פֿונעם האַרצן און האָב געמוזט צוזען, ווי ער קײַט איין פֿינפֿערל נאָך דעם אַנדערן, און מע עסט שוין גאָר אַ פֿרעמד קערבל... איך פֿרעג מיך אַליין, ווו איז געווען מײַן קאָפּ צו טאָן אָט דעם שידוך. דוכט זיך, איך האָב נישט ליב מיך צו אײַלן; פֿאַרקערט — איטלעכע זאַך איבערלייג איך מיר צען מאָל, איידער איך טו, אָבער אַז ס'איז באַשערט אַן אומגליק, נעמט גאָר אָפּ דעם שׂכל.

געסוחרט האָט ער, אַז ס'איז געווען אַ חרפּה, און אַז ער פֿלעגט קומען אַהיים, איז ער נאָך דער פּריץ און וויל דעם גוטן אָנבײַסן, און ווען נישט צו דער מינוט, איז ער מלא־רציחה. דעם גאַנצן טאָג טוט זי זיך מאַרדעווען אין אַלקער אָן אַ ברעקל מענטשן; און אַז ער זאָל דאָס האָבן פֿאַר איר אַ מאָל אַ גוט וואָרט! פֿאַרקערט, אַז זי דערגאָדזשעט אים נישט אַ ביסל און ס'איז נישט אַזוי אַקוראַט, קאָן ער זי מאַכן פּונקט גלײַך מיט דער בלאָטע. איר זאָלט הערן ווערטער, וואָס אַ ייִד פֿאַרגינט זיך צו זאָגן צו אַן אייגן ווײַב, און נאָך אַזאַ ווײַבל, וואָס אַן אַנדערער, אַז ער וואָלט זי געהאַט, וואָלט ער זי געטראָגן ממש אויף די הענט! איך זאָג אײַך, דאָס האַרץ צעגייט זיך אין מיר, זיך דערמאָנענדיק.

און אַז סע פֿלעגט איר דערנעמען ביז צו דער לעבער און זי פֿלעגט קומען צו אונדז מיט פֿאַרוויינטע אויגן, האָט מען נאָך געמוזט איר אויסרעדן... איר ווייסט, הײַנטיקע יאָרן איז נישט אַזוי גרינג. אַ גרושה איז נישט קיין מיידל און געפֿינט נישט גרינג קיין בעלנים. פֿונעם גדן איז שוין נישטאָ קיין זכר. אַ קינד איז אויך נישט קיין גרויסע מעלה צו אַ שידוך, מיטן אַנדערן איז מען פֿאַרגאַנגען אין טראָגן... אָוודאי רײַסט אונדז דאָס האַרץ צו זען, ווי אַזוי זי לײַדט נעבעך בײַ אים און האָט בײַ אים אַזאַ לעבן, אויף אונדזערע שׂונאים געזאָגט געוואָרן! אָוודאי האָט זי פֿאַרדינט בעסערס, אָבער אַז גאָט האָט געוואָלט, מע זאָל מיט איר אַזוי אַרײַנפֿאַלן! וואָס זאָג איך אַרײַנפֿאַלן, נעמען לעבעדיקערהייט און באַגראָבן, — און אַזאַ גאָלדן קינד, וואָס אַז זי איז געווען אַ מיידל, האָט זי געשײַנט ווי די זון.

און שטעלט אײַך פֿאָר, דער אייגענער מענטש נאָך קנאַפּע פֿיר יאָר! אַזוי פֿאַרוואָגלט און אַזוי פֿאַרשוואַרצט און אַזאַ יוגנט! זאָל איך זאָגן, אַז ער האָט זי פֿײַנט געהאַט? פֿאַרקערט, נאָך דער חתונה איז ער נאָך איר אויסגעגאַנגען, און דערנאָך, — אַלע מאָל קילער! האָט איר געהערט, אַז אַ ייִדן זאָל דאָס אייגענע ווײַב ווערן נמאס? און אונדז איז ער בפּועל־ממש אַ דם־שׂונא און וואָלט נישט געקאָנט זיך קילן אין אונדזער בלוט: די קאַפּאָטע האָט מען אים געקוילעט! און אַ גאַנץ יאָר איז ער געזעסן בײַ אונדז אויף קעסט, און האָט געגעסן אונדזער ברויט. איך זאָג אײַך, עס

איז גאָר אַן אַנדער וועלט! און איידער צו האָבן אַט אַזאַ נחת פֿון קינדער איז שוין בעסער גאָרנישט צו האָבן קיין קינדער. וואָס האָב איך פֿון מײַן לעבן? געהאָרעוועט האָב איך אַלע יאָר און אַלץ פֿאַר זייערטוועגן, פֿונעם מויל האָט מען אָפּגעשפּאָרט, אַבי זיי חתונה צו מאַכן מיט לײַטן צו גלײַך. מילא זי, די עלטערע טאָכטער מײַנע, פֿון דער וויל איך שוין גאָרנישט רעדן. איר מאַן איז אויך אַ גרויסער כּלבֿ, אָבער ז י האַלט מיט אים. אָבער די ייִנגערע מײַנע העגנט אַן אונדז און וואָלט זיך פֿאַר טאַטע־מאַמע געקאָנט אָפּהאַקן די פֿינגער, מוז זי קריגן פֿאַר אַ מאַן אַזאַ גאָרנישט!

נעכײַ וואָלט ער כאַטש געווען אין דער היים. דעם עיקר האָב איך פֿאַרגעסן צו דערציילן: דער מענטש איז דאָך גאָרנישט דאָ, ער איז אַוועק און האָט זי געלאָזן אַן עגונה שוין אַכט חדשים. איין מאָל אַ שבת־צו־נאַכט איז יוכבֿד, די טאָכטער מײַנע, געקומען צו לויפֿן אין איין יאָמערן. איך און די מאַמע: אַ דונער האָט אונדז דערשלאָגן, וואָס איז געשען, טאָכטערוניו? ס'איז אָבער פֿון איר נישט אַרויסצובאַקומען קיין וואָרט, זי וויינט און גראָבט אײַן דעם קאָפּ אין אַ באַנקבעטל. מיר זענען אויסער זיך: טאָכטער־לעב, דערצייל דאָך, וואָס האָט ער דיר געטאָן? זי כליפּעט און הייבט אָן איבער אַ נײַס צו וויינען אויפֿן קול. מיר שטייען און ווייסן נישט וואָס צו טאָן, דאָס ווײַבל עקט זיך. איך נעם דעם בורגעס און וויל גיין צו אים, פֿרעגן; טוט זי זיך אַ כאַפּ: טאַטע, גיי נישט צו אים, ער איז אַ רוצח! איך הער זי נישט און לויף. די אויגן וועל איך אים אויסרײַסן. קום איך אַהין, איז פֿינצטער אין אַלקער; אין אַ שעה אַרום קום איך ווידער און ס'איז אַלץ פֿינצטער. די גאַנצע נאַכט — ער איז נישטאָ, אין דער פֿרי — ער איז אַלץ נישטאָ, און אַזוי דעם גאַנצן טאָג. מע עפֿנט אויף די טיר, ער האָט צוגענומען דאָס ביסל צירונג און אַלע גוטע זאַכן און איז אַוועק, און זי זיצט נעבעך בײַ אונדז. מע האָט מיר געזאָגט, אַז ער מוז זײַן אין אַרגענטינע. אפֿשר קאָנט איר שרײַבן אויף די בלעטער?...

פֿ אַ ר ז אָ ר ג ט

וואָס זשע האָב איך געזאָלט טאָן, איך פֿרעג אײַך. קומט צו פֿאָרן אַ זון אַנדערטהאַלבן יאָר נאָך דער חתונה און זאָגט: מאַמע, איך וויל נישט ווינען מיטן ווײַב. איר פֿאַרשטייט דאָך, דער קאָפּ האָט מיר גענוג געדאַרט, ווי דערלעב איך אים חתונה צו מאַכן אַזוי ווי איך וויל, און ווי סע קומט אים, און איך האָב טאַקע געטראָפֿן מיטן שידוך און האָב געהאַט נחת, לאָזט זיך

אָבער אויס גאָר אָט אַזאַ מעשׂה. און דאָ האָט מען שוין אַ קינד, אַ ייִנגל. ערשט מיט אַ פּאָר חדשים צוריק בין איך געפּאָרן אויפֿן ברית, און אַצינד פֿאַרגלוסט זיך אים גאָר אָוועקצופּאָרן. זונעניו, פּאָר וואָס ווילסטו נישט זײַן מיט פּערלען? — זי איז מיר נמאס. — ווער איך שוין אין כּעס: וואָס הייסט "נמאס", שייגעץ איינער! אַ ייִדיש ווײַבל ווערט דען נמאס? וואָס האָסטו צו איר? וואָס גייט איר אָפּ? איַ, זי איז נישט אַזוי שיין, ווּהין זאָלן אַהינקומען די נישט־שיינע? אַז גאָט וועט אײַך העלפֿן, און איר וועט קומען צו אַ מעמד, וועט זי שוין זײַן שיין. ווען נישט חלילה דאָס, העלפֿט שיינקייט אויך נישט. — מאַמע, זי איז שלעכט, זי דערגאַדזשעט מיר נישט, זי טוט שטענדיק מיר אויף צו להכעיס. זאָג איך טאָג, זאָגט זי נאַכט. זאָג איך אַזוי, זאָגט זי פּונקט קאַפּויער. איך קאָן נישט אָנקוקן איר פּנים מיטן שפּיציקן נאָז. מילא פֿריִער, אַז זי האָט נאָך נישט געהאַט דאָס קינד און זי איז נאָך נישט געווען אַזוי דאַר, האָט מען נישט געזען, הײַנט קערט זיך מיר איבער די גאַל. — איַ, קינד איינער, זאָג איך צו אים, ווער קוקט אויף דעם? דער עיקר איז פּרנסה און עפּעס אַ מסחר. אַז דו וועסט האָבן אין זינען אַ קערבל, וועסטו נישט האָבן אין זינען קיין נאַרישקייטן. אַזאַ נאָז, צי אַזאַ נאָז, דאָס איז אַלץ בלאָטע. דער עיקר איז, אַז מע איז אָנגעקומען אין אַ גוטן אָרט. גיב אַ קלער וועגן אונדזער פּאַלאַזשעניע, ווי אַזוי מיר זיצן אויפֿן טרוקענעם, און באַרעכן נאָר, אַז איר טאַטע איז, קיין עין־הרע, אַ ייִד מיט אַ שטוב און מיט צוויי קלייטן, אַ ייִד, וואָס האָט שפּע, אָט וועסטו אַליין זען אַז ס׳איז נאַריש אָוועקצוואַרפֿן אַ שמאַלצגרוב און קומען צו מיר. וואָס קאָן איך דיר געבן? פֿריִער האָסטו נישט געזען קיין בעסערס און ביסט נישט געווען געווױנט צו פֿויגלמילך, אָבער אַצינד, נאָך אָנדערטהאַלבן יאָר קעסט, און נאָך אַזוינע קעסט! ניין, שמעון, מאַך זיך נישט נאַריש און פּאָר צוריק, פּאָר צוריק נאָך איידער סע וועט זײַן שפּעט. מיינסטו, אַז זיי וועלן דיך וועלן, אַז זיי וועלן זען, אַז דו קווענקלסט זיך נאָך! וואָס פּאָר אַ מענטש ביסטו? איידער אָנצוהייבן צו טראַכטן אַ תּכלית און זען צו ווערן אַ מענטש, הייבט דיר אָן נישט צו געפֿעלן דײַן ווײַבס נאָז. פּראָסטע משוגעת! אַ יונגער־מאַן מיט זעקס הונדערט קערבלעך נדן און מיט הלבשה און מיט ספֿרים, זיצט זיך אין דרײַ חדרים, ווי אַ מלכות, אין דער פֿרי צוגעטראָגן די ציקאָריע, נאָכן דאַווענען — דעם גוטן אָנבײַסן, און וואַרמעס און טיי און וועטשערע מיט פֿלייש! וואָס ווילסטו נאָך? ווען האָסטו בײַ מיר אַזוינס געזען? סע האָט זיך דיר אַפֿילו נישט געקאָנט חלומען פֿון אַזוינס. און אַצינד הייבט זיך אַ יונגער־מאַן אויף און פֿאַרלאָזט אַלץ. וואָס וועט מען בײַ אונדז אין שטעטל זאָגן? מע וועט מיינען, דו ביסט אַראָפּ פֿון זינען. גיי אַריבער צו יאָנקל דעם

נגיד און פֿרעג אים, צי ער קאָן דיר אַצינד אויסצאָלן מזומנע זעקס הונדערט קערבלעך, און דיר האָט מען דאָס אויסגעצאָלט אויפֿן טיש. ניין, שמעון, צו דעם וואָס דו טוסט, מוז הײַנט זײַן תּמוז. — אָבער מאַמע, זאָגט ער, איך האָב זי פֿאַרט פֿײַנט, איך קאָן זי נישט אָנזען, וואָס טויג מיר די ציקאָריע, אַז זי געפֿעלט מיר נישט. — דאָס קומט אַלץ פֿון דעם, וואָס דו טוסט גאָרנישט. טו עפּעס, וועסטו נישט האָבן אין זינען קיין פּוסטע מחשבֿות. זאָגט ער: וואָס הייסט פּוסטע, איך מוז דאָך מיט איר שטענדיק זײַן, און דאָס קאָן איך נישט. איך האָב מיך געפּרוּווט צוגעוווינען צו איר, אָבער איך קאָן מער נישט, גלייב מיר: איך קאָן נישט. אַפֿילו דאָס קינד איז מיר אויך נישט ליב, כאָטש עס איז מײַן קינד, ווײַל אַלץ וואָס סע קומט פֿון איר איז מיר נישט ליב. מיט אירע העוויות האָט זי מיר זיך אַזוי אײַנגעגעסן, אַז אַפֿילו אַז זי זאָגט גלײַך, ווײַזט זיך מיר אויס, אַז דאָס איז קרום. מילא, אַז זי זיצט אַזוי אין אַן אויסגעשמירט קליידל און זייגט דאָס קינד, זאָג איך מיר, לאָז זיך מיר דאַכטן, אַ דינסט, צי אַן אַם; אָבער, אַז זי טוט זיך אָן אין זײַדנס מיט די ווײַסע בענדלעך און מיט פּערלמוטערנע קנעפּלעך מיט די בראָשקעלעך און טשעפּ־קעלעך און גיט זיך נאָך אַ שמיר דאָס פּנים מיט קרײַד, איז דאָס פּשוט אַ פֿאַרזעעניש! זאָג איך: אײַ, אײַ, מײַן זון, רעד נישט אויף אַ ייִדישער טאָכטער! וואָסער ייִדיש ווײַבל טוט זיך שבת נישט אָן, אַז זי האָט נאָר וואָס. אַן אַנדערער וואָלט זיך געפֿרייט, אַז זי האָט אַזאַ הלבשה און אַזאַ צירונג, און בײַ דיר איז אַלץ אַ חסרון. אַ חסרון, די כּלה איז צו שיין. — מאַמע, דו קאָנסט מיך און דו ווייסט, אַז איך בין נישט קיין הולטײַ און וו׳ל נישט דווקא אַ שיין ווײַב, אָבער איך וויל אויך נישט קיין מיאוסקייט! איך וויל, אַז ווען איך זיץ בײַם טיש, זאָל איך קאָנען קוקן מײַן ווײַב אין פּנים אַרײַן און נישט פֿאַרדרייען מיט די אויגן. איך וויל אַ ווײַבל, וואָס זאָל האָבן אַ ייִדיש האַרץ און זאָל מיך נישט נודזשען שטענדיק מיט שמאָכטעס. איך וויל האָבן אַ ווײַב, וואָס איך זאָל מיט איר זיך קאָנען ווײַזן פֿאַר מענטשן. דו האָסט פֿאַר מיר גוט אויסגעזוכט, נישטאָ וואָס צו רעדן, און איך גיי נאָך צו דער חופּה און פֿאַרלאָז מיך אויף דיר.

זעט איר, אָט דאָס האָט מיך שוין שטאַרק פֿאַרדראָסן. מילא דו האָסט מחלוקת מיטן ווײַב און ציסט בײַם שטריק נאָך דער חתונה, דאָס טוען אַלע יונגע־לײַט, אָבער גיין האָבן טענות צו אַ מאַמען, אַז זי האָט אים אונטער־געפֿירט, דאָס האָט מען נאָך נישט געהערט, זינט די וועלט איז באַשאַפֿן. פֿרעג איך אײַך, פֿאַר וועמען האָב איך דאָס געטאָן? צי האָב איך דאָס געטאָן פֿאַר מײַנעטוועגן? אַ יאָר כּסדר בין איך געפֿאָרן אָנקוקן כּלות. איז אַז דער קרן איז טאַקע נישקשה און עס איז טאַקע אַ שיין מיידל, איז נישטאָ קיין

זעקסער. וואָס זשע טויג מיר דאָס פּנים? איר ווייסט נישט, ווי איך בין געווען אָפּגעהיט און ווי איך האָב אומעטום נאָכגעפֿרעגט. וואָלט ער, דער מאַן מײַנער, נאָך געלעבט, וואָלט די אַחריות געווען אויף אים, אַזוי איז אַלץ אויף מיר. איך קאָן מײַן שמעונען, אַ ריין און ציכטיק ייִנגל, ריין דערצויגן, כאָטש ער איז בײַ מיר נישט געזעסן אויף שמאַלץ און אויף פּוטער. איך האָב אים נישט געקאָנט געבן, וואָס בײַ לײַטן באַדאַרף אַזאַ ייִנגל האָבן. האָב איך מיר געטראַכט: בײַ יחיאל פּאַסטערנאַק, אין אַכרימאַ־ווע, וועט ער האָבן אַלץ און איך האָב עס טאַקע געטראָפֿן. געסילוקט דעם גאַנצן נדן און נישט געפּרוווט אַראָפּרײַסן, הלבשה פֿאַרן חתן אויך און מתנות. איך שעם מיך צו זאָגן, אַ נאַקעט ייִנגל האָט מען אים גענומען. אַפֿילו דער סורדוט, וואָס אַצינד איז ער אין אים געקומען צו פֿאָרן, איז אויך זייערער. וואָס זשע זאָל איך מיך איבערנעמען? וואָס האָב איך, אַן אַלמנה מיט ליידיקע הענט, געקאָנט טאָן בעסער? נו, טראַכט איך מיר, האָב איך אים, דאַנק גאָט, פֿאַרזאָרגט אויף אייביק. קומט ער גאָר און זעצט זיך אַנידער דאָ און וויל נישט צוריק, כאָטש הרגעט אים. גיט מיר אַן עצה, וואָס זאָל איך טאָן?

אַ נאָכמיטאָג בײַם רבֿ אין שטוב

אַ בילד

דער פּאָדערשטער חדר בײַם טאַדאָװעצער רבֿ. אַ נידעריקע סטעליע. צװײ קלײנע פֿענצטערלעך גײען אַרױס אױף דער שמאָלער גאַס. לעבן אַן אַלט באַנקבעטל שטײט אַ לענגלעכער קײַלעכדיקער טיש. אױבן אָן, אױף אַן אַלטן שטול, אונטערגעשפּאַרט מיט אַ קישן, זיצט דער רבֿ, אַ קלײן ייִדל מיט אַ שפּיציק גרױ בערדל. ער האַלט די האַנט אָנגעשפּאַרט אױפֿן טיש און קוקט אַרײַן אין משניות. אַ הױכער ייִד, מיט גרױסע שטיװל, אין אַ לאַנגן ריפּסענעם כאַלאַט מיט אַ פֿאַרגרינט פּליושן היטל, שטײט בײַם אַנדערן עק טיש און טענהט.

דער רבֿ: (הײבט נישט אױף די אױגן פֿונעם ספֿר) איך האָב דיר געזאָגט, חײם, איך טאָר דיך אַלײן נישט אױסהערן.

דער ייִד: רבי לעבן, ער קװילעט מיך, ער איז מיר משׂיג־גבֿול.

דער רבֿ: (מיט כּעס) איך טאָר נישט הערן אײן בעל־דין אָן דעם אַנדערן. קום אין אײנעם מיט אים און האָט אַ דין־תּורה.

דער ייִד: אַז דער הולטײַ װיל גאָרנישט גײן צװישן ייִדן און װיל נאָר אָנגעבן אין סוד.

דער רבֿ: (הײבט אױף דעם קאָפּ) איך װעל אים שיקן רופֿן.

דער ייִד: ער װעט אײַך נישט הערן, דאָס איז אַ כּלבֿ־שבכּלבֿים.

דער רבֿ: (רופֿט) יאַנקל, יאַנקל, װוּ איז ער? (סע קומט קײנער נישט) װוּ איז יאַנקל? זאָל ער גײן נאָכן שמש.

(מע הערט דער רביצינס קול: **יאַנקלען האָב איך געשיקט צו פּײסין אין קלײט נאָך צוקער.**)

דער ייִד: װעל איך אײַך אַלײן גײן רופֿן שואלן.

דער רבֿ: אַז דו װילסט, גײ.

(דער ייִד גײט אַרױס דורך דער טיר, װאָס עפֿנט זיך אין דרױסן. די טיר װיל זיך נישט צומאַכן, אַ װינטל בלאָזט. די רביצין, אַ גראָבע מיאוסע ייִדענע אין אַ טשיפּיקל, קומט אױף דער שװעל פֿון קיך אין חדר און קוקט אַרײַן.)

די רביצין: שלמה, איז ער שוין אַוועק?
דער רבֿ: יאָ.
די רביצין: טאָמער האָסטו נאָך צוואַנציק קאָפּיקעס?
דער רבֿ: (קראַצט זיך) איך האָב נישט.
די רביצין: אַ כּפּרהניק איז דאָ געווען און וויל צעהאַקן דאָס האָלץ, ער וויל אָבער פֿערציק קאָפּיקעס אַ טאָג.
(די טיר פֿון דרויסן עפֿנט זיך און דער ייִד קומט אַרײַן.)
דער ייִד: ער וועט באַלד קומען.
דער רבֿ: זעץ זיך דערווײַל.
די רביצין: אַ, חיים.
דער ייִד: (קרעכצט) יאָ, מ׳בידעוועט.
די רביצין: וואָס איז אײַך?
דער ייִד: אַ דין־תּורה האָב איך מיט שמואלן; ער האָט מיך באַראַבעוועט און וויל מיך אויסטאָן פֿון העמד.
די רביצין: יאָ, יאָ, חיים, מע מוז נאָך אויסהערן יענעמס צד...
דער ייִד: (שפּרינגט אויף) וואָס זאָגט איר, רביצין! דאָס איז אַ ראַזבאָיניק, ווי איר זעט מיך לעבן, איך זאָל אַזוי גערעכט זײַן פֿאַר גאָט, ווי איך בין גערעכט.
(די טיר פֿון דרויסן עפֿנט זיך אויף, און שואל, דער שמש, אַן אַלטער, שוואַרצער ייִד פֿון אַ יאָר זעכציק, קומט אַרײַן הוסטנדיק.)
שואל: קכי, קכי (ער שנײַצט אויס די נאָז) רבי, וואָס לאָזט איר מיך נישט שלאָפֿן. איך וואָלט מיך אַ ביסל אָפּגערוט, איך הוסט שוין זינט דרײַ טעג און דער קאַטער... האָט איר געהערט, בײַ ראובֿן־זיסעס איז הײַנט געפּגרט די ציג. אַ רחמנות. שׂרה־רבֿקה איז געלעגן געוואָרן און האָט געהאַט אַ ייִנגל, דאָס אַכטע. אין בית־מדרש האָט מען הײַנטיקע נאַכט גענבֿעט האָלץ. איך מוז מיר אָפּעסן דאָס האַרץ מיטן גבאי, ער זאָל קויפֿן אַ שלאָס.
דער רבֿ: (גוט־ברידערלעך) לאָז די מעשׂיות, שואל. גיי אַריבער צו שמואלן און זאָג: איך לאָז אים רופֿן, ער זאָל באַלד קומען צו גיין.
דער שמש: (קוקט אויף חיימען) איך פֿאַרשטיי שוין — אַ לאָדעניש. בײַ וועמען האָב איך דעם זעקסער? מוז איך מיר אָפּגיין די פֿיס אומזיסט? (ער פֿאַרהוסט זיך), קכי, קכי, קכי.
דער רבֿ: גיי שוין. אונטערוועגנס קויף מיר בײַ פייסין אַן אַכטל טיטון, סרעדניע.
דער שמש: גיט אַהער געלט.
דער רבֿ: נעם אויף באָרג.

(די רביצין ווינקט צום רבֿ. דער רבֿ גייט צו צו איר.)

די רביצין: (שטילערהייט) שיק נישט נעמען אויף באָרג. ער האָט קיין חשק נישט. מיר זענען אים שולדיק ניַין קערבלעך.

(דער רבֿ הייבט אָן צו קראַצן אין קעשענע און געפֿינט אַן אָפּגעריבענעם דרײַער. שואל איז דערווײַל אַוועקגעגאַנגען. סע קומט אַרײַן אַ געזונטע שיקסע מיט אַ רויט קליידל מיט אַן אויסגעבייט העמד.)

די שיקסע: דאַוואַי דרישדזשי נאַ שעסט קאָפּיעיעק.

(די רביצין גייט צו צו דער שאַפֿע און וועגט אָפּ אַ לויט הייוון.)

דער רבֿ: וויפֿל האָסטו געלייזט, רבֿקה?

די רביצין: זעקס קאָפּיקעס.

דער רבֿ: השגחה!

(אַ יונג ווײַבל, אַ שעמעוודיקע, עפֿנט אויף די טיר.)

די רביצין: שלמה, אַ שאלה.

דער רבֿ: קומט אַהער.

(דאָס ווײַבל גייט פּאַמעלעך צו צום טיש און נעמט אַרויס פֿון האַנטעך אַ מאָגערע הון.)

דאָס ווײַבל: איך האָב זי גענומען כּשר מאַכן, האָב איך נישט געפֿונען די גאַל.

(דער רבֿ שטעקט אַרײַן די האַנט און נעמט אַרויס די לעבער און לעקט זי.)

דער רבֿ: ס'איז ביטער — ס'איז כּשר.

דאָס ווײַבל: (שטייט) איך וואָלט אײַך געוואָלט פֿרעגן. איך האָב אַ דייזשקע, וואָס איך באַניץ זי נאָר צו וואַסער, און שטיין שטייט זי אין קאָמער, נישט אין קיך, אַצינד וויל איך אין איר שטעלן פּסחדיקן באָרשט.

דער רבֿ: מע מעג, אָבער מע מוז זי כּשרן.

דאָס ווײַבל: נעכטן האָב איך געהאַט די האַנט אין מעל, האָב איך גענומען די קוואָרט און האָב אָנגענומען וואַסער.

דער רבֿ: איך האָב אײַך געזאָגט, כּשרט זי.

דאָס ווײַבל: (נישט צופֿרידן) ווייס איך, איך האָב געמיינט קויפֿן בעסער אַ נײַע דייזשקע. אָבער אַז מע מעג...

(זי נעמט די הון פֿונעם טיש, וויקלט זי אײַן און גייט אַוועק.)

דער רבֿ: (צו דער רביצין) ווער איז זי?

דער ייִד: שמעונס שנור.

דער רבֿ: אַ מחמירטע.

דער ייִד: יאָ, דער מאַן איז אַ גנבֿ.

דער רבֿ: דו רעדסט מיר צו שטאַרק אויף ייִדן.

דער ייִד: אַלע זענען זיי גנבֿים, די שמעונס.

דער רבֿ: (גייט צו צום פֿענצטער און קוקט) שואל איז נאָך נישטאָ, אַז מע שיקט אים אַוועק, קען מען זיך נישט דערוואַרטן. רבֿקה, (ער קערט זיך צו דער רביצין) זע נאָר, אין שופֿלאָד האָב איך אַ ביסל טיטון.

דער ייִד: (נעמט אַרויס אַ ציגאַר טיטון) נאָט אײַך, רבי, ס'איז גוטער.

דער רבֿ: דו ווילסט מיר געבן שוחד? איך וועל שוין וואַרטן אויף שואלן.

(יאַנקעלע קומט אַרײַן. אַן אויסגעשמירט, באָרוועס ייִנגל פֿון אַ יאָר ניַין מיט אַ צעריסן היטל.)

יאַנקל: באָבע, איך בין געפֿאַלן און האָב אויסגעשיט דעם צוקער.

(דער רבֿ ווערט רויט פֿאַר כּעס. די רביצין נעמט אים אַן בײַ דער האַנט און פֿירט אים אַוועק אין קיך אַרײַן.)

דער שמש: (קומט) וואָס איז בײַ אײַך פֿאַר אַ הונט בײַ דער טיר? אַ דאָ האָט איר דעם טיטון. פּייסי האָט זיך אַפֿילו אַ ביסל געקרימט... שמואלן האָב איך נישט געפֿונען אין דער היים. האָב איך געזאָגט זײַן ווײַב (ער הוסט) אַ ווינט איז דאָס! צו נחום קאַזניאַנסקי איז געקומען צו פֿאָרן אַ פּריץ.

(דער ייִד כאַפּט זיך אויף.)

דער רבֿ: ווּהין גייסטו, חיים?

דער ייִד: איך וועל באַלד קומען.

(גייט אַוועק.)

דער שמש: (אַז חיים איז אַוועקגעגאַנגען) רבי, ס'איז פּוסטע זאַכן, זיי וועלן זיך קיין מאָל נישט לאָדן, איר האָט געזען?

דער רבֿ: וואָס?

דער שמש: ווי ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, אַז איך האָב געזאָגט וועגן פּריץ.

דער רבֿ: אַ ייִד וויל נעבעך פֿאַרדינען.

דער שמש: אַ שיינער נעבעך, אויף מיר געזאָגט געוואָרן. ווי ער זיצט דאָ, וואָלט איר קיין צוויי גראָשן פֿאַר אים נישט געגעבן, אָבער איר וואָלט אים געדאַרפֿט זען אין אַ מעקלערײַ.

דער רבֿ: שמואל פֿאַרנעמט זיך דאָך אויך מיט מעקלערײַ.

דער שמש: אַוודאי, און דערפֿאַר טאַקע רײַסן זיי זיך אַרום.

(דער רבֿ זעצט זיך ווידער צום משניות און הייבט אָן אַרײַנצוקוקן.)

דער רבֿ: וואָס שטייסטו, שואל?

דער שמש: ווער וועט מיר באַצאָלן פֿאַרן גאַנג?

דער רבֿ: (מאַכט אַ הלצהלע) האָב דו מיט חיימען אַ דין־תּורה.

דער שמש: אײַך איז גוט צו לאַכן. פֿון וואַנען זאָל איך לעבן?

דער רבֿ: הייבסטו שוין ווידער אָן. (זוכט אין קעשענע. נעמט אַרויס אַ דרײַער) נאַ, האָסטו.

דער שמשׂ: (טאַפּט דאָס געלט. צו זיך) אַ דרײַער.

(ער גייט.)

דער רבֿ: (זעצט זיך ווידער, מישט צוריק די בלעטלעך און הייבט אָן צו לערנען) מאימתי קורין את שמע בערבית (צו זיך) מ'איז מיך מבֿטל פֿון דער תּורה...

די שבֿועה

אַ סצענע

די פּערזאָנען

דער רבֿ
די רביצין
ערשטער ייִד
צווייטער ייִד
דריטער ייִד
דעם רבֿס קינדער
די שכנים פֿון גאַס

די שטוב פֿונעם לעטיטשעווער רבֿ. אַ גרויסער חדר פֿול מיט שאַפֿעס ספֿרים. פֿון דער רעכטער זײַט גייט אַ טיר צו דער גאַס. דער רבֿ, אַ בײַכיקער ייִד אין די מיטעלע יאָרן, זיצט מיט דער רביצין און צוויי קינדער בײַם טיש, וואָס איז געדעקט נאָר צוויי דריטל, זכר־לחורבן. אויפֿן אַנדערן עק טיש ליגט אַ גמרא. זיי עסן אָנבײַסן. אַלע לעפֿלען קאַליש פֿון אַ גרויסער שיסל, וואָס סע גייט פֿון איר אַ פּאַרע. אין דרויסן איז אַ יריד. מע הערט אַ פֿאָרן פֿון וואָגנס און אַ געשריי פֿון גויים. עס איז זומער. סע עפֿנט זיך די טיר און עס קומען אַרײַן דרײַ ייִדן זיך לאָדן.

ע ר ש ט ע ר י י ִ ד: רבי, האָט נישט קיין פֿאַראיבל, אַז מיר שלאָגן אײַך איבער דאָס עסן, ס'איז הײַנט אַ יריד און מיר האָבן נישט קיין צײַט.

ד ע ר ר בֿ: נישקשה. (צו דער רביצין, אַ ריינע ייִדענע מיט אַ געל טיכל אויפֿן קאָפּ): ס'איז ווייניק געזאָלצן . . .

ד י ר ב י צ י ן: נאַ, טו אַרײַן זאַלץ.

צ ו ו י י ט ע ר י י ִ ד: רבי, הערט מיך אויס, ער טשעפּעט זיך צו מיר אומזיסט.

ד ר י ט ע ר י י ִ ד: (צום צווייטן) זײַ נישט קיין נאַר, משה.

צ ו ו י י ט ע ר י י ִ ד: (צום דריטן) דו מיש זיך נישט. ווער האָט דיך געבעטן?

ד ע ר ר בֿ: (לייגט אָוועק דעם לעפֿל, ווישט אָפּ דאָס מויל מיטן האַנט.) קריגט אײַך נישט ייִדן. דערציילט בעסער, וואָס האָט איר צווישן אַנאַנדער.

ערשטער ייִד: איך האָב אַ דין־תּורה מיט דעם ייִדן.

(ווײַזט אויפֿן צווייטן.)

צווייטער ייִד: אַ שיינע דין־תּורה. טאָמער איז היַינט אַ שטיקל יריד, זאָל איך אים אָנווערן פֿון זײַנעטוועגן. אָן אמתע אָנשיקעניש אויף מיר!

דער רבֿ: (צום צווייטן ייִד) שלאָגט נישט איבער, איך בעט אײַך. אַז איך וועל אויסהערן איינעם, וועל איך אויסהערן דעם אַנדערן.

צווייטער ייִד: ס׳איז נישטאָ וואָס אויסצוהערן, ס׳איז פּוסטע זאַכן, גאָלע בלבולים!

ערשטער ייִד: זאָל טאַקע דער רבֿ אויסהערן די בלבולים...

דער רבֿ: (צו די קינדער) גיט מיר מים־אחרונים־וואַסער.

(דאָס עלטערע ייִנגל לויפֿט אין קיך און ברענגט אַ האַלב גלאָז וואַסער. מע באַגיסט זיך די שפּיץ נעגל.)

צווייטער ייִד: איך האָב קיין מורא נישט. מעגסט דערציילן.

(ער זעצט זיך.)

דער רבֿ: (צום צווייטן ייִד) שטייט אויף, זײַט מוחל. איין בעל־דין טאָר נישט שטיין און דער אַנדערער זיצן.

(ער בענטשט. מען הערט די ווערטער: "הזן־ומפֿרנס". די ייִנגלעך ברומען נאָך.)

ערשטער ייִד: הערט מיך אויס, רבי. איך בין היַינט געקומען צו פֿאָרן אויפֿן יריד, האָב איך געהאַט בײַ מיר הונדערט און דרײַ און אַכציק קערבלעך פּאַזיטן: צוועלף צענערלעך, צען פֿינפֿערלעך, דרײַ דרײַערלעך און איין איינציק קערבל. דאָס האָב איך אַלץ געהאַט צונויפֿגעלייגט אָט אין דעם טײַסטער (ער נעמט אַרויס אַ שוואַרצן לעדערנעם טײַסטער). געציילט האָב איך דרײַ מאָל. אַזוי ווי איך שטענדיק אַז איך פֿאָר אויפֿן יריד, און אײַנגע־שריבן האָב איך אַלץ אין אָט דעם ביכעלע (ער נעמט אַרויס אַ קליין ביכעלע און לייענט): דאָנערשטיק פּרשת קורח הונדערט און דרײַ און אַכציק קער־בלעך פּאַזיטן און צוויי און אַכציק קאָפּיקעס קופּער. דעם קופּער האַלט איך דאָ אין קעשענע. איך האָב געמוזט געבן אַ רובל מיט צען קאָפּיקעס אויף האָבער, האָב איך אַרויסגענומען דעם איינציקן קערבל און צען קאָפּיקעס.

צווייטער ייִד: וואָס גייט מיך אָן דער גוי דײַנער מיטן האָבער?

דריטער ייִד: לאָז אים אויסרעדן.

צווייטער ייִד: שווײַג, פּאַסקודניאַק, וואָס שטופּסטו דאָס מויל, אַז מע בעט דיך נישט.

ערשטער ייִד: (דערציילט ווײַטער) איז געקומען יונה, אָט דער ייִד, (ווײַזט אויפֿן דריטן) און האָט בײַ מיר אויסגעביטן אַ צענערל און אַכט

פֿינפֿערלעך. דערנאָך האָב איך געקויפֿט בײַ אָט דעם ייִדן (ווײַזט אויפֿן צווייטן ייִדן) אַ קו און האָב באַצאָלט זעכציק קערבלעך, און האָב אים אויסגעצאָלט זעקס צענערלעך, מוז מיר דאָך איבערבלײַבן נאָך זיבן. זאָגט ער צו מיר אויך: בײַט מיר אויס איין צענערל אויף צוויי פֿינפֿערלעך, מוז איך דאָך האָבן זעקס פֿינפֿערלעך און אַכט צענערלעך, האָב איך אָבער פֿאַרגעסן צוריקצונעמען דאָס צענערל...

צווייטער ייִד: רבי, ס'איז אַלץ ליגן! איך האָב גאָרנישט גענומען צו מיר דעם זעקסטן צענערל. ער האָט מיר באַלד געגעבן פֿינף צענערלעך און צוויי פֿינפֿערלעך. והא־ראיה. ציילט מײַן געלט (ער לייגט אַנידער פֿאַזיטן אײַנגעוויקלט אין אַ טיכעלע): איך האָב לויטער דרײַערלעך און איינצלנע קערבלעך, צוויי פֿינפֿערלעך און פֿינף צענערלעך.

(דער ערשטער ייִד וויל כאַפּן דאָס געלט פֿון טיש.)

צווייטער ייִד: (לייגט זיך אָן אויפֿן טיש און פֿאַרדעקט מיט די עלנבויגנס דאָס געלט) בײַ מיר איז נישטאָ קיין כאַפּן.

דער רבֿ: (קאָנטשעט דאָס בענטשן) שלאָגט אײַך נישט, ייִדן. (צו דער רביצין): נעם צו פֿונעם טיש.

דריטער ייִד: (צום רבֿ) איר זעט.

דער רבֿ: (צום ערשטן ייִד) טאָמער האָט איר אײַך טועה געווען און איר האָט געהאַט מתחילה ווייניקער מיט אַ צענערל?

ערשטער ייִד: סטײַטש, רבי, ווי אַזוי קען איך מיך טועה זײַן, אַז איך האָב איבערגעציילט דאָס דרײַ מאָל און איך ווייס גוט, וויפֿל איך האָב עס געגומען בײַ יאַנקל כ״ץ און פֿאַרשריבן שטייט בײַ מיר אויך...

צווייטער ייִד: מאָלע, אַז דו האָסט בײַ דיר פֿאַרשריבן, ווער גלייבט דיר!

דריטער ייִד: איך בין אַליין געשטאַנען דערבײַ.

צווייטער ייִד: (צום דריטן) דײַן עדות־זאָגן איז ווערט בלאָטע. דיך קאָן מען אָפּקויפֿן מיט אַ טרונק בראַנפֿן.

דריטער ייִד: (צום רבֿ) זײַט אַן עדות, רבי, אַז ער איז מיך מבֿוזה און מבֿזה.

צווייטער ייִד: (צום דריטן) איך בעט דיך, ווער האָט דיך גערופֿן, זאָלסט קומען. איינער איז מיר ווייניק?

(די רביצין רוימט אַראָפּ פֿון טיש. זי שטרויכלט זיך און וואַרפֿט אַראָפּ אַ טעלער, ער ווערט צעבראָכן.)

די רביצין: אַ קלאָג צו מיר, דער צווייטער היזק די וואָך.

(אַלע דרײַ ייִדן בייגן זיך אײַן און קלײַבן אויף די שערבלעך.)

דער רבֿ: לאָזט זײַן, מע װעט שױן אױפֿקלײַבן. (צו די ייִנגלעך): פֿאַר װאָס גײט איר נישט אין חדר, פּוסטעפּאַסניקעס!

דאָס עלטערע ייִנגל: ס'איז אַ יריד בײַם רבין.

דאָס ייִנגערע ייִנגל: און בײַ מײַן רבין רײַבט מען הײַנט מאַכאָרקע און ס'ברענט אין די אױגן.

דער רבֿ: (צו די ייִנגלעך) גײט אַרײַן אין יענעם חדר און חזרט איבער פֿונעם חדר.

(די ייִנגלעך גײען אַרױס.)

צװײטער ייִד: רבי, נו, װיל איך אַצינד טענהן. אין תּוך גענומען האָב איך גאָרנישט צו טענהן. ס'איז אַלץ ליגן, שקר־וכּזבֿ!

דער רבֿ: װײסט איר זיכער, אַז איר האָט בײַ אײַער בעל־דין נישט איבערגענומען דאָס צענערל?

צװײטער ייִד: אַװדאי װײס איך, איר האָט דאָך אַלײן געזען אַז איך האָב נאָר פֿינף צענערלעך.

ערשטער ייִד: אױף דיר איז אַ קשיה. דו קענסט האָבן נאָך געלט אין די שטיװל...

צװײטער ייִד: איך װעל דיר געבן אין מאָרדע, אַז דו װעסט מיך חושד זײַן.

(כאַפּט אים בײַם אַרבל.)

דער רבֿ: אַז איר װילט זיך קריגן קענט איר אײַך גײן געזונטערהײט.

בײדע ייִדן: (אין אײנעם) װער שלאָגט זיך דען?

(זײ לאָזן אָפּ אײנער דעם אַנדערן.)

דער רבֿ: (צום דריטן ייִד) און װאָס װילט איר זאָגן?

דריטער ייִד: איך בין אַן עדות.

דער רבֿ: קערט איר אײַך אָן מיטן תּובֿע?

דריטער ייִד: מיר זענען נאָענטע שכנים און איך בין זײַן װײַבס אַ פֿרײַנטל.

דער רבֿ: אױב אַזױ, זענט איר פּסול־לעדות.

דריטער ייִד: אַז איך האָב אָבער פֿאַרט געזען אַלץ מיט מײַנע אײגענע אױגן.

דער רבֿ: (צום ערשטן און צום צװײטן ייִדן) לײגט אַנידער פּסק־געלט.

(דער ערשטער ייִד לײגט אַרײַן די האַנט אין קעשענע און נעמט אַרױס פֿיר קופּערנע צענערס און לײגט זײ אַנידער אױפֿן טיש. דער צװײטער ייִד זוכט אין בוזעם און לײגט אַנידער אַ זילבערנעם גילדן.)

דער רבֿ: איך טאָר נישט נעמען בײַ אײנעם מער און בײַ אײנעם װײניקער.

(דער צווייטער ייִד קראַצט זיך און לייגט צו נאָך אַ צענער. דער רבֿ נעמט אַרויס פֿון כאַלאַט אַ רויטע קויטיקע פֿאַטשיילע און זאָגט צו די בעל־דינים):

דער רבֿ: זײַט מקבל־קנין.

(דער ערשטער ייִד גייט צו און נעמט אַן איין עק פֿאַטשיילע און לאָזט זי אָפּ פֿאַמעלעך. דער צווייטער ייִד גייט צו און טוט דאָס אייגענע.)

דער רבֿ: (צו זיי ביידע) ווילט איר אַן אמתע דין־תּורה צי אַפּשר אַ פּשרה!

ערשטער ייִד: מײַנעטוועגן זאָל זײַן אַן אמתע דין־תּורה.

צווייטער ייִד: איך האָב נישט קיין מורא אַפֿילו פֿאַר אַן אמתע דין־תּורה. איך ווייס, אַז אַלץ איז אַ בלבול...

דער רבֿ: איך טאָר אײַך נישט צורעדן, אָבער אויב איר ווילט מיך פֿאָלגן, וועל איך בעסער מאַכן אַ פּשרה...

צווייטער ייִד: ניין! אַצינד וויל איך נאָר אַן אמתע דין־תּורה.

דער רבֿ: וואָס עקשנט איר זיך אַזוי? על־פּי אמתער דין־תּורה איז אויף אײַך חל אַ שבֿועה.

צווייטער ייִד: נו, וועל איך שווערן.

דער רבֿ: הײַנט שווערט מען אָבער נישט.

צווייטער ייִד: איך וויל אָבער דערויף יאָ שווערן.

ערשטער ייִד: וועסטו שווערן בײַ אַ ספֿר?

צווייטער ייִד: אַז דער רבֿ וועט הייסן, שווער איך בײַ אַ ספֿר.

דער רבֿ: אַזאַ זאַך נעמט מען נישט אויף זיך. גיט בעסער דעם ייִדן אַ פֿינפֿערל און ווערט פּטור פֿון דער שבֿועה.

צווייטער ייִד: בײַ מיר גייען פֿינפֿערלעך נישט צו פֿוס...

דער רבֿ: הײַנטיקע צײַטן שווערט מען נישט, אַפֿילו אַז ס׳גייט אין טויזנטער.

צווייטער ייִד: רבי, זײַט מסדר די שבֿועה און לאָזט מיך גיין.

דער רבֿ: איר זאָלט מיר אַפֿילו אָנשיטן פֿול די שטוב מיט גאָלד, וועל איך אַזוינס נישט טאָן.

צווייטער ייִד: וועל איך אַליין שווערן.

דער רבֿ: דאָס וועל איך נישט לאָזן.

(דער צווייטער ייִד גייט צו צום טיש, כאַפּט די גמרא, וואָס ליגט אויפֿן טיש און וויל בײַ איר שווערן.)

ערשטער ייִד: ניין, בײַ אַן אמתן ספֿר זאָלסטו שווערן, בײַ אַ ספֿר־תּורה.

צווייטער ייִד: בײַ מיר איז קיין חילוק נישט בײַ וואָס איך שווער, אַלע ספֿרים זענען הייליק.

דער רבֿ: איך בעט אײַך, גיט אַהער די גמרא. זינט איך בין רבֿ, האָב איך

נישט דערלאָזן צו קיין שבֿועה. ביי ייִדן גלייכט מען זיך אויס און מע נעמט נישט אויף זיך אַזאַ זאַך.

צווייטער ייִד: איך נעם אַלץ אויף מיר. איך שווער, איך שווער אָט ביי דעם ספֿר.

דער רבֿ: (שפּרינגט אויף) לאָזט אים נישט.

ערשטער ייִד: (רייסט פֿון אים די גמרא) גיב אַהער, ממזר, דער רבֿ הייסט נישט.

צווייטער ייִד: לאָז מיך, דו כּלבֿ, איך שווער ביי ווייב און קינדער.

דער רבֿ: (שרייט) רבונו־של־עולם! (צום דריטן ייִד) וואָס שוויגט איר, דאָס איז קיין קאַטאָוועס נישט.

צווייטער ייִד: איך שווער, אַז איך האָב נישט...

(דער דריטער ייִד לויפֿט צו צו אים און האַלט אים ביים מויל. דער צווייטער ייִד דערלאַנגט אים אַ פּאַטש. סע פֿאַלט אַראָפּ די גמרא. דער רבֿ בייגט זיך איין און הייבט זי אויף. די רביצין און די קינדער לויפֿן אַריין. אַלע דריי ייִדן שלאָגן זיך. פֿון דרויסן לויפֿן אַריין שכנים, זיי פֿונאַנדערצוטעמען. זיי שלאָגן זיך ווייטער. מיט מי שטופּט מען זיי אַרויס. מע הערט פֿון יענער זייט זייער קול: ביים פּריסטאַוו וועסטו קענען שווערן וויפֿל דו ווילסט.)

דער רבֿ: (צו זיך) ברוך שפּטרני. אַבי נישט שווערן ביי מיר...

וויכּוחים

א

אל תּאמין בעצמך עד יום מותך. נאָך פֿאַר פֿיר וואָכן, אַז איינער וואָלט געקומען צו גיין מיר זאָגן, אַז היַינט וועל איך שטיין דאָ פֿאַר איַיך און האָבן מיט איַיך אַ וויכּוח, וואָלט איך געמיינט, ער רעדט פֿון שלאָף, — מוז זיך מיר פֿאַרגלוסטן צו שריַיבן צו איַיך אַ בריוו און דערנאָך נאָך אַ בריוו, ווי זאָגט מען: עבר ושנה נעשה לו כּהיתּר.

שולדיק זענט איר אָבער אַליין. וואָלט איר נישט געווען געדרוקט, וואָס איך האָב איַיך געשריבן, וואָלט איר איַיך געקאָנט טאָן איַיערס וויַיטער און איך וואָלט אויך פֿאַרגעסן אין דעם וואָס מיך האָט דעמאָלט געאַרט. איר קענט אַ יידן: שבת טוט מען אַ קוק אין אַ ספֿר און מען איז, דאַכט זיך, אַ מין רוחניות; קומט שבת־צו־נאַכטס, נעמט מען די קאַלטע שליסלען און מע גייט אין קלייט אַריַין... וואָס זשע טוט איר? נישט נאָר איר האָט אַלץ אָפּגעדרוקט מיט הויט און ביין, וואָס איך האָב איַיך געשריבן, איר האָט זיך גענומען מיר צו ענטפֿערן און נישט איין מאָל, נאָר צוויי מאָל: אין צווייען איז שטאַרקער; און נישט נאָר איר אַליין, בן־מיכל ענטפֿערט אויך און בן־קלמן וועט אויך קומען. אויב אַזוי שטייט עס מיט מיר, מוז איך מיך פֿאַרגאַרטלען, נעמען דעם שטעקן און די פֿאַטשיילע אין האַנט אַריַין. מע גייט צום בית־דין!

יאָ, ר׳ רייזען, איך וויל מיט איַיך האָבן אַ דין־תּורה, אַן אמתן דין־תּורה און נישט קיין פּשרה פֿונעם רבֿ, ווי געוויינטלעך, אַבי גלאַט מאַכן. איך האָב פֿיַינט פּשרות, ווי אַ ייד האָט פֿיַינט חזיר.

איך וויל איַיך עפּעס זאָגן. אַ שטייגער אַז איך זיץ מיר און טו אַ קוק, דאָ איז עפּעס צעבראָכן, דאָרט פֿעלט עפּעס און יענץ איז נאָך נישט אַקוראַט, האָב איך דאָס אַלץ אין זינען. קומט צו מיַין מיידל און זאָגט: טאַטע, די שיך זענען צעריסן, זאָג איך: מע מוז אַריבערשיקן צום שוסטער, ער זאָל לייגן נײַע פּאַדעשוועס; קומט צו מיַינע און זאָגט, מע מוז האָבן ניַיע שיך. זאָל זיַין ניַיע שיך. און וויל די טאָכטער מיַינע האָבן שיינע שיך מיט קנעפּלעך,

גיב איך אין דעם אויך נאָך. דאָס וואָס אַ מיידל האָט ליב שיין, מוז דאָך אַ פּנים ליגן אין טבֿע, גראַד אַזוי ווי אַ ייִנגל האָט זיך ליב צו באָרען. און איך אַליין, אַז איך טרינק טיי, וויל איך אַז דאָס גלאָז זאָל זײַן אויסגעוואַשן, און דער סאַמאָוואַר, וואָס שטייט אויפֿן טיש, זאָל שפּיגלען. פֿאַרקערט, איך האָב הנאה, אַז דאָס האַנטעך איז ווײַס, און אַז די קאַפּאָטע איז ריין, און אַז מע טוט אָן אַ ווײַס העמד, איז ווי מע באַקומט אַ נײַע הויט.

ס׳איז דאָ ברויט און קוילעטש און כאַטש מ׳איז פֿון ביידע זאַט, האָט דאָך דער קוילעטש, פֿריש געבאַקן, אַז ער קומט אַרויס פֿון אויוון, גאָר אַן אַנדער חן! שוין דאָס קוקן אויף אים ווי עס גייט נאָך פֿון אים אַ פּאַרע, גיט צו עפּעס צום האַרצן. און דער חילוק פֿון דעם ביז צו שוואַרץ ברויט, איז דער אייגענער, ווי ווען מע טוט אַ קוק אויף אַ שיינער כּלה, אָנגעטאָן אין ווײַסן און נאָר וואָס פֿון דער חופּה, און דערנאָך אויף אַ ייִדענע פֿון פֿערציק יאָר, וואָס שטייט אין קיך פֿאַרחושכט און מאַכט כּשר דאָס פֿלייש.

איך זאָג דאָס אַלץ אַנטקעגן דעם, איר זאָלט נישט מיינען, אַז מיר זענען עפּעס פֿון דער מדבר. אַפֿילו אַ פֿערד פֿאַרשטייט אויך דעם חילוק פֿון זומער־לעב, אַז ס׳איז אײַנגעשפּאַנט אין אַ גוט וועגעלע און סע גייט זיך מחיהדיק צווישן די פֿעלדער קאָרן און ווייץ און רעטשקע מיט אַלע ריחות, און פֿון ווינטער, ווען עס איז קאַלט און נאַס און מ׳איז אײַנגעשפּאַנט בײַ יאַנקל בעל־עגלה און מע מוז שלעפּן דרײַסיק פֿאַרשוינען...

אָבער ווען איז דאָס אַלץ גערעדט געוועז, אַז מע לעבט און מע קאָן לעבן, אַז מע האָט כאָטש איין ווינקל און מע האָט ווו אָנצושפּאַרן דעם קאָפּ. גייט מען אָבער אַרום איבער די הײַזער, אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, און מע מוז נעכטיקן אין קלויז אויף דער האַרטער באַנק, און איבער דעם קנייטשט זיך שוין אויך דער שמש, און דער גבאי איז גאָר מלא־רציחה. אוי, איז ביטער און פֿינצטער! וואָס, איר ווילט נעמען אַ ייִדן, וואָס האָט נישט קיין העמד אויפֿן לײַב, און איר ווילט אים געבן צו פֿאַרשטיין, אַז זאָנע איז בעסער פֿון לײַוונט און באַטיסט איז נאָך בעסער! איר ווילט נעמען אַ מענטשן, וואָס האָט אַפֿילו נישט קיין טרוקענע אָניטשעס, און ווילט פֿאַר אים דרשענען וועגן זײַדענע זאָקן און נאָך אים געבן צו פֿאַרשטיין, ווי אַזוי מע מאַכט אַזעלכע זאָקן און ווי אַזוי זײַד ווערט געצויגן.

די מאַמע גייט אַרום מיט חולשת־הלבֿ, דער טאַטע האָט קיין האָר נישט אויפֿן קאָפּ, די שטוב איז אויסגעדונגען, אָט־אָט מוז מען נעמען אַלע זאַכן און גיין... גיין וווהין? וווהין לאָזט מען אַצינד אַרײַן אַ ייִדן? און דו, טאָכטער, ווילסט האָבן אַצינד שיך מיט קנעפּלעך, וואָס זאָלן זײַן ווי שוואַרצע קרעלן! — קיין מאָל איז אונדז נישט געוועזן אַזוי שלעכט, ווי הײַנט, וואָרעם

דער חיזוק איז קיין חיזוק נישט און דער האַלט איז קיין האַלט נישט. אויסגעשטאָרבן איז אַלץ, וואָס איז געווען אַ מאָל, און מע גייט אַרום נאַקעט און באָרוועס הן אין גשמיות והן אין רוחניות, צו וואָס זאָל מען דאָס לייקענען? און איר קומט צו גיין מיט מעטערלינקן און מיט עלען קעי, און אויף דעם זאָגט אײַך אײַערע "אמונת חכמים", אַז דאָס איז ייִדיש און דאָס דאַרפֿן מיר אַציגנד צו האָבן, וואָרעם אַניט, זענען מיר חוטא־בעגל.

איר פֿאַרשטייט, פּריצים זענען מיר אויך געווען אַ מאָל. ווי זאָגט מען: כל ישראל בני מלכים הם, און פֿײַנט האָבן גויים האָבן מיר אַוודאי נישט, און אַז איינער פֿון זײ קומט צו גיין אונדז עפּעס זאָגן, טוען מיר אים נישט אַ פֿרעג: "אחינו אתה? דאַוואַי פּאַספּאָרט"... אָבער עס איז דאָ אַ צײַט, וואָס אַזוינע זאַכן גייען לחלוטין נישט אין קאָפּ אַרײַן.

ב

איר האָט שוין פֿון מײַן פֿערטן בריוו געזען, ווי אַזוי איך בין מיט אײַך מחולק און איך זאָג מיר: צו ערשט ברויט מיט זאַלץ און דערנאָך בייגל מיט פּוטער; און דערנאָך, אַז גאָט וועט העלפֿן, אַ ביסל יויך, צי גאָר אַ הינדל, ווי די מאַמע האָט עס געהאָט, און דערנאָך, אַז איר ווילט, קאָנט איר צושפּילן. מבֿינים זענען מיר אַ ביסל, אַז דער קאָפּ איז רויִק, און מיר ווייסן בײַ אַ גלעזל ווײַן אויך דעם חילוק פֿון ארור־המן ביז ברוך־מרדכי.

נאָר וואָס דען, איר זאָגט ב ײ ד ע א י ן א י נ ע ם, אין איין האַנט האַלטן דעם זאַסטופּ און גראָבן אויף פּרנסה און אין דער אַנדערער האַנט — דעם סמיטשיק, דאָס איז א ײַ ע ר פּשרה; זאָג איך מיר, אַז אויב אַזוי, וועט פֿון ביידע גאָרנישט אַרויסקומען, הן אין גראָבן והן אין שפּילן. ווער שמועסט, אַז עס איז נאָך אַ סבֿרה אַז בײַ אונדז זענען פֿאַראַן מענטשן, וואָס אַז זיי האַלטן אין איין האַנט דאָס און אין דער אַנדערער יענץ, זענען זיי זיך טועה און ווילן גראָבן מיטן פֿידל און שפּילן אויפֿן זאַסטופּ. מילא, נישט דאָס בין איך אויסן.

וואָס איך האָב אײַך אָט אין דעם בריוו געוואָלט זאָגן, איז, אַז די אייגענע קשיות, וואָס איר פֿרעגט אויף לשון־קודש, קאָן מען פֿרעגן אויף ייִדיש. אַוודאי מוז מען לשון־קודש ערשט אויסלערנען, כּדי דאָס צו פֿאַרשטיין. און דער קאָפּ דאַרף געוווינט ווערן אויף צו צאָלן שׂכר־לימוד, און דער ייִנגערער מײַנער מוז זיך מוטשען מיטן פּסוק און מיט דער גמרא, און הײַנט איז גאָר דאָ דקדוק אויך, אַ סדרה פֿון צען יאָר בהתמדה פֿאַר אַ ייִנגל, וואָס וויל זיך אויסלערנען גוט לשון־קודש, אַז ער זאָל קענען לייענען און פֿאַרשטיין. און האָט ער זיך דאָס אויסגעלערנט און לייענט שוין אויך צײַטונגען און ביכלעך,

טראָגט ער זיך דערמיט אַרום, ווי אין אַ פּושקעלע, וואָרעם רעדן קאָן ער נישט אויף דעם, נישט אין קלויז, נישט אויפֿן מאַרק, און מיט גויים אַוודאי נישט. און אַז איינער קען היינט לשון־קודש, איז ווי ער שפּאָרט אָפּ פֿון מויל און לייגט עס אַוועק אין אַ זייט. און פֿונדעסטוועגן טוט מען עס, מע ציט זיך דעם מאַרך פֿון די ביינער און מע טוט עס. מע איז פֿאָרט אַ ייִד, און לשון־קודש איז נישט קיין פּראָסטע זאַך ביי ייִדן...

איך ווייס נישט, אויב איר זענט אַ חסיד. ביי אונדז דערציילט מען, אַז דער ריזשענער, זכרונו־לברכה, האָט אויפֿן פּסוק כּי לא יראנו האדם וחי, געזאָגט כּהאי לישנא: דעם טעם פֿונעם גאַנצן פּסוק האָט אַפֿילו משה־רבינו נישט געוווּסט און אַ ביסל ווייסן מיר אויך... דער ענין פֿון לשון־קודש ביי אונדזער אומה איז אַזאַ זאַך, וואָס קיינער קאָן דאָס נישט משׂיג זיין ביזן גרונט. אַ ביסל אָבער ווייס יעדער, כאָטש ער איז נישט פֿון די בראָדער חכמי־הקלויז. דאָס פּינטעלע ייִד פֿילט איטלעכער, און כאָטש איר זענט שטאַרק אין כּעס און ווינטשט דעם גאַנצן לשון־קודש דעם ליכטיקן גן־עדן און זאָגט, אַז דעמאָלט וואָלט געווען אַ סך קלאָרער פֿאַר די אויגן, וואָלט איך געמעגט שווערן, אַז סע זענען געווען צייטן און סע זענען דאָ צייטן, וואָס איר האָט געלייענט און געלייענט אַ לשון־קודשדיקן ספֿר און איר האָט געהאַט הנאה. און נאָך מער, כאָטש איר זענט, ווי עס ווייַזט זיך אויס, אויף ביאַליקן להרוג ולאבד, און די "ייִדישע ענציקלאָפּעדיע" איז ביי אייך לעילא־ולעילא, ווייס איך געוויס, אַז בשעת ייִדן זענען געווען שרוי־בצער פֿון מעשׂה־קעשענעוו און ס'איז געווען, ווי מע זאָגט, הדם שותת, וואָלט איר געשענקט הונדערט ביכלעך פֿון דער ענציקלאָפּעדיע פֿאַר איין בלעטל פֿון "משׂא נמירוב". איי, פֿאַר וואָס האָט מען דאָס געשריבן אויף לשון־קודש און נישט אויף ייִדיש? פֿאַרקערט, אָט די קשיה פֿרעג איך ביי אייך...

וואָס מיר פֿאַרדריסט, איז צו זען, ווי לשון־קודש צעברעקלט זיך. און כאָטש מע רעדט ביי אונדז גאַנץ שטאַרק מכּוח ציוניות און מכּוח תּחית הלאום, שטאַרבט אָפּ פֿון לשון־קודש אַלע טאָג אַן אבֿר.

טאָמער אָבער מיינט איר, אַז דאָס ייִדישע לשון, וואָס אונדזערע קינדער זייגן אים איין פֿון דער מוטערס ברוסט און קענען אים פֿאַרשטיין נאָך איידער זיי גייען אין חדר, און מע באַדאַרף זיך ביי זיי נישט בעטן רחמים, זיי זאָלן אים לערנען, — וועט האָבן אַ גרעסערן קיום, זענט איר אייך טועה. איר פֿאַרגעסט, אַז מיטן ייִדישן לשון זענען מיר אין איינעם אין גלות, און אַז פֿון דעם אייגענעם טעם, פֿאַר וואָס אונדזערע אָבֿות האָבן אויפֿגעהערט צו רעדן לשון־קודש, וואָס איז געווען זייער אייגענע שפּראַך, און האָבן גענומען רעדן אַנדערע לשונות, אָט פֿון דעם אייגענעם טעם וועט דאָס ייִדישע לשון

אויך נישט האָבן קיין קיום, כּל־זמן מיר וועלן פֿאַרבלײַבן אין דער פֿרעמד און בלײַבן אין שכנות...

און אַז מע טוט צוריק אַ קלער, זעט מען, אַז כאָטש ייִדיש און לשון־קודש זענען בײַ אײַך דם־שונאים, האָט דאָך דאָס ייִדישע לשון געקאָנט האָבן אַ קיום נאָר אַ דאַנק לשון־קודש, און איך וועל אײַך באַווײַזן, אַז דאָס איז נישט אַזוי וווּנדערלעך.

אַז אַן אומה ווױנט זיך אויף איר ערד און רעדט איר לשון בײַ זיך אין דער היים, איז דאָס אַזוי פּשוט און סע ליגט שוין אַזוי אין דער טבֿע, אַז מע באַדאַרף וועגן דעם נישט צו רעדן. פֿריקרע איז נאָר, אַז מען איז כּל־ימיו אין דער פֿרעמד, מע האַנדלט מיט יענעם און מע לעבט פֿון יענעם און מע האָט אויף זיך יענעמס ממשלה און מע רעדט זיך אויף זײַן אייגענעם לשון און מע האַלט דערפֿון שטאָל און אײַזן.

ג

איך בין נישט קיין חוקר, אָבער אַז איך טו אַ מאָל אַ טראַכט אין דעם עצם־העניין: פֿאַר וואָס רעדן די אומות אויף פֿאַרשיידענע לשונות, דאַכט זיך אַלע מענטשן האָבן א י י ן מויל און א י י ן צונג, איז אַחוץ דעם תּירוץ פֿונעם דור־הפּלגה נאָך פֿאַראַן אַט דער תּירוץ, וואָס דאָס זאָגט מיר דער שׂכל־הישר מײַנער: למאַי וואַקסט דאָ קאָרן, און דאָ ווייץ און דאָ האָבער, און דאָ קרויט. וואַקסן וואַקסט אַלץ אויף א י י ן ערד, אָבער סע זענען פֿאַראַן פֿאַרשיידענע מינים, און אַזוי איז דאָס אויך מיט די אומות... און וואָס איך לערן פֿון דעם אַלעמען איז, אַז קאָרן און ווייץ און האָבער וכל־המינים וואַקסן אויפֿן פֿעלד, וואָס איז באַאַקערט און באַזייט און סע גייט רעגן, אַלץ טוט וואַקסן אויפֿן פֿעלד און נישט אויפֿן ב ו י ד ע ם... פֿאַרקערט, אַז מע לייגט אָפּ אויף אַ בוידעם אויסגעדראָשענעם ווייץ און ער ליגט לאַנג, נעמט ער פֿוילן... די ערד אָבער גיט אַרײַן אין אַלע תּבֿואות דעם כּוח צו וואַקסן און צו ווערן צײַטיק און צוליב דעם זאָגט מען טאַקע: משנה עתּים ומחליף את הזמנים, צוליב דעם טאַקע בעט מען אויף רעגן און אויף זון. איר פֿאַרשטייט, אַ ברכה צו מאַכן איז נישט, בשעת מען גיט זיך כּלומרשט אַ וואַש צום עסן מיט אַ צעשפּאָלטענער קוואָרט, וואָס האַלט נישט אַפֿילו אַ רבֿיעית, און מע ווישט זיך אָפּ מיטן קויטיקן האַנטעך, און מע זאָגט על נטילת ידים, נאָר בשעת מע גייט אַרויס אויפֿן פֿעלד און מע זעט וואָס די ערד גיט אַרויס...

אַז איר וואָלט אַרויסגעגעבן אײַער בלאַט אין ארץ־ישׂראל, צי אין אַן אַנדער לאַנד, וואָס איז שייך אין גאַנצן צו ייִדן, און ייִדן וואָלטן דאָרט

געהאַט צו זאָגן, און איר וואָלט דאָרט געזעסן און געשריבן, און ייִדן וואָלטן געהאַט אָקסן און פֿערד וכדומה, און געאַקערט אונדזער לאַנד און געזייט אונדזער תּבֿואה, און סע וואָלט טאַקע געווען באַ־גד! און אַלע ייִדן, ווי איין מענטש, וואָלטן זיך דעמאָלט אײַנגעשפּאַרט: מיר ווילן נישט מער וויסן פֿון לשון־קודש און ווילן נאָר ייִדיש און לויטער ייִדיש, לשון־קודש איז אָסור אַפֿילו במשהו, וואָלט מיר אַוודאי ווײ געטאָן דאָס האַרץ, און איך וואָלט געגאַנגען אויף דער מוטער רחלס קבֿר קלאָגן, זאָל זי קומען און זאָגן: קערט זיך אום קינדערלעך צו מיר! און דערנאָך, אַז איך וואָלט זיך אויסגעוויינט — בין איך דאָך אויך אַ ייִד אַ סוחר, וואָס האַלט פֿון פּראַקטיקע — וואָלט איך געזאָגט: איר, ייִדלעך, ווילט, עס זאָל בלײַבן, ווי רייזען זאָגט, נעכײַ בודיע! לעבט אײַך געזונטערהייט, בײַ זיך אין דער היים האָט איר דעם רצון און די דעה! אָבער לעת־עתּה זיצט איר אין אַ לאַנד, וואָס איז שייך צו פּאָליאַקן, און שרײַבט פֿאַר ייִדן, וואָס זיצן אין רוסיש־פּוילן און אין רוסלאַנד און אין אַמעריקע, און מיר זענען צעזייט און צעשפּרייט אויף שבֿעה־ימים. ווי ווילט איר אַז דווקא ייִדיש זאָל האָבן אַ קיום? ווי קאָנט איר מאַכן, אַז קאָרן זאָל וואַקסן אויף אַ בוידעם?...

אלא, וואָס דען, איר וועט זאָגן: אין מקשין על מעשה שהיה, אויף אַ מעשה פֿרעגט מען נישט קיין קשיה. אַן אומה, וואָס אַפֿילו אַז מע רעכנט אָפּ לודוויפּאָלן און נאָך אַזעלכע מצה־שמורהניקעס, פֿאַרבלײַבן נאָך איבעריק דרײַ צי פֿיר מיליאָן, צי גאָר פֿינף, וואָס רעדן ייִדיש און דווקא ייִדיש. איז, מיר דאַכט זיך, שוין אַ מטבע... און פֿאַרקערט, אַלע לשון־קודש־קענערס אין איינעם, מיט אַלע לערערס און שרײַבערס, באַטרעפֿן אפֿשר בסך־הכּל אַ פֿערטל מיליאָן, צי וויניקער, צי אַ ביסל מער, און זאָגט דאָך די תּורה: אחרי רבים להטות! אָפּגעזאָגט און פֿאַרטיק. אָבער איך האַלט אײַך בײַ דער פּאַלע און זאָג אײַך, אַז אָן אַט־דעם מיעוט, וואָלט יענער רובֿ גאָרנישט געווען: יאָ, וואָלטן מיר אונדז נישט געווען אײַנגערעדט הונדערטער יאָרן, אַז מיר זענען אַלע שני־למלכס און מע וואָלט אונדז נישט געווען אויסגע־טײַטשט דעם טעם פֿון אונדזער גלות, אַז סע מוז זײַן אַזוי און סע קאָן זײַן גאָר אַזוי, אַז מיר זאָלן זײַן אין דער פֿרעמד, כּדי מיר זאָלן זיך האַלטן אין איינעם און אָפּהיטן ייִדישקייט מיט אַלע פּינטעלעך, און בײַשטיין דעם נסיון; און וואָלטן דער שמע־קולנו, און די שטילע שמונה־עשׂרה, און די מגוהחה פֿון שבת מיט אַלע ספֿרים נישט געווען אויף לשון־קודש, כאָטש דאָס רובֿ בײַ אונדז פֿאַרשטייט נישט קיין לשון־קודש, — וואָלטן מיר אַפֿילו נישט געקענט זאָגן אויף ייִדיש דער "גאָט פֿון אַבֿרהם".

און אַפֿילו אַז סע זענען דאָ אויפֿגעקלערטע און מע שמועסט, אַז אַלץ,

וואָס די לשון־קודשדיקע ספֿרים האָבן אונדז געזאָגט, איז געווען אַ לאַנגער און אַ גרויסער טעות, טאַקע פֿון אַל״ף ביז תּי״ו, מוז מען דאָך צוגעבן, אַז גראָד אָט דער טעות האָט אונדז אַזוי לאַנג דערהאַלטן.

בכן איז היינט גאָר אַן אַנדער דור און איך הער, ווי מײַנע אייגענע עלטערע קינדער ביים טיש רעדן פֿון אַלץ שוין גאַנץ אַנדערש. אַוודאי קאָן מען נישט פֿאַרמאַכן ביידע אויגן, נאָך דעם ווי מע האָט אָנגעהויבן צו זען קלאָר און סע ווילט זיך צו זען פֿאַר ייִדן עפּעס אַנדערש און צו מאַכן עפּעס אַנדערש! אָבער וואָס ניצט אַלץ, ווען סע פֿעלט דער כּוח, דער כּוח פֿון וואַקסן!

איר זענט יונגע־לײַט, און אַז איר רעדט איך אַרויס אײַערע נײַע מיינונגען אויף ייִדיש, מיינט איר, אַז דאָס זענען סימנים פֿון גאולה. איך אָבער בין אַן עלטערער און איך קוק ווײַטער פֿון אײַך. און איך זע, אַז אויב מיר פֿאַרבלײַבן נאָך אין גלות, וועט אַנשטיין אַ צײַט, וואָס מע וועט זיך מוזן שלאָגן מיט די קינדער וועגן ייִדיש, ווי אַצינד וועגן לשון־קודש, און אפֿשר איז די דאָזיקע צײַט שוין אָנגעשטאַנען...

אַ בריוו צו אַ ייִדישן שרײַבער

איך ווייס, איר זענט נישט קיין גוטער פֿרײַנד פֿון לשון־קודש, אַ ביסל זאָגט איר דאָס שטילערהייט, אַ ביסל אין דער הויך, כּדי אַנדערע זאָלן אויך הערן, אין מיטן גיט איר אַליין אַ ביסל אַ שרײַב לשון־קודש; קומט צו גיין איינער און טוט אײַך אַ כאַפּ, זאָגט איר: ניין, נישט דאָס מיין איך, ס׳איז נאָר איבערגעניצעוועט פֿונעם ייִדישן און נאָר דאָס איז דער עיקר. דערווײַל האַלט דער אַנדערער צד אײַערס אַ לשון־קודשדיק ביכל און נאָך אַזעלכע איבערגעניצעוועטע זאַכן פֿון ייִדיש, וואָס אײַערע חבֿרים האָבן געשריבן, און מע זאָגט זיך: זעט איר, הײַנט איז ד אָ ס אונדזער לשון־קודש; אײַ וואָס, דאָס איז שוין געווען געשריבן אויף ייִדיש? זאָגן זיי, דאָס האָט מען נאָר געטאָן כּדי להראות לעמים והשרים את יפיה! דער פּראָסטער עולם מוז זיך אויך דערוויסן, וואָס סע טוט זיך אויף לשון־קודש. אַזוי האַלט מען תּמיד איין עמער מיט וואַסער און איינעם אַ ליידיקן, און תּמיד גיסט מען פֿון איינעם אין דעם אַנדערן, פֿון לשון־קודש אין ייִדיש און פֿאַרקערט, און ביידע גיסער מיינען, אַז איטלעכער פֿון זיי האָט געשאָסן דעם פֿויגל. וועט איר מיך פֿרעגן: פֿאַר וואָס טוט דאָס מענדעלע? וועל איך אײַך זאָגן, אין מקשין מגדול! מענדעלע טוט דאָס נישט פֿון דעם אייגענעם טעם, וואָס איר טוט דאָס. מענדעלע מוכר־ספֿרים וויל נישט אַרײַנלייגן קיין צוויי קעץ אין איין זאַק. מענדעלע איז געגליכן צו אַ פֿאָטער, וואָס האָט נאָר איין זון, וואָס האָט זיך ייִנגלווײַז אַוועקגעלאָזט אין דער ווײַטער וועלט, און אַז ס׳איז געקומען די צײַט, וואָס דער טאַטע מוז שטאַרבן און ער וויל שרײַבן אַ צוואה, ווייסט ער נישט מער, אויף וואָס פֿאַר אַ לשון זײַן זון רעדט אַצינד! אַזוי שרײַבט ער דאָס אין כּמה וכמה לשונות... עס קאָן אַפֿילו זײַן, אַז דער זון פֿאַרשטייט גאָרנישט די אַלע לשונות און וועט סײַ ווי סײַ נישט לייענען די צוואה... אַז גאָרדאָן האָט געלעבט און ס׳איז נאָך געווען אַ שטיק אמת אויף דער וועלט, האָט מען זיך פּשוט נישט געשעמט זיך אַנידערצושטעלן און צו קלאָגן: למי אני עמל! הײַנט, אַז דער שקר האָט די ממשלה, טאָר מען דאָס נישט אַרויסזאָגן בקול רם און מע מוז זיך דאָס זאָגן שטילערהייט. מילא, דאָס בין איך נישט אויסן...

קערן מיר זיך צוריק צום אָנהייב: פֿאַר וואָס האָבן זיך יִדיש און לשון־קודש נישט ליב? און וואָס איז יִדיש און וואָס איז לשון־קודש? הייסט דאָס טאַקע אַ חילוק אין עצם תּוך, אין דעם עצם ענין, צי איז דער חילוק נאָר אין דעם לשון? ווערליק אײַער סבֿרה, איז איבערגיצעוועט פֿון איין לשון אין דעם אַנדערן אַ רשות־זאַך און מע מעג דאָס: והא־ראיה, מען טוט דאָס און קיינער וווּנדערט זיך נישט, הן די לשון־קודשדיקע לייענער, והן די יִדישע לייענער — ווי זאָגט מען, מע איז דאָך פֿאַרט שכנים. משמעות, אַז דער חילוק ליגט נאָר אין דעם ביסל לשון, דער ע נ י ן בלײַבט דער אייגענער — אָבער ווערליק מײַן סבֿרה, איז דער חילוק טאַקע אין דעם ענין אַליין... פֿון אַ שטיקל לובאַשיצקי צי פֿון אַ טאַוויאָוו, צי פֿון וועמען איר ווילט פֿאַרטײַטשן אויף יִדיש, קומט לחלוטין נישט אַרויס קיין יִדיש, וכן־להיפּוך; אָבער אַן עכטער שלום־עליכם, אַזוינס, וואָס שטעקט אין יִדיש מיט די וואָרצלען, איז אויף לשון־קודש גאַרנישט איבערצוגעבן, סײַדן דער מחבר מאַכט דאָס אַליין, אַדער אַזוי ווי אַליין; און טאַקע פֿון דעם אייגענעם טעם ווי מענדעלע; און זיי ביידן קאָן בדור־הזה קיינער נישט נאָכטאָנצן... איר פֿאַרשטייט, דער ע צ ם פֿון אַ לשון איז נישט דער לשון גופֿא, דער ל ב ו ש, נאָר טאַקע דער ע צ ם, און אַז איך וואָלט מיך נישט געשעמט, וואָלט איך געזאָגט: דער עצם לשון־קודש און דער עצם יִדיש איז ווי אַ זכר מיט אַ נקבֿה. אַ מיידל, אַפֿילו אַז זי טוט זיך אָן אין יִינגלישע קליידער, בלײַבט אַ מיידל, און אַ יִינגל, וואָס טוט זיך אָן אין מיידלשע קליידער, בלײַבט אַ יִינגל, און אַחוץ דעם איז מען נאָך עובֿר אויף לא־תלבש! איך וויל, חס־ושלום, אײַך נישט אָביזשײַען וכדומה. אָבער, אַז איינער קומט צו מיר און גיט מיר אַ זאַך, וואָס תּחילת האָט ער זי געשריבן אויף יִדיש און אַצינד איז דאָס אויף לשון קודש, איז ער בײַ מיר גלײַך, ווי איינער, וואָס נעמט אַ קופּערנע מטבע און פֿאַרזילבערט זי... איך זאָג נישט, אַז זילבער איז חשובֿער פֿון קופּער; אָבער איך וויל, אַז קופּער זאָל שטענדיק בלײַבן קופּער און זאָל זיך נישט פֿאַרשטעלן פֿאַר זילבער. איך וויל, אַז דער עולם זאָל פֿאַרשטיין דעם ח י ל ו ק פֿון ל ש ו ן ־ ק ו ד ש און י ִ ד י ש, און ער זאָל נישט נעמען אין די הענט אַזוינס, וואָס פֿון דעם ווערן אים ביידע נמאס...

ס'איז שוין אַזוי בײַ אונדז יִדן, אַז וואָס מע קריגט אַרײַן אין די הענט, מוז מען צעפּאַטשקען... צו ערשט איז אַ מחלוקת עד לבֿ השמים! די איינע שרײַען: נאָר יִדיש, און לשון־קודש איז ווי חמץ שעבֿר עליו הפּסח און איז אָסור בהנאה; די אַנדערע שרײַען: וואַרפֿט אַרויס די חצופֿה, וואָס איז געקומען פֿון דער פֿרעמד און וויל פֿאַרנעמען דעם פּלאַץ פֿון דער גבֿרת־

הבית. דערנאָך, אַז מע האָט זיך שוין גוט געקריגט און אָנגערעדט איינע אויף די אַנדערע כּל הרעות שבעולם, קומען די צדדים זיך צונויף און מע טאַנצט אין איינעם... אויף דער אמתן זענען ס׳רובֿ יידישע שרײַבער טאַקע לשון־קודשדיקע שרײַבער און ס׳רובֿ לשון־קודשדיקע שרײַבער טאַקע יידי־ שע, און די לעזער זענען אויך אַ געמישטער עולם. איַי, וואָס קריגט איר אײַך? און וואָס דראַפּעט איר זיך אין די פּנימער? גאָרנישט, וואָס דען זאָל מען טאָן? צי זענען נישט לשון־קודש און יידיש שתי צרות זו לזו? וויל נישט איינע ווערן געבויט מחורבן־חבֿרתּה? און איך פֿרעג אײַך, איז דאָס יידיש, וואָס מע קאָן דאָס זאָגן אויף לשון־קודש? און נאָך אַ מאָל פֿרעג איך: איז לשון־קודש טאַקע דאָס, וואָס מע זאָגט אויף יידיש?

דאָס וואָס מענדעלע טוט, דערוועקט אין אונדז דעם פּסוק: והחי יתּן אל לבו... דאָס וואָס פּרץ טוט, איז אַ ביסל נישט שיין פֿאַר אים, ווארעם אַז ער וואָלט געוואָלט און וואָלט געהאַט דרך־ארץ פֿאַר זיך אַליין, וואָלט ער פֿאַר דעם אַנדערן עמער אויך געקאָנט קריגן אַ ביסל וואַסער, צי וויַין... אָבער אויף אַ רבין פֿרעגט מען נישט קיין קשיות, דער רבי מעג. אָבער דאָס וואָס סע טוען אונדזערע יונגע־לײַט, וואָס גייען אַרום מיט פּעקלעך לשון־קודש און יידיש און וויַיזן שטענדיק די אייגענע סחורה, איז לחלוטין נישט שיין. איך האַלט דאָס פּשוט פֿאַר אַן עוון־חמור, הן בנוגע צו יידיש והן בנוגע צו לשון־קודש. און דאָס זאָג איך, כאָטש איך ווייס, אַז עבר ושנה נעשה לו כהיתר, וקולי כקול קורא במדבר...

אַלטע בלעטער (אויפֿצייכענונגען וועגן ייִדישע שרײַבער)

אײַזיק־מאיר דיק

נאָך הײַנט, אַז אַ ייִד קומט צו פֿאָרן קיין ווילנע און גייט אַרויס אויף דער ייִדישער גאַס, אין שולהויף צי אין גאונס בית־מדרש, דערפֿילט ער עפּעס, וואָס ער פֿילט דאָס נישט אין קיין שום ייִדישער שטאָט אין דער וועלט. מע גייט אויף אַן ערד פֿון גאָלע מצוות און תורה און אויף איין מאָל פֿאָרלירט מען זיך אין יענע צײַטן, וואָס אויף דער ליטווישער און פּוילישער ערד האָט זיך אויסגעבויט אַ נײַע יבֿנה, אַ יבֿנה מיט די אייגענע גדולים, מיט די אייגענע השגות און מיט די אייגענע בעלי־מוחות פֿון אַמאָל... דער ווילנער גאון איז אויף קיין פּיצל נישט קיין קלענערער למדן ווי אַ רבי טרפֿון; רבי חיים וואָלאָזשינער איז געווען אַ שטיק רבי מאיר, רבי זלמינא וואָלט געמעגט זײַן אַ רבי פּנחס־בן־יאיר. אָבער נאָר פֿאַר די לומדים און פֿאַר די בעלי־תורה איז דאָס געווען אַ וועלט. אויפֿן פּראָסטן עולם האָט קיינער נישט געקוקט און זײַנעטוועגן האָט קיינער נישט געטראַכט, און קיינעם האָט נישט געאַרט וואָס סע טוט זיך אין זײַן נשמה. דער עם־הארץ, דאָס איז געווען אַ מין זאַך, וואָס איז נישט ווײַט פֿון טומאה. זײַן לשון איז געווען אַ לשון נאָר צו דבֿרי־חול; די לומדים האָבן נאָר געהאַט דרך־ארץ פֿאַר לשון־קודש, פֿאָרן לשון פֿון דער תורה און פֿון דער גמרא...

און דערנאָך, אַז סע האָט שוין אָנגעהויבן צו בלאָזן אַן אַנדער ווינטל, און סע האָבן זיך אין ווילנע באַוויזן מענטשן, וואָס האָבן זיך אָנגערופֿן משכּי־לים, האָט מען אוודאי אָנגעהויבן צו האָבן אין זינען לשון־קודש און גערעכנט פֿאַר אַ מענטשן נאָר דעם, וואָס קאָן לשון־קודש. דער ח י ל ו ק איז באַשטאַנען אין דעם, אַז דאָס וואָס בײַ די לומדים איז געווען נאָר אַ ל ב ו ש צו דער תורה און נישט חס־ושלום די תורה אַ ל י י ן, איז בײַ זיי געוואָרן דער ע צ ם. דאָרט, אין דער פֿרומער מחנה, וואָס איז נאָך אַלץ געווען דער רובֿ, איז מען געזעסן און מען האָט זיך געקבֿייטשט אויף אַ שטיקל תוספֿות צי אויף אַ רש״י. דאָ אָבער בײַ די משכּילים האָט אַ מענטש געקאָנט אָפּלעבן פֿערציק יאָר און אַלץ קלערן וועגן אַ כּלל אין דקדוק, צי וועגן אַ פּסוק אין ישעיה... די פּראָסטע כּנסת־ישׂראל האָט זיך אָבער אין אַזעלכע זאַכן נישט

געקאנט מישן, און אזוי האט מען וועגן איר פארגעסן. ווי אזוי סע האבן זיך פארט געגומען דער "צאינה וראינה" און דער "נופת צופים" און דער "מנורת המאור" און דער "שבט מוסר" פאר די נשים און פרומע ווייבער, איז מיר נאך עד־היום א חידוש. דער גאון וכל־החבריה האבן זיך מיט אזעלכע זאכן אוודאי נישט אנגעקערט, און אדם הכהן לעבענזאן און קאצע־נעלזאן און שערעשעווסקי אויך נישט...

און דא שטייט מיט א מאל אויף א ייד, א ייד א חכם און א משכיל, און הייבט אן צו שרייבן פארן פראסטן עולם און גאר אויף יידיש. אייזיק־מאיר דיק איז דאס געווען. א ביסל איז אט דער ייד אפילו נישט געווען ווייט פון יענע משכילים; ער האט געקענט תנ"ך און האט ליב געהאט טבעיות און דאס, וואס מע רופט זיי אן די חכמות פון דער וועלט. אז ער וואלט געווען א מגיד, וואלט ער גאר אפגענומען א וועלט, ווארעם ער האט געקענט א סך משלים און האט פארמאגט א סך וויץ און האט פארשטא־נען צו ווארפן מיט א פסוק און אויסצודריגגען, אז א מענטש באדארף צו זיין א מענטש און נישט קיין בהמה... אז די תאוות זענען טאקע מן־הטבע דעם מענטשן שעדלעך; אבער אז איינער איז א בעל־תאווה, האט ער בירושה פון זיין טאטן. א ייד האט ליב אז מע גיט אים צו פארשטיין און אז מע טאלקעוועט אים איין, אז דאס איז אזוי און אזוי...

אייזיק־מאיר דיק האט זיינע לעזער געקוקט נישט אין די אויגן, נאר אין הארצן. ער האט נישט געקוקט אויף די מלבושים און נישט אויף דעם מעמד און אויף דער שטעל פון א מענטשן. געקוקט האט ער נאר אין תוך אריין: דו מעגסט זיך זיין אנגעטאן אין א שטריימל און אין א לאנגער קאפאטע, און ביסט פארט א גנב. און פארקערט, קוקט אן די יידענע, וואס ווערט פאר־שווארצט אין קראם און באדארף הארעווען אויף חיונה, כדי דער מאן אירער זאל זיך קאנען זיין א פועל־בטל ביי דער תורה... פינצטער און פארזארגט איז איר פנים, און דאך איז זי אויך געווען א מאל א מיידל, און איז געווען שיין און פריילעך, און האט געווארט אויף איר חתן, און סע האבן זיך איר געחלומט גאר זיסע חלומות... פע, דאס לעבן מאכט דעם מענטשן קויטיק, ביז איבערן קבר ציט זיך דער עולם־השקר... אט אזוי מישט זיך דאס אלץ אויס אין קאפ ביי דיקן. און פונדעסטוועגן זאגט ער אונדז נישט קיין מוסר און דרינגט אונדז נישט אויס פון דער מעשה, אז סע באדארף צו זיין אזוי און אזוי. מניה־וביה זעט מען ביי אים א ברייטן שמייכל אויף די ליפן, און נישט זעלטן טרעפט מען ביי אים א ניבול־פה, וואס צום ענין פאסט ער אפט מאל בעסער ווי א פסוק... און דיק זאגט דאס נישט פון זיך אליין, נאר סע זאגט דער מענטש, וואס דיק דערציילט וועגן אים. הײַנט חידושט מען זיך

נישט אויף דעם; אָבער דעמאָלט, וואָס אַז איטלעכער מענטש, וואָס האָט געשריבן, האָט געשריבן רק לשם־ספֿר, און טאַקע כּדי צו זאָגן וועגן זיך און דרשענען וועגן זיך, און האָט נישט אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין, אַז ס׳איז אַ סך בילכער צו וויסן און צו קענען דאָס לעבן פֿון די דאָזיקע מענטשן, וואָס זיי מאַכן גאָרנישט קיין ספֿרים, איידער דאָס לעבן פֿונעם מחבר, פֿונעם קאָפּמענטש אַליין, — איז אַזוינס, וואָס אײַזיק־מאיר דיק האָט געטאָן, געווען אַ גרויסער חידוש.

און אַזוי האָט דיק זיך אָפּגעלעבט זײַנע יאָרן, דערציילט און געשריבן ביכלעך גאָר אָן אַ שיעור. אַ שאַרפֿן פּירוש אויף איובֿ האָט ער גראָד נישט געמאַכט, אָבער אַז אַ ייִד האָט עפּעס פֿון אים געלייענט, האָט ער אים פֿאַרשטאַנען, ווערדליק אַ ייִד קען פֿאַרשטיין.

צי אײַזיק־מאיר דיק אַליין האָט אין דעם, וואָס ער טוט, געהאַט די אמונה, אַז דאָס איז אַ גוטע זאַך, אָדער ער האָט זיך גאָר געהאַלטן פֿאַר אַ דרדקי־מלמד, ווייס איך נישט. דיק איז נישט געווען קיין מענטש פֿון ווײַטע מחשבֿות, און אַז ער האָט געטראַכט, האָט ער געטראַכט מער פֿון אַנדערע ווי פֿון זיך...

געשטאָרבן איז ער געזונט און שטאַרק און האָט געהאַט אַ גרויסע לוויה, אָבער באַלד האָט מען אים פֿאַרגעסן. די לומדים האָבן זיך ווידער גענומען צו זייערע הגהות־הש״ס און צום קיצור פּסקי תּוספֿות, און די משׂכּילים — צו זייערע ביאורים, צי גאָר צו ״ביאורים חדשים״ און שירים. און אויף אײַזיק־מאיר דיקן איז געוואָרן נסתּם־הגולל...

סע קאָן זײַן ער וואָלט גאָרנישט אויפֿגעשטאַנען קיין תּחית־המתים, און סע וואָלט הײַנט נישט געווען קיין ייִד, וואָס זאָל וויסן וואָס סע הייסט ייִדיש, און וואָס ס׳איז אַ לשון פֿונעם פֿאָלק, ווען סע וואָלט נישט געקומען אַן אַנדערער, אַ ייִד פֿון אַן אַנדער קאַנט און גאָר מיט אַן אַנדער דרך, און דער האָט געהאַט אַ גאַנץ אַנדערע השפּעה. וועגן אָט דעם שרײַבער רעדן מיר אין דעם צווייטן קאַפּיטל.

יצחק־יואל לינעצקי

די, וואָס געדענקען נאָך צעדערבוימס "קול־מבשר" פֿון אַ מאָל אין אַדעס, וועלן זיך דערמאָנען אויף די שיינע הלצהדיקע פֿעליעטאָנען, וואָס זענען געווען אונטערגעשריבן מיטן נאָמען יצחק־יואל לינעצקי. פּלוצעם האָט זיך אָבער לינעצקי מישבֿ געווען און האָט געשריבן אַ בוך אויף פּראָסט ייִדיש מיטן נאָמען "דאָס פּוילישע ייִנגל", און דאָס בוך איז מער נתפּרסם געוואָרן ווי אַלץ וואָס ער האָט אָנגעשריבן ביז דעמאָלט, און האָט צו יענער צײַט אָפּגענומען אַ וועלט, און געמאַכט דעם גרעסטן רושם אין יענעם קאַנט...

לינעצקיס כּוח איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אויף איין מאָל האָט ער אַנטפּלעקט דעם להיפּוך־ולהיפּוך פֿון דעם שטייגער, וואָס אין אים האָט מען געלעבט און אין אים איז מען געווען אײַנגעוויקלט פֿון קינדווײַז אָן.

טויזנט יאָר האָבן די מחמירים און אַלע פֿרומע לײַט, וואָס האָבן נישט געהאַט וואָס צו טאָן, אַלץ ממציא געווען חומרות און דינים, האָבן אַלץ געטראַכט און זיך געמאַטערט ווי אַזוי אַרויסצוציִען פֿונעם ייִדן דאָס ביסל לעבן. אויפֿן האַלדז און אויפֿן קאָפּ, אויף די הענט און אויף די פֿיס און אויף די פֿינגער פֿונעם ייִדן זענען געווען אָנגעשפּעט שטריקלעך, און אויף איטלעכן שטריקל זענען געהאַנגען דינימלעך, פּשטלעך, זאָגעכצן און קאָפּ־פֿאַרדרייענישן. און ביז אויף די ציין האָבן בײַ אים געהאַנגען גלעקלעך פֿון יציאת־מצרים, פֿון בלקן, פֿונעם עגל, פֿונעם כּהן־גדול וכדומה, און אַז דער ייִד האָט זיך געטאָן אַ ריר, האָבן זיך אָנגעהויבן טרייסלען אַט די אָנהענגעכצן און ס'איז געוואָרן אַ געפּילדער און אַ רעש, און מלאכים זענען געקומען אָנקוקן יעקבֿס זון מיט די צוויי פּאָר תּפֿילין און מיטן גרויסן טלית און ווי אַזוי ער שאָקלט זיך און דינט כּסדר דעם בורא.

און אַט דאָ איז געקומען לינעצקי און האָט אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער, און אַלע ייִדן האָבן זיך צעלאַכט און די גאַנצע זאַך איז זיי אַליין פֿאַרגעקומען מעשׂה־חוזק...

לינעצקי האָט דאָס אַלץ אַזוי געטאַלקעוועט, אַז אַלע פּוסקים און מחמירים, וואָס האָבן אויף אונדז אָנגעוואָרפֿן די פּעק מיט די מצוות און חומרות און די אַלע גוטע זאַכן, וואָס איטלעכער טוט נאָך דעם אַנדערן און מיינט נאָך,

אַז דערמיט איז ער בייַ גאָט נושׂא־חן, האָבן אונדז פּשוט געהאַלטן פֿאַר נאַראָנים צי גאָר פֿאַר בהמות, און נאָך אַ סך ערגער ווי בהמות. אַ בהמה דאַרף כאָטש נישט מאַכן קיין ברכה אויף די קלייַען וואָס מע גיט איר, אָדער זיך וואַשן צו אַ ביסל גראָז. עולה־תּורה זייַן איז אַ בהמה אוודאי נישט מחויבֿ, און שבֿעה נאָך אַ מת דאַרף זי אויך נישט זיצן, צי בענטשן אתרוג, צי זייַן אַ נזהר אין מאכלות־אסורות, צי גאָר נעמען זיך פֿאַר פּסח איבער־קלייַבן די ווייץ, כּדי אַרויסצוגעפֿינען איטלעכן צעשפּאָלטענעם קערנדל, וואָס סע וואַקסט, חס־ושלום, אין אים אַ ווײדעלע...

און ייִדן האַלטן זיך בײַם בויך און לאַכן. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ קלוגער יונג אָט דער לינעצקי, און אַזאַ לץ און משומד, אַ רבֿס אַ זון מיט אַזאַ טריפֿהנעם פּיסק. נאָכדערצײלט האָט מען זיך פֿון אים אַלע גלײַכווערטלעך; דעם ימח־שמוניק האָט מען געשאָלטן און דערבײַ געשמאַק געלײענט; און יונגע־לײַט האָבן גאָר אָנגעהויבן צו באַקומען גאַנץ אַנדערע מחשבֿות ומניה־וביה איז פֿונעם לאַכן גאָר געוואָרן אַ שטיק כּפֿירה און מע האָט זיך אָנגעהויבן צו קלײדן אַ ביסל קורץ און פֿאַרבײַגײן די משונהדיקע מנהגים...

אַ קיצור, ס'איז אויפֿגעשטאַנען אַ נײַער דור, צעזייט און צעשפּרייט אין אַלע ייִדישע שטעט, מיט נײַע מיני וווּנטשן און נײַע מיני מחשבֿות. מע וויל שוין שטודירן, מע רוקײַעט זיך מיט מיידלעך, מע לײענט ראָמאַנען און מע הייבט אָן צו פֿאַרשטיין, אַז די וועלט איז נישט באַשאַפֿן געוואָרן נאָר פֿאַר ייִדן וועגן, פֿאַרקערט: די גויים זענען אויך גאָר קיין נאַראָנים נישט און מע קאָן פֿון זיי לערנען און מע מוז פֿון זיי לערנען. אָט אין דעם אַלעם האָט אַ גרויסן חלק "דאָס פּוילישע ייִנגל"...

לינעצקי האָט דערנאָך אין גאַנצן אָוועקגעלאָזט לשון־קודש און האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן לוחות מיט "יאָקל און יעקל" און האָט זיך אויף דער אמתן געמאַכט משוגע. וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן, האָט ער אָפּגע־זאָגט אינעם "פּוילישן ייִנגל"; און אַז סע זענען אָוועק אַ סך יאָרן און ער האָט זיך אַרומגעקוקט, ווי אַזוי ס'איז געוואָרן אויף דער וועלט, האָט ער געשריבן אַ קליין שטיק, וואָס איז געווען געדרוקט אין שלום־עליכמס "ביבליאָטעק", מיטן נאָמען "אַ וואָרעם אין כריין", און האָט געגעבן אַ שטילן וויין... און אָט דער, וואָס האָט אָנגעצונדן דעם פֿאַקל פֿון השׂכּלה בײַ ייִדן, לעבט היינט אין אָדעס, און איז אָן אָרעמער ייִד און טראָגט אַרום ציגאַרן צום פֿאַרקויפֿן... פֿאַרגעסן, פֿאַרגעסן איז לינעצקי מיטן "פּוילישן ייִנגל" פֿאַרגעסן אײנער פֿון אונדזערע יחידים... אַפֿילו אין דער ייִדישער ליטעראַ־טור גופֿא, וואָס בסך־הכּל איז ער געווען איר זיידע אָדער איר צווייטער טאַטע, דערמאָנט קײנער נישט זײַן נאָמען.

שאצקעס

מרדכי־אהרן שאצקעס איז געווען דער איינציקער פון די באקאנטע גרויסע לשון־קודש־שרייבער און פון די לוחמים פאר השכלה און חרות, וואס מיט זיין "מפתח" האט ער א סך אויפגעטאן. א קליין יידל און א פארביסענער אפיקורס. געזעסן איז ער ביים טיש תמיד מיט א יארמלקע אויפן קאפ און געררייכערט א ליולקע אפילו אום שבת. גארנישט, אבער א כוח האט ער געהאט און א פען! היינט שרייבט מען ביי אונדז נישט מער אזוי.

און דא קומט אים אויס צו שרייבן א בוך אויף יידיש און דעם דאזיקן בוך צו געבן א נאמען: "דער יידישער פאר־פסח", און דאס האט געמאכט נאך מער רושם. אויך אין דעם בוך רופט שאצקעס למלחמה נגד הדת ונגד האמונות הטפלות, אבער מיט גאנץ אנדערע כלי־זיין. דא רעדט שוין אייבער פון דער לעבער, און סע ברענט דער כעס אויף אלע מנהגים און חוקים, וואס מיט זיי האט מען אונדז ארומגערינגלט און אונדז אוועקגענומען דעם אטעם. פארשימלטע און אויסגעדארטע מוחות האבן אונדז געהאדעוועט מיט נארישקייטן, קיין מזונות זענען זיי לחלוטין נישט געווען.

נא, ברידער! פארשטייט איר א מעשה! גאט, וואס ער איז דער הזן ומפרנס, האלט אונדז נישט פאר קיין קעסטקינדער און וויל גארנישט אז מיר זאלן זיין פון די שומרי־מצוותיו, נאר פון די זוכרי־פקודיו. און די גאונים מיט די רבנים ווארפן אויף אונדז אן פרישע מצוות און חומרות, גארנישט, זייערע אייגענע משפטים און זייערע אייגענע אויסטייטשן. אן עם־התורה זענען מיר, קומען ארויס פון אברהמען און בידעווען און בידע־ווען...

שאצקעס וויל קריטיש באטראכטן אלע אונדזערע מנהגים און אלע פאראדקעס און האט דעם קוק פון אונדזער ארעם וועלטל און פארשטייט אונדזערע מענטשעלעך ביז אין תוך אריין. דאס יידישע הויז פון די אמאליקע צייטן לעבט פאר אונדז אויף, און ער מאלט דאס אפ מיט אלע פרטים. פארלאנגט נישט פון שאצקעסן קיין פיינע קונסט צי גאר פסיכאלאגיע; דערצו איז ער צו פיל ייד און האט ליב פעפער און פאמפושקעס; אבער וואס

ער זאָגט, טרעפֿט ער צו, און אַז ער גיט אַ פּאַטש, פּילט מען אים.

שרעקלעך און שווידערהאַפֿט וועט זײַן צו הערן, ווי מענטשן פֿלעגן זיך מאַרדעווען דעם גאַנצן חודש פֿאַר פּסח און טאָן קאַטאָרזשנע אַרבעט. פֿרעגט זיי: פֿאַר וואָס? ווילט איר קומען צו אַ טאַלק, פֿאַר וואָס מע שלעפּט אַן אויף זיך אַזוינע קייטן? אַז בײַ ייִדן איז אַלץ בבחינת מתּן תּורה, אַז אַלץ, וואָס אַ נאַרישער רבֿ האָט אויסגעטראַכט, איז תּורת־משה.

"אשר על כּן קוראים יקרים, זע איך דאָס פֿאַר אַ חובֿ צו לאָזן למזכּרת־עולם" די גאַנצע שווערע פּאַנשטשינע, וואָס אונדזערע פּוסקים און בעלי־טובֿות האָבן אונדז געגעבן צו טראָגן.

און דערפֿאַר איז דאָס אַ חובֿ, אַז בשעת מע רעדט מכּוח די גרויסע בונים, וואָס האָבן געשאַפֿן דעם ייִדישן ספֿרות, צו געדענקען פֿון שאַצקעסן. דאָס, וואָס ער האָט אַרײַנגעטראָגן אין דעם ייִדישן לשון, האָט מען נאָך עד־היום נישט אָפּגעשאַצט. און אַרײַנגעטראָגן האָט ער אַ סך.

מענדעלע מוכר־ספֿרים

אַצינד וויל איך רעדן פֿון מענדעלען, פֿון גרויסן מענדעלע מוכר־ספֿרים, פֿונעם זיידן. איך ווייס נישט צי ס'איז איטלעכן ידוע, אַז מענדעלע מוכר־ספֿרים, שכּולנו חייבים בכבודו וכולנו שתּינו מבארו און אַלע האָבן מיר זיך געלאָבט פֿון זײַן ברונעם, האָט אַ מאָל געהייסן שלום־יעקבֿ אַבראַמאָוויטש, און האָט געשריבן דעם "האָבֿות והבנים", דעם "תּולדות־הטבֿע" און דעם "משפּט־שלום" און נאָך אַנדערע זאַכן אויף לשון־קודש. דאָס איז געווען אין יענע יאָרן פֿון דער אַלטער השׂכּלה מיט חיים־צבֿי לערנערן, מיט די מדקדקים און מיט די ראַבינער־שולן, וואָס פֿון זיי האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. אַ מאָל האָב איך באַקומען אַ העפֿטל "השחר" און איך האָב דאָרט געפֿונען אַן אַרטיקל פֿון אַבראַמאָוויטשן, "מה אנו?" און דאָס איז געווען אַ ביסל גוט און אַ ביסל שלעכט. איטלעכער פֿון אונדז, וואָס האָט שטאַרק געלייענט ליליענבלומען און סמאָלענסקינען און גאָרדאָנען, וואָלט נישט געקאָנט זאָגן, אַז פֿון אַבראַמאָוויטשן האָט ער גענאַשט. עפּעס איז דאָס געווען אַ מין נישט־פֿיש און נישט־פֿלייש, נאָר דער לשון איז געווען גוט, אָבער וואָס האָט מען פֿונעם לשון אַליין?

און דאָ נעמט זיך אַבראַמאָוויטש און הייבט אָן שרײַבן ביכער אויף ייִדיש, און נאָך וואָס פֿאַר אַ ביכער! אויף איין מאָל האָט זיך געעפֿנט אַ נײַע וועלט. עפּעס אַזוינס און אַזאַ מין דרך האָבן מיר נאָך קיין מאָל נישט געזען.

פֿאַרשטייט זיך, אַז אין ״התועה בדרכי החיים״, און אין ״גמול־ישרים״ צי אין ״שמחת חנף״ זענען אויך געווען געשיכטעס פֿונעם לעבן. אָבער ״די קליאַטשע״ איז געווען עפּעס אַנדערש; ״פֿישקע דער קרומער״ איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש; און ״דאָס קליינע מענטשעלע״ און ״הערשעלע״ זענען ווידער גאָר עפּעס אַנדערש. דאָ דערציילט אייגער מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן און שנײַדט אונדז די קישקעס. דאָ איז די כּנסת־ישׂראל, ווי זי לעבט און לײַדט און ריכט אָפּ חצות, און סע ציטערט די נשמה און אַליין טוט מען אויך אַ וויין... איר פֿאַרשטייט, סע זענען פֿאַראַן מענטשן, וואָס זיי זענען גאָרנישט קיין משׂכּילים: ס׳איז אַ פּראָסטער גראָבער עולם, שטיקלעך גנבֿים און נאָך אַזוינע לײַט און פֿונדעסטוועגן האָבן זיי אויך אַ נשמה... איר פֿאַר־שטייט, אַ ייִד איז אַזאַ מין מענטש, וואָס צו אים דאַרף מען זיך צוהערן, און דווקא אַרײַנקריכן אין אים, כּדי תּופֿס צו זײַן אים מיט אַלע זײַנע אבֿרים... מענדעלע מוכר־ספֿרים דערציילט נישט צו אונדזער דערקוויקעניש, ער וויל נישט פֿאַרשאַפֿן אונדז קיין פֿאַרגעניגן און דערציילן גלאַט אַזוי אַ מעשׂה; פֿאַרקערט, ער וויל מיר זאָלן זיך אַנידערזעצן און אים אויסהערן און זיך דערוויסן פֿון אים, וואָס זענען מיר אַליין. און דאָס איז ער דער גרויסער מורה־דרך, און ער ווייסט איטלעכס ווינקעלע אין האָרצן. עפּעס טוט ער משפּטן און איז אַ מוכיח, און דאָס אַלץ זאָגן מיר זיך אַליין... האָט איר אַ מאָל געלערנט איובֿ? מענדעלע פֿרעגט נישט קיין קשיות, נישט אויף גאָט און נישט אויף דער השגחה, און עס בלײַבט פֿאָרט אַ קשיה... ביז מענדעלען האָבן מיר אַלץ געמיינט, אַז מיר זענען ערבֿ פֿאַר יענעם, נאָר אַז מע גיט פֿאַר אים אַ וועקסל צי אַ חתימהלע; לייענט מען אָבער מענדעלען, קומט אויס, אַז מע איז ערבֿ פֿאַר זיך אַליין. איר פֿאַרשטייט, דער אַנדערער איז נאָר אַ שפּיגל פֿון אונדז אַליין.

איך וואָלט געקאָנט אויסרעכענען נאָך אַ סך מעלות פֿון מענדעלען, אָבער טאָמער וועט זײַן געגוג, אַז איך וועל אײַך געבן אָט דעם משל. איטלעכער פֿון אונדז האָט אַ מאָל געגאַשט פֿון אַ שטיקל אבֿן־עזרא צי פֿונעם רלב״ג, און פֿונעם ״חובֿת הלבֿבֿות״ און פֿונעם בעל־עקדה אויך. אַלע זענען זיי געווען די גרויסע מוחות מיט די טיפֿע השׂגות; אָבער ס׳איז דאָך אַלץ גאָרנישט קעגן דעם רמב״ם. יענע האָבן געבויט שיינע הײַזער, און דער רמב״ם האָט אויסגעבויט אַ גאַנצע פֿעסטונג. מענדעלע מוכר־ספֿרים, דער זיידע מיט זײַנע גרויסע חיבורים איז דער רמב״ם אין דער ייִדישער ליטעראַטור. און אַז ייִדן וואָלטן געווען אַ פֿאָלק מיט אַלע פֿעלקער צו גלײַך און וואָלטן געהאַט זייער מדינה, און דאָס ייִדישע לשון וואָלט געווען נכתב ונחתם בטבעת האומה ובטבעת המלכות, ווייס איך, אַז הונדערטער יאָרן נאָך וואָלט

מען מענדעלען געלייענט און פֿאַרשטאַנען, און וויַטער געלייענט. וואָס טוט אָבער גאָט? זענען מיר נאָר שבֿרים פֿון אַ פֿאָלק און אונדזער לשון שאָקלט זיך און שאָקלט זיך... וואָס קאָן מען חושד זיַין מענדעלען, אַז ער איז געוואָרן עלטער און האָט דערזען, אַז דאָס ייִדישע לשון איז שוין אויך נישט אַזאַ בטוח, וואָרעם די קינדער רעדן שוין גאָר אַנדערש, האָט ער ווידער אָנגעהויבן צו שריַיבן אויף לשון־קודש, און דווקא גוט, און טויזנט מאָל בעסער ווי פֿריִער. ווי זאָגט דער פּסוק: אם יבוא עשו אל המחנה האחת והכהו והיה המחנה הנשאר לפליטה! אַז דער קורס פֿון לשון־קודש איז געשטאַנען נישט גוט, און ס'האָט געהאַלטן אָט־אָט ביַים אָנזעץ, האָט מענדעלע גענומען זיַין פֿאַרמעגן און אַריַינגעלייגט אים אין ייִדיש, און סע האָט אונדז געטראָגן צינדזן און צינדזן פֿון צינדזן; דערנאָך, אַז ער האָט אָנגעהויבן צו קווענקלען זיך בנוגע דעם ייִדישן לשון, טאָמער האָט עס חס־ושלום אויך נישט קיין קיום, האָט ער גענומען זיַינע פּאָזיטן און זיי ווידער אַריַינגעלייגט אין לשון־קודש. אוי, איז דאָס אַ האַרצווייטיק פֿון אַ שריַיבער: ער מוז ציטערן אי פֿאַר דער נשמה, אי פֿאַר דעם גוף...

שלום־עליכם

פֿאַרציַיטן, אַז ייִדן זענען געזעסן און האָבן געלערנט און די תּורה איז נאָך געווען חשובֿ, איז בקיאות געווען איינע פֿון די שענסטע מעלות און טאָקע אַ גרויסער יסוד פֿון קיום התּורה. ספֿרים האָבן נישט אָט דעם קיום, ווי דאָס, וואָס ליגט אין האַרצן פֿון אַ מענטשן. אין **דעם** ייִד האָט געלעבט דאָס חוקל, אינעם **אַנדערן** — דער משניות, אין **דעם** אַ שטיק שולחן־ערוך, אין **יענעם** — אַ סדר פֿון ש"ס צי אַ סך ספֿרי־יראים, און אַזוי האָט די גאַנצע תּורה זיך געהאַט איר שמירה.

שלום־עליכם איז אַן אַנדער מין בקי, ער איז דער בקי אין דעם **עצם** ייִד און טראָגט אין זיך דעם אוצר־הנשמות פֿון אַ סך ייִדן. ער קען דעם ייִדן פֿון אינעווייניק און פֿון אויסנווייניק; ער ווייסט ווי דער ייִד רעדט און ווי דער ייִד טראַכט, ער קען איטלעכן קנייטש אין זיַין נשמה און איטלעכן אויפֿטו, ער קען זיַינע חלומות און זיַינע האָפֿענונגען, זיַינע צרות און זיַין מוטשען זיך. און ער ווייסט ווי אַזוי אונדז דאָס צו דערציילן און אויסצומאָלן, אַזוי ווי קיינער האָט פֿאַר אים דאָס נישט געקענט. איטלעכס וואָרט פֿון אים לעבט. איטלעכער שטריך פֿון אים איז אַ גאַנצער אבֿר פֿון אַ מענטשן, איטלעכער סיפּור פֿון אים — אַ שטיק ייִדישע וועלט.

שלום־עליכם איז גרויס אין זײַן װײנען און אין זײַן לאַכן; גרויס איז ער, אַז ער רעדט, און גרויס, אַז דער משורר טרעט אַרויס פֿאַר אונדז און זאָגט: שמעני, הערט צו, מײַנע ייִדן, װאָס איך װעל אײַך דערציילן! איר װייסט נישט, װאָס שלום־עליכם קאָן, איר װייסט נישט, װאָס זײַן קראַפֿט פֿאַרמאָגט, אַז ער װיל; איר װייסט נישט, אַז ער איז דער איינציקער, װאָס ער קען דעם ייִדישן לשון און װאָס האָט געשאַפֿן דעם ייִדישן לשון.

אַ ייִדישער יונגער־מאַן, אַז ער הייבט אָן צו װעלן קענען לשון־קודש, קוקט ער אַרײַן אין ישעיה און אין ירמיה, צי אין רבי יהודה־הלוי, צי גאָר אין די שפּעטערדיקע, למשל אין גאָרדאָנען. לשון־קודש איז בײַ אונדז אַ בן־בית און אַז מע װיל דאָס קענען, באַדאַרף מען נאָר צוגיין צו דער שאַפֿע מיט ספֿרים און אַרויסנעמען אַ ספֿר. ייִדיש אָבער ליגט נאָך אין האַרצן פֿון דעם ייִדן, פֿון דעם פּראָסטן ייִדן, אין האַרצן בײַם המון־העם, אין אָט־די מענטשן, װאָס ביז אַצינד און טאָקע שוין פֿון דער גמרא אָן, אַז מע האָט געשמועסט פֿון ייִדן, האָט מען גאָר פֿאַרגעסן זיי מצרף צו זײַן צום מנין... שלום־עליכם האָט אָט די נשמה אַרויסבאַקומען, שלום־עליכם האָט אונדז צוגעפֿירט צו דעם קוואַל, צו דעם אייביקן קוואַל פֿונעם ייִדישן לשון, שלום־עליכם איז בנוגע דעם ייִדישן לשון דער רש״י פֿונעם חומש און אפֿשר דער חומש אַליין.

און װאָס אונדז געפֿעלט אין אים און װאָס סע ציט צו אים, איז, אַז ער מאַכט פֿון זיך נישט קיין רבי, און שאַפֿט דאָס אַלץ אָן קונצן, אָן העװיות און אָן חכמות. ער שיט מיט גאָלד און מאַכט דאָס אַלץ פּראָסט, װי דער ייִד אַליין איז פּראָסט. שרײַבן איז בײַ אים נישט אַ מין עבֿודה, נישט אַ שרײַבן פֿאַר זיך, װי איינער, װאָס גיסט אויס זײַן האַרץ און זײַן װייטיק. ער אַליין איז אײַך אַלץ מוחל און ער פֿאַרלאַנגט פֿון אײַך נישט קיין כּבֿוד און אַז איר זאָלט אים באַװונדערן: ער װיל אײַך נאָר דערציילן פֿונעם ייִדישן פֿאָלק, פֿונעם אמתן ייִדישן פֿאָלק; ער װיל, אַז איר זאָלט װיסן, װאָס איז אַ ייִד און װי אַזוי אַ ייִד רעדט; ער װיל, איר זאָלט קענען זיך אַליין, און האַלט אײַך דעם שפּיגל פֿאַר אײַערע אויגן.

די נשמה פֿון אַ ייִדן װעט איר געפֿינען בײַ שלום־עליכמען און דעם אמתן לשון פֿון אַ ייִדן. איטלעכס װאָרט פֿון אים איז אונדז באַקאַנט און דאָס האָבן מיר געזויגן מיט דער מוטערס מילך; איטלעכן װוּנק קענען מיר, און פֿונדעסטװעגן האָבן מיר געמוזט װאַרטן ביז ער איז צו אונדז געקומען און האָט אונדז געמאַכט באַקאַנט מיט אונדז אַליין...

אַװדאי איז שירה דער כּוח צו נעמען אַ שטיק לעבן און דאָס אַרײַנגיסן אין אַ פֿאָרעם, אַז סע זאָל בלײַבן אויף שטענדיק. דאָס קאָן שלום־עליכם

אויך. לייענט ״יאָסעלע סאָלאָוויי״, לייענט ״סטעמפּעניו״, לייענט ״טבֿיה דער מילכיקער״, לייענט דעם ״ערבֿ־פּסח איבערן בוג״, נעמט די פּיר בענדער פֿון זײַנע ווערק, וואָס זענען געוואָרן צוגעגעבן צו דער ״ייִדישער פֿאָלקס־צײַטונג״! אָבער וואָס מיר חידושן זיך אויף אים נאָך מער, איז ווי ער פֿאַרשטייט אַזוי גוט צו איבערגעבן דאָס קליינע און אַז בײַ אים איז גאָרנישט דאָ קיין קליינס. אַ קליין שמועסל פֿון צוויי ייִדן איז שוין אַ גאַנצער סיפּור. אַ ייִד שפּיליעט אָפּ דעם זשילעט און גיט אַ קרעכץ און מיר האָבן אים אַ לעבעדיקן, ווי ער שטייט און גייט. אויף טעאַטער־לשון רופֿט מען דאָס ד י א ל א ג, דאָס הייסט אויף פּראָסט ייִדיש, ווי צוויי מענטשן רעדן מיטאַנאַנדער; דאָס קאָן שלום־עליכם ווי נישט קיין אַנדערער, אַקוראַט ווי ער לייענט דאָס אײַך פֿונעם בוך און איר וואָלט געקאָנט שווערן אַז אָט אַזוי איז געווען דער שמועס און נישט אַנדערש. עפּעס איז בײַ אים אַלץ איבער־געגעבן מיטן נוסח און מיטן טראָפּ. סע זינגט און סע זאָגט זיך אַלץ פֿון זיך אַליין.

עפּעס האָט ער אַ מין כּוח אין זיך, צו האַלטן אונדז בײַ זײַנע זאַכן און צו מאַכן זיי אונדז אַזוי היימיש, ווי זיי וואָלטן זיך גענומען פֿון אונדז אַליין. דער אמתער משורר, דער פֿאָלקס־משורר שפּרינגט נישט אויף אַ באַרג און מאַכט נישט קיין ווילדע קולות, כּדי מיר זאָלן זיך דערשרעקן, נאָר ער זעצט זיך צו צו אונדז אויף אַ בענקל און דערציילט אונדז ווי אַ גוטער פֿרײַנד, ווי אַ מאַמע רעדט מיט איר קינד. בײַ שלום־עליכמען פֿילט מען זיך אַזוי ווי אין דער היים, ווי בײַ דער מאַמעס פֿאַרטעך, עפּעס הערן מיר גאָרנישט דעם בעל־המחבר, נאָר דאָס ייִדישע פֿאָלק, די כּ נ ס ת ־ י שׂ ר א ל אַליין, און נישט יענע כּנסת־ישׂראל, וואָס לייגט צוויי פּאָר תּפֿילין און האָט ליב שטאַרק שלישי און שישי, נאָר די פּראָסטע און די אמתע. איך האָב פֿײַנט פּריצים און משׂכּילים, זאָגט שלום־עליכם, איך האָב ליב דעם פּראָסטן ייִדן, און גיי אויס פֿאַר אַזאַ ייִדן.

אין זײַן פּ ש ט ו ת איז שלום־עליכם גרויס, און דאָס איז זײַן שטייגער. און איך ווייס, סע וועט קומען אַ צײַט, וואָס קיין אַנדערער שטייגער וועט נישט זײַן אין ייִדיש. ייִדיש שרײַבן וועט הייסן ווי שלום־עליכם שרײַבט, ייִדיש קענען וועט הייסן קענען שלום־עליכמען.

ווידער וועגן שלום־עליכמען

בנוגע צום לשון, צו דעם ייִדישן לשון, איך מיין נישט דעם לשון אַליין, וואָס מע רעדט, נאָר דאָס, וואָס מע פֿילט אין דעם, איז שלום־עליכם דער

גרעסטער, וואָס מיר האָבן געהאַט, און איך האָב מורא צו זאָגן, אויך דער לעצטער... דײַטש איז נישט קיין ייִדיש, כאָטש סע דרוקט זיך מיט ייִדישע אותיות, און דאָס, וואָס הײַנט רופֿט מען דאָס אָן בקולי־קולות ייִדיש, איז פֿון דעם ריינעם ייִדיש, וואָס שלום־עליכם האָט אונדז געגעבן, אַזוי ווײַט כרחוק מזרח־ממערבֿ.

אַז איינער קען גאָרנישט קיין דײַטש, קאָן ער בעוונותינו־הרבים זיך דאָס נאָך אַ ביסל אויסלערנען פֿון אונדזערע נײַע ייִדישע שרײַבערס. אָבער ייִדיש קאָן מען זיך פֿון קיינעמען נישט אויסלערנען, סײַדן פֿון שלום־עליכמען אַליין. נאָר ער האָט דעם שליסל צו דעם ייִדישן לשון און נאָר בײַ אים אַליין איז דער גאַנצער אוצר... און איך ווייס, אַז ווען חס־ושלום שלום־עליכם וועט שטאַרבן פֿאַר מילוי־שנותיו, און בײַ ייִדן איז דאָס קיין קונץ נישט — וועט מען מיט אים ברענגען צו קבֿורה אפֿשר דעם לעצטן ייִדן, וואָס קען ייִדיש, וואָס האָט גערעדט ייִדיש, וואָס האָט צו אונדז גערעדט אויף מאַמע־לשון.

און טאַקע נישט נאָר צוליב דעם עצם לשון איז שלום־עליכם אונדזער חומשל אין ייִדיש, נאָר צוליב דעם עצם ייִד, וואָס רעדט בײַ אים און שמועסט בײַ אים. כּלומרשט לאַכט ער און איז בסך־הכּל אַ פֿריילעך מענטשל; אָבער אויף דער אונטערשטער סטרונע גיט ער אַ צופּ בײַ דער נשמה. דאָס איז אַ מענטש, וואָס ער רעדט צו אײַך, רעדט ער שוין פֿאַר איינס מיטן רבונו־של־עולם און מיט זיך; און דאָס וואָס ער זאָגט, קאָן איטלעכער זאָגן זיך אַליין און דאַרף זאָגן זיך אַליין.

שלום־עליכמס שירה מאַכט נישט קיין געפֿילדער און דראַפּעט זיך נישט אויף גלײַכע ווענט. ער ווייסט, אַז מענטשן האָבן נישט קיין פֿליגלען ווי מלאכים, און אַז די הענט מוז מען האָבן גאָר צום האָרעווען און די פֿיס צום גיין. טאָ צו וואָס זאָלן מיר זיך נאַרן, און פֿליעסקען צו דער זון, און זינגען צו איר הללויה, בשעת אַז מיר מוזן גאָר דאגהנען אויף חיונה און בשעת דער קאָפּ דאַרט אויף חיונה.

וועט איר זאָגן: פֿאַרקערט, אַז דער צער פֿון טראָגן איז יאָ אַזוי גרויס, טאָ למי אני עמל? ענטפֿערט אײַך שלום־עליכם, אַז אַ ייִד איז פֿאַרט אַ משונהדיק באַשעפֿעניש. זײַן חומריות איז קיין חומריות ניט און זײַן רוחניות האָט אַ סך לעכער און ער קומט אויס מיטביידע... בנוגע צו דעם ייִדן ווי אַזוי שלום־עליכם מאָלט אים אָפּ, וואָלט מען געקאָנט שרײַבן גאַנצע ביכער.

פֿאַרן המון און פֿונעם המון

איך מוז גלייך זאָגן דעם אמת: תּמיד, אַז איך האָב געהערט אונדזערע שרייַבערס שמועסן צווישן זיך מכּוח טאָן וועגן דעם פֿאָלק און פֿאַרן פֿאָלק, איז דאָס מיר נישט געקראָכן אין האַרצן; נישט דערפֿאַר, ווייַל איך האָב ספֿקות אין דעם עיקר פֿון דער זאַך. אַדרבה, טוט טאָקע פֿאַר דעם פֿאָלק, זאָרגט און קלערט וועגן דעם כּלל! נאָר עס ווילט זיך מיר נישט גלייבן, אַז אַלע, וואָס רעדן בייַ אונדז אַזוי פֿיל וועגן די דאָזיקע זאַכן און שטופּן זיך צום אויבנאָן, כּדי צו זאָרגן פֿאַרן טובֿת־הכּלל, זענען טאָקע דערצו שייך. טובֿת־הכּלל איז בייַ אונדז נאָר אַ מאָדעזאַך, ס׳איז פֿאַר זיך אַליין אַ כּבֿוד צו ווייַזן, אַז מע איז פֿאַרטאָן אין כּלל־זאַכן, אַז מע וויל פֿאַרן פֿאָלק ברענגען אַ קרבן... דאָס איז ערשטנס; און צווייטנס רעכן איך, אַז אויב איינער וויל דעם אַנדערן עפּעס געבן און אים מעורר זייַן, מוז ער פֿריִער אַליין עפּעס האָבן. איך מיין דאָס גאָר פּשוט: אַז מען וויל דעם המון ווייַזן אַ דרך, וווּהין ער זאָל גיין, עפּעס אים די אויגן אויף זייַן מעמד, מוז מען קודם־כּל אַליין וויסן דעם וועג און קענען דאָס פֿאָלק. איך האָב אָבער מורא, אַז ס׳רובֿ פֿון אונדזערע מורי־דרך טוען אַליין בלאָנדזשען און זענען גאַנץ ווייַט פֿונעם אמת. אין דער גמרא האָט איינער געזאָגט: תּמה אני אם יש בדור הזה מי שיודע להוכיח. אַציינד קאָן מען דאָס נאָך מער זאָגן. און טאָקע אויף דער אמתן: ווער קאָן הייַנטיקע צייַטן זייַן אַן ערבֿ בנוגע צו זיך אַליין, אַז ער פֿאַרשטייט דעם ייִדן אין תּוך אַרייַן, אָדער, לכל־הפּחות, אַז ז י ך אַליין פֿאַרשטייט ער גוט, ווי סע באַדאַרף צו זייַן.

אונדזערע "מנהיגי הדור" — איך וויל אויף זיי נישט רעדן קיין שלעכטס — אָבער ס׳רובֿ פֿון זיי, זאָלן זיי מיר מוחל זייַן, איז נישט גוט באַהאַוונט אינעם עניין פֿון אונדזער אומה. און טאָמער מיינט איר, אַז צווישן זיי גופֿא זענען פֿאַראַן סכסוכים וועגן פֿאַרשיידענע מיינונגען, איז דאָס אויך אַ טעות. אַז זיי פֿאַרמאָגן גאָר קיין מיינונגען נישט, נאָר ווערטער פֿאַרמאָגן זיי, וואָס זיי זענען אַזוי אויפֿגעשטראָדלט, אַז מע קאָן מיינען אַז זיי זענען כּולל עפּעס אין זיך...

וואָס פֿאַרשטייט מען בײַ אונדז אונטער כּלל־ישׂראל? מיוחסים, לערנערס, שרײַבערס, חסידים, לײַטישע מענטשן און גלאַט אַזוי בעלי־בתּים און משפּחות אָן אַ פֿלעק, אַט די אַלע, וואָס זיי האָבן אין זיך כּלומרשט אַ ריח־תּורה. דער המון גופֿא, דער עם־הארץ, ווערט לחלוטין נישט אַרײַנגענומען אינעם סך־הכּל; אַזוי איז דאָס שוין פֿון תּמיד אָן: אַלע טײַערע זאַכן זענען גאַרנישט פֿאַר אים, מע מיינט גאַרנישט אים.

און אין דער אמתן, וואָס זענען די האָפֿענונגען, וואָס אונדזער המון האָט? די לערנערס האָבן, לכל־הפּחות, אַ מין ירושה פֿון דור־דור, אַ מין חשיבֿות בײַם השי״ת, וואָס האָט זײַן פֿאָלק ישׂראל אויסדערוויילט פֿון אַלע פֿעלקער און האַלט זיי אין גלות, כּדי זיי זאָלן דאָרט לערנען און אים דינען, ווי סע שטייט געשריבן. מורינו רבי ברוך, רבי יחיאל ברבי יעקבֿ־נתן, רבי זאַנוול, רבי בער, ר׳ משה משולמס, תּנחום האַדלס און גדליה פּעסי־ביילעס זענען, ווי אַלע אַנדערע נכבּדים דאָ, כּדי צו טאָן אַ נחת־רוח דעם רבונו־של־עולם און אים צו לויבן... די הייליקע ספֿרים זענען געשריבן אויך נאָר פֿאַר זיי, פֿאַרן פֿײַנערן עולם; דער המון אָבער קאָן קוים דאַווענען, און ווער האָט אים אין זינען?

מאָלט אײַך אויס: אַ פֿאָלק אָן אייגענער ערד, אַ פֿאָלק אָן אַ ריכטיקן פֿאָלקסלעבן און אָן דעם, וואָס מע רופֿט דאָס אָן ליבע. בשעת איטלעכער מענטש איז אין זײַנע יונגע יאָרן פֿריש און געזונט, לעבט און ליבט, ווערט מען בײַ אונדז שוין אַ טאַטע פֿון קינדער. די פּאָעזיע פֿון דער ערשטער צײַט נאָך דער חתונה באַשטייט אין גאַנצן אין די פּופּציק רובל מזומנים און די פֿיר וואָכן קעסט, דערנאָך גיי, מוטשע זיך: ווער אַ שמײַסער בײַ אַ בעל־עגלה, אַ קצבֿ, אַ קאַטליער, אַ קירזשנער אָדער עפּעס וואָס אַנדערש. די מלאכה גופֿא פֿאַרשטייט מען נישט גוט: גיי לערן זיך בײַ ייִדן עפּעס אויס, אַז צאָלן צאָלט מען אויך נישט גוט. — און דאָך לעבט דער המון און ווי דורך אַן אינעווייניקסטער קראַפֿט, ווי דורך אַ כּוח, וואָס וואַקסט פֿאַר זיך. האָט מען פֿאַר אים נישט געזאָרגט, זאָרגט ער אַליין פֿאַר זיך: ״נישקשה, איך וועל שוין אַליין אויסקומען״, און גייט זיך אין ז ײַ נ ע דרכים... אַלע אונדזערע עמי־הארצים עסן שבת פֿיש און פֿלייש, באַקן חלה און מאַכן קידוש. אָבער אין תּוך גענומען האָבן זיי אַן אַנדער מין גײַסט און אַן אַנדער מין טבֿע: זייער נשמה איז נישט ווי אונדזערע און זייער טאָן און טראַכטן איז נישט אונדזער טאָן און טראַכטן... אונדזער המון האָט נאָך עד־היום געזונטעביינער. זיי זענען טאַקע די, וואָס דעם ייִחוס זייערן האָבן זיי אין זייערע אייגענע הענט.

*

די כּנסת־ישׂראל איז געגליכן צו אַ טויב, ווייך און געפּיעשטשעט, אַ מין איידעמל, דער מאַן פֿון אַ בת־יחידה, וואָס האָט טענות צו גאָט אויף אייביקע קעסט, און טאַקע מיט ראַזשינקעס און מאַנדלען און מיט טײַכן בוימל, אַ זכר פֿונעם גן־עדן; דער המון אונדזערער איז מער געגליכן צו דער גרויסער און קרעפּטיקער מלוכה פֿון די חיות. ס'איז דאָ אַ גרויסער חילוק צווישן יידן פֿון תּורה און מעשׂים־טובֿים און צווישן פּראָסטע יידן, וואָס זענען גאַרנישט קלאָר אין די קליינע אותיותלעך און האָבן פֿאַרשפּאַרט זיך דערמיט צו מוטשען. די נשמה פֿונעם המון איז נישט אַזוי פֿאַראיידלט און נישט אַזוי איינגעוויקלט: זי פֿאַרטראָגט נישט דעם חלוש און דעם צעבראָכענעם יידן; זי האָט אַ גאַנץ אַנדער טבֿע, און די אַלע מעלות, וואָס זענען אַ שטייגער אַנגענומען אין דער מזרח־באַנק, זענען בײַ איר גאָר חסרונות... דער המון ליבט נישט אָפּצושפּאַרן פֿון היינט אויף מאָרגן, פֿון דער וועלט פֿאַר יענער וועלט, ער לעבט גאַנץ פּשוט אָן סודות און אָן אַלע אויסטײַטשעניש, און לויבט גאָט נאָר דערפֿאַר, ווײַל ער איז גערעכט. פֿרום צו זײַן איז אַפֿילו גוט, אָבער דאָס איז נישט אַזאַ זאַך, וואָס מע טראַכט מכּוח דעם. אַן ערלעכער ייד איז נישט דווקא דער, וואָס גייט אין אַ גאַרטל און טראָגט אַ יאַרמלקע. דער עיקר איז, אַז דער מענטש איז אַ מענטש אין תּוך. בײַם המון איז יידישקייט נישט מער ווי אַ זאַך, ווי אַ שיין טישטעך, וואָס מע לייגט אויפֿן טיש בשעת סע קומט אַ מחותן.

אָט אַזוי איז דאָס לעבן פֿונעם המון, פֿונעם פּראָסטן מענטשן. אין דעם פֿאָלקסליד, אין דעם פּשוטן זמר פֿון אַ יידן בײַ דער אַרבעט, בשעת ער שלאָגט מיטן האַמער, צי בשעת ער שטעכט מיט דער נאָדל און שערט מיט דער שער, הערט זיך עפּעס, וואָס האָט נאָך אַ שייכות צו דער נאַטור, צו אַלצדינג, וואָס ס'איז דאָ אויף דער וועלט. אַז איר הערט אָט דעם זמר, דערקענט איר, וואָס סע הייסט אַ גאַנצער מענטש, אַ מענטש, וואָס איז נאָך נישט צעבערעקלט געוואָרן אויף אַ סך חלקים און איז נאָך אַ בעל־הבית איבער זיך אַליין...

ס'איז אַ זומערדיקער טאָג. אַלץ איז פֿריש און גרין, אַלץ איז פֿול פֿון דער טײַערער לופֿט; דער הימל איז אין זײַן מלוכה — אַלץ איז שיין. אַ וועגעלע פֿאָרט זיך אין וועג, אַ יונגער שמײַסער זיצט אויף דער קעלניע און טרײַבט אָן די פֿערד. זיי זענען אויך באַשעפֿעניש, וואָס ס'איז זיי גוט, אַז מע פֿאַרשטייט זיך מיט זיי. מע פֿאָרט זיך מיט הרחבֿת־הדעת: וואָס גייט עמעצן אָן? וועמען פֿעלט עפּעס? איז נישט אַלץ על צד היותר טובֿ? איז נישט דער מענטש אַ מין זמר, גלאַט אַזוי, אָן מפֿרשים, אָן אויסטײַטשעניש, אָן קלערעניש און אָן קונצן?

אוי, בין איך זיי מקנא! און בשעת מיר, חדר־יִנגלעך, זענען געוואָרן אויסגעריסן און האָבן פֿאַרלוירן די יונגע און שיינע יאָרן, זענען זיי געווען פֿרײַ און לעבעדיק, און האָבן געקאָנט קוקן פֿרײַ אויף גאָטס וועלט.

דער המון האָט נישט וואָס בײַ אונדז צו נעמען, וואָרעם ער ווייסט בחוש מער פֿון דעם, וואָס סע ווייסן אונדזערע געלערנטע בעלי־מוחות. פֿאַרקערט, אונדזערע שרײַבערס און אַלע די, וואָס זענען זיך עוסק מיט מחשבֿות, מוזן בײַם המון נעמען, וואָס סע פֿעלט זיי בטבֿע...

איך בעט אײַך, שעמט אײַך נישט צו גיין צו זיי אין חדר, בכדי זיך צו לערנען בײַ זיי.

געוויס איז דער סדר־עולם פֿון תּמיד אָן, אַז אַלץ גייט ווי אויף טרעפּ, פֿון אונטן ביז אַרויף, פֿונעם המון ביז צו די יחידי־סגולה; אַזוי לערנט אונדז די געשיכטע און די נאַטור. די מאַמע לעבט צוליב דעם קינד, דער כּלל — וועגן דעם יוצא־מן־הכּלל, וואָס שטייט העכער פֿון דעם כּלל, סײַ אין רוחניות סײַ אין גשמיות; בײַ אונדז אָבער איז אָן עולם־הפֿוך...דאָס גאַנצע לעבן בײַ אונדז איז נאָר פֿאַרבליבן בײַם המון, בײַם פּראָסטן עולם, וואָס איז אָן זכיות וכדומה. די אייבערשטע אָבער זענען ווי אָפּגעשניטן פֿון אַלץ, ס'רובֿ טויגן זיי צו גאָרנישט. ביכער פֿאַרן פֿאָלק מוזן שעפּן פֿונעם פֿאָלק. שעפּט אָבער נישט מיט צעבראָכענע עמערס צי גלאָט אַזוי מיט פֿילאָסאָפֿירן, פֿון וואַנען סע נעמט זיך אָן עמער...

דער עצם ייִד

אין אַלע שטעט און שטעטלעך, אומעטום ווו ייִדן וווינען, האָבן זיי אַ מאָל נישט געוווינט. אַלץ איז געוואָרן בהדרגה: פֿריִער איז דאָרט געווען איין ייִד, דערנאָך זענען צוגעקומען עטלעכע, ביז ס'איז געוואָרן אַ שטיקל קיבוץ. מע האָט שוין אַ מנין, אַ שוחט, אַ מוהל און וואָס סע געהערט צו ייִדישקייט. מע נעמט אַ רבֿ, טאָקע אַ חזן אויך, און שוין נישט גערעדט פֿון אַ באָבען, אַ סאַרווערין, אַ שבת־גוי, אַ נאמן אויף דער טאָקסע, און גלאָט אַזוי ייִדן, קהלס־לײַט, און נאָך אַזוינע. אַט אַזוי פֿון קליין ביז צו גרויס איז זיך געוואָרן אַ קהילה, און טאָקע דער מאַרק מיט די קלייטן און די גרויסע בעלי־שפֿעס, בעל־מלאכות אויך, מעקלערס אויך און אָרעמע־לײַט אויך. די אָרעמע־לײַט זענען אַ מין אונטערשלאַק פֿאַר די חשובֿע לײַט, וואָס זיי זענען דער עיקר פֿון דער שטאָט. און הײַנט די גרויסע נגידים און די לערנערס, די מזרח־ייִדן, און די וואָס זענען מיוחסים הן בײַ זיך והן בײַ יענעם. דאָס איז אַלץ געווען אַמאָליקע יאָרן. מע איז געוואַקסן, דאַנק דעם השי״ת און זײַן השגחה אויף זײַן פֿאָלק ישׂראל. יעדער ייִד איז געוואַקסן פֿונעם משרת ביז צום נגיד, פֿונעם שנײַדעריונג ביז צום תּקיף־העיר, פֿונעם געמיינעם בעל־הבית ביז צום עושר מיט די איידעמס, מיט די פֿיל אויס־געגעבענע קינדער און קינדס־קינדער. און אַלע האָבן זיי געהאַט איין נאָמען און איין שייכות. אַפֿילו צו אַ ווײַטן קרובֿ איז מען געפֿאָרן אויף אַ חתונה און מע האָט זיך משׂמח געווען. און תּמיד — די שיינע נדבֿה, זיך אָנגעמען פֿאַרן כּלל, זיך אויספֿײַנען פֿאַר גאָט און פֿאַר לײַט. אַ סך געלט האָט מען נישט געלאָזן, אַז מען איז געשטאָרבן, אָבער די גרויסע ירושות זענען באַשטאַנען אין דעם שיינעם נאָמען, און אין די הײַזער און גלאָט אַזוי אין די נחלות. איטלעכער אָרענדאָר, איטלעכער נגיד איז געווען אַ קצין און דער ראש פֿון דער גאַנצער משפּחה און איר באַשיצער. מע האָט זיי געקענט אין דער גאַנצער סבֿיבֿה און שידוכים האָבן זיי געטאָן גאָר אין די גרויסע מקומות. דעם סידלקעווער רבֿ, זכרונו־לבֿרכה, האָט מען געקענט אַזש אויף יענער זײַט ניקאָלאַיעוו. רבי הערש וואָלפֿס איז געווען אַ

ייִד אַ מפֿורסם און האָט געהאַט אַ פֿעטער, וואָס איז געווען אין פּעטערבורג. דאָרט בײַ די מיניסטאָרן זענען דאָ חשובֿע לײַט, געהויבענע מענטשן, וואָס קענען מיט זיי שמועסן וועגן כּלל בעת צרה. דער אמת איז, אַז דער קיום ישׂראל האָט פֿון שטענדיק אַן אַ סך דרכים. דער ענין פֿון גלות איז אויך נישט אַזוי פּראָסט; ס'איז נאָך גוט, וואָס ייִדן וווינען אין אַלע ייִדישע שטעט און זענען בײַ זיך אין דער היים... אַוודאי שטייען אָפּט מאָל אַן אויף ייִדן שווערע גזירות, וואָס מע הערט, אַז זיי טרעפֿן זיך אין ערגעץ. דאָ אָבער, אין פּאָקעטילאָווע, אין טאָראָוועצע, אין לעטיטשעוו, אין קוטנע, אין בריסק, צי אין דער מיר איז מען אַ ייִד ווי אַלע ייִדן: מע לעבט, מע האָט קינדער, מע מאַכט זיי חתונה, מע דערלעבט נחת. אַ ייִד מוז זײַן שטאַרק נאָר אין רוחניות, ווײַל דער יצר־הרע וויל אים פֿון תּמיד אַן קאַליע מאַכן; אָבער אין גשמיות העלפֿט שוין דער אייבערשטער, ד ע ם אַזוי און ד ע ם — אַזוי. אַפֿילו דער עני־שבעניים האָט חלה אויף שבת און ווײַן אויף קידוש און קיינער פֿון זיי פֿאַרגעסט נישט, אַז זײַנע זיידעס זענען פֿון אַבֿרהם יצחק ויעקבֿ ביז צו משה־רבינו, וואָס גאָט האָט אים פֿאַר אונדז געגעבן די תּורה.

די תּורה איז הײַנט אויך דאָ. מע גייט אין חדר, מע לערנט חומש מיט רש״י, משלי מיט מצודות, אויך אַ שטיקל גמרא, אָבער ס'איז אַלץ נישט ווי אַ מאָל. ס'איז עפּעס אין גאַנצן קאַלט. אַלץ האָט זיך אויסגעלאָזט. די פּרנסות זענען דערשלאָגן, פֿון אַלץ איז געוואָרן אַ תּל, אויך פֿון דעם ביסל ייִדישקייט. אַ ייִד איז הײַנטיקע צײַטן אַ הינקעדיקע זאַך, אַ בענקל אויף דרײַ פֿיסלעך. גייט ע ר קיין אַמעריקע, בלײַבט ז י דאָ; האָט איינער נאָך אַ שטיקל פּרנסה, איז זײַן ברודער אַן עני־ואבֿיון און דינט בײַ אים אין סקלאַד; איז מען אַליין נאָך אַ ביסל פֿרום, איז דער זון שוין אַ האַלבער דײַטש און וויל קאַנטשען אויפֿן רוסישן אופֿן. הײַנטיקע יאָרן זענען בײַ אונדז נישטאָ מער ווי אַ מאָל קיין ירושות ברוחניות ובגשמיות. כּלעבן, אַז דער פּסוק זאָגט: ה' ישמרך, גאָט טוט דיך באַהיטן, איז דאָס טאַקע אמת. גאָט אַליין באַהיט און באַשירעמט אונדז, ווײַל ס'איז שלעכט מיט אונדז: נישט נאָר די עוונות, די זענען אַלע מאָל געווען, נאָר עפּעס גאַנץ אַנדערש, דאָס גאַנצע ייִדישקייט שאָקלט זיך... מיר זענען צעזייט און צעשפּרייט נישט נאָר אויף דער גאָרער וועלט, נאָר טאַקע אַפֿילו אין די אייגענע ד' אַמות: בײַ זיך אין שטוב איז מען פֿאַר די קינדער אַ פֿרעמדער. מע טאָר דאָס זיך אַליין נישט זאָגן, מע עסט נאָך בײַ איין טיש, מע זאָגט: טאַטע, מאַמע; אָבער אין דער אמתן איז צווישן אונדז אַ שטאַרקער מרחק... די קינדער זענען נישט צופֿרידן און ווילן אַוועק, ווו זיי פֿאַרגעסן אַן אַלעמען, און די עלטערן אַליין האָבן אויך עפּעס חרטה: ווי אַזוי לעבט מען אַפֿ די

גאַנצע יאָרן? מע האָט זיך אויסגעהאַרעוועט און מע האָט גאָרנישט סײַ אויף דעם עולם, און סײַ אויף יענעם עולם.

סע רײַסט מיר דאָס האַרץ, אַז איך דערמאָן מיך אויף דעם אַלעמען. אפֿשר וועט זיך ווידער געפֿינען אַ מין חיזוק פֿאַרן פּרט און פֿאַרן כּלל. איך וואָלט געגאַנגען ד׳ מאות פּרסה, פֿיר הונדערט מײַלן ווײַט, כּדי צו טרעפֿן עמעצן, וואָס קען אונדז ווײַזן אַ דרך, על־כּל־פּנים מעורר זײַן אונדזערע לבֿבֿות.

ביבליאָגראַפֿישע פּרטים

דאָס בוך איז אַן אָפּקלײַב פֿון ״יודישע כּתבֿים פֿון אַ װײַטען קרובֿ״, 6 בענד, הוצאת אברהם יוסף שטיבל, בערלין תרפ״ד. מיר ברענגען דאָ, לויטן סדר פֿון דעם בוך, די װײַטערדיקע ביבליאָגראַפֿישע פּרטים: די ערשטע פּובליקאַציע פֿון יעדן איינס (דאָרטן װוּ מיר האָבן עס געקענט אויסגעפֿינען), אַן אָפּשיק צו דער א״ד בערלינער אויסגאַבע און צו דער העברעיִשער איבערזעצונג פֿון מ. ז. ולפובסקי, ״כתבים יהודיים מאת קרוב רחוק״, הוצאת הקיבוץ המאוחד, תל־אביב תשכ״ד (װײַטער געקירצט: ולפובסקי).

טרערן: באַנד א, זז׳ 13—22; ולפובסקי, זז׳ 9—13.

די צוויי ברידער: באַנד א, זז׳ 40—45; ולפובסקי, זז׳ 24—26.

דאָס פֿײַפֿעלע: באַנד א, זז׳ 95—100; ולפובסקי, זז׳ 55—58.

דער עונש אָדער אַ נײַע חולדה ובֿור: ״דער פֿרײַנד״, מײַ 5, 7, 8, 1905; ״טאָגבלאַט״ (לעמבערג), יולי 28, 1907 (״נאָך אַ מאָל באַארבעט״); באַנד א, זז׳ 49—78; ולפובסקי, זז׳ 29—45.

גדי: ״דאָס לעבען״ (פּעטערבורג), נומ׳ 7, יולי 1905, זז׳ 5—13; באַנד א, זז׳ 79—94; ולפובסקי, זז׳ 46—54.

דער אורח: באַנד א, זז׳ 134—143; ולפובסקי, זז׳ 84—89.

די געשיכטע פֿון אומגעקערטן פּאַנטאָפֿל: באַנד א, זז׳ 214—218; ולפובסקי, זז׳ 59—61.

פּסול געוואָרן: באַנד א, זז׳ 177—186; ולפובסקי, זז׳ 98—103.

די פֿיר שטעקנס: ״דער טאָג״, אַפּריל 23, 1904; באַנד א, זז׳ 195—208.

די געפּלאַצטע סטרונע: ״דער טאָג״, מײַ 6, 1904 (בײַלאַגע); באַנד א, זז׳ 123—133; ולפובסקי, זז׳ 77—83.

דער בן־יחיד: באַנד א, זז׳ 161—176; ולפובסקי, זז׳ 115—123.

דבֿורה אָדער דער הספד: ״טאָגבלאַט״, יוני 23, 1907; באַנד א, זז׳ 103—111; ולפובסקי, זז׳ 65—69.

זיידע: באַנד ב, זז׳ 48—54; ולפובסקי, זז׳ 136—139.

אַ וועלט מיט וועלטעלעך: ״דער טאָג״, פֿעברואַר 29, 1904; באַנד ב, זז׳ 13—21; ולפובסקי, זז׳ 107—111.

